STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09089

IN LEYMENE HAYZER

Yehudah Elberg

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה עלבערג

אין ליימענע הײַזער

ראָמאַן

באַנד צוויי

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפֿספֿאָנד פֿאַר ייִדיש־שאַפֿונג
תל־אביב, תשמ"ו — 1985

יהודה אֶלברג
שוכני בתי חומר
רומן
כרך ב׳

יהודה עלבערג
אין ליימענע הײַזער
ראָמאַן
באַנד 2

YEHUDA ELBERG
IN LAIMENE HAIZER
(IN CLAY HOUSES)
A NOVEL
Volume 2

©
Copyright 1985, by Yehuda Elberg
1745 Cedar Ave., Montreal, Que, H3G 1A7 Canada

Israel Publishing House
4, Itamar Ben Avi st., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר יִדיש־שאַפונג אין ישראל

Printed in Israel, 1985
נדפס בישראל, תשמ״ו

דפוס „אורלי" — פרידמאַן תל־אביב, טל׳ 372062

קאַפּיטל איינס

אַ שווערע הכשרה

א.

די זון האָט געשרפהט, די חמימה איז געווען נישט צום איבערטראָגן. אויך די נעכט זענען געווען הייס און שטיקיק. מענטשן זענען אוועקגעפאַלן אין די גאַסן. עס האָט זיך גענומען דאַכטן אַז די וועלט ברענט, די פייַער־לעשערס שלאָפן, און ווהין צו אַנטלויפן איז נישטאָ.

אין דעם כעלמישן הכשרה־קיבוץ האָבן די היצן געבראַכט אויך גוטס. מע קומט דאָך אויף הכשרה זיך צוצוגרייטן פאַר ארץ־ישׂראל; אין ארץ־ישׂראל זענען אַלע מאָל די היצן גרויס אין די זומער־חדשים, איז דער הייַיאָריקער זומער אַ גוטע הכשרה.

צוליב די היצן זענען די תבואות צייַטיק געוואָרן פרי, מע האָט זיי געמוזט שנעל אַראָפּנעמען פון די פעלדער, זיי זאָלן נישט פאַרברענט ווערן. מע האָט געמוזט שלעפּן קאַנען וואַסער צו באַגיסן די גרינסן אין די גרינסגערטנער. די פויערים פון דער סביבה האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער אַרבעט און האָבן דאָס מאָל זיך געלאָזט אייַנרעדן צוצונעמען צו דער אַרבעט יידן פון דעם קיבוץ.

די אַרבעט אויף די פעלדער דאָ איז געווען אַ גוטער צוגרייט צו באַאַרבעטן די פעלדער פון ארץ־ישׂראל. מע האָט אויך געגעסן צו דער זעט מאכלים וואָס זענען געווען זעלטן אפילו בייַ טאַטע־מאַמע. שוואַרץ היימיש־געבאַקן פויעריש ברויט, טרוקענער ווייַסער קעז, מילעך וואָס האָט נאָך געהאַט די שוים פון דער מעלק און די וואַרעמקייט פון דער קוס אייַטערס, גרינס געצייַטיקט אויפן פעלד, און פירות זיס און זאַפטיק געוואָרן אויפן בוים.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעריבן וואַסערבלאָזן אויף די הענט; שׂרהן, אַ בחורה מיט אַ ווייַסער צאַרטער הויט, האָט די זון צעברענט די שפּיץ

נאָז, שפּיץ אויערן, די הויט אויף די אָרעמס און פּיס. אָבער ס׳איז געווען אַזוי פיל פרייד אין דער אַרבעט. די פּויערים האָבן זיך גאָר נישט געוואָלט צוגלייבן אַז ייִדן אַרבעטן אַזוי פלײַסיק. גאַנץ כעלמיש איז זיך צוזאַמענגעלאָפן קוקן ווען די חלוצים זענען פאַר נאַכט געקומען פון די פעלדער, מאַרשירט מיט קאָסעס און הייגאָפּלען אויף די אַקסלען, און געזונגען העברעיִשע לידער.

נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט און פרישער לופט איז מען בײַ נאַכט געשלאָפן געשמאַק. מע האָט זיך נישט געקריגט אויף די „שיחות״, אַפילו משה בוימל האָט זיך נישט געהאַט צו וואָס צו טשעפּען. מע האָט געאַרבעט זיבן טעג אַ וואָך פון פאַר טאָג ביז פאַר נאַכט; אַפילו נישט איבערגעריסן צו פּראַווען הערצלס און ביאַליקס יאָרצײַטן; אַפילו נישט געוואָרפן קיין טרויער־אַקאַדעמיעס נאָך די געפאַלענע פון נײַע אַראַבישע אָנפאַלן אין חיפה און זכרון־יעקב. דווקא אין דעם שבת ווען ס׳איז אויסגעפאַלן תשעה־באָב האָט דער קיבוץ געפּראַוועט אַ זיג. בײַ טאָג האָט מען געמוזט אַרבעטן בײַ די פּויערים; אין אָוונט ווען אין שיל און אין די חסידים־שטיבלעך זענען ייִדן געזעסן אויף דער ערד און געקלאָגט די קינות אויפן חורבן־בית־המיקדש, האָבן דאָ די חלוצים זיך אויסגעזעצט אויף אַ פּויערישער לאָנקע, און יעקב האָט דערציילט וועגן דער גרינדונג פון אַ נײַעם יישוב אויפן וועג קיין ירושלים.

אין דער נאַכט פון דעם צוואַנציקסטן אויף דעם איין־און־צוואַנציקסטן תמוז, ווען עס פאַלן אויס די יאָרצײַטן נאָך הערצל און ביאַליק, האָבן דרײַסיק בחורים און דרײַסיק מיידלעך אַרויפגעקלעטערט צו די שפּיצן פון די יהודה־בערג. דרײַ בײַנאַכט האָבן זיי דערגרייכט קרית־ענבים און האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַם קבר פון די פינעף חלוצים וואָס האָבן מיט נײַן חדשים פריִער פאַרבירט זיך אײַנוואָרצלען אין די ירושלים־בערג און באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס.

„יצחק, יהושע, משה, אַהרן און אַריה״, האָט אויסגערופן איינער פון די וואָס זענען ווידער געקומען, „זינט צוויי טויזנט יאָר, ווען די בערג דאָ האָבן אויפגעהערט אײַנזאַפּן ייִדישן שווייס, איז דאָ געוואַקסן נאָר שטיין און וויסטעניש. אײַער בלוט האָט ווידער געייִדישט און געהייליקט דעם באָדן. אײַערע לעבנס וועלן צוריק אַרויסשפּראָצן פון דער ערד מיט גרין און מיט גאָלד, מיט ווייצן, מיט ציטרוסן און מיט טרויבן. ווי ביאַליק

האָט אונדז געזאָגט מיט זײַנע נביאישע פּערזן, און ווי איר האָט עס אָנגעזאָגט מיט אײַערע מעשׂים:

...יִתפָּרקו ההרים, ישתברו הגבעות,
או יפלו פּגרנו חמרים, חמרים —
הננו ועלינו
ההרה״.

געוויינלעך האָט מען בײַ אַזאַ נאַכט־פײַערונג אָנגעצונדן אַ מדורה; הײַנט האָט נאָר די דרײַפערטלדיקע לבנה באַלויכטן דעם גראַנאַטענעם הימל, און יעקבס ציטערדיק קול, אין דער שטילער נאַכט, האָט אַלעמען אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן אין אַ חלום. מע האָט געפילט ווי מע וואָלט צוזאַמען מיט יענע זעכציק בחורים און מיידלעך געקלעטערט אויף די יהודה־בערג נאָך צוויי קילאָמעטער, פון קרית־ענבים אַרויף צום אויסדערוויילטן פּלאַץ. מע האָט צוזאַמען מיט יענע געפיבערט בײַם אויפשטעלן דעם פּרעפאַבריצירטן באַראַק, בײַם אַרומרינגלען דעם באַראַק מיט אַ צוים פון שטיינער, שטעכיקדראָט, און שוצגראָבנס. מע האָט פריִער אָפּגעאָטעמט ערשט ווען יעקב האָט דערציילט ווי מע האָט אײַנ־מאָנטירט צוויי רעפלעקטאָרן צו פאַרהיטן פון אומגעריכטע אָנפאַלן. יעקב האָט פאַרענדיקט אין עקזאַלטאַציע: „אין דער צוויי־טויזנט־יאָריקער וויסטעניש פון די יהודה־בערג איז צעריסן געוואָרן די פינצטערניש. צוויי רעפלעקטאָרן האָבן ווי צוויי הימלישע אויגן אַדורכגעשפּיזט די נאַכט און אָנגעזאָגט אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ נײַער יישוב, מעלה החמשה״.

עס איז געוועזן שטיל לאַנג נאָך יעקבס אַנטשוויגן ווערן. סוף־כל־סוף איז איינער אויפגעשפּרונגען, און באַלד זענען אַלע געווען אויף די פיס. אַ האָרא־טאַנץ האָט זיך צעפלאַקערט.

דער מיזרחדיקער האָריזאָנט האָט זיך באַזוימט מיט ראָז, אַ נײַער טאָג איז אויפגעגאַנגען און באַגעגנט אַן אַלט געזאַנג: „עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששׂון וקול שׂימחה״, אין די שטעט פון יהודה און אויף די גאַסן פון ירושלים וועט זיך ווידער טראָגן אַ קול פון פרייד און מונטערקייט.

מיד געוואָרן פון זינגען און טאַנצן, איז צוריקגעקומען די שווערע שטימונג. מע האָט זיך שוין געדאַרפט לאָזן אין וועג אַרײַן צוריק צום

קיבוץ, אָבער מען איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער לאַנקע. זאַשקע האָט גערעדט. „אונדזער ערד ליגט דאָרט פּאַרגוואַלטיקט און פּאַרוויסט — מידבר אָדער זומפּ, און מיר ליגן דאָ אויסגעוואָרצלטע, באַליידיקטע. מיר האָבן נאָר איין בענקשאַפט, איין ציל, צו באַהעפטן זיך מיט אונדזער ערד און זי באַפרוכפּערן. אַ לאַנד און אַ פאָלק לעכצן איינס צום אַנדערן, גייען אויס איינס פאַר דעם אַנדערן, אָבער רשעותדיקע מענטשן לאָזן נישט זיי זאָלן זיך באַהעפטן. מיר ליגן דאָ אין אונדזערע הכשרה־קיבוצים און וואַרטן, אָבער קיין סערטיפיקאַטן קומען נישט. די אַפּוטראָפּסים איבער אונדזער היים האָבן באַגרענעצט די עליה צו דער אויפנעם־פעיִקייט פון לאַנד. איז מעלה החמשה געווען אויפנעם פעיִק? איז דער עמק געווען אויפנעם פעיִק איידער די חלוצים האָבן אויסגעטריקנט די זומפּן? יעדער חלוץ מאַכט אַ שטיק לאַנד פעיִק אויפצונעמען אים און נאָך אַנדערע צוזאַמען מיט אים. ס'איז דאָך ווי מע וואָלט אַ דאָרשטיקן געוויזן אַ לאָגל וואַסער אָבער נישט געלאָזט אים צורירן זיך מיט די ליפּן. ס'איז דאָך אַכזריות פון דער ערגסטער מדרגה. ס'איז דאָך צו שרײַען געוואַלד, נאָר גיי שרײַ צו אַ טויבער וועלט״.

משה איז געווען דער בעסטער חלוץ אין זײַן קיבוץ, און זאַשקע איז מיט דעם שטאָלץ געווען. ער האָט אַלע מאָל דער ערשטער זיך געמאָלדן צו יעדער שווערער אַרבעט; ער איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער וואַך דער קיבוץ זאָל נישט אָפּוויַיכן פון דער שומרישער אידעאָלאָגיע. ער האָט פאַרלאַנגט אַ סך פון זיך און פון אַנדערע. דווקא משה האָט געדאַרפט פאַרשטיין איר גרויסע בענקשאַפט צו „ארץ״. ער האָט געדאַרפט זײַן דער לעצטער אָפּצולאַכן ווען זי דריקט אויס איר בענקשאַפט אין סענסועלע באַגריפן. עס האָט זיך מן־הסתם צוגעקלעפּט צו איר פון די לידער וועגן ארץ־ישראל. „טוליען זיך צו דער ערדס שויס״, „באַהעפטן זיך מיט דעם לאַנד״, אַפילו אין די צירקולאַרן פון דער הנהגה הראשית באַנוצט מען זיך מיט אַזאַ לשון. אַפילו די אַלטע פרומע ייִדן פון „כולל״ קושן די ארץ־ישראל־ערד ווען זיי קומען אין לאַנד אַרײַן. טאָ פאַר וואָס רעדט משה מיט אַזאַ ביטערקייט ווען זי טוט עס? איז עס אמת אַז זי לעבט זיך אויס מער אין אירע חלומות צו טוליען זיך צו דער ארץ־ישראל־ערד ווי ווען זי איז מיט אים?

זי אַרבעט שווער בײַ טאָג, איז זי מיד בײַ נאַכט. זי איז אַלע מאָל

געווען אַ גרויסע שלאָפערין, איז עס אַ פאַרברעך אַז זי וויל שלאָפן ביַי נאַכט? וואָס האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אַז זי האָט פאַר יאַקאָוון מער וואַרעמקייט ווי פאַר אים? וואָס וואָלט משה געוואָלט, זי זאָל ברוגז ווערן מיט יאַקאָוון? היַינט וועט ווידער זיַין חושך, זי האָט זיך געזעצט נעבן יאַקאָוון ווען ער האָט גערעדט בעת דער „שיחה", זי האָט ביַים טאַנצן פאַרוואָרפן איין האַנט אויף משהס אַקסל און די אַנדערע אויף יאַקאָווס. משה האָט געבעטן זי זאָל זינגען „ואולי", יאַקאָוו האָט געבעטן — „שדות שבעמק". פאַר וואָס זי האָט געזונגען „שדות שבעמק"? זי ווייסט אַליין נישט. אפשר איז זי שוין מיד פון „ואולי". טאָר זי נישט זינגען וואָס איר געפעלט?

זי איז איצט מיד, שלעפעריק, זי וויל שלאָפן, און דאָרט וואַרט אויף איר אַ מחלוקה. וואָס וועט זיַין? וואָס וועט זיַין?!

„וואָס וועט זיַין דער סוף?" — האָט יאַקאָוו געקרעכצט. „דאָ — פיקעטן, און פּאָגראָמען — אין ארץ־ישׂראל; פּאָגראָמען און פאַרשלאָסענע טויערן: אין דיַיטשלאַנד — געלע לאַטעס און שחיטה־נעכט. פּליטים, פּלי־טים, פּליטים אויף אַלע וואַסערן, אויף אַלע וועגן, וואָס טוט מען? אַכיבע מע זאָל וואַרטן אויף נסים, משיח זאָל קומען אויף אַ וויַיס אייזעלע און אונדז אויסלייזן".

„אונדז אויסלייזן. נאָר אונדז. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן", האָט משה בוימל געקלאַפּט אין טיש. „משיח זיצט נישט ביַי די טויערן פון רוים, משיח זיצט אין דעם וואַקסנדיקן כּוח פונעם פּראָלעטאַריאַט! די גאַנצע וועלט דאַרף אויסגעלייזט ווערן פון פאַשיזם, פון די בורזשואַזע עקספּלואַטאַטאָרן; דעמאָלט וועלן מיר, און דער פּוילישער פּראָלעטאַ־ריאַט, מיר, און די אַראַבישע פעלאַכן, גיין האַנט אין האַנט".

אַ מיידל האָט אַ לאַך געטאָן. משה איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי: „דאָס איז אַ הכשרה פון אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און מיר זענען געקומען אַהער איַינצופלאַנצן אידעאָלאָגיע. אַ פּאַרזעסענע מויד וואָס איז דאָ געקומען נאָר זוכן אַ בחור און האָט אַלץ איבעריקע אין דר'ערד, קאָן זיך גיין פון וואַנען זי איז געקומען".

ס'איז שטיל געוואָרן. קיינער האָט מער נישט געענטפערט אויף משהס כּעס־אויסבראָך. מע האָט עס שפּעטער אויפגענומען ביַי אַ „שיחה". וואָס טוט מען מיט דעם משהן? מע קאָן אים נישט אויסשליסן, ער איז

אַן איבערגעגעבענער 'שומר' זינט יאָרן. מע וועט אים מוזן געבן דעם ערשטן סערטיפיקאַט וואָס דער קיבוץ וועט באַקומען. מע מוז עס טאָן אויך צוליב זאַשקען. ס'איז אַ צער צו קוקן אויף איר ווען ער ווילדעוועט.

ב.

אין ארץ־ישׂראל האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַראַבישער טעראָר. דער וועד־הלאומי האָט געוואָרנט: דער טויט פון אַן אומשולדיקן ייִד באַרעכטיקט נישט דעם טויט פון אַן אומשולדיקן אַראַבער. אָבער אין די צוויי יאָר זינט די מופטי־באַנדעס האָבן אָנגעהויבן שיסן און וואַרפן באָמבעס אויף ייִדישע יישובים האָט מען זעלטן געכאַפּט די אָנפאַלערס, זעלטן אַז די ענגלענדער האָבן רעאַגירט ביַי ציַיטנס. האָבן ייִדן אָנגעהויבן ענטפערן מיט קעגן־טעראָר: אַן אַראַבישע באָמבע אויף אַ ייִדישן אויטאָבוס איין טאָג; אַ ייִדישע באָמבע אויף אַן אַראַבישן אויטאָבוס צו מאָרגנס. וואָס מער דער אַראַבישער טעראָר האָט זיך געשטאַרקט, אַלץ וויניקער האָט מען געפאָלגט די פירערשאַפט וואָס האָט גערופן צו „הבלגה" — געדולד און איַינגעהאַלטנקייט. צוויי יוגנטלעכע, אברהם שיין און שלמה בן יוסף, זענען געכאַפּט געוואָרן ביַים וואַרפן אַ באָמבע און פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט.

די ייִדישע אַגענץ האָט פאַרהאַנדלט מיט דער מאַנדאַט־רעגירונג, דער הויכקאָמיסאַר האָט צוגעזאָגט צו פאַרביַיטן די טויטשטראָף אויף תפיסה בתנאַי די ייִדישע אַגענץ און דער וועד־הלאומי זאָלן דעקלאַרירן דעם ייִדישן קעגן־טעראָר ווי אַ פאַרברעכן. די ייִדישע אָנפירערשאַפט האָט אָנגענומען דעם תנאַי און געמאַכט אַזאַ דעקלאַראַציע. צו מאָרגנס האָבן די ענגלענדער געהאָנגען שלמה בן יוסף. צו די וואָס האָבן נישט געוווּסט וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיטן הויכקאָמיסאַר איז אויסגעקומען אַז די ייִדישע פירערשאַפט האָט מיט איר דעקלאַרירן טעראָר ווי אַ פאַרברעכן גערופן אויסצופירן דעם אורטייל. אַ כיטרע פּראָוואָקאַציע פון די ענגלענדער צו צעקריגן די ייִדן צווישן זיך. דער יישוב האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער פּאָליטיק פון „הבלגה".

אויך אין אַחווה־פאַראיין אין וואַרשע האָט מען זיך גענומען בונטעווען קעגן דער הבלגה־פּאָליטיק פון בערעק עפּשטיין. בערעק האָט דעגרייכט

אַ „זיג". דער סאָציאַליסטישער פירער װאַצלאַװ שימאַנסקי האָט אָפּגע־דרוקט אַן אָפענעם בריװ צום רעקטאָר פון װאַרשעװער פּאָליטעכניקום, ד"ר יוזעף זאַװאַדזקי. שימאַנסקי האָט דערמאָנט דעם רעקטאָר אַז מיט צװאָנציק יאָר פריִער האָבן זײ בײדע געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטײ און געחלומט װעגן אַ פרײַ דעמאָקראַטיש פּױלן, אָן רדיפות און דיסקרימינאַציעס. „אַ חרפּה און אַ שאַנד, פּאַניע רעקטאָר!"

„ער שעמט זיך װי אַ קאָזע אין קרױט", האָבן עפּשטײנס אָפּאָזי־ציאָנערן צו נישט געמאַכט דעם בריװ. זײ האָבן געפאָדערט ייִדישע קעגן־אַקציע.

„גײ זײַ אַ פירער בײַ ייִדן אַז יעדער װײסט בעסער", האָט בערעק זיך געקלאָגט און דערבײַ זיך געשעמט װאָס ער קאָן נישט פאַרטראָגן אַן אַנדערע מײנונג װי זײַנע. ער איז זעלטענער געקומען צו זיצונגען און גענומען שרײַבן אַן עסײ „די ייִדן אין דעם פּױלישן אױפשטאַנד פון 1863".

„פריִער ביסטו געװען פאַרנומען מיט זיצונגען, איצטער זיצסטו גאַנצע װאָכן אין די ביבליאָטעקן. דו אַנטלױפסט פון מיר, בערעק", האָט מאַניע זיך געקלאָגט.

„דו רעדסט נאַרישקײטן, װײַבעלע".

„אין מײַן צושטאַנד דאַרף די פרוי דעם מאַן נעבן זיך. דו ענדיקסט שױן אוניװערסיטעט, זאָלן אַנדערע סטודענטן איבערנעמען די אַרבעט אין אַחװה".

„מעג מען זיך אָפּזאָגן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט װען די װעלט איז אין אַזאַ מצב? אין עסטרײַך זענען צען טױזנט ייִדן אַרעסטירט געװאָרן, זיבעציק טױזנט מוזן גלײַך עמיגרירן אָדער אַרײַנװאַרפן זיך אין דונײַ. אין טשעכאָסלאָװאַקײַ בונטעװען זיך די סודעטן־דײַטשן, װער װײסט װאָס עס װעט זײַן דער גורל פון די דאָרטיקע ייִדן. טאָקע װײַל אונדז איז אַזױ גוט צוזאַמען, טאָר מען נישט פאַרגעסן די ביטערע מערכה פון אַנדערע. מאַניושאַ, װאָס איך שרײַב איז קעגנצװירקן אַנטי־סעמיטיזם. כ'על עס דרוקן אין 'נאַש פּשעגלאָנד' און כ'װײס אַז דו האָסט הנאה װען איך דרוק עפּעס אין 'נאַש פּשעגלאָנד'. איך טו עס אױך װײַל דו האָסט הנאה".

דאָס איז געװען אמת, מאַניע איז טאָקע שטאָלץ געװען װען בערעק

האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליטעראַרישע אַרבעט. אָבער עס איז איר געווען אַזוי אומעטיק די אָוונטן אַליין אין הויז. ווי אַזוי איז אין עטלעכע וואָכן אַ מיידל, אַ שטיפֿערקע, געוואָרן אַ ווײַב מיט אַ בויך? פֿאַליע זיצט אויך אין די ביבליאָטעקן, און אַז פֿאַליע וועט דאָרט טרעפֿן בערעקן און אויסרעדן אויף איר? פֿאַליע חלומט נאָך אַלץ אים צוצונעמען, און לעצטנס זעט בערעק אין פֿאַליען לויטער מעלות...

דער טאַטע האָט אַלע מאָל געטראָגן די גאַנצע וועלט אויף זײַנע פּלייצעס. ער, בערעק, פֿלעגט זײַן צו פֿיל פֿאַרנומען מיט זיך כּדי צו זאָרגן פֿאַר דער וועלט. ער האָט קודם־כּל געמוזט אַרויסקריכן פֿון דער אַרעמקייט־זומפּ, און ווען מע האַלט אין קלעטערן אַרויף קאָן מען נישט טראָגן קיין משׂא אויף די פּלייצעס... די זומפּ האָט פֿאַרשלונגען זײַן מאַמע נאָך איידער איר געשטאַלט האָט זיך פֿאַרקריצט אין זײַן זכּרון, ער ווייסט וועגן איר לגמרי גאָרנישט. וועגן זײַן מאַמעס ברודער ווייסט ער נאָר אַז ער איז אַ מוזיקער און אַז ער האָט — אוודאי צוליב זײַן קאַריערע — זיך אָפּגעשיידט פֿון זײַן פֿאָלק און אַפֿילו פֿון זײַן אייגענער שוועסטער. זענען אַלע אין זײַן מאַמעס משפּחה קאַריעריסטלעך? געראָט ער אַרײַן אין זיי?

פֿינטשע איז חושד אַז ר׳האָט אויסגענוצט ר׳ שלמהס רעקאָמענדיר־בריוו צו כאַפּן אַ רײַכע כּלה. עס איז נישט אמת אַז פֿאַר געלט האָט ער זיך פֿאַרקויפֿט צו די גרינבערגס. בינע איז נישט געווען קיין אמתע ליבע. ער איז געוואָרן אַ מאַן, אָנגעהויבן טרוימען וועגן אַ באַשערטער און אָנגעהאָנגען דעם טרוים אויף בינען מחמת זי איז געווען די ערשטע וואָס איז אַרויף אויף זײַן וועג. ער וואָלט זיך פֿאַרליבט אין מאַניען, אַפֿילו אויב זי וואָלט געווען אַזוי אָרעם ווי בינע. מאַניע איז שיין, פֿריילעך, און שטיפֿעריש. מאַניע איז געווען פֿון די בעסטע תּלמידות אין אינסטיטוט און ער קאָן דיסקוטירן מיט איר זײַנס אַ וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט. פֿון אַלע זײַנע באַקאַנטע מיידלעך, ווער קאָן זיך פֿאַרגלײַכן צו מאַניען?

די בעכלערוונע? יאָ, די רויטע ברכה בעכלער, האָט חן און איז אַן אינטערעסאַנט מיידל. יאָ, ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגן איר, מע קאָן זאָגן אַז ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו איר. טאָקע דאָס איז דער בעסטער באַווײַז אַז זײַן פֿלוידערן אַז ער וועט נעמען נאָר אַ רײַכע

כלה איז געװען נישט מער װי פּלוידערײַ, נאָר אַ פּראָטעסט קעגן זײַן אָרעמקײט — בעריש בעכלער פון גורװיטש איז אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס.

נײן, ס׳איז נישט אמת אַז ער איז אַזױ אַקטיװ אין אַחװה מחמת עס העלפט אים אין זײַן קאַריערע, אַז ער נעמט אונטער דרײַסטע אַקציעס נאָר כּדי אױסצוגעמען בײַם ד״ר שוב און בײַ זײַן שװער. דאָס איז אַ שקר־בילבול װאָס ער פּראָבירט אונטערװאַרפן זיך אַלײן. אַרױסגעברענגט אים אױף דער אײבערפלאַך האָט נישט יענער צופעליקער געשלעג אױפן אוניװערסיטעט, נאָר זײַן שכל־הישר און זײַן מוט צו האָבן אַן אײגענע מײנונג. בײַ אַ מענטש װאָס האָט עס נישט אין זיך, העלפן נישט קײן צופאַלן. יענער צופאַל האָט נאָר אַראָפּגעריסן פון אים זײַן ייִנגלערישקײט און צוגעאײַלט זײַן צײַטיק װערן. אַראָפּגעװאָרפן פון זיך אַ פּאָר קאָמפּ־לעקסן איז ער געװאָרן דאָס װאָס ער איז באמת. ער האָט געהאַט אַ געפיל אַז די אָרעמקײט האָט אים אַרײַנגעכאַפּט װי אין אַ פּאַסטקע און געהאַלטן אים פעסט אין אירע קלאַמערן, האָט ער געטרוימט װעגן כּל־המינים תּחבולות זיך אַרױסצורײַסן. איצט װײסט ער אַז די װעלט האָט אַרײַנגעקלאַמערט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק װי אין אַ פּאַסטקע. אַפילו זײַן אָפּטריניקער פעטער אין בערלין מוז איצט שױן װיסן אַז אַ ייִד קאָן זיך נישט אַרױסרײַסן אײנער אַלײן.

אַ פרוי אין מאַניעס מצב האָט כּלערלײ שטימונגען. עס איז איר פּשוט אומעטיק. זי קלאָגט זיך אַז ער גײט צו זיצונגען כּדי צו אַנטלױפן פון איר מיט איר בױך. זי װײסט אַז עס איז נישט אַזױ. ער האָט טאַקע נישט געפּלאַנט צו פאַרפירן אַ ליבע מיט מאַניען, װי ער האָט נישט געפּלאַנט איצט צו ברענגען אַ קינד אױף דער װעלט, אָבער מאַניע און דאָס נפשל אין איר אינגעװײד זענען זײַנע גרעסטע אוצרות. אװדאי װיל ער זיך נישט שײדן מיט דעם עשירות פון די גרינבערגס, אָבער אױב ער װאָלט געשטעלט געװאָרן פאַר אַ ברירה: אָדער דאָס, אָדער מאַניע און זײַן קינד, איז דען אַ ספק װאָס ער װאָלט אױסגעקליבן?

מאַניושאַ טײַערע, איך בין עלאַקװענט נאָר אין מײַן שרײַבן. דו מוזסט זיך אױסלערנען לײענען מײַנע געדאַנקען און אַרױספילן מײַנע עמאָציעס װעסטו נישט האָבן קײן סיבה צו צװײפלען אין מײַנע געפילן צו דיר.

ג.

נאָך דעם ווי בערעק איז אַוועק קיין וואַרשע פלעגט פּינטשע וויַיטער אַריַינקומען צו שלום עפּשטיין אָפּנעמען אַ גרוס, פירלייענען אַ ליד. דאָס פירלייענען לידער איז מער נישט געווען דאָס זעלביקע וואָס מיט בערעקן. בערעק האָט טאַקע אָפּגעלאַכט פון זיַינע לידער, אָבער אַ מאָל אויך געגעבן אַ גוטע עצה. איצט האָבן, ער און שלום, זיך געלויבט איינס ס'אַנדערע און געוווּסט דערביַי אַז די לויב האָט נישט קיין ממשות. דאָס זעלביקע איז געווען מיטן שמועסן פּאָליטיק. שלום האָט אַלע מאָל מסכּים געווען מיט פּינטשען, און פּינטשע איז געווען פּונקט אַזאַ אָפּטימיסט ווי שלום, טאָ וואָס איז דאָ שייך איבערצושמועסן ? יעדער האָט געלייענט די ציַיטונג פאַר זיך.

בערעק האָט געקויפט דעם טאַטן מאַשינען צו מאַכן טיטן. שלום האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ ניַיער דירה, חתונה געהאַט מיט אַ ניַי וויַיב און איז מער נישט געווען דער זעלביקער שלום. אַ מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט שניַידן מיט אַ האַנטמעסער דיקע שטויסן פּאַפּיר און האָרעווען שווער, האָבן אין זיַין קאָפּ כּסדר זיך געפּלאָכטן פערזן. דער ריטעם פון די שורות איז געקומען מיטן ריטעם פון זיַינע האַנטבאַוועגן. אויפן טיש האָבן זיך אָנגעהויפט שטויסן טיטן, און אין זיַין קאָפּ בינטלעך פערזן. ער האָט אַלע מאָל אַ וויש געטאָן די פּאַפּ־פאַרשמירטע הענט אין דעם זאַק וואָס ער פלעגט טראָגן אויף די לענדן ווי אַ שירץ. אַרויסגע־צויגן דעם בליַיער פון צווישן אויער און טשופּרינע, און אַ ברוין שטיק טיטנפּאַפּיר איז פול געוואָרן מיט סימעטרישע שורהלעך פון אַ ליד.

איצט האָט ער אויף אַ שניַידמאַשין אין עטלעכע מינוט אָנגעשניטן פּאַפּיר אויף אַ גאַנצן טאָג. די פּאַרטיקע טיטן זענען געפאַלן אין אַ קויבער אַריַין אָן אָנשטרענג. אין דער אַרבעטשירץ פון כאַקי וואָס ער האָט איצט געטראָגן האָט ער געהאַט טאַשן. אין דער בויכטאַש האָט ער געהאַלטן גרייט ליניִרטע בייגעלעך וויַיס פּאַפּיר, אין דער בוזעמטאַש האָט ער געהאַט אַ „פּאַרקער"־פּען — אַ מתּנה פון דער שנור — פול מיט בלויען טינט. דער בויך איז געווען פול, אָבער דער קאָפּ ליידיק. וואָכן זענען פאַרביַי אָן אַ ניַיער שורה. ער האָט אויסגעזוכט אַן אַלט נישט פאַרענדיקט ליד, „היַיל היטלער און היַילע סעלאַסיע", און גענור־

מען צושרײַבן שורות װעגן דעם גורל פֿון אַביסיניע װאָס איז לאַנג שױן געװען פֿאַרחתמעט. ער האָט װידער אָװעקגעלייגט דאָס ליד גישט־פֿאַרענ־דיקט. װערטער, װערטער, װערטער. סאַטירישער גראַם־שטראָם אָן פּאַע־טישן דערהייב. װען ער האָט אָנגעהױבן שרײַבן לידער האָט ער געגלייבט אַז ער װעט מיט זײַן פּאָעזיע אײַננעמען די װעלט. דרײַ אָפּנעמערס האָט ער געהאַט פֿאַר זײַנע לידער. מיט זײַנע לידער האָט ער געװוּנען דאָס האַרץ פֿון אַ יונגער טרוימערין, אָן אַנטלאָפֿענע פֿון אַ פּאָגראָם אין האָמליע. זײַן מירע האָט געגלייבט אַז מיט די לידער װעט ער אַרײַן אין דער אייביקייט, אָבער אַנשטאָט די לידער, איז זי אַװעק אין דער אייביקייט. זייער קינד, בערעק, האָט ער געשפּײַזט מיט לידער זינגט זײַנע קינדער־יאָרן. אוי, װי ער האָט געװאָרט בערעק זאָל שױן אָנהייבן פֿאַרשטיין פּאָעזיע. װען ער האָט טאַקע אָנגעהױבן פֿאַרשטיין האָט ער אויפֿגעהערט הנאה האָבן. געבליבן איז אים נאָר פּינטשע. פּינטשע לויבט נאָך זײַנע לידער, אָבער לעצטנס װײַזט פּינטשע זיך זעלטן, און ער האָט סײַ װי גאָרנישט אים צו װײַזן.

פּינטשע האָט יאָ געשריבן, אַ סך געשריבן. ער האָט דען עפּעס אַנדערש צו טאָן אין זײַן פֿרײַער צײַט? פֿון אַלע זײַנע ליבעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. זאָשקע האָט אים אָװעקגעװאָרפֿן, מרים האָט איבערגעריסן מיט אים. װען ער איז געװען אין װאַרשע האָט זײַן שיינע קוזינע, מאַניע, זיך קוים אומגעקוקט אויף אים, אָבער זי האָט זיך פֿאַר־ליבט אין בערעקן. ער, פּינטשע, איז ערנסט און דעריבער נודנע; בערעק נעמט אויס מיט זײַן סאַרקאַזם, מיט זײַן ציניִשקייט. דעמאָלט װען בערעק האָט אים געזאָגט אַז ער דאַרף אַ דאָקטאָר־טיטל כּדי צו קאָנען טאָן אַ רײַכן שידוך איז ער זיכער געװען אַז דאָס איז לצנות, אָבער דער בערעק איז טאַקע אַ קאַריעריסטל. די קאַריעריסטן נעמען אײַן די װעלט. ער, פּינטשע, האָט נאָך נישט זוכה געװען קיין איין ליד זײַנס, קיין איינס פֿון זײַנע מאמרים װעגן דער צײַט זאָל דערזען די עפֿנטלעכע שײַן, בעת בערעק דרוקט זײַנע שטודיעס אין די חשובֿסטע בלעטער אויף ייִדיש און אויף פּויליש.

בלאָף נעמט אײַן די װעלט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק און אויך אויפֿן היימישן געסל. זענען אַלע מיידלעך אַזוי אַז עס ציט זיי נאָר צו פֿאַרשױנען מיט גלאַטיקע ציגנלעך װי זאָשקעס טאַלעק, װי מאַניעס

בערעך? ער, פינטשע, איז צו ערנסט. ׳נשים דעתן קלות׳, פרויען זענען לײַכטזיניק, פלאַפּלערקעס, זיי פאַרלײַדן נישט וואָס ער טראָגט די גאַנצע וועלט אויף זײַנע פּלייצעס.

ביין, נישט אַלע פרויען זענען אַזוי. מינדעלע איז זײַן ס׳גאַל. ער קאָן רעדן מיט איר וועגן ליטעראַטור אָדער פּאָליטיק, זי געדענקט אַ פסוק פון תנ״ך און אַ פערז פון ביאַליק, זי האָט איר טאַטנס חריפות און איר מאַמעס לעבנס־חכמה, זי איז...

מינדעלע איז שוין אַ ביסל צו ערנסט. זי קוקט אויף אים מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן. הומאָר האָט זי דווקא יאָ, די קליינע. ער האָט נעכטן געקײַכט פון געלעכטער ווען זי האָט נאָכגעקרימט מוסאָליני.

מוסאָליני האָט אײַנגעפירט ראַסיזם אין איטאַליע. דער פּויפּס האָט געזאָגט אַז דאָס מיינט גיין אין היטלערס דרכים. מוסאָליני האָט זיך געפילט געטראָפן און דעקלאַרירט: „ס׳איז אַן אַבסורד צו זאָגן אַז פאַשיזם נעמט פון עמעצן אַ בײַשפּיל, אָדער מאַכט עמעצן נאָך. פאַשיזם גייט אין זײַנע אייגענע וועגן און וועט נאָך גיין פאָרויס אין ראַסיזם״.

מינדעלע האָט אַרויסגעשטופּט דעם בויך, אַרויסגעשטרעקט די גאָמבע ווען זי האָט נאָכגעקרימט מוסאָליניס רייד, און ס׳איז געווען אַזוי קאָמיש ווי דאָס שלאַנקע מיידעלע מיטן צאַרטן פּנימל האָט געכאַפּט אַן אָנבליק פון מוסאָליניס אָנגעבלאָזנקייט.

פינטשע האָט פאַר איר אויך געהאַט עפּעס קאָמישס. „היטלער און גערינג זענען געקומען אין דער קונסטגאַלעריע אין מאַנהיים, עס איז דאָרט געהאָנגען אַ מיידל־פּאָרטרעט פון דעם מאָלער קאַראַט. היטלער און גערינג האָבן זיך געקוויקט: ׳דאָס מיידל אין דעם פּאָרטרעט איז אַ מוסטער פון אַ ווונדערלעכן, אידעאַלן גערמאַנישן טיפּ׳. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פאַר דעם בילד האָט פּאָזירט אַ ייִדיש מיידל, בערטאַ גאָלדשמידט, פון פּאַריז. אויב היטלער וואָלט געכאַפּט אַ בליק אויף אַ ייִדישער גאַס אין גורוויטש וואָלט ער געפונען אַן אידעאַלן, ווונדערלעכן גערמאַנישן טיפּ אין... שפּרינצע קאַליסקי״, האָט פינטשע פאַרענדיקט און איז רויט געוואָרן.

פינטשע האָט זיך באַגאַסן מיט רויטקייט ווײַל ער האָט שיִער נישט געזאָגט „אין זאַשקען״, אָבער ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט אין דער לעצטער מינוט.

„וואָס איז די מעצאָצע מיט אַן עכט גערמאַנישן טיפּ?" האָט מינ־דעלע געפרעגט און אויך זיך פאַררײַטלט. זי האָט באַמערקט אַז ער האָט זיך פאַרהאַקט אין מיטן זאַץ און זי האָט זיכער פאַרשטאַנען פאַר וואָס.

אַפּעלירט צו אים נאָר אַן „עכט גערמאַנישער טיפּ"? מרים פון פּאַ־ביניץ איז אים געפעלן געוואָרן כאָטש זי האָט טונקעלע האָר און טונקעלע אויגן ווי מינדעלע, און טאַקע מינדעלע געפעלט אים אויך. ווען זי איז געקומען קיין גורוויטש האָט זי נאָך אויסגעזען ווי אַ קינד און בכלל זיך אויפגעפירט קינדעריש. זי איז געוואָרן ווײַבלעכער און שענער אין די לעצטע חדשים. עס ווײַזט אויס אַז זי פילט עס, אַז זי דערקענט עס אין דעם אופן ווי מענטשן קוקן אויף איר און דאָס גיט איר מער זיכערקייט אין זיך. זי איז נאָך אַלץ צו שעמעוודיק, נאָר דאָס איז שוין אַ שעמעוודי־קייט פון אַ פרוי, אַ דערוואַקסענע.

עס איז אַ פאַקט אַז ער אַליין קוקט איצט אויף מינדעלען מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. גייט ער איצט אַפּט צום רב נאָר מחמת ער איז געבליבן אָן חברים? ווײַל אַ בחור אין זײַן עלטער האָט דעם געברויך צו זײַן אין דער געזעלשאַפט פון אַ מיידל אין זײַן עלטער? ניין, ס'איז נישט נאָר דאָס.

מינדעלע איז אַוועקגעפאָרן צו איר זיידן קיין וואַרשע, האָט זי אים אַזוי אויסגעפעלט אַז ער האָט געזוכט אַ תירוץ אויך צו פאָרן קיין וואַרשע. ער וועט פרעגן דעם רב צי ער האָט עפּעס מיטצושיקן צו זײַן שוועד, ער וועט עס אין וואַרשע אַוועקטראָגן צום פרינסקער רב, און...

ער האָט עס נישט געטאָן מחמת די „שטעך" וואָלטן זיך צו פיל אָנגעזען... מע וואָלט דערין אַרײַנגעטײַטשט ווייס־איך־וואָס.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז ווען מינדעלע איז געווען בײַ איר זיידן איז רבקהלע, פינטשעס ייִנגסטע שוועסטער, אויך געווען אין וואַרשע. די מיידלעך האָבן זיך דאָרט געטראָפן און זענען צוריקגעקומען גוטע חברטעס. איצט איז רבקהלע אויך געגאַנגען אין רבס הויז און אָפט צוריקגעקומען מיט מינדעלען. מינדעלע און רבקהלע האָבן אָפט זיך געביטן מיט די ביכער וואָס זיי האָבן געלייענט, און פינטשע איז אויך געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דעם. פינטשע האָט געקויפט די נײַסטע איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, נאָך איידער די ביבליאָטעקן האָבן געהאַט די ביכער. די צוויי מיידלעך זענען אָפט געזעסן אין דער גאָרטן־אַלטאַנע

הינטערן הויז און געשפּילט שאַך. עס איז אַלע מאָל אויסגעקומען אַז פּינטשע האָט געדאַרפט איבערנעמען זײַן שוועסטערס פּאָזיציע, רבקהלע איז געווען אַ שוואַכע שאַכשפּילערין.

ניין, ער האָט זיך נישט פאַרליבט, כאָטש מינדעלע איז עס ווערט. ער איז, ווײַזט אויס, שוין צו אַלט פאַר די זאַכן. אָבער ער האָט אויפ־געהערט שרײַבן צו זאָשקען די בריוו וואָס זענען סײַ ווי געבליבן אָן אַן ענטפער. ער האָט אַ סך מאָל געטראַכט אויפצוזוכן יאַנקלס שוועסטער ווען ער וועט זײַן אין וואַרשע. אַז ער איז געווען אין וואַרשע האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן אין דעם.

עס האָט קיין מאָל נישט געטראָפן דער טאַטעשי אָדער די מאַמעשי זאָל אַרויסקומען אין גאָרטן ווען ער איז דאָרט געווען מיט מינדעלען, און ער איז אָפט געווען מיט איר. מינדעלע איז געקומען מיט רבקהלען, ער איז אַרויס נאָר זיך צו באַגריסן. רבקהלע איז אַרײַן אין שטוב עפּעס נעמען און מער נישט צוריקגעקומען. איז עס אַ קאָנספּיראַציע פון טאַטע־מאַמע מיט רבקהלען? אויב יאָ, אַרט עס אים נישט. אַדרבא, עס איז אַ פאַרגעניגן צו זײַן מיט מינדעלען, שמועסן מיט איר, שפּילן אַ שאַך מיט איר, און נישט געדענקען אַז רבקהלע איז אַוועק נאָר פאַר אַ ווײַלע און פאַרגעסן צוריקצוקומען.

דאָס איז געווען טאַקע אין מיטן אַ שאַכשפּיל. פּינטשע האָט אויפ־געהויבן אַ טורעם צו מאַכן אַ צוג. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון שאַכברעט און אַ זאָג געטאָן: „דער טאַטעשי האָט מיך נעכטן געפרעגט וואָס ס'וועט זײַן דער תכלית".

מינדעלע האָט געקוקט אויף אים פרעגנדיק.

„דער תכלית פון אונדז ביידן, זיי זעען אַז מיר זענען אַזוי אָפט צוזאַמען".

מינדעלע האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים פרעגנדיק.

„האָב איך געזאָגט: 'טאַטעשי, פון וואַנען ווייס איך אַז זי וועט מיך וועלן'?"

אַז מינדעלע האָט נאָך אַלץ געשוויגן האָט פּינטשע אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום שאַכברעט, ער האָט פאַרגעסן ווו ער האָט בדעה געהאַט אַוועקצושטעלן זײַן טורעם.

„דו ווילסט אַן ענטפער, פּינטשע?" האָט זי זיך סוף־כּל־סוף אָנגערופן.

„אוודאי״.

„איך וועל דיך וועלן״.

פינטשע האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו איר איבערן טיש. די שאָכפיגורן האָבן זיך איבערגעקערט. ער האָט צוגעטראָגן איר הענטל צום מויל און אַ קוש געטאָן.

„דער טאַטעשי וועט זײַן איבערגליקלעך״, האָט עס זיך אַרויסגעריסן בײַ פינטשען.

„מײַנער אויך״.

„אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך צעקושן״.

מינדעלע האָט נישט געענטפערט אָבער געוואַרט ער זאָל עס טאָן. פינטשע האָט געוווּסט אַז ער רעדט שטותים און פירט זיך אויף ווי אַ בטלן. ער איז טאַקע אַ שטיק ישיבה־בחור און אַ בטלן. די קלוגע מינדעלע זעט עס און נעמט עס נישט פאַר אומגוט. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם שאָכברעט מיט די צעוואָרפענע פיגורן און גענענט זײַנע ליפּן צו אירע. רבקהלע איז גראָד צוריקגעקומען, דערזען וואָס עס טוט זיך, האָט זי זיך געוואָלט צוריקציִען. מינדעלע האָט זי פאַרהאַלטן.

„כ׳קאָן האַלטן אַ סוד״, האָט רבקהלע געזאָגט מיט אַ שקאָצישן שמייכל.

„וועסט נישט דאַרפן לאַנג קעמפן מיטן יצר־הרע, ס׳וועט באַלד ווערן אויס סוד״, האָט פינטשע איר פאַרזיכערט.

נאָך דעם ווי עס איז קלאָר געוואָרן אַז יואל וועט שוין קיין רב נישט ווערן האָט דער גורוויטשער רב געחלומט צו געפינען פאַר מינדעלען אַ מאַן וואָס זאָל ראוי זײַן איבערצונעמען דאָס רבנות, די קייט פון דורות רבנים זאָל נישט איבערגעריסן ווערן. נו, מילא. צוליב אַזאַ בחור, קיין עין־הרע, ווי פינטשע, איז כּדאי אויף עפּעס מוותּר צו זײַן. עשירות איז טאַקע נישט דער עיקר אין אַ שידוך, אָבער קיין חסרון איז עס זיכער נישט. „תּורה וגדולה במקום אחד״, איז אַ באַזונדערע ברכה פון דעם אײבערשטן. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז וואָס פינטשע איז אַן אײדעלער בחור און איז מינדעלען שטאַרק מכבד.

די רביצין האָט אויך געהאַלטן פון פינטשעס מעלות, זי האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט דעם שידוך. איצט אָבער איז זי געווען קעגן

באשטימען א שנעלן זמן־חתונה. זי האט פארלאנגט מע זאל אפליגן די חתונה אויף א יאר, לכל־הפחות ביז ל״ג־בעומר, וואס איז אין קנאפע ניין חדשים ארום. די רביצין האט זיך געשראקן אז פינטשע איז שוין צו פיל מכבד די כלה. ווען איר נתן איז פאר זייער חתונה געקומען צו גאסט האט ער זיך געשעמט א קוק טאן אויף איר, אבער זי האט געזען אז שימחה שיינט ארויס פון זיינע אויגן. זיי האבן זיך נישט אנגערירט, אבער זי האט געפילט אז זיין הארץ איז פול מיט איר, אז ׳נפשו קשורה בנפשה׳. קאן עס זיין אז פינטשע האט זיך נאך אלץ נישט אויסגעטשוכעט פון יענער מויד? איז עס מעגלעך אז מינדעלע איז ביי אים א פשרה־שידוך?

ביי ר׳ שלמהן אין הויז איז די שימחה געווען אין־לשער. די גמרא זאגט, א מענטש זאל פארקויפן אלץ וואס ער האט כדי צו קאנען חתונה האבן מיט א טאכטער פון א תלמיד־חכם. מינדעלע איז, קיין עין־הרע, א קינד פון דורות תלמידי־חכמים. ער איז, נישט היינט געדאכט, גרייט געווען קיווע רייגער זאל ווערן פינטשעס שווער, אבער דער אייבערשטער האט באשערט דער מחותן זאל זיין דער רב. מע זעט באשיימפערלעך אז טאקע ׳כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד׳, אלץ וואס דער אייבערשטער טוט, טוט ער צום גוטן. די פאביניצער כלה האט צו פיל געבלאזן פון זיך.

ר׳ שלמה האט געוואלט א תנאים מיט גרויס פאמפע. האט אבער דער משוגענער אין בערלין ווידער אנגעהויבן סטראשען. עטלעכע אונטער־געקויפטע משרתים זיינע אין סודעטן־לאנד האבן גענומען טומלען אז זיי ווערן פארשקלאפט און גערודפט דורך די טשעכן. היטלער שרייט אז ער מוז באשיצן זיינע ברידער, די דייטשן, אין סודעטן־לאנד.

ס׳איז גאר נישט צו פארשטיין וואס די וועלט נעמט זיך אזוי איבער מיט דעם טומל. הלוואי דער קאזאק הנגזל, היטלער, זאל נישט רודפן די דייטשע יידן מער ווי די טשעכן רודפן זייערע דייטשן. ס׳קאן אבער געמאלט זיין אז דער היטלער האט שוין אין גאנצן פארלוירן דעם שכל און וועט פריער נישט אפשטיין ביז די גרויסמאכטן וועלן אים געבן איבער די הענט.

דערווייל זענען די צייטונגען און דער ראדיא פול מיט היטלערס היסטעריע און מע רעדט וועגן א מלחמה־סכנה. ווי קאן מען אין אזא צייט זיך צעלאזן מיט גרויסע סעודות?

האָט די רביצין צוגעגרייט אַ באַשיידענע תּנאָים, נאָר לעקעך מיט בראָנפן פאַר נאָענטע קרובים. די חתונה וועט מען, מיטן אייבערשטנס הילף, פראַווען אין אַ מער רויִקער צײַט, וועט מען דעמאָלט מאַכן אַ גרויסע סעודה פאַר גאַנץ קהל.

צו מאָרגנס נאָך די תּנאָים זענען דווקא אָנגעקומען גוטע בשׂורות. פראַנקרײַך האָט געלאָזט וויסן אַז איר גאַראַנטיע פאַר די טשעכישע גרענעצן איז אין קראַפט. אויך די סאָוויעטן האָבן איבערגעחזרט אַז זיי וועלן נישט שטיין פון ווײַטן אויב טשעכאָסלאָוואַקײַ וועט אָנגעגריפן ווערן.

וואָס דען, די וועלט איז הפקר?

האָט ר׳ שלמה מילקעס, שבת נאָך די תּנאָים, ממלא געווען די שׂימחה מיט אַ קידוש, איז עס געווען מער ווי אַ חתונה. גורוויטש איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך, מע האָט דערציילט וווּנדערס וועגן די מלכותדיקע מאכלים און געטראַנקען. זאָלן טאַקע זײַן שׂימחות בײַ ייִדן. היטלערס נײַע דראָונגען? דער גאַנצער היטלער איז נישט מער ווי אַ פּענכער מיט ווינט.

כראָניק פון דער צייט

א.

סודותדיקע פּלענער פאַר אַקציע גרין, אַן אַנגריף אויף טשעכאָסלאָ־וואַקײַ, זענען אויף היטלערס באַשטעלונג צוגעגרייט געוואָרן נאָך אין מיטן 1937. נאָכן אַנעקסירן עסטרײַך, ווו אַלע זײַנע כיטרע שפּיצלעך זענען געלונגען און די עפּנטלעכע מיינונג פון דער וועלט האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען, זענען היטלערס אַפּעטיטן געוואַקסן. אין מײַ 1938 האָבן די טשעכן מיט זייער מאָביליזאַציע אים געגייט צו דעקלאַרירן אַז ער האָט נישט קיין כוונות פון אַגרעסיע קעגן זיי, און די וועלט האָט עס אויסגעטײַטשט אַז ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט די חרפּה נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען און ער האָט דאָס די טשעכן נישט מוחל געווען.

היטלער האָט געפרעגט זײַנע גענעראַלן וויפל דיוויזיעס זיי זענען ביכולת צו מאָביליזירן, דער ענטפער איז געווען אַז נישט מער ווי צוועלף. „די טשעכישע פאַרטיפיקאַציעס אין די סודעטן־בערג וועט זײַן שווער אַדורכצודרינגען", האָט מען אים געלאָזט וויסן פון בערלין. היטלער האָט געגעבן באַפעלן צוצוגרייטן נײַע פּלענער.

הענלײַן, היטלערס פּראָוואָקאַטאָר אין די סודעטן, האָט נישט אויפ־געהערט פאָדערן אויטאָנאָמיע. אָבער היטלער האָט נישט געוואָלט די טשעכן זאָלן נאָכגעבן און צוגעמען בײַ אים דעם אויסרייד פאַר אַן אַנגריף. די גאַנצע דײַטשע פּרעסע האָט געליאַרעמט וועגן דער אונטערדריקונג און די מוראדיקע עוולות פון די טשעכן קעגן דער דײַטשער מינאָריטעט. די דײַטשע דיפּלאָמאַטן האָבן פּראָבירט אײַנרעדן דער וועלט אַז די טשעכן ווילן מיט פּרעמעדיטאַציע פּראָוואָצירן אַ קריזיס אין אייראָפּע כדי צו קאָנען צוזאַמענהאַלטן אַלע זייערע מינאָריטעטן אין איין מדינה. אין אַ קריזיס, האָבן זיי געזאָגט, וועט דאָס לאַנד אויפגעריסן ווערן פון אינעװייניק. אונגערן און פּוילן, צוויי מלוכות אין טשעכישער שכנות, האָבן אויך געהאַט קאָנצענטרירטע מינאָריטעט־גרופּעס אין טשעכישע שטחים

ביי די גרענעצן, האָט דייטשלאַנד זיי אָנגערייצט אַרויסצוקומען מיט פאָדערונגען אַז די שטחים געהערן צו זיי. אויב דאָס אַלץ וועט נישט זיין גענוג וועט מען זען אַ דייטשער דיפּלאָמאַט, אָדער מלוכה־מאַן, זאָל געהרגעט ווערן אויף טשעכישער ערד און דאָס וועט דינען פאַר אַ תירוץ צו אַן אָנגריף. אויך אין דער אַקציע קעגן עסטרייך איז געווען אַ פּלאַן פאַן פאַפּען זאָל דאָרט געהרגעט ווערן, אָבער דאָס אָנעקסירן איז אָנגע־קומען לייכטער ווי היטלער האָט געמיינט.

דעם 30טן מיי האָט היטלער אונטערגעשריבן נייע פּלענער פאַר אַקציע גרין. אין די נייע פּלענער האָט זיך שוין גערעדט בפירוש וועגן צעשמעטערן טשעכאָסלאָוואַקיי, און אַז דאָס מוז געשען נישט שפּעטער ווי דעם 1טן אָקטאָבער.

אין דער אַרמיי האָבן אויך טייל פון די גענעראַלן וואָס האָבן היטלערן אונטערגעשטיצט, זיך דערשראָקן פאַר זיינע אוואַנטוריסטישע פּלענער. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע קאָנספּיראַטאָרן צווישן וועלכע עס איז אויך געווען גענעראַל האַלדער, דער נייער הויפּט פון דייטשן גענעראַל־שטאַב. ווען היטלער וועט אַרויסגעבן דעם באַפעל צו מאַרשירן קעגן די טשעכן וועלן זיי אים אַרעסטירן און שטעלן פאַר אַ פאָלקס־געריכט. דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ מורא פאַר מלחמה און אַפילו פאַר די ריזיקע מיליטערישע מאַנעווערס. די עקאָנאָמיע איז געשלאָגן, אויס־לענדישער קאַפּיטאַל וועט אַנטלויפן און דאָס „טויזנט־יאָריקע רייך" וועט עקאָנאָמיש צוזאַמענברעכן.

די קאָנספּיראַטאָרן האָבן איבערגעגעבן צו ענגלאַנד וועגן היטלערס אַגרעסיע־פּלענער און אויך וועגן זייערע פּלענער ווי אַזוי אים אָפּצושטעלן. גענעראַל האַלדער האָט באַקומען דעם איינדרוק אַז ענגלאַנד באַנעמט נישט די סיטואַציע, האָט ער געשיקט קיין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן שליח, פאָן קלייסט, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן נאָר דורך אַ יועץ פון אויסערן־מיניסטעריום און פון טשורטשילן, וואָס איז געווען אין דער אָפּאָזיציע.

דעם 5טן סעפּטעמבער האָט בענעש זיך דעקלאַרירט גרייט צו געבן די סודעטן־דייטשן אויטאָנאָמיע, ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט, אָבער אין בערלין האָט מען געדענקט באַריכטן אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג פון דעם 14טן מיי וואָס טשעמבערלען, ווען ער איז געווען אויף אַ וויזיט ביי ליידי

אסטאָר, זאָל האָבן געזאָגט: „טשעכאָסלאָוואַקײַ קאָן סײַ ווי נישט עקסיס־טירן אין דעם איצטיקן צוזאַמענשטעל. נישט ענגלאַנד און אויך נישט פראַנקרײַך אָדער רוסלאַנד װעלן זיך שלאָגן צוליב טשעכאָסלאָוואַקײַ".

לויט באַפעלן פון בערלין האָט הענליין אָפּגעבראָכן זײַנע פאַרהאַנד־לונגען מיט דער טשעכישער רעגירונג.

ענגלאַנד האָט פראָבירט אָפּרעדן פוילן פון גיין מיט דײַטשלאַנד אין דעם סודעטן־קאָנפליקט. טשעכאָסלאָוואַקײַ װעט געבן ספּעציעלע פּריווי־לעגיעס צו דער פּוילישער מינאָריטעט אין דער טשעשין־געגנט. פוילן װעט באַקומען אַ פּלאַץ אין ראַט פון פעלקערבונד און װעט האָבן אַ דעה אין וועלט־פּאָליטיק, אויב זי װעט זיך אַרויסזאָגן פאַר גאַראַנטירן די גרענעצן פון טשעכאָסלאָוואַקײַ. אָבער פוילן האָט גאָר געשיקט מיליטער צו איר גרענעץ מיט די טשעכן.

דעם 7טן סעפּטעמבער איז אין דער לאָנדאָנער טײַמס געווען אַן עדי־טאָריאַל מיט אַ נײַעם געדאַנק. „עס איז כדאי טשעכאָסלאָוואַקײַ זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן דער אידיי, זי זאָל אָרומשנײַדן אירע גרענעצן און אָפּשנײַדן די ראַנדן וואָס האָבן אַ פרעמדע באַפעלקערונג און זענען אין שכנות פון דעם לאַנד מיט וועלכן די באַפעלקערונג איז פאַרבונדן דורך איר ראַסע. טשעכאָסלאָוואַקײַ וועט דורך דעם ווערן אַ מער האָמאָגע־נישע מדינה".

אַן אַנדערע צײַטונג האָט קאָמענטירט אַז די טײַמס האָט דערשראָקן די הענלײַניסטן. זיי ווילן גאָר נישט „אָפּשנײַדן די ראַנדן". זיי ווילן אויטאָנאָמיע נאָר אין טשעכאָסלאָוואַקײַ. זיי וועלן דעמאָלט קאָנען צוזאַ־מען מיט די טשעכישע פּריצים און די סלאָוואַקישע קלעריקאַלן משפּיע זײַן די צענטראַלע רעגירונג זי זאָל בײַטן איר איצטיקע פּראָסאָוויעטישע פּאָליטיק אויף אַ פּראָדײַטשער.

ווילהעלמשטראַסע איז געווען איבעראַשט פון דעם אַרויסטריט אין טײַמס, די קאָנספּיראַטאָרן — צעמישט.

דאָס וואָס די טײַמס האָט פאַרגעלייגט האָט געמיינט אַז טשעכאָסלאָ־וואַקײַ זאָל אָוועקגעבן היטלערן גאַנץ סודעטן־לאַנד, אײַנגעשלאָסן די באַהעמישע פאָרטיפיקאַציע־ליניעס. די ענגלישע רעגירונג האָט געלייקנט אַז דאָס איז איר שטעלונג, אַז די טײַמס האָט באַקומען אַ ווונק פון רעגירונג־קרײַזן.

די וועלט האָט געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף דער רעדע וואָס היטלער האָט געדאַרפט האַלטן בײַם שליסן דעם נאַצי־קאָנגרעס אין נירנבערג דעם 1טן סעפּטעמבער. היטלערס רעדע איז געווען פול מיט סם קעגן די טשעכן, אָבער ער האָט פּראָבירט זיך פאַרשטעלן ווי אַ מענטש וואָס זוכט נאָר שלום און גערעכטיקייט.

„...ווען אַ גרויסער פּאַטריאָט און מלוכה־מאַן (פּילסודסקי) איז גרייט געווען מיט אונדז צו שליסן אַן אָפּמאַך, האָבן מיר דערגרייכט סטאַביליטעט און רויִקייט אויף אונדזערע גרענעצן מיט פּוילן, און די גרענעצן קאָנען באַטראַכט ווערן ווי נישט־בײַטעוודיק און פּערמאַנענט. אָבער עס ווײַזט אויס אַז דײַטשע צוריקגעהאַלטנקייט ווערט אין געוויסע קרײַזן באַטראַכט ווי שוואַכקייט. וויל איך דאָ זאָגן אַז... עס זענען פאַראַן דײַטשע אינטע־רעסן וואָס מיר זענען גרייט צו פאַרטיידיקן אין יעדער סיטואַציע.

„מע האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אַז מיר האָבן זיך מאָביליזירט און גרייטן זיך אַריבערגיין די גרענעץ, און טייל לענדער האָבן זיך מאָביליזירט. ווען דײַטשלאַנד האָט נישט געענטפערט אויף דער פּראָוואָ־קאַציע, האָט מען געזאָגט אַז מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן פאַר די טשעכן אָדער זיך דערשראָקן פאַר אַן אינטערווענץ פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך. זאָלן אַלע וויסן אַז אַזאַ גרויסמאַכט ווי דײַטשלאַנד וועט אַזאַ זאַך נאָך אַ מאָל נישט טאָלערירן!

„אין די אינטערעסן פון שלום פּראָקלאַמיר איך אַז מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פון אונדזערע פאָדערונגען. ...כ'וועל נישט דערלאָזן סודעטן־לאַנד זאָל ווערן אַ צווייטע פּאַלעסטינע!"

אָנגערעגט און דערהמוטיקט פון היטלערס רעדע, האָבן די ענגלײַניסטן פּראָבירט מאַכן אַן אויפשטאַנד, די טשעכן האָבן גיך צוריקגעשטעלט די אָרדענונג. הענלײַן איז אַנטלאָפן קיין דײַטשלאַנד.

די טײַמס אין לאָנדאָן איז געווען צופרידן וואָס היטלער האָט אין זײַן רעדע געלאָזט אַן אָפענע טיר בנוגע טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער געווען אין כעס וואָס ער האָט דערמאָנט פּאַלעסטינע. פּאַלעסטינע איז אַ ריין ענגלישער ענין.

דעם 13טן סעפּטעמבער, צו מאָרגנס נאָך היטלערס רעדע, איז דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרײַך גערופן געוואָרן צו אַן אײַליקער קאָנפערענץ מיט פּרעמיער דעלאַדיע. דעלאַדיע האָט דורך אים אַפּעלירט

צו טשעמבערלענען צו מאַכן אַ וויַטגייענדיקע פּשרה מיט דעם דיַיטשן דיקטאַטאָר.

דעם צווייטן סעפּטעמבער האָט גענעראַל האַלדער, פון די קאָנספּי־ראַטאָרן, געהאַט געשיקט אַ צווייטן שליח קיין לאָנדאָן אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם בריטישן שפּיאָניר־דינסט. דער שאַרזש־ד׳אַפער פון דער דיַיטשער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן, טעאָדאָר קאָרדט, האָט אויסגעזאָגט דעם בריטישן אויסערן־מיניסטער דעם סוד וועגן „אַקציע גרין". היטלער וועט פּראָקלאַמירן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע דעם זעכצעטן סעפּטעמבער און וועט אָנגריַיפן טשעכאָסלאָוואַקיַי דעם ערשטן אָקטאָבער.

הייסט עס — מלחמה. אַלץ איז שוין גרייט, דער גזר איז שוין געפאַלן! דאָס האָט אַזוי דערשראָקן דעם „פאָרען אָפיס" אַז דאָס איבעריקע וואָס דער זעלביקער טעאָדאָר קאָרדט האָט זיי געזאָגט האָט שוין נישט געמאַכט קיין איַינדרוק. ער האָט אויך געזאָגט אַז די אַרמיי איז קעגן מלחמה, אַז ווען היטלער וועט געבן דעם מלחמה־באַפעל וועלן די גענעראַלן אַרויס־טרעטן קעגן אים און וועלן זיכער געווינען. אויב זיי וועלן וויסן אַז זיי האָבן ענגלאַנד און פראַנקריַיך הינטער זיך.

ווי איבערראַשט האָט געמוזט זיַין דער זעלביקער טעאָדאָר קאָרדט ווען ער האָט באַקומען די ידיעה אַז טשעמבערלען וויל פליִען צו היטלערן גרייט צו פאַרהאַנדלען „וויַטגייענדיקע" דיַיטשע פאָרלייגן.

„איך בין פאָם הימל געפאַלן!" האָט היטלער אויסגערופן מיט חוזק ווען ער האָט באַקומען טשעמבערלענס טעלעגראַמע אַז ער איז גרייט צו קומען אַפילו מאָרגן.

דעם 15טן סעפּטעמבער 1938 האָט טשעמבערלען מסכים געווען אָפּצושניַידן סודעטן־לאַנד פון טשעכאָסלאָוואַקיַי אויפן סמך פון „אַליין־באַשטימונג". היטלער האָט געטאָן טשעמבערלענען אַ פריַינדלעכע טובה און אים צוגעזאָגט נישט אָנצוהייבן קיין מיליטערישע אַקציע ביז זיי וועלן זיך ווידער טרעפן. טשעמבערלען האָט געבראַכט זיַין פּשרה פאַר זיַין קאַבינעט און באַקומען זייער אָפיציעלע הסכמה. ענגלאַנד האָט פאַרשטאַרקט דעם דרוק אויף טשעכאָסלאָוואַקיַי.

גליַיך צו מאָרגנס האָט ווילהעלמשטראַסע געלאָזט וויסן די דיַיטשע אַמבאַסאַדאָרן אומעטום: אויטאָנאָמיע פאַר די סודעטן קומט מער נישט אין באַטראַכט.

טשעמבערלען האָט געבראַכט היטלערן אַלץ וואָס ער האָט פריִער געהאַט געפאָדערט; היטלער האָט אים געזאָגט אַז דאָס איז מער נישט אַננעמלעך.

ענגלאַנד און פראַנקרײַך ווילן זיך נישט שלאָגן פאַר טשעכאָסלאָוואַקײַ, אָבער עס וואָלט גוט געווען די טשעכן זאָלן זיך יאָ וועלן שלאָגן. דער טראַט פון זײַנע סאָלדאַטן וועט אָפּהילכן איבער דער וועלט, און דער חוצפּהניק בענעש וואָס האָט אין מײַ אים געבײַט זיך צוריקצוציִען, זאָל באַקומען זײַן פּסק אין אָקטאָבער. האָט היטלער שוין געהאַט באַשלאָסן.

טשעמבערלען איז צוריקגעקומען פון זײַן צוזאַמענטרעף מיט היטלערן אַ צופרידענער. דער ענגלישער פּעאָט מעיספילד האָט געשריבן אַן אָדע צום בראַוון מנהיג וואָס האָט געראַטעוועט די וועלט פון אַ צווייטער וועלט־מלחמה. היטלער האָט דערווײַל באַפוילן זײַנע גענעראַלן ווײַטער צוצוגרייטן די אַקציע גרין.

דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעזידענט בענעש האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלייג אָוועקצוגעבן סודעטן־לאַנד מיט אַלע פאָרטיפיקאַציעס. אָבער נאָך דעם ווי ענגלאַנד און פראַנקרײַך האָבן געמאַכט קלאָר אַז טשעכאָסלאָוואַקײַ וועט דאַרפן קעמפן אַליין, האָבן די טשעכן פאָרגעלייגט צו ברענגען דעם קאָנפליקט צו אַרביטראַציע אין הסכם מיט דעם דײַטש־טשעכישן אָפּמאַך פון 1925.

נאָך ווײַטערדיקן דרוק פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך, און נאָכן איבערצײַגן זיך אַז אין ענגלאַנד און פראַנקרײַך וועט רוסלאַנד אויך שטיין פון ווײַטן, האָט די טשעכישע רעגירונג, דעם 21טן סעפּטעמבער, זיך אונטערגעגעבן און אָנגענומען דעם אַנגלאָ־פראַנצייזישן פּלאַן, און נאָך דעם זיך אָפּגעגעבן אין דימיסיע.

דעם 22סטן סעפּטעמבער איז טשעמבערלען ווידער געקומען צו זען היטלערן. עס איז אים אָנגעקומען שווער צו איבערצײַגן די ענגלישע און פראַנצייזישע רעגירונגען אָנצונעמען הער היטלערס פאַרלאַנגען, אָבער עס איז אים סוף־כּל־סוף געלונגען צו באַקומען זייער הסכמה און אויך די טשעכישע רעגירונג האָט עס אָנגענומען. ער, טשעמבערלען, איז אַפילו מסכּים די סודעטן זאָלן איבערגעגעבן ווערן אָן אַ פּלעביסציט. נאָר די שטחים מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג זאָלן פאַרהאַנדלט ווערן דורך

אַ קאָמיסיע פון איין דײַטש, איין טשעך, און, ווי אַ דריטער, עמעץ וואָס איז נייטראַל אין דעם קאָנפליקט.

צו טשעמבערלענס איבערראַשונג האָט היטלער געזאָגט אַז דאָס איז פאַר אים מער נישט אָנגעמלעך.

טשעמבערלען האָט פון זײַן האָטעל זיך פאַרבונדן מיט לאָנדאָן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו לאָזן וויסן די טשעכן אַז ענגלאַנד און פראַנקרײַך קאָנען מער נישט נעמען אויף זיך די אַחריות צוריקצוהאַלטן די טשעכן פון מאָביליזירן זייערע כּוחות.

צו מאָרגנס, נאָך לאַנגע דינגעניש, האָט היטלער געגעבן טשעמבערלענען אַ מעמאָראַנדום מיט אַ מאַפּע, ווו ער האָט אָנגעצייכנט די שטחים וואָס די טשעכן מוזן פאַרלאָזן אין פאַרלויף פון צוויי טעג. נאָך אַ ווײַטער־דיקער דינגעניש האָט היטלער געטאָן טשעמבערלענען אַ טובה וואָס ער וואָלט „נישט געטאָן פאַר עמעצן אַנדערש״, און פאַרלענגערט די דאַטע ביז דעם 1טן אָקטאָבער.

טשעמבערלען האָט פאַרלאָזט היטלערן אין אַ גוטער שטימונג. ער פילט, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז צווישן אים און דעם פירער געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספערע פון קעגנזײַטיקן צוטרוי.

✶

אייראָפּע איז נישט געווען איבערגעצײַגט אַז דער „קעגנזײַטיקער ציטרוי״ צווישן דעם דײַטשן דיקטאַטאָר און דעם ענגלישן פּרעמיער איז פאַרלאָזלעך. טשעמבערלען האָט נישט באַוויזן צו געווינען זײַן אייגענעם קאַבינעט פאַר היטלערס נײַע פאָדערונגען. די פראַנצייזישע רעגירונג האָט דעקלאַרירט אַ באַגרענעצטע מאָביליזאַציע.

טשעמבערלען האָט געשיקט אַ ספּעציעלן שליח, האָראַס ווילסאָן, מיט אַ בריוו צו היטלערן. היטלער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און זיך צעשריגן מיט כּעס: „די דײַטשן ווערן באַהאַנדלט ווי נעגערס! אויב ענגלאַנד און פראַנקרײַך ווילן מלחמה וועלן זיי עס האָבן. קומענדיקן מיטוואָך וועלן מיר האָבן מלחמה״.

האָראַס ווילסאָן האָט געוואָרנט היטלערן אַז אויב פראַנקרײַך וועט אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ מלחמה וועט ענגלאַנד מוזן אונטערשטיצן איר

פֿאַרבינדטע. װילסאָן האָט אָבער פֿאַרזיכערט דעם „פֿירער״ אַז ער װעט זיך באַמיִען אַרײַנקלאַפּן אַ ביסל שׂכל אין די טשעכישע קעפּ.

פֿראַנקרײַך האָט מאָביליזירט פֿינעף און זעכציק דיװיזיעס, דײַטשלאַנד האָט דעמאָלט געהאַט נאָר צװעלף. יוגאָסלאַװיע און רומעניע האָבן געװאָרנט אונגערן אַז זײ װעלן אָננעמען מיליטערישע שריט אױב אונגערן װעט אָנגרײַפֿן טשעכאָסלאָװאַקײַ. דער „דוטשע״ האָט גאָרנישט געטאָן אױף זײַן גרענעץ מיט פֿראַנקרײַך אָפּצוצײַען פֿראַנצײזיש מיליטער פֿון די דײַטשע גרענעצן, װי היטלער האָט זיך געריכט. פּראַג האָט פֿאַרענדיקט די מאָביליזאַציע פֿון אַ מיליאָן סאָלדאַטן. בריטאַניע האָט אױך אָנגעהױבן מאָביליזירן איר פֿלאָט, און אין ענגלאַנד האָט מען גענומען גראָבן שוצגראָבנס אין די פּאַרקן.

היטלער איז װײכער געװאָרן. ער האָט אָװעקגעשיקט אַ דרינגענדיקן בריװ צו טשעמבערלענען אַז ער איז גרײט צו פֿאַרהאַנדלען מיט די טשעכן װעגן דעטאַלן. ער איז אױך גרײט צו גאַראַנטירן די גרענעצן פֿון דער פֿאַרקלענערטער טשעכאָסלאָװאַקײַ.

טשעמבערלען האָט גענומען אױף זיך צו ברענגען בענעשן צום שׂכל. אין אַ ראַדיאָ־רעדע צום בריטישן פֿאָלק האָט ער גערעדט אָפֿענע דיבורים: „מיר פֿילן מיט מיט אַ קלײן פֿאָלק װאָס איז באַדראָט פֿון אַ מאַכטיקן שכן. מיר קאָנען פֿון דעסט װעגן נישט אַרײַנפֿירן די גאַנצע בריטישע אימפּעריע אין אַ מלחמה צוליב מיטגעפֿיל... הער היטלער האָט מיר געגעבן זײַן פֿאַרשװיגלעכע פֿאַרזיכערונג אַז נאָך דעם װי דאָס סודעטן־פּראָבלעם װעט געלײזט װערן, װעט ער מער נישט האָבן קײן שום טעריטאָריאַלע פֿאָדערונגען אין אײראָפּע. ...װי שרעקלעך, פֿאַנטאַסטיש און נישט־גלײבלעך מיר זאָלן בױען שוצגראָבנס און אָנמעסטן גאַזמאַסקעס צוליב עפּעס אַ מחלוקה אין אַ װײַט לאַנד צװישן פֿעלקער װעגן װעלכע מיר װײסן גאָרנישט״.

אין אַן ענטפֿער אױף היטלערס אַ בריװ האָט טשעמבערלען צו אים געשריבן: „איך פֿיל אַז דו קאָנסט באַקומען אַלץ װאָס דו װילסט אָן אַ מלחמה. איך בין גרײט צו קומען קײן בערלין״.

*

פֿינטשע האָט אָװעקגערוקט זײַן העפֿט מיט די נאָטיצן, װי אָפּגעשטופּט עס פֿון זיך. װוּ איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געװאָרן זײַן אָפּטימיזם? ער דאַרף

זיך באַלד טרעפן מיט מינדעלען; וואָס האָט ער זיך אַריַינגעטריבן אין אַזעלכע טרויעריקע מחשבות? הענגט טאַקע די שווערד פון משחית איבער דעם גורל פון דער וועלט? אפילו אַ בהמה פילט דעם אָנקום פון אַ שטורעם, און ער זעט נישט עמעץ זאָל זיַין אַלאַרמירט. מע פירט ליבעס, מע פּראַוועט חתונות, מע ברענגט קינדער אויף דער וועלט — ווי קיין מאָל גאָרנישט. ער אַליין האָט אַ סך טרוימען און גרויסע פּלענער וועגן וועלכע ער גרייט זיך טאַקע רעדן מיט מינדעלען. עס איז די ציַיט פון ימים־טובים און ער טריַיבט זיך אַריַין אין אַ תשעה־באָב־שטימונג.

דער שפּאַציר מיט מינדעלען האָט געהאַט אַ מעלה און אַ חסרון. די מעלה — עס איז אַ תענוג צו רעדן מיט איר. זי איז קלוג, זי האָט הומאָר און איז אַ ביסל שטיפעריש. דער חסרון — קינד־און־קייט קענען דעם רבס טאָכטער. מער ווי איין מאָל האָט אים אָנגעגומען אַ חשק זי אַרומצונעמען, אַ קוש טאָן, אָבער מע האָט זיי נאָכגעקוקט ווו נאָר זיי זענען געגאַנגען. ווען זי וועט אַריַינקומען אין זיַין הויז אויף גוט, וועט ער זיך אָפּנעמען פאַר אַלע ציַיטן.

ער איז אַהיימגעקומען מיט אַ גוט געפיל, אין די צוויי שעה מיט מינדעלען האָט ער פאַרגעסן אין אַלע צרות. אַריַינגעקומען אין זיַין שטוב האָט ער געפונען אויף זיַין טיש אַ הויפן ציַיטונג־אויסשניטן, און זיַין נאָטיצן־העפט — אָפן. ער האָט זיך צוגעזעצט נאָך צו כאַפּן אַ בליק וואָס ער האָט אַריַינגעשריבן פאַרן אוועקגיין, אָבער שוין געבליבן זיצן ביַי זיַין העפט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

★

דעם 28סטן סעפּטעמבער האָט דער פראַנצייזישער אַמבאַסאַדאָר, במשך דעם גאַנצן פרימאָרגן, זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו היטלערן. די מינוטן זענען געלאָפן, דעם אַמבאַסאַדאָרס פּאַניק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. ער האָט געשיקט זיין מיליטערישן אַטאַשע צום דיַיטשן גענע־ראַל־שטאַב זיי צו איבערציַיגן אַז פראַנקריַיך איז גרייט צו מאַכן פּשרות עד־חצי־מלכות־טשעכן. ער האָט געבעטן דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, נעוויל הענדערסאָן, צו העלפן אים אַראַנזשירן אַן אודיענץ. הענדערסאָן האָט געבעטן הילף ביַי גערינגען.

היטלער האָט צום סוף באַוויליקט אויפצונעמען דעם פראַנצייזישן

אַמבאַסאַדאָר. מ׳סיע פֿאַנסעט האָט געבראַכט מיט זיך אַ מאַפּע מיט אַ צעשניטענער טשעכאָסלאָוואַקײַ וואָס האָט אַפּילו אויף היטלערן געמאַכט אַ רושם. היטלער האָט נאָך געשמועסט מיט דעם פֿראַנצײזישן אַמבאַסאַ־דאָר ווען דער איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר איז געקומען צו לויפֿן אָן אָטעם. עס זענען געבליבן נאָר צוויי שעה צום אויסגײן פֿון היטלערס אולטימאַטום. אַמבאַסאַדאָר אַטאָליקאָ האָט געגעבן היטלערן אַ בריוו פֿון מוסאָליניִן, און צוגעגעבן מיט אַ ציטערדיק קול: „דער דוטשע בעט דעם פֿירער דערווײַל זיך צוריקהאַלטן פֿון מאָביליזאַציע״.

ווען נעוויל הענדערסאָן האָט איבערגעגעבן דעם פֿירער אַ בריוו פֿון ענגלישן פּרעמיער אַז ער קאָן באַקומען אַלץ אָן מלחמה און אָן אָפּשלעפּ־פּונגען, איז היטלער געוועזן גענעדיק און געזאָגט אַז אויפֿן צודרינגלעכן פֿאַרלאַנג פֿון זײַן גרויסן פֿרײַנד, דעם דוטשע, באַוויליקט ער אָפּצולייגן די מאָביליזאַציע אויף איין מעת־לעת.

דעם 28סטן סעפּטעמבער, שפּעט נאָך מיטאָג, האָט טשעמבערלען גע־האַלטן אַ רעדע אין בריטישן פּאַרלאַמענט. מע האָט אים איבערגעריסן אין מיטן רעדן און אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיר. טשעמבערלען האָט עס איבערגעלייענט און זײַן גאַנץ פּנים האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט באַלד איבערגעגעבן דעם פּאַרלאַמענט די בשׂורה, אַז הער היטלער האָט פֿאַרבעטן אים, דאַלאַדיען, און מוסאָליניִן, צו קומען קיין מינכן צו מאָרגנס אין דער פֿרי.

יאַן מאַסאַריק, דער טשעכישער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד, האָט פֿון זײַן דיפּלאָמאַטישער לאָזשע זיך צוגעקוקט מיט שטוינען צו דער היסטעריע וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דעם אַלטן בכּבֿודיקן פּאַרלאַמענט פֿון גרויס־בריטאַניע. מע האָט געוויינט און געטאַנצט, געוואָרפֿן פּאַפּירן אין דער לופֿט און געדאַנקט גאָט פֿאַר דעם נס, און פֿאַר דעם וווּנדערלעכן פּרעמיער־מיניסטער טשעמבערלען.

אין מינכן האָט דער בורר מוסאָליני פֿאָרגעלייגט אַ „קאָמפּראָמיס״ וואָס איז פֿריִער צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין דײַטשן אויסערן־מיניס־טעריום. ווען טשעמבערלען האָט געהערט אַז די טשעכן דאַרפֿן תּיכּף פֿאַרלאָזן סודעטן־לאַנד און וועלן גאָרנישט טאָרן מיטנעמען מיט זיך, האָט זיך אויפֿגעוועקט אין אים דער סוחר. ער האָט כאָטש געוואָלט אויסדינגען אַז די פּויערים זאָלן מעגן מיטנעמען זייערע בהמות. היטלער

איז געוואָרן אין כּעס. ער אַרבעט דאָ אַזוי שווער צו ראַטעווען די וועלט פון מלחמה, ער האָט נישט קיין צײַט פאַר אַזעלכע קלייניקייטן.

דעם 30סטן סעפּטעמבער, שפּעט אין אוונט, האָט מען אין מינכן געבראַכט די טשעכישע פאָרשטייערס צו טשעמבערלענס יועצים, האָראַס ווילסאָן און פראַנק אַשטאָן־גוואַטקין. ווילסאָן האָט די טשעכן געגעבן אַ מאַפּע ווו עס איז געווען אָנגעצייכנט וועלכע טעריטאָריעס זיי דאַרפן תּיכּף עוואַקויִרן. די טשעכן האָבן געשריגן און געבעטן זיך. ווילסאָן האָט זיי געזאָגט אַז ער האָט גאָרנישט מער צו הערן, גאָרנישט מער צו זאָגן, און איז אַרויס. אַשטאָן־גוואַטקין איז געבליבן און געוואָרנט די טשעכן: „ס'קאָן זײַן אַז די פראַנצויזן וועלן געפינען מילדערע ווערטער אײַך דאָס צו זאָגן, אָבער עס בלײַבט דער פאַקט אַז אויב איר וועט נישט תּיכּף אָננעמען וואָס מיר האָבן באַשלאָסן, וועלן מיר זיך אָפּוואַשן די הענט פון דעם גאַנצן עסק, גייט איר אַליין צו היטלערן און האַנדלט מיט אים".

געווען אין דעם מינכענער אָפּמאַך אויך אַ קאָנצעסיע צו די טשעכן. נאָך דעם ווי די גרענעץ־קאָנפליקטן מיט אונגערן און פּוילן וועלן ווערן געלייזט, וועלן אַלע פיר מלוכות פון דעם מינכענער אָפּמאַך, דײַטשלאַנד און איטאַליע אײַנגעשלאָסן, גאַראַנטירן די נײַע טשעכישע גרענעצן.

טשעמבערלען איז צוריקגעקומען פון מינכן ווי אַ זיגער. גרויסע מאַסן האָבן אים אָפּגעוואַרט אויפן פליפלאַץ און בײַ זײַן ביוראָ אויף דאַונינג־סטריט. „גוד אָלד נעוויל!" האָבן די מאַסן געשריגן, „פאַר הי איז אַ דזשאָלי גוד פעלאָו", האָבן זיי געזונגען. מע האָט קוים געקאָנט אײַנשטילן די יובל־געשרייען און געזאַנגען כּדי דער 'גוטער ברודער' נעוויל זאָל קאָנען רעדן צום עולם.

אין מיטן דער גרויסער באַגײַסטערונג פאַר טשעמבערלענס דערגרייכן האָט דער ערשטער לאָרד פון דער אַדמיראַליטעט, דאַף־קופּער, זיך אָפּגעגעבן אין דימיסיע. „דער פּרעמיער־מיניסטער", האָט דאַף־קופּער געזאָגט, „האָט צוטרוי צו היטלערס וואָרט נישט־געקוקט אויף דעם וואָס איז געשען פריִער. ווען הער היטלער האָט געבראָכן דעם ווערסײַלער טראַקטאַט, האָט ער געגומען אויף זיך אָפּצוהיטן דעם לאָקאַרנאָ־טראַקטאַט. ווען ער האָט געבראָכן דעם לאָקאַרנאָ־טראַקטאַט, האָט ער צוגעזאָגט אַז ער וועט מער נישט האָבן קיין שום טעריטאָריאַלע פאָדערונגען אין אייראָפּע. ווען ער האָט פאַרנומען עסטרײַך מיט גוואַלט, האָט ער אויטאָרי־

זירט זײַנע מענטשן צו געבן אַ פֿאַרזיכערונג אַז ער וועט נישט טשעפּען טשעכאָסלאָוואַקײַ. דאָס איז געווען ווייניקער ווי אַ האַלב יאָר צוריק, און דער פּרעמיער־מיניסטער זאָגט נאָך אַלץ אַז ער האָט צוטרוי צו היטלערס וואָרט און צו זײַנע גוטע כּוונות".

אויך אַן אַלטער עקשן וואָס איז נישט געווען אין דער רעגירונג, האָט אָפּגעזאָגט דאָס בריטישע פֿאָלק מיט קאַלט וואַסער. „מינכן איז אַ גרויסער דורכפֿאַל און אַ גרויסער אומגליק", האָט ווינסטאָן טשערטשיל געזאָגט אין פּאַרלאַמענט. „די וועגן צום דונײַ, צום שוואַרצן ים זענען אָפֿן. גאַנץ מיטל־אייראָפּע וועט אַרײַנפֿאַלן אין דעם נאַצישן סיסטעם. זאָל קיינער זיך נישט אײַנרעדן אַז דאָס איז שוין אַלץ. דאָס איז נאָר דער אָנהייב".

דאָס איז נישט געווען דער סוף, און דאָס איז אויך נישט געווען דער אָנהייב. איז אַפּריל 1936, אין די לעצטע טעג פֿון אומאָפּהענגיקן אַדיס־אַבעבאַ, האָט פּרינצעסין טסאַהײַ געזאָגט: „מיר זענען נאָר אַ קליין פֿאָלק, אָבער איך ווייס, און אַלע ווייסן, אַז אויב די וועלט לאָזט אָנגרײַפֿערס זאָלן אומברענגען מײַן לאַנד און מײַן פֿאָלק, וועט דאָס זײַן דער גורל פֿון דער גאַנצער ציוויליזאַציע. מיר אַלע טיילן איין גורל. די סכּנה פֿון טויט דורך באָמבעס און גאַז, וועט אין גיכן באַדראָען אויך אײַערע היימען. פֿאַר וואָס טוען מיר נישט עפּעס — אַלע צוזאַמען — דאָס צו פֿאַרמײַדן?"

גורל האָט גערעדט דורך דעם מויל פֿון דער זיבעצן־יאָריקער טונקל־הויטיקער פּרינצעסין. די וועלט האָט זיך נישט צוגעהערט. נאָר איין ניכטערער קאָפּ איז געבליבן: ווינסטאָן טשערטשיל. ער האָט געהאַט געוואָרנט וועגן אַביסיניע: „אויב עס איז ווען געווען אַ געלעגנהייט צו געבן אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ פֿאַר אַ גרויסן ציל מיט אַ מינימאַלער ריזיקע, איז עס איצט". אָבער די מאַכט איז דעמאָלט געלעגן אין די הענט פֿון באַלדווין.

ב.

דעם 21סטן סעפּטעמבער האָט פּוילן פֿאַרלאַנגט אַ פּלעביסציט אין דער טשעכישער טשעשין־געגנט ווו עס האָבן געוווינט אַ סך פּאָליאַקן.

דער פאַרבאַנד פון שלעזישע אויפשטענדלערס אין פוילן האָט גענומען ווערבירן פריַיוויליקע צו „באפריַיען טשעשין פון טשעכישער אָקופּאַציע".
די ליבעראַלע פּרעסע איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם אָבער אויך נישט דערוועגט זיך אַרויסצוטרעטן קעגן.

ווענן די רעכט פון דער יידישער מינאָריטעט אין פוילן, וואָס ווערט כּסדר באַגרענעצט, האָט איצט קיינער נישט גערעדט, אַפילו נישט די יידן. עס איז נישט די צייט אויפצונעמען אַזעלכע אינערלעכע ענינים ווען דאָס לאַנד איז פאַרוויקלט אין אַן אויסערלעכן קריזיס.

אָבער אין דעם זעלביקן טאָג ווען אין לאָדזש איז פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע צו באַשיצן די פּוילישע מינאָריטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיי און באַפריַיען די טשעשין-פּאָליאַקן פון דעם טשעכישן יאָך, האָט מען אויך פיַיערלעך געעפנט אַ „יידנריַינע"-האַלע ווו געוועלבער זענען פאַרדונגען געוואָרן נאָר צו אַריער. אַן עדיטאָריאַל אין דער אַנטיסע-מיטישער צייטונג אַ בע צע האָט פאַרזיכערט אַז די דיַיטשן ווילן נישט קיין מלחמה, אויך די טשעכן ווילן נישט קיין מלחמה, פון אַ מלחמה קאָנען זיי אַ סך פאַרלירן אָבער ווייניק געווינען. עס איז אָבער פאַראַן אַ סכּנה פון מלחמה, ווייַל די יידן ווילן אַ מלחמה קעגן היטלערן. די יידן רייצן אַן די אייראָפּעישע פעלקער איינעם קעגן אַנדערן.

אין וואַרשע איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַר פאַר-אייניקן מיט פוילן שלעזיע דרומדיק פון טייַך אָלזאַ. אויפן וועג צו דער מאַניפעסטאַציע אויפן פּילסודסקי-פּלאַץ, האָט מען דערוויַיל צעשלאָגן אַ פּאָר יידן. אויך אויף די אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד זענען די דעמאָנסט-ראַציעס לטובת דער פּוילישער מינאָריטעט אין טשעכאָסלאָוואַקיי באַגלייט געוואָרן מיט עקסצעסן קעגן יידישע סטודענטן.

דעם 30סטן סעפּטעמבער, אין דעם טאָג פון מינכן-אָפּמאַך, האָט פּוילן געשיקט צו טשעכאָסלאָוואַקיי אַן אולטימאַטום איבערצוגעבן צו פּוילן די טשעשין-געגנט אין פאַרלויף פון 24 שעה. די טשעכן האָבן פּראָבירט פאַרהאַנדלען, פּוילן האָט געפאָדערט אַ באַלדיקן קלאָרן ענטפער. די אַמבאַסאַדאָרן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך האָבן פּראָבירט פאַרמיטלען, נאָר זיי זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צום אויסערן-מיניסטער יוזעף בעק.

ווען פּויליש מיליטער האָט שוין אַריַינמאַרשירט קיין טשעשין, האָט

יוזעף בעק געהאַלטן אַ רעדע. „...דאָס איבערנעמען טשעשין האָט נישט נאָר אַ פּאָליטישן באַטײַט, עס איז אויך אַ פראַגע פון פּוילישן שטאָלץ... די לעצטע עטלעכע יאָר זענען אַן עקזאַמען פאַר מלוכות...“

דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער איז געווען איבערגעצײַגט אַז ער האָט גורם געווען פּוילן זאָל אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון מלוכות, און איז געווען שטאָלץ מיט דעם.

*

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען פּינטשע האָט אָװעק־גערוקט זײַן העפט און פּראָבירט פאַרשטיין וואָס עס געשעט אין דער וועלט. ווי אַזוי באַווײַזט יעדער וואָלף צו פאַראַדירן אין אַ שעפסנפעל? פאַר וואָס איז אַזוי שווער צו דערקענען אין קראָקאָדיל־טרערן דעם גרינעם סם פון רוצח? אוי געוואַלד, פאַר וואָס זענען די גוטע אַזוי נאַיִוו?

ווען דער גוטער וועט אויפהערן צו זײַן נאַיִוו, וועט ער אפשר אויך אויפהערן צו זײַן גוט?

נעוויל טשעמבערלען האָט געזאָגט צום ענגלישן פאָלק אַז עס איז שרעקלעך, פאַנטאַסטיש, און נישטגלייבלעך אַז מיר זאָלן בײַ אונדז בויען שוצגראָבנס צוליב אַן אַנדער לאַנד, דאָס איז דאָך די פילאָסאָפיע פון דעם ערשטן מערדער: „צי בין איך מײַן ברודערס היטער?“ ווען ער איז צוריקגעקומען פון מינכן האָט ער געזאָגט אַז ער האָט געבראַכט שלום און כבוד. דאָס איז אַ ליגן. קינס פילאָסאָפיע ברענגט נישט קיין שלום, און אוודאי נישט קיין כבוד.

בײַ אונדז האָט מען דעם וואָרט „פחדן“ געגעבן אַ נישט־ריכטיקע, נעגאַטיווע קאָנאָטאַציע. פחד איז אַ באַריער קעגן לײַכטזין, אַ שוץ־אינסטינקט, מע זאָל נישט לויפן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן. ווי זאָגט דער פּסוק אין משלי: „ווויל איז דעם מענטש וואָס איז נישט אויסגעטאָן פון פחד, ,ומקשה לבו יפול ברעה'“, דער עקשן וואָס לאָזט נישט צו קיין פחד וועט שלעכט ענדיקן.

ווי פחד איז אַ ברכה, אַזוי איז בהלה אַ קללה. אין פחד פאַר מלחמה רינגלט מען זיך אַרום מיט גוטע פּאָזיציעס און מיט געטרײַע פאַרבינדעטע,

אין בהלה פאַרלאָזט מען דאָס אַלץ. אַלץ וואָס איז געבויט געוואָרן אין יאָרן ווערט צעשטערט דורך נאַרישער בהלה. אויב די פּירערס פון דער פריַיער וועלט וואָלטן געהאַט אַ ביסל פּחד און געבויט שוצגראָבנס ווען היטלער האָט אָנגעהויבן צעפּירן די הענט, אויב זיי וואָלטן זיך דערשראָקן ביַי די ערשטע נאַצישע רציחות, וואָלט אפשר נישט געקומען צו דער שפּעטערדיקער בהלה.

קאַפּיטל צוויי

די כלה האָט געחלשט

א.

די הויפּט־אַנפירערשאַפט אין וואַרשע האָט משדך געווען דעם כעלמישן הכשרה־קיבוץ מיט דעם נײַעם קיבוץ אין ארץ־ישראל לב המפרץ. דאָרט איז שוין די ערשטע גרופּע אַרויף אויף באָדן אין גליל וואָס איז געווען ווײַט פון אַ ייִדישן יִשוב און אַרומגערינגלט מיט פײַנטלעכע אַראַבישע דערפער. מע האָט זיך באַוואָפנט מיט מאַסקעס קעגן די מאַלאַריע־מאָסקיטן, און מיט ביקסן קעגן מעגלעכע אָנפאַלערס. אין מיטן דער נאַכט האָט מען דאָרט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם ערשטן בנין. אינעם פונדאַמענט האָט מען אײַנגעמויערט אַ פּאַרמעט מיט דער אויפשריפט **בריתנו עם הקרקע**, אונדזער בונד מיט דער ערד.

דער קיבוץ אין כעלמיש האָט צוגעגרייט אַ יום־טוב מיט דער לאָזונג „בריתנו עם הקרקע”. בעת דעם יום־טוב האָט מען געזאָלט אויך דעם כעלמישן קיבוץ אַ נאָמען געבן „לב המפרץ” און די חברים וועלן שווערן טרײַקייט צו זייער ערד אין ארץ־ישראל.

די חגיגה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין כעלמישן פײַער־לעשער־זאַל. געקומען זענען אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פענער, די חלוצישע יוגנטלעכע אָנגעטאָן אין ווײַסע בלוזעס מיט בלויע קראַוואַטן; די פּני פון שטאָט, אין יום־טובדיקע מלבושים. ווער עס איז נישט אַרײַן אין זאַל האָט פון דרויסן אַרײַנגעקוקט דורך די פענצטער.

יאַקאָוו קאַליסקי האָט געעפנט די חגיגה: „מײַן גומען דאַרשט נאָך דעם פּאַרפעסטעטן וואַסער פון טײַך ‚נעמן׳ — מײַנע חברים גראָבן איצט דאָרט קאַנאַלן צו טריקענען די זומפּן. דאָרט ווערט דער באָדן צוגעגרייט פאַר מיר, מיר טוט ווי יעדער מאָסקיטן־ביס וואָס מײַדט מיך אויס. מײַנע חברים האַקן איצט שטיינער אין די גראָבנס נעבן עכו, די זומפּן גיבן

נאָך נישט אַרויס קיין ברויט, מיך בריט יעדער טראָפּן שווייס וואָס איך מײַד אויס צו פֿאַרגיסן. אין די נעכט שטייען מײַנע חברים אויף שמירה קעגן באַנדיטישע אָנפֿאַלן, און מיר בלוטיקט יעדע קויל וואָס האָט מיך אויסגעמיטן ווײַל אַנדערע פֿאַרנעמען מײַן אָרט. מיר שליסן הײַנט אַ בונד מיט אונדזער ערד. מיר ווילן זי וואַשן מיט אונדזערע טרערן פֿון פֿרייד, מיר ווילן זי באַפֿעטיקן מיט אונדזער שווייס. מיר רופֿן צו דער וועלט: ,עפֿנט פֿאַר אונדז די טויערן צו אונדזער היים. אונדזער ציל איז בוי און נישט קאַמף. מיר ברענגען ליבשאַפֿט און נישט שינאה'. אין די אוראַלטע צײַטן האָט מען כּורת־ברית געווען מיט ברענגען קרבנות. אויב אונדזער ערד דאַרף קרבנות, דעדיקירן מיר זיך אַליין ווי די קרבנות. מיר זענען כּורת־ברית מיט אונדזער ערד אַ בונד פֿון לעבן. אויב טויט האָט דער גורל אַנגעגרייט פֿאַר עמעצן פֿון אונדז, איז עס אַ טויט וואָס וועט ברענגען לעבן פֿאַר אונדזער לאַנד, פֿאַר אונדזער פֿאָלק, פֿאַר סאָציאַליזם און גערעכטיקייט!"

אַפֿילו עליאַש, דער קאָמוניסט, האָט אַפּלאָדירט. נישט בחינם האָט מען געזאָגט אויף אים אַז ער האָט אַ קאָמוניסטישן קאָפּ און אַ ציוניסטיש האַרץ.

דער פֿאָרשטייער פֿון „בונד" האָט דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט אַ פּאָלעמישן טאָן: „מיר באַגריסן אײַך ווי אַרבעטערס און סאָציאַליסטן, כאָטש מיר זענען פֿאַר בויען אונדזער צוקונפֿט דאָ, אויף דער ערד וווּ מיר זענען געבוירן געוואָרן, און דאָ קעמפֿן פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. מיר זענען קעגן דעפּעטיזם און שוואַרצע נביאות. פֿון הײַנט איבער אַכט טאָג וועלן מיר לייגן דעם גרונטשטיין פֿאַר דעם בנין פֿון אַ „ציש״אָ"־שול צו דערציִען אונדזערע קינדער ווי ייִדן און סאָציאַליסטן".

דווקא אַ פֿרײַנד פֿון קיבוץ האָט פֿאַרוואַנדלט די חגיגה אין אַ פּאָליטישן מיטינג. ד״ר לעמבערג, דער פּרעזעס פֿון דער כעלמישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט באַלד אָנגעהויבן מיט קריטיק: „איך זע דאָ בלוי־ווײַסע ציוניסטישע פֿענער, רויטע סאָציאַליסטישע פֿענער, מיר פֿעלט די רויט־ווײַסע פּוילישע פֿאָן. מיר וווינען אויף דער ערד שוין באַלד טויזנט יאָר, איר גורל איז אונדזער גורל. די אַנטיסעמיטן פֿאָדערן מע זאָל אויסשליסן ייִדן פֿון מיליטער־דינסט און מאַכן זיי פֿאַר צווייט־ראַנגיקע בירגער. מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסשליסן פֿון דינען אונדזער

פוילישער ערד. איך בין אַ ציוניסט. ארץ־ישׂראל איז דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות, אונדזער פאָטערלאַנד. פוילן איז אונדזער מוטערלאַנד. איך האָב זיך געגרייט היינט רעדן וועגן אונדזער פאָטערלאַנד אָבער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז אונדזער מוטערלאַנד איז אין אַ קריזיס, טאָרן מיר דאָס היינט נישט פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן. אין ווערסייל איז אונדז געשען אַן עוולה. צוליב דער השפעה פון טאָמאַס מאַסאַריק האָט מען אַ שטיק אייבערשלעזיע באַוויזנט פון אַ מאַיאָריטעט פאָליאַקן, איינגעשלאָסן אין דער גרענעץ פון טשעכאָסלאָוואַקיי. פוילן פאָדערט איצט די טשעשינער געגנט, דאָס שטיק אייבערשלעזיע אַריבער דעם טייך אָלזאַ איז פויליש! נישט־געקוקט אויף דעם וואָס פוילנס אולטימאַטום צו טשעכאָסלאָוואַקיי קומט צוזאַמען מיט אולטימאַטום פון אַ מאַכט וואָס איז אונדז נישט צום הארצן, זענען מיר מיט אונדזער פוילן און אירע פאָדערונגען. איך בין צופרידן וואָס די לאָזונג איז דאָ היינט ׳בריתנו עם הקרקע׳. מיר זענען צוזאַמען מיט פוילן פאַרבונדן מיט טשעשין״.

צוליב אַ בייזוויליקן אַרטיקל אין אַ אַנטיסעמיטישער צייטונג קעגן יידישן מיליטער־דינסט, האָט דאָקטאָר לעמבערג געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם אָוונט אין אַ פויליש־פּאַטריאָטישער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז אים נישט געלונגען. „בירגערס אין אַ פרייער מדינה האָבן אַ רעכט נישט צו שרייען ׳הורא׳ ווען זייער רעגירונג באַגייט אַן אומרעכט״, האָט מען פּאָלעמיזירט מיט לעמבערגן, „דער פּוילישער אולטימאַטום שפּילט אַריין אין היטלערס הענט, די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט איז קעגן״.

עס איז געוואָרן אַ טומל. איין צד האָט געוואָלט אַריבערשרייען דעם צווייטן. עס איז אַפילו נישט געקומען צו דער שבועה פון „בונד מיט דער ערד״ וואָס האָט געדאַרפט זיין דער הויכפּונקט פון דער חגיגה.

משה בוימל האָט צו מאָרגנס געשריגן: „אַלע צרות קומען פון די וואָס ווילן זיך באַווייזן מיט שיינע רעדעס, אָדער וואָס ווילן זיך הנפּענען צו די שטעטלשע קליינבירגערס. די חגיגה האָט געדאַרפט זיין אינטים נאָר פאַר חברים פון קיבוץ״.

„די זומפּן פון ארץ־ישׂראל דאַרפן חלוצים. מע מוז די חגיגות מאַכן עפנטלעך כדי צו באַווירקן אַנדערע״, האָט זאַשקע אים געענטפערט.

משה איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן: „אויב יאַקאָוו וועט אַפילו אונטערצינדן דעם קיבוץ, וועסטו אים געבן

גערעכט! דאָ איז נישט ׳לב המפרץ׳, דאָ איז ׳לב הפרצה׳, דאָ איז אַ הכשרה פאַר פאַלשקייט און פאַרראַט!״

עס האָט איינגעטרעטן אַ טויט־שטילקייט. אַ נייע חברה, חוה, האָט אָנגעהויבן שטיל, אָבער מיט אַ קלאָר שאַרף קול, ווי זי וואָלט יעדעס וואָרט אויסגעשניטן מיט אַ מעסער: „אַ בחור, משה בוימל, האָט זיך גענומען די עצה צו באַליידיקן דעם גאַנצן קיבוץ און יעדן איינעם פון אונדז. אויב מיר זענען אַלע פאַררעטערס, דאַרף מען אונדז אַלע אויסשליסן און לאָזן דאָ נאָר משהן. אויב מיר זענען נישט קיין פאַררעטערס איז משה אַ ליגנער און אַ דעסטרוקטיווער מענטש, דאַרף מען אים אויסשליסן פון קיבוץ! איינס פון דיביידע. קיין אַנדער וועג איז נישטאָ״.

משה איז אַרויסגעלאָפן.

עס איז געוואָרן אַ טומל. אַלע האָבן גערעדט מיט אַ מאָל. פאַר וואָס טאַקע איז עס זיי פריִער נישט איינגעפאַלן? ער מאַכט דאָך אַלעמען דעם טויט.

יאַקאָוו האָט איינגעשטילט דעם עולם. „משה איז אַ ותיק, פון די גרינדערס פון דעם הכשרה־פּונקט. מע קאָן נישט אַזוי איינס־צוויי באַשליסן אַזאַ זאַך. ס׳איז דיני־נפשות, ס׳איז פאַר אים אַ לעבן־זאַך״.

„ער מאַכט חרוב דעם קיבוץ״, האָט מען געשריגן.

„מע וועט דעם ענין נאָך אַ מאָל אויפנעמען ביי אַ צווייטער שיחה״.

יאַקאָוו איז אַוועק צו זאַשקען אויף איר אַרבעטפּלאַץ. „די חברים האָבן ביי זיך באַשלאָסן וועגן משהן. אַז מע וועט עס אָפּשטימען, וועט מען אים אויסשליסן״.

„איך וועל גיין מיט אים״.

„דאָס איז משוגעת, זאַשקע. איך ווייס אַז דו ביסט נישט אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין אים״.

„ער פילט עס אויך און דאָס מאַכט אים אַזוי ביטער. ס׳איז אַלץ מיין שולד״.

„וועסטו זיך אַזוי אָפּמוטשען דיין גאַנץ לעבן?״

„אין ׳ארץ׳ וועט עס זיך אויסגלייכן, אויב עס וואָלטן געקומען סערטיפיקאַטן...״

מער ווי דריי יאָר זענען פאַרביי זינט די ערשטע צען חברים זענען

געקומען קײן כעלמיש און געשאָפן דאָ דעם הכשרה־קיבוץ. אַ סך װאַסערן זענען אָפּגעלאָפן אין דער װײַסל, אַ סך טעג און נעכט זענען אָפּגעלאָפן אין דעם כעלמישן קיבוץ, יעדער טאָג מיט זײַנע פּראָבלעמען, יעדער טאָג מיט זײַן דראַמע. מע האָט געעפנט דעם הכשרה־פּונקט בעת מע האָט גענומען אויסהאַקן אַ װאַלד אין דער געגנט, און דער קיבוץ איז שנעל אויסגעװאַקסן צו אַכציק חברים. די בחורים האָבן געאַרבעט אין װאַלד און אין דעם טאַרטאַק; די מײדלעך אין דער װירטשאַפט און בײַ הויזאַרבעט אין שטאָט. מע האָט פאַרדינט אויף פּרנסה, מע האָט געגעסן צו דער זעט. עס האָבן נישט אויסגעפעלט קײן כאַקי־בלוזעס פאַר די װאָכנטעג און נישט קײן װײַסע בלוזעס אויף שבת. מע האָט געהאַט אַלץ װאָס מע האָט געדאַרפט, אויך דאָס האָפן אַז אַ ליאַדע טאָג װעלן קומען סערטיפיקאַטן און דער כעלמישער קיבוץ װעט באַקומען זײַן חלק.

די טעג זענען געלאָפן. די טאַרטאַק־מאַשינען האָבן געשלונגען די בײמער, ביז פון דעם װאַלד זענען געבליבן נאָר אַ פּאָר צענדליק יונגע בײמלעך. קײן סערטיפיקאַטן זענען נאָך אַלץ נישט געקומען. עס איז מער נישט געװען גענוג ברויט אָדער זופּ זיך אָנצועסן צו דער זעט; די מלבושים — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. נאָר אין געזאַנג איז װײַטער נישט געװען קײן דוחק. אין װינטערנעכט אין חדר־האוכל, אין זומערנעכט אויף אַ לאָנקע אָדער אין הויף פון קיבוץ. אַז זאַשקעס זיס קול האָט זיך צעגאָסן מיט בענקשאַפט צו די נעכט אין עמק, האָט קײנער נישט געקאָנט בלײַבן שטיל. די לײדיקע קישקעס האָבן אויפגעהערט בורטשען. די אויגן האָבן אויפגעשײַנט װי די שטערן איבער די קעפּ, די שטערן װאָס קוקן אַראָפּ אויך צו יענער ערד אין דעם אויסגעבענקטן לאַנד. די שלאַבעריקע פּיס האָבן זיך אָנגעשװוּנגט צו אַ האָראַ.

נאָך אַ נאַכט פון געזאַנג איז װידער געקומען אַ טאָג מיט זאָרגן. דער קיבוץ האָט גענומען אײַנשרומפּן. מע האָט טראַנספערירט צװאַנציק חברים אין אַ צװײטן קיבוץ, צען אין אַ דריטן. אויב עס װאָלטן נאָר געקומען סערטיפיקאַטן װאָלט מען אַלץ פאַר ליב גענומען. זינט די אַראַבישע אומרוען האָבן די רעגירערס פון פּאַלעסטינע אַלץ מער און מער באַגרענעצט די עליה. װי לאַנג קאָן מען דאָ אַזוי זיצן אין דחקות און אָן האָפענונג?

משה בוימל האָט געזאָגט: „דער הכשרה־קיבוץ איז נישט אָן אור־

ניוואַרסיטעט ווו מע לערנט, מע מאַכט אַדורך די קורסן און מע גראַדויִרט. די הכשרה איז אַ צוגרייטונג צו אַ רעוואָלוציע, צו אַ לעבן־שטייגער וואָס איז לגמרי אַנדערש פון דעם לעבן בײַ טאַטע־מאַמע אין הויז. וואָס מער נסיונות מע גייט אַדורך, אַלץ אַ בעסערע הכשרה איז עס״.

אויב עס זאָל ווײַטער אַזוי גיין וועט עס ווערן אַ לעבן־לענגלעכע הכשרה. מע האָט געשריבן צו דער „הנהגה הראשית״, מע האָט אַפּעלירט צו יעדן שליח וואָס איז געקומען אין קיבוץ אַרײַן. „שיקט אונדז עטלעכע סערטיפיקאַטן, אַנישט וועלן מיר אונטערגיין״.

אַ חברה האָט זיך פאַרליבט אין אַ שטעטלשן בחור און פאַרלאָזט דעם קיבוץ, אַ יונגער־מאַן איז אַהיימגעפאָרן ווײַל דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן און ער האָט געמוזט ווערן דער פּרנסה־געבער. משה האָט געזאָגט אַז דאָס „ערב רב״ פאַלט אָפּ. די געבליבענע וועלן ווערן בעסערע חלו־צים. דער רוב האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון גערודלד. מע האָט געליטן, געבענקט, און „דערכאַפּט זיך דאָס האָרץ״ ווען עס איז אָנגעע־קומען אַ ניי לידל, אַ נײַע האָראַ.

מיט אַ מאָל, לגמרי אומגעריכט, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער הנהגה הראשית מע זאָל אויסשטעלן אַ ליסטע פון „מועמדים לעליה״, אַ נומערירטע ליסטע מיט צען קאַנדידאַטן פאַר עליה.

מע האָט ווייניק געגעסן דעם שבת בײַם מיטאָג. מע האָט זיך געגרייט צום יום־הדין. באַלד נאָך מיטאָג האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די אַסיפה אויסצוקלײַבן קאַנדידאַטן.

יאַקאָוו האָט געהאַלטן פאַר נייטיק קלאָר צו מאַכן אַז נישט אַלע צען קאַנדידאַטן וועלן באַקומען סערטיפיקאַטן. אפשר די ערשטע פינעף, אפשר נאָר די ערשטע צוויי, און אפשר נאָר דער ערשטער. די ריי איז וויכטיק. דער ערשטער פּלאַץ מיינט דער ערשטער צו עליה. מע דאַרף דעריבער צו ערשט אויסקלײַבן צען מועמדים, דערנאָך די ריי פון די צען. מע דאַרף נעמען אין אַכט דעם סטאַזש פון הכשרה, די פאַרדינסטן פאַר דעם קיבוץ און פאַר דער באַוועגונג, און דעם נוצן וואָס דער קאַנדידאַט קאָן ברענגען דעם קיבוץ אין „ארץ״.

די ליסטע פון צען קאַנדידאַטן פאַרגעלייגט דורך דער „הנהגה״ איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ קורצער דיסקוסיע. ביז די ליסטע איז פאַר־געלייענט געוואָרן האָט יעדער געפונען פאַר זיך אַ שטיקל זכות און

געהאַפּט. אַלע האָבן אָבער געמוזט מודה זײַן אַז די ליסטע איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן מיט יישוב־הדעת, און מיט אַ ווילן צו זײַן גערעכט. זעקס פון די צען וותיקים וואָס האָבן געשאַפן דעם קיבוץ און זענען שוין פריִער געווען אין אַן אַנדערן קיבוץ, און רינה, וואָס איר בחור איז שוין צוויי יאָר געווען אין ארץ־ישראל. רינה איז געקומען אויף הכשרה ערשט ווען איר בחור איז שוין געווען אַ „מועמד לעליה". ער האָט באַקומען אַ סערטיפיקאַט, זי האָט ערשט געדאַרפט אַדורכגיין הכשרה. ער האָט געטיילט זײַן סערטיפיקאַט מיט אַ „פיקטיוו ווײַב", אַן אויס־געדינטע הכשרהניצע; און רינה האָט געדאַרפט וואַרטן. אויף דער ליסטע זענען אויך געווען די נעמען פון יאַקאָוו, זאַשקע און משה.

מחמת יאַקאָוו האָט נישט געהאַט קיין אייגענע בחורה איז געווען לאָגיש רינה זאָל זײַן יאַקאָווס „פיקציע". מע וועט דאָך נישט אויסנוצן אַ סערטיפיקאַט פאַר איין עולה ווען מע קאָן אים אויסנוצן פאַר צוויי. ווען מע האָט געדאַרפט נאָמינירן פאַר דעם ערשטן פּלאַץ האָט מען אַרויס־גערוקט יאַקאָוון און רינהן.

די וותיקים האָבן געהאַלטן אַז דער ערשטער פּלאַץ קומט זיי, אָבער ס'איז געווען אַ רחמנות אויף דער רינה. שוין מער ווי צוויי יאָר צעשיידט. ווער ווייסט ווען עס וועלן ווידער זײַן סערטיפיקאַטן. איר בחור שרײַבט לעצטנס זעלטן.

„הכשרה איז נישט קיין שדכנות", האָט משה געדונערט. „רינה איז אין גאַנצן נישט געווען קיין 'שומרת' איידער זי איז געקומען אַהער. יאַקאָוו איז געווען אַ ישיבה־בחור".

„יאַקאָוו, און נאָר יאַקאָוו האָט די גרעסטע פאַרדינסטן פאַר אונדזער קיבוץ. ווען נישט יאַקאָוו וואָלטן די פאַנאַטיקערס חרוב געמאַכט דעם קיבוץ".

„מע קאָן נישט מאַכן אַן איבערקערעניש אין לעבן פון אַ פאָלק און בויען אַ נײַ לאַנד אָן פאַנאַטיקערס", האָט יאַקאָוו געענטפערט. „משה איז פון די וותיקים און פון דער הנהלה, אים קומט אַ פּלאַץ פאַר מיר".

משה האָט אויסגעשפּיזט אַ בייזן בליק צו זאַשקען. איצט איז קלאָר וואָס זיי האָבן טײַוולאָניש אויסגעפּלאַנט. ער, משה, זאָל פאָרן מיט רינהן, און זאַשקע זאָל בלײַבן צו פאָרן מיט יאַקאָוון. דער יאַקאָוו ווייסט

ווייל אַז מער ווי איין סערטיפֿיקאַט וועט דער כעלמישער קיבוץ נישט באַקומען.

מע האָט געגומען שטימען וועגן דעם ערשטן פּלאַץ. אַלע האָבן, ווײַזט אויס, געהאַלטן אַז עס איז אַ מיצווה צו צעשיידן משהן מיט זאָשקען, כאָטש אויף אַ ווײַלע. משה איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַר דעם ערשטן קאַנדידאַט.

„אַז משה איז דער ערשטער „מועמד", איז דאָך קלאָר אַז זאָשקע דאַרף זײַן די צווייטע", האָט יאַקאָוו געזאָגט. זאָשקע איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפֿן צווייטן פּלאַץ, רינה אויפֿן דריטן, און יאַקאָוו אויפֿן פֿערטן פּלאַץ.

פֿון וואַרשע איז אָנגעקומען אַן „אישור עליה" פֿאַר משהן מיט זאָשקען. פֿון פּאַלעסטינע־אַמט איז אָנגעקומען אַ בריוו זיי זאָלן צושיקן מעטריקעס און אַ חתונה־אַקט. זיי מוזן אָפֿיציעל זײַן מאַן־און־ווײַב, זיי זאָלן קאָנען בײדע פֿאָרן אויף איין סערטיפֿיקאַט.

זאָשקע האָט אַזוי לאַנג שוין געוואַרט אויף עליה. דער טאָג האָט געדאַרפֿט זײַן פֿאַר איר אַ טאָג פֿון שׂימחה, נישט ווייניקער ווי איר חתונה־טאָג. איצט האָט אָנגערוקט דער טאָג פֿון עליה צוזאַמען מיטן טאָג פֿון איר חתונה און אין בײדע איז נישט געווען קיין פֿרייד. זי האָט געחלומט וועגן איר עליה, געזען זיך אין דעם געצעלט אין קיבוץ, געזען ווי זי וואַרפֿט זיך אין פֿיבער פֿון מאַלאַריע און גייט אויס. משה וויינט, יאַקאָוו וויינט, טאַלעק וויינט, אַפֿילו פֿינטשע וויינט, אָבער איר איז גוט, „טוב למות בעד ארצנו". זי איז געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך געזען ווי זי שטייט אויף שמירה אויפֿן וואַכטורעם פֿון איר קיבוץ. ווען משה האָט אונטער דער חופּה צעבראָכן דאָס גלאָז האָט זי עס געהערט ווי אַ שאָס פֿון אַ ביקס. זי האָט געפֿילט ווי אַ קויל איז אַרײַן אין איר ברוסט און איז געזונקען צו דער ערד.

די כּלה האָט געחלשט אונטער דער חופּה. „אַבי מע זאָגט אַז די שאַמערניקעס נעמען עס נישט אַזוי ערנסט", האָט עמעץ זיך געוווּנדערט.

ב.

פֿריץ ווײַנער איז טאָג נאָך טאָג געגאַנגען צום ייִדישן „קולטוס־בונד". ער מוז עמיגרירן, זאָל זײַן צום אַנדערן עק וועלט. ער קאָן עס

מער נישט פֿאַרטראָגן. אַז ער עפֿנט די ראַדיאָ־בערלין, נעמט ווידער ווײ־טיקן די ריפֿ וואָס די שטורם־טרופּערס האָבן אים צעבראָכן אין אָאַכן כאַטש עס האָט זיך לאַנג שוין פֿאַרהײלט. עס קומט צוריק דער רויש אין די אויערן וואָס איז שוין לאַנג געהאַט פֿאַרשוווּנדן. הילדע האָט געשריבן פֿאַרשטעלטערהײט אַז דאָס זענען שוין די לעצטע קאָנוווּלסיעס פֿון דעם נאַצי־רעזשים. אָבער ער קאָן דאָ מער נישט בלײַבן. צוריקקומען פֿון עמיגראַציע קאָן מען אַלע מאָל, צו אַנטלויפֿן קאָן זײַן צו שפּעט, ווי עס איז געוועןן פֿאַר זײַן טאַטן, ווי עס איז געווען פֿאַר ווילי שמידט, ווי עס איז געווען פֿאַר — — — אפֿשר איז ער אַ פּחדן. ער האָט אין בערלין אַ ווײַב און אַ זון, אַלץ צוליב וואָס עס איז כּדאַי צו ראַטעווען דאָס לעבן איז געבליבן אין בערלין. אָבער ער קאָן דאָ מער נישט זײַן. ער קאָן מער נישט צוהערן היטלערס האַווקען אויפֿן ראַדיאָ, ער קאָן זיך אויך נישט אָפּהאַלטן פֿון עפֿענען די ראַדיאָ. ער זיצט גאַנצע אָוונטן בײַם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אַ פּולס קלאַפּט אין די שלײַפֿן. אַ פֿײַער ברענט אין קאָפּ, אַ חלשות שטיקט אין דער קעל, און ער זיצט אַלץ בײַ דעם שרײַענדיקן קעסטל, ווי צוגעשמידט. די אויגן גליִען ווי זײ וואָלטן זיך געבראָטן אויף הײסע קוילן, אין די אויערן זשומעט ווי עס וואָלט זיך דאָרט באַזעצט אַ בינשטאָק, און ער זיצט בײַ דער ראַדיאָ. ער קלעפּט צו דעם ווי די אויגן פֿון אַ קאַלב קלעפּן צו דעם חלף פֿון שוחט. ניין, ער שפּילט שוין נישט אין דעם פֿילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. אַז עס זשומעט אין די אויערן, ווי קאָן ער שפּילן? בײַ נאַכט בײַם ראַדיאָ, בײַ טאָג אין ביוראָ פֿון דעם ייִדישן קולטור־בונד. געוואַלד, ווי קאָן מען עס דערלאָזן? ווייסט מען נישט ווער זײ זענען, וואָס זײ האָבן אָפּגעטאָן צו די ייִדן? ס׳איז דאָך אַ מאָדערנע וועלט מיט צײַטונגען, טעלעגראַף, ראַדיאָ. האָט קײנער נישט געלײענט מײַן קאַמף? האָט קײנער נישט געהערט וועגן די באַרטאָלעמעוס־נעכט אין בערלין, נירנבערג, מינכן?

וואָס ער וויל? יאָ, ער ווייסט, פּאָליטיק מוז ער איבערלאָזן צו די וועלט־פֿירערס. זײ וועלן שוין וויסן וואָס צו טאָן. אַלץ וואָס ער פֿאַרלאַנגט איז אַ וויזע ער זאָל קאָנען אַרויספֿאָרן פֿון דאַנען.

„הער ווײַנער, פֿאַרשטייען זי דאָך. ס׳זענען פֿאַראַן אין יעדן לאַנד אימיגריר־געזעצן. יאָ, ריכטיק, פֿאַר די ברעגעס פֿון ניו־יאָרק שטייט אַ פֿרײַהייט־סטאַטוע, מיט אַ פֿאַקל אויסגעשטרעקט צו די ימען, אָבער כּדי

מע זאָל מעגן דאַרויף אַ קוק טאָן דאַרף מען אַ וויזע. אַ געבוירענער אין רוסלאַנד, רעגיסטרירט אויף דער רוסישער קוואָטע, מוז וואַרטן ביז עס וועט קומען זײַן ריי. ווי לאַנג? אפשר פיר, אפשר פינעף יאָר, און אפשר גאָר זעקס.

„פּאַלעסטינע? ניין, פּאַלעסטינע איז נישט קיין ייִדישע היים. יאָ, ענגלאַנד האָט באַקומען אַ מאַנדאַט דאָרט אויסצובויען אַ ייִדישע היים, אָבער — מע דאַרף זיך פאַרשטיין אויף פּאָליטיק דאָס צו באַנעמען: די עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז באַגרענעצט. אויב זי האָבן אייגנס טויזנט ענגלישע פונט, קען מען אפשר באַקומען פאַר אין אַ וויזע.

„קאָלאָמביע? יאָ, זיי האָבן געגעבן אַ פּאָר וויזעס. זיי האָבן עס אָבער שוין אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. ניין, אַפילו קיין איין וויזע נישט געבליבן. וואָס רעדן זי, הער ווײַנער? פראַנקרײַך, האָלאַנד, בעלגיע, און שווײַץ גיבן נישט אַפילו קיין טראַנזיט-וויזעס. די באַלקאַן-לענדער גע־שלאָסן. דרום־אַמעריקע געשלאָסן. דרום־אַפריקע, קאַנאַדע, ניי־זעלאַנד — געשלאָסן. סקאַנדינאַוויען — נאָר אויב מ׳האָט אַ קאָנטראַקט פון אַ דאָר־טיקער פירמע. אפשר קאָן מען נאָך באַקומען אַ וויזע קיין קובאַ, אָבער זיי האָבן אַ קאָנסולאַט נאָר אין בערלין.

„ניין, הער ווײַנער, פאַר ייִדן — אין ערגעץ נישט. דער קולטוס־פאַרבאַנד קלאַפּט אין די טירן פון אַלע קאָנסולאַטן. אויב ס׳וועט עפּעס זײַן וועט מען אַרויסהענגען אַ בולעטין אויף דעם עמיגריר־טאָוול. דער־ווײַל זענען נישט פאַראַן קיין וויזעס. אָבער פאַרלירן זי נישט דאָס האָפן. מיר טוען אַלץ אין דער וועלט. און די וועלט שווײַגט נישט. דער אַמערי־קאַנער פּרעזידענט רוזוועלט האָט גערופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפע־רענץ וועגן פּליטים. אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן צוגעזאָגט צו שיקן דעלעגאַציעס. עס וועלן זײַן וויזעס, הער ווײַנער״.

פּריץ איז אַרײַן אין דעם „קולטוס״ ביוראָ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פּלוצלינג איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אויף דעם טאָוול אין דעם עמיגריר־אַמט איז געהאָנגען אַ צעטל, אַ בולעטין, עס זענען אָנגע־קומען וויזעס!

פּריץ איז צוגעלאָפן צום באַאַמטן מיט אַ געשריי: „וווהין? כ׳וויל פאָרן״.

„אויף די פידזשי־אינזלען".

„כ'וועל פאָרן אויף די פידזשי אינדזלען".

„זי קענען באַקן צוקערלעך?"

„כ'וועל טאָן אַלץ".

„כ'פרעג נישט צי זי ווילן עס טאָן, כ'פרעג צי זי קענען. דער קאָנסול זוכט אַ פאַכמאַן, פון פינעף און צוואַנציק ביז דרײַסיק יאָר אַלט, פרײַ־לײדיק. צוויי קוואַליפיצירטע פאַכמענער צו מאַכן צוקערלעך. יאָ, און איין וויזע קיין פאַראַגוויי. זיי דאַרפן אַ זייגערמאַכער, איין קוואַליפיצירטן זייגערמאַכער".

דער שוואַרצער טאָוול אין דעם ביוראָ פון פראַגער „קולטור־פאַרבאַנד" איז געבליבן פריצעס איינציק האָפן. ס'איז דאָ אַ גרויסע פרײַע וועלט, אָט די פרײַע וועלט שיקט אירע פאָרשטייערס קיין עוויאַן, אין פראַנקרײַך. די וועלט קומט קיין עוויאַן מיט אָפענע אָרעמס און מיט וויזעס. אַ געווי־סער דר. היינריך בוימאַן איז געקומען מיט גוטע בײַעס אַז דײַטשלאַנד וועט אַרויסלאָזן פערציק טויזנט ייִדן פון עסטרײַך, אויב מע וועט באַצאָלן 250 דאָלער פאַר אַ קאָפּ. „פאַר אין וועט מען נישט דאַרפן באַצאָלן, זי זינד שאָון היער. זי זינד אײַנע וואַרע מעציאַ (מציאה), הער ווײַנער", האָט דער באַאַמטער פאַרענדיקט אין זײַן חצי ייִדיש און האַלב דײַטש.

פריץ איז צוריקגעקומען אין ביוראָ פול מיט האָפן, אָבער נישט געווען קיין צעטלען אויפן שוואַרצן טאָוול. „די עוויאַן קאָנפערענץ האָט זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט?" האָט פריץ זיך געוווּנדערט.

„געענדיקט מיט גאָרנישט. דעלעגאַט נאָך דעלעגאַט איז אַרויף אויף דער טריבונע און געזאָגט אַז אויף זײַן מדינה זאָל מען נישט רעכענען".

„דאָס וועט דאָך זײַן אַ סיגנאַל צו די נאַציס אַז קיינער וויל נישט די ייִדן, אַז קיינעם גייט נישט אָן וואָס זיי טוען צו די ייִדן".

„אַך, וואָס רעדן זי, הער ווײַנער!"

„און אַמעריקע? דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט דאָך גערופן די קאָנפערענץ?"

„אויך אַמעריקע גיט נישט קיין וויזעס".

„ווו זענען מײַנע ברידער?"

„זי האָבן ברידער אין אויסלאַנד? אין אַמעריקע? אין אַרגענטינע? אַן ׳אַפּידעוויט׳ פון אַ ברודער קאָן העלפן".

„אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע, אומעטום! אַלע מענטשן זענען ברידער".

דער באַאַמטער האָט אָנגעשריבן עפּעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און עס געגעבן פריצן, ס׳איז געווען אַ צעטל צו אַ דאָקטאָר.

די דײַטשע ראַדיאָ גרעפּצט מיט אולטימאַטומס, מאָביליזאַציע, מלחמה-פיבער, און קיין וויזעס קומען נישט, און קיין בריוו פון בערלין קומען שוין אויך נישט.

ס׳איז געווען אַ זוניקער סוף-זומער-טאָג אין יאָר 1938. אין בערלין איז אַ פרוי אַרויס אין גאַס אַרײַנצוואַרפן אין פּאָסטקעסטל אַ בריוו צו איר מאַן. אויפן וועג האָט זי אָנגעטראָפן אַ פּאַראַד. דער המון איז געוואַקסן אויף יעדער גאַס, די פרוי איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דער מאַסע. דער רײַכסקאַנצלערפּלאַץ איז שוין געווען אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן און מער און מער האָבן געשטראָמט פון אַלע זײַטן. די מאַסע האָט אין איין קול געשריגן „הײַל היטלער!" ביז הייזעריק ווערן. אויף די וועגן פון סודעטן-לאַנד האָבן געפּויזעט דײַטשע טאַנקען און אויפן רײַכסקאַנצלער-פּלאַץ איז געבליבן ליגן אַ צעטרעטענער בריוו.

דעם פרימאָרגן איז אַרויס פון איר שטוב מיט אַ בריוו אין האַנט די פרוי הילדאַ ווײַנער. צוריקגעקומען איז זי אין אָוונט אַ הייזעריקע פרויליין הילדאַ שאָענפעלד. פריץ ווײַנער אין פּראָג האָט מער נישט באַקומען קיין בריוו פון בערלין.

אָנקל וואָלפגאַנג האָט אָפּט געזען אָטאָן. אָנקל איז געווען שטאָלץ וואָס אָטאָ, ווי יעדער שאָענפעלד, איז אַ גוטער קאַדעט און שנײַדט זיך צו זײַן אַ גוטער אָפיציר. „ביז דו וועסט ווערן אַן אָפיציר וועט זיך אַ סך בײַטן אין דײַטשלאַנד", פלעגט אָנקל וואָלפגאַנג זאָגן צו אָטאָן מיט אַ ווונק, און אָנקל האָט געוווּסט וואָס עס קאָכט זיך.

אָנקל וואָלפגאַנגס בביאותן זענען נישט מקוים געוואָרן. אָטאָ שאָענפעלד איז געוואָרן אַן אָפיציר אין דער רײַכסווער מיט דעם סאַלוט „הײַל היטלער!"

*

„אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט“, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט װי צו זיך און אַװעקגעלײגט דאָס פּאַפּיר װאָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

„איר װײסט, הער װײַנער, איך האָב אױך אַ מאָל געחלומט צו זײַן אַ פידלער. איך האָב נאָך מײַן פידל פון די קינדער־יאָרן און שפּיל נאָך אַלץ, אָבער נישט פאַר אַן עולם, װי איר“.

„איך שפּיל מער נישט, נישט פאַר אַן עולם, נישט פאַר זיך. כ׳שפּיל נישט!“

„פאַר װאָס?“

„די נאַציס האָבן מיך צעשלאָגן, צעבראָכן אַ ריפּ“.

„אַ ריפּ? װאָס האָט דאָס צו טאָן מיט שפּילן פידל?“

„עס רױשט מיר אין די אױערן, עפּעס איז זיכער באַשעדיקט געװאָרן אין די אױערן, כאָטש די דאָקטױרים װײסן נישט װאָס“.

„װען זײ האָבן אײַך געשלאָגן אין װין?“

„יאָ“.

„איר האָט דאָך נאָך דעם געשפּילט אין װין און אױך דאָ, אין פּראָג?“

„די נאַכװײען זענען געקומען פּאַמעלעך. כ׳װעל אפשר פאַרקױפן די פידל“.

„װײטיקן קומען און גײען אַװעק, איר װעט װידער שפּילן“.

„איר זענט דאָך אַלײן אַ שטיקל מוזיקער, װײסט איר דאָך אַז צו שפּילן מוז זײַן אַ קאָאָרדינאַציע פון עטלעכע סענסיטיװקײטן און גענױקײטן. די סטרונעס מוזן זײַן אין טאָן, דאָס אױער פילעװדיק צו דער שטילסטער גאַמע. די האַנט װאָס פירט דעם סמיטשיק, די פינגער װאָס שפּרינגען איבער די סטרונעס — יעדער באַװעג, יעדע װיבראַציע, אַרײַנגערעכנט דעם פּולס פון אײגענעם האַרץ, מוז זײַן געװױגן און געמאָסטן, און אַלץ צוזאַמען מוז זײַן קאָאָרדינירט און סינכראָניזירט אין יעדן קלאַנג, אין יעטװעדן ריטעם. מענטשן װײסן אַפּצושאַצן די קאָאָרדינאַציע און דאָס גלײַכגעװיכט פון אַ צירק־אַקראָבאַט אױף אַ הױכער טראַפּעזע, אָבער נאָר די װאָס שפּילן אַלײן קאָנען דאָס אָפּשאַצן בײַ אַ מוזיקער. אין יעדן קלאַנג — טױזנטער אימפּולסן, און די אָרקעסט־ראַציע פון די אַלע אימפּולסן... אָן אַבסאָלוטער האַרמאָניע צװישן זײ איז קײן אידעאַלער ריטעם נישט מעגלעך. עס איז װי אין האַרצקלאַפּ, די מינימאַלסטע שטערונג אין דעם ריטעם איז צעשטעריש“.

„איר רעדט אַזוי פּאַטעטיש וועגן אײַער מוזיק אַז עס איז אַ פּאַר־גענוגן צו הערן, איר שפּילט אַוודאי אויך אַזוי פּאַטעטיש. אין דעם וואָס איר האָט געזאָגט, זענט איר גערעכט און נישט גערעכט. אמת, מוזיק, ווי יעדע קונסט, איז אַ געמיטזאַך, אָן אַ ווילגעפיל איז שווער אַרויס־צוברענגען אַ ווילקלאַנג. אָבער אַ מענטש קאָן זיך אויסלערנען צו הערשן איבער זײַן געמיט און לערנען זיך צו באַלאַנסירן זײַן גלײַכגע־וויכט, טאָקע ווי דער צירק־אַקראָבאַט ווען ער גייט אויף אַ שטריק".

פריץ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט: „ווען די נאַצי־יונגען זענען מיך באַפאַלן איז אויך באַשעדיקט געוואָרן מײַן זייגערל, אַ טאַשן־זייגערל. עס איז נישט אַראָפּגעפאַלן, נישט צעקלאַפּט געוואָרן. פון דרויסן קיין קנייטשעלע, אָבער דאָס האַרץ פון זייגער איז דאָס שפּינדל. דאָס שפּינדל שטייט אויף אַ פּײַן אויסגעשליפן שפּיץ־פּיסעלע און האַלט דאָס גלײַכגעוויכט אויף אַ האַר־דין שפּרינגפעדערל. אַלץ איז געבליבן גאַנץ אין מײַן זייגערל, אָבער אַ האַסטיקער טרייסל האָט באַשעדיקט דאָס פעדערל. אַלע ווײַזערס און אַלע געזונטע שטאַלענע רעדעלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט מחמת דאָס סענסיטיווע פעדערל האָט פאַרלוירן דעם ריטעם".

„איך בין זיכער איר האָט צו רעכט געמאַכט אײַער זייגערל", האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„יאָ, אַרײַנגעשטעלט אַ נײַ שפּינדל. קאָן מען אין אַ מענטש אַרײַנ־שטעלן אַ נײַ שפּינדל?"

„אַ מענטש האָט דעם כּוח צו היילן זײַנע ווונדן".

„מײַן שפּינדל איז נאָך אַלץ נישט פאַרהיילט".

„איר דאַרפט עס פריִער שטאַרק וועלן".

„הער דאָקטאָר, פון וואַנען ווייסט איר אַז איך וויל נישט?"

„איר ווילט?"

„צו ערשט דאַרף איך ווערן לעבן", האָט ער געענטפערט אַזוי שטיל אַז דער דאָקטאָר האָט עס קוים דערהערט.

„יעדער וויל דערלעבן די מפּלה פון זײַן שונא".

„דאָס וואַרטן אויפן שונאס מפּלה דאַרף זײַן פאַרבונדן מיט אַ האָפן פאַר דעם אייגענעם נצחון. איך האָב נישט אַזאַ האָפן, איך זע נישט קיין ליכט פון פרייד אויף יענער זײַט טונעל. אין מײַנע יונגע יאָרן האָב

איך אויסגעריסן האַמליע פון זיך, אויסגעריסן מיטן וואָרצל, מחמת איך האָב געפילט אַז מיט האַמליע קאָן איך מער נישט אַנגיין מיט מײַן לעבן. בערלין איז געוואָרן נישט בלויז מײַן נײַ וווינאָרט, נאָר אויך מײַן גלויבן, מײַן אָנהאַלט אין לעבן. אַז בערלין איז אויך געוואָרן אַ האַמליע, און נאָך ערגער, אַז מײַן — — — הער דאָקטאָר, אַ קינסטלערישער מענטש איז ווי אַ קליין קינד: חוץ שפּײַז דאַרף ער די וואַרעמע ברוסט צו וועלכער זיך צו טוליען. אַ קינסטלערישער מענטש איז אויך ווי אַ מאַמע מיט אַ באַדאַרף צו טוליען עמעצן צו זיך. מע קאָן נישט זײַן קיין מעלאָמאַן נאָר מיט דער ליבשאַפט צו מוזיק; אַ האַרץ דאַרף קאָנען ליב האָבן און געליבט ווערן, אַניט ווערט עס פאַרצערט און פאַרטרוקנט. איך האָב געהאַט ביידע, הער דאָקטאָר. צווישן מיר, מײַן ווײַב, און מײַן זון איז געווען מער ווי אַ נאָענטקייט, ס'איז געווען אַ גאַנצקייט, אַ מין דרײַ־אייניקייט. קאָן אַ דעקרעט דאָס צעשטערן? איר זאָגט, הער דאָקטאָר, אַז איך דאַרף ווערן שפּילן, אָבער אַלץ וואָס איך וויל — — איך גיב אײַך מײַן פידל, מײַן מוזיק, מײַן גאַנץ לײַב־און־לעבן פאַר איין שורה פון מײַן הילדע, פון מײַן אָטאָ".

„ווייַנט אַראָפּ, שעמט זיך נישט", האָט הײַנט אין דער פרי דער דאָקטאָר אים געזאָגט ווען יענער האָט געזען אַז ער האַלט צוריק די טרערן. ניין, דער וויכּוח מיטן דאָקטאָר האָט זיך נישט געענדיקט מיט געוויין, דער וויכּוח איז מיטגעקומען מיט אים ווען ער איז אַרויסגע־לאָפן, מיטגעקומען אויף זײַן קוואַרטיר. פראַגעס וואָס האָבן אין אים געגורטעוועט פון גאַנץ לאַנג זענען איצט אַרויף אויף דער אייבערפלאַך. אוי, ווי עס קרענקט אים וואָס אָטאָ שרײַבט נישט צו אים. וויפל דען האָט ער געשריבן צו זײַן מאַמע נאָך זײַן אַנטלויפן פון האַמליע? אויב ער איז אַזאַ געטרײַער ליבהאָבער, ווי קומט עס וואָס די ליבשאַפט צו דער מאַמע וואָס האָט אים געבוירן איז דעמאָלט אויסגעריסן געוואָרן אין איין רגע?

ווען ער האָט דערוואַכט צו וויסיקייט, דעמאָלט נאָכן פאַגראָם אין האַמליע, זענען זײַנע אויגן קודם־כּל געפאַלן אויפן שפּיגל ווו ער האָט דערזען דאָס שוידערלעכע בילד. אפשר וואָלט עס געווען אַנדערש אויב עס וואָלט זיך נישט אָנגעהויבן מיטן קאַלטן גלעזערנעם שפּיגל, ער איז דאָך אַנטלאָפן כּדי נישט צו דאַרפן קוקן דעם שוידער דירעקט אין פּנים.

ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די בושה, אַזאַ עסטעט! ער האָט דאָס שוידערבילד אויסגעריסן פֿון זכּרון צוזאַמען מיט דער מאַמע, צוזאַמען מיט אַלעם וואָס האַמליע איז געווען צו אים. צוזאַמען מיט דער מאַמע זענען צוויי פֿון אירע קינדער אַרויס מיטן לעבן, אָבער ביידע זענען אַוועק אין דער וועלט אַרײַן, און די מאַמע איז געבליבן אַליין מיט איר טרויער און מיט איר בושה. ער ווייסט דאָך אַפֿילו נישט צי זי לעבט נאָך.

✶

דאָס איז געווען אין אַ פֿרײַטיק. האָבן די מחשבות וועגן דעם האַמליער חזן אים געפֿירט דעם אָוונט צו דער פּינקוס־שיל? דער חזן איז געווען נישט יונג, זײַן קול האָט געציטערט, און דאָך האָבן די תּפֿילות אים אויפֿגעטרייסלט. דעם חזנס לכה דודי און זײַן ישׂמחו זענען געווען די זעלביקע וואָס דער חזן בעריש ווײַנער האָט געזונגען אין דער האַמליער שיל.

ווען ער, פּריץ, פּרץ, האָט אין זײַנע יונגע יאָרן אײַנגעזאַפּט אין זיך די ניגונים אין האַמליע, האָבן אַנדערע, ווי ער, זיך צוגעהערט צו די זעלביקע געזאַנגען טויזנטער מײַלן אַוועק, און אַוודאי אויך צענדליקער טויזנטער מײַלן אַוועק. האָט דאָך עפּעס אים יאָ פֿאַרבונדן מיט אַנדערע פֿון זײַן פֿאָלק? דער דאָקטאָר וואָס באַהאַנדלט אים אָן נעמען באַצאָלט, די מענטשן פֿון דער ייִדישער קהילה וואָס באַמיִען זיך אים העלפֿן — האָט אַ ניגון זיי אַלעמען פֿאַראייניקט? פֿון האַמליע ביז פּראָג, פֿון בערלין ביז ניו־יאָרק, פֿון פּאַריז ביז מעלבורן זענען פֿאַראַן מענטשן וואָס האָבן עפּעס בשותּפֿותדיקס חוץ דעם וואָס זיי זענען אַלע מענטשן. זיי האָבן אַ ניגון וואָס זיי זינגען אַלע אין דעם זעלביקן טאָג, אין דער זעלביקער שעה, און דער ניגון נערט אַ שותּפֿותדיקייט אין גורל.

קומט דאָך אויס אַז אַלע מענטשן זענען ברידער נאָר אויב זיי האָבן אַ בשותּפֿותדיקן ניגון; קומט דאָך אויס אַז הילדע און אָטאָ קאָנען נישט בלײַבן אייגן צו אים, מחמת ער האָט זיי נישט צוגעאייגנט זײַן ניגון?

אַנשטאָט טיילן מיט זיי זײַן ניגון, האָט ער פּראָבירט זיך צוביגן צו זייער ניגון. ער האָט פּראָבירט פֿאַרוואָרצלען זיך אין אַ פֿרעמדער ערד און זיך אײַנגערעדט אַז עס איז אים געלונגען. ווען מע פֿלאַנצט איבער אַ בוים דאַרף מען אָפּהיטן די וואָרצלען. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן.

זײַן גוף האָט אָנגענומען די איבערגעפּלאָנצטע נײַע הויט, דער קלימאַט האָט זיך געביטן און ער איז געבליבן אָן װאָרצלען און אָן אַ הויט...

מער װי אַ פערטל יאָרהונדערט האָט ער זיך געװערט קעגן יעדן זכר פון זײַן עבר, אַלץ װאָס איז געװען יידיש איז געװען זיי. דאָס באַשנײַדן צו די אַכט טעג האָט אים געמאַכט פאַר אַ ייד, דאָס אָפּשנײַדן זײַן צעריסענעם רעכטן פוס װאָס ער האָט מקריב געװען פאַר זײַן נײַ פאָטערלאַנד האָט אים געמאַכט פאַר אַ דײַטש, אַזוי האָט ער זיך געװאָלט אײַנרעדן. פריץ װײַנער, װעטעראַן און אינװאַליד פון אַ פאָטערלאַנד־קריג. ער איז געגאַנגען אויף איין פוס, אָבער װי אויף צװיי שטאָלצן. די אויס־צייכענונג פון דער רײַכסװער איז געװען מער װי אַ קאָמפּענסאַציע פאַרן פאַרלירן אַ פוס. װאָס פאַר אַ שטאָלץ קאָן מען האָבן פון אַן אייגע־נעם פוס? אָבער דער מעדאַל האָט אָנגעפּולט זײַן ברוסט מיט גענוג־טוונג אַפילו נאָך דעם װי די נאַצי־יונגען האָבן אים אַרונטערגעריסן פון דער ברוסט און געװאָרפן אין דער בלאָטע.

דעם מעדאַל האָט ער צוריק אויפגעהויבן פון דער בלאָטע, ער האָט אים געטראָגן איבער גרענעצן ביז אַהער קיין פּראָג. דעמאָלט, אויב מע װאָלט געקאָנט צוריק אויסבײַטן דעם מעדאַל פאַר אַ פוס װאָלט ער עס נישט געטאָן, אָבער הײַנט?

✶

עס האָט אָנגערוקט דער יידישער יום־טוב פּסח און דער חזן פון דער פּינקוס־שיל האָט אים פאַרבעטן צום סדר. ער האָט גערן אָנגענומען די פאַרבעטונג, אַ ביסל יום־טובדיקייט װעט אים גוט טאָן. ער איז געזעסן בײַם חזנס טיש װי פאַרפרוירן. ער האָט געקענט אַ סך פון די ניגונים װאָס מע האָט געזונגען בײַם סדר, אָבער זײַנע ליפּן זענען געבליבן געשלאָסן: צו מאָרגנס פרי איז ער װידער געקומען אין שיל. פאַרן לייענען האָט מען אים געפרעגט: „אינס װערטער נאָמע?" אָן צו טראַכטן אַ רגע האָט ער געענטפערט: „פּרץ בן ר' דב בעריש". מע האָט אים אויפגערופן צו אַן עליה און ער האָט נישט געדאַרפט דאָס קאַרטל מיט דער טראַנסקריפּציע פון דער ברכה אין לאַטײַנישע אותיות, ער האָט אויסגעזונגען די ברכות פון אויסנװייניק. אַ מינוט פריִער האָט ער זיי נישט געדענקט, זיי זענען געקומען צו אים װי פון אינעװייניק.

דער נאָמען פרץ איז צוריקגעקומען צו אים מיט אַ נאָסטאַלגיע אין געמיט. די געזאָנגען פון זײַנע יונגע יאָרן זענען צוריקגעקומען ווי אַלטע נאָענטע פרײַנד. ער האָט איצט נאָך מער געבענקט, אָבער ער איז מער נישט געווען אין דער וויסטער אַליינקייט פון אַן אַוועקגעוואָרפענעם און אויסגעשפּיגענעם. איין טאָג האָט ער פון זכּרון אויפגעשריבן דעם ניגון פון כּל נדרי מיט זײַן טאַטנס כאָראַלער באַגלייטונג. ווען ער האָט געאַרבעט איבער דעם, האָט ער נישט געוווּסט צוליב וואָס ער טוט עס; ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער שוין געוווּסט וואָס צו טאָן דערמיט. ער האָט נישט געהאַט הילדאַס נײַעם אַדרעס אין בערלין, אָבער איר ברודער וואָלפגאַנג האָט נישט געהאַט קיין סיבה צו בײַטן זײַן אַדרעס. ער האָט געשיקט בעריש חזנס כּל נדרי־אַראַנזשירונג צום פּרײַסישן יונקער און צוגעשריבן: „דאָס איז אַן אַראַנזשירונג פון מײַן פאָטער, איך בעט דיך און באַשווער דיך דאָס זאָל אַ מאָל דערגיין צו זײַן אייניקל".

בײַם אויפשרײַבן דעם ניגון האָט פּרץ אויספּראָבירט עטלעכע טענער אויף די סטרונעס פון זײַן פידל. צוליב דעם האָט ער שוין געמוזט אָנ־סטראָיען די סטרונעס. ער האָט אַלע מאָל געדאַרפט אַ פּיר טאָן מיט דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס, און — —

פּרץ האָט פּראָבירט פאַרשטיין וואָס עס איז געשען. ס'איז געשען ווי בײַ פרײַנד וואָס זענען געווען ברוגז פאַר אַ ווײַלע. אין אַ מינוט פון נויטווענדיקייט פּראָבירט נאָר אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער, אָבער עס האָט אויפגעשײַנט אַ שמייכל און צעשמאָלצן דאָס אײַז. ער האָט נאָר געוואָלט אַרויסהעלפן זיך בײַם אויפשרײַבן דעם פאָטערס אַ קאָמפּאָזיציע און עס איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ בענקשאַפט צום אינסטרומענט.

קאַפּיטל דריי

אָן אַ ברעג

א.

די קראַם אין כעלמיש וואָס נטע האָט איבערגענומען פון זײַן ברודער, האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. נטע האָט אַרײַנגעבראַכט נײַע סחורות, מער זיך אָפּגעגעבן מיטן געשעפט ווי פריִער זײַן ברודער. ס'לייזונג איז כּסדר געוואַקסן, אַריבערגעוואַקסן פון געוועלב אין שטוב אַרײַן, ביז די גאַנצע דירה הינטערן געוועלב אין געוואָרן אַ טייל פון געשעפט, מיט אָנגעלאָדענע פּאָליצעס איבער אַלע ווענט — פון אַ הילצערנער שפּאָל ביז אַ שוסטערישער ניימאַשין, פון אַ ביליקן סטריקאָוער לעדער ביז אָן אײדעלער אַמעריקאַנער געמזע. נטע האָט געדאַנקט דעם אייבערשטן וואָס דאָס גוטע מזל אין מיסחר איז מיט אים מיטגעקומען קיין כעלמיש.

מיט געניען האָט זיך, ברוך־השם, אַלץ אויסגעגלײַכט. זי וועט חתונה האָבן מיט כעמיען. דער כעמיע האָט זיך געסטאַטקעוועט. ער לויפט מער נישט אַרום, רופט נישט אַרויס קיין געשלעגן און איז סאָליד אין זײַן מיסחר. ער האָט טאַקע מיטגעבראַכט אַלע קאָבילאַקעס ווי מחותּנים, אָבער ער האָט זיך אויפגעפירט אָרנטלעך. איצט דאַרף נאָר דער רבונו־של־עולם צושיקן אַ גוטן שידוך פאַר רוכטשעלען. רוכטשע איז אַ שטיל, גוט, איידל קינד. זי פאַרדינט זיך אַ גוטן מאַן.

אין געוועלב פלעגט אַרײַנקומען אַ שגץ מאַטשעק באַדניאַק, אַ קאַמאַשן־שטעפּער. נישט קיין וואָזשנער בעל־מלאָכה, נישט קיין וואָזשנער באַצאָלער אויב מ'האָט אים געגעבן אויף קרעדיט. דער מאַטשעק איז אין איין העלן טאָג אַרײַנגעקומען צו נטען און אָפּגעקליבן סחורה פאַר עטלעכע הונדערט זלאָטעס. דאָס איז נטען געווען אַ גרויסער חידוש, די גרעסטע קניה וואָס מאַטשעק האָט ווען עס איז געמאַכט איז געווען פאַר אַ פינעף־און

צוואַנציקער. נטע האָט מיט אים גערעדט אָפענע דיבורים: „דער פּאַן האָט געגנוג מזומן? קיין קרעדיט קאָן איך נישט געבן".

„ווער בעט קרעדיט?" האָט מאַטשעק געלאַכט.

„איך וויל פון דעם פּאַן פרידע פינעף הונדערט זלאָטעס אָפּטרעטגעלט פאַר מײַן לעדער־געוועלב, כ'בין גרייט עס צו נעמען אין סחורה".

„זאָל דער פּאַן נישט מאַכן קיין קאַטאָוועס, דער פּאַן האָט נישט קיין געוועלב, און איך האַלט נישט בײַ קויפן נאָך אַ געוועלב".

„דערווײַל האָב איך נאָך נישט קיין געוועלב. אַז דער פּאַן פרידע וועט מיר געבן אַ פינעף־הונדערטער וועל איך נישט האָבן קיין געוועלב. מע האָט מיר צוגעזאָגט הילף צו עפענען אַ געוועלב. בײַ דעם פּאַן וועט מען שטעלן פּיקעטן, אָוועקטרײַבן די קונים צו מיר. און מע וועט רײַסן שטײַערן — דער פּאַן ווייסט דאָך „אָווּשעם... מע וועט צעברעכן דעם פּאַנס געשעפט, כּדי אַ פּאָליאַק זאָל איבערנעמען דאָס מיסחר".

נטע איז געווען אַזוי געפּלעפט אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען אַ וואָרט. מאַטשעק האָט דאָס שווײַגן אָנגענומען פאַר אַ הסכם און אָנגעהויבן פאַרוויקלען די פעלן וואָס ער האָט אויסגעקליבן. נטע האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן האַנט אויף דעם פּעקל. „זאָל דער פּאַן זיך גיין געזונ־טערהייט און קויפן בײַ עמעצן אַנדערש".

איצט איז מאַטשעק געבליבן שטיין אָן לשון.

„זאָל דער פּאַן מאַטשעק בעסער באַצאָלן די זעכצן זלאָטעס וואָס ער איז שולדיק שוין באַלד אַ יאָר. כ'דאַרף נישט אַזעלכע קונים וואָס צאָלן נישט קיין חובות".

מאַטשעק איז אַרויסגעלאָפן: „דו וועסט חרטה האָבן, פאַרשיווי זשיד".

דאָס איז געווען אין אַ מיטוואָך. שבת אין דער פרי, נטע האָט זיך געגרייט גיין אין שיל, איז אַרײַן דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיט נאָך דרײַ פּאָליציאַנטן: „פּאַניע פרידע, איך אַרעסטיר אײַך פאַר באַליידיקן דאָס פּוילישע פאָלק".

אַזעלכע בלבולים האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד — אַ נײַער אופן צו רודפן ייִדן. ווו נאָר אַ פּאָליאַק איז אין כעס אויף אַ ייִד, זאָגט ער אַז דער ייִד האָט באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק און מע פאַרמישפּט דעם ייִד צו געלטשטראָף און תּפיסה.

מע האָט ר' נטען געבראַכט דעם טשאָלנט אין דער כעלמישער קאָזע

אַרײַן. מע האָט אים אויך געבראַכט אַ קישן. דער קאָמענדאַנט האָט זיך געבײזערט: „דאָ איז אַ תּפיסה, ניט קײן פּענסיאָנאַט״. ער איז אָבער װײכער געװאָרן װען ער האָט דערזען װאָס מע האָט אַװעקגעלײגט אויף זײַן טיש. װעגן קויציע האָט מען געדאַרפט פאָרן קײן לובלין און געמוזט װאַרטן ביז מאָנטיק װען דאָס געריכט װעט אַמטירן.

װאָס האָבן עפּעס איובֿס צרות זיך אויסגעגאָסן אויף אים? צו ערשט האָט געדראָט מע זאָל אײַנזעצן געניען אין תּפיסה. איצט אויף דער עלטער, איז ער אַלײן געװאָרן אַן אַרעסטאַנט. װאָס טוט זיך דאָ אויף דער װעלט? ס׳איז שױן אין גאַנצן, חלילה, הפקר? נו, מע דאַרף דאַנקען גאָט. אויב ס׳איז געװען באַשערט עמעצער אין זײַן משפּחה זאָל זיצן, איז בעסער ער װי זײַן גענענדל.

*

דער קלײנער שלומל איז געלאָפן צום קאָמענדאַנט. גוט, דער פּאַן קאָמענדאַנט קאָן טאַקע ניט אַלײן דעצידירן װעגן קויציע, אָבער ער קאָן דאָך לאָזן דעם נטען אַהײמגײן שלאָפן, װער װעט דען װיסן?

שלומל האָט געהאַלטן אין אײן העכערן דעם פּרײַז ביז דער קאָמענדאַנט האָט מסכּים געװען. ס׳איז געװען שטאָק־פֿינצטער אויף די בעל־מישער ניט־באַלױכטענע גאַסן. מ׳האָט ניט געזען קײן לעבעדיקן נפֿש. דער קאָמענדאַנט האָט גענומען אויפשליסן די טיר צו דער קאָזע. „גוט װאָך, ר׳ נטע״, האָט שױן שלומל אַרײַנגעשריגן דורך די קראַטעס. איז פּליצלינג אָנגעלאָפן דער מאַטשעק מיט אַ גאַנצער חבֿרה יונגען. זײ האָבן געװוסט אַז די ייִדעלעך װעלן פּראָבירן געבן כאַבאַר. דאָס מאָל װעט עס ניט גײן. זײ פּאַרלאָזן זיך ניט אויף דער פּאָליצײ, זײ היטן אויך.

דאָס געלט האָט דער קאָמענדאַנט שױן ניט צוריקגעגעבן. שלומל האָט אָנגעהױבן קלערן צי דאָס איז ניט אַ מאָל אַ שותּפֿות־געשעפֿט פֿון דעם קאָמענדאַנט, מיט דעם אויסװאָרף מאַטשעק.

דער שעניק האָט געסאַרכעט. נטע האָט זיך צוריקגעזעצט אויפֿן בענקל. עס האָט גענומען אַן אײביקײט ביז דער שטאָטזײגער האָט אויסגעקלונגען נאָך אַ שעה.

ס׳איז נאָך אַלץ געװען נאַכט װען נטע האָט זיך איבערגעװעקט. ער

האָט זיך געקראַצט און געשאַרט די ווערעם מיט די הענט. די וואַנצן האָבן געראַיעט איבער אים. ער איז אַראָפּ פון געלעגער און אַרויפגע־טראָטן אויף זײַנע ברילן. ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויפן בענקל. עס האָט נישט אויפגעהערט בײַסן.

רוכטשע האָט טעלעפאָנירט געניען. זי איז געקומען צו פאָרן מיט כעמיען. כעמיען האָבן „די הענט געביסן" צו צעברעכן דעם מאַטשעק די ביינער. מע האָט אים קוים צוריקגעהאַלטן. אויב דאָס וועט געשען פאָרן פּראָצעס, וועט עס נאָך ערגער מאַכן. כעמיעס קומען האָט דאָך עפּעס אויפגעטאָן. דער מאַטשעק האָט, ווײַזט אויס, מורא געהאַט זיך צו דרייען בײַ נאַכט אין מאַרק. נטע האָט שוין געקאָנט אַהיימגיין שלאָפן.

טעג זענען פאַרגאַנגען. נטע האָט געשווידערט בײַם געדאַנק ער זאָל ווידער מוזן נעכטיקן אין דער עיפּושדיקער תּפיסה. כעמיע מיט נאָך אַ פּאָר קאַבילאַקעס האָבן געהיטן דעם מאַרק יעדע נאַכט ביז דער ריכטער האָט באַוויליקט צו באַשטימען קויציע.

די קאַבילאַקעס איז אַנגעשטאַנען כעמיעס שידוך. אַברהם קאַבילאַק, כעמיעס פעטער, האָט שוין אַליין געהאַט אַ זון, ברוכל, אַ חסיד און אַ לערנער, איצט איז ר' אהרן פרידע געוואָרן אַ מחותן. דאָס וועט שפּעטער העלפן ברוכן צו אַ שידוך. מאַמעס וועלן מער נישט סטראַשען זייערע קינדער: „גיי אין חדר אַרײַן, ווילסט אויסוואַקסן אַ קאַבילאַק?" די קאַבילאַקעס וועלן נאָך אַ מאָל האָבן אַ רב פון זייער בלוט און פלייש.

די קאַבילאַקעס האָבן געוואָלט ווײַזן די פרידעס אַז עס איז גאָר נישט אַזוי שלעכט צו האָבן זיי פאַר מחותנים. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט. איינער פון דער „נאַראָ"־חברה האָט חתונה געהאַט אין אַ דאָרף, דווקא ווײַטלעך פון כעלמיש. צוליב עקסטראַ־אָפּגעהיטקייט האָט כעמיע די נאַכט געשפּילט קאָרטן מיטן פּאָליציי־קאָמענדאַנט. דער „פּאַן וולאַדזאָ" האָט געהאַלטן אין איין געווינען, ביז דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, מע האָט געפונען דעם מאַטשעק באַדניאַק און נאָך עטלעכע פון זײַן חברה, מיט צעבראָכענע ביינער.

כעמיעס קאָרטנשפּיל האָט קיינעם נישט אָפּגענאַרט. דער קאָמענדאַנט האָט פאַרשטאַנען וואָס דער יונג איז אויסן געווען. כעמיע האָט אים

געפרעגט, „איז עס דאָס ערשטע מאָל אַז פויערים שיכּורן זיך אָן ביי אַ חתונה און צעשלאָגן זיך?" קיינער האָט דאָס נישט אָפּגעלייקנט. „באַ, אויך מיר אַ שליוב, מ'האָט אַפילו קיין מעסער נישט געזען", פלעגן פויערים זיך באַקלאָגן. אַ געשלעג ביי אַ חתונה איז געווען אַ פּרעסטיזש־זאַך. ס'האָט באַוויזן אַז ס'איז געווען אַ סך בראַנפן, אַז מ'האָט זיך געלאָזט וויל גיין. טאָ וואָס טשעפּעט מען זיך צו אים, האָט כעמיע געהאַט אַ טענה.

אויך די מחותּנים האָבן זיך געטשעפּעט צו אים, אויך ר' נטעס אַדוואָקאַט. מיטן באַקומען קלעפּ זענען די בילבול־מאַכערס געוואָרן די באַעוולטע.

כעמיען האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן, האָט די פּאָליציי זיך נוקם געווען אין אַן אַנדערן ייִד. פאַר דעם ערשטן מיי זענען אַלע מאָל געקומען אינסטרוקציעס פון דער „דעפענסיווע" צו מאַכן רעוויזיעס ביי סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן. די כעלמישער פּאָליציי האָט עס זעלטן גענומען ערנסט. איצט האָבן זיי אַרעסטירט עליאָש בלאַנק, וואָס מע האָט געוווּסט אַז ער איז אַ לינקער. צוזאַמען מיט אים האָבן זיי אויך אייַנגעזעצט זייַן כּלה העלע, אַ קרובה פון די פרידעס. העלען האָבן זיי אָפּגעלאָזט נאָכן ערשטן מיי, עליאָשן האָט מען אָן אַ מישפּט פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע.

דער פּראָקוראָר האָט צוגעאייַלט דעם מישפּט, כּדי מאַטשעק זאָל דעמאָלט נאָך האָבן אַ באַנדאַזשירטן אָרעם.

„דער זשיד האָט געזאָגט אַז אַלע פּאָליאַקן וועמען ער גיט קרעדיט באַצאָלן נישט", האָט מאַטשעק עדות געזאָגט. „אַ יאָר תּפיסה פאַר באַליי־דיקן דאָס פּוילישע פאָלק", איז געווען דער אורטייל. מע האָט קוים געפּועלט צו לאָזן ר' נטען אויף דער פרייַ ביז צו דער אַפּעלאַציע.

„דו האָסט זיך געמוזט אַרייַנמישן", האָט געניע געקלאָגט. „נישטאָ קיין גרעסערע חכמים אויף דער וועלט ווי די קאַבילאַקעס? וואָס זאָל איך טאָן? איבער דיר וועט דער טאַטעשי פוילן אין קרימינאַל. ער וועט עס נישט אויסהאַלטן!"

„דייַן טאַטעשי וועט נישט זיצן אין קרימינאַל, איך זאָג עס דיר צו", האָט כעמיע איר פאַרזיכערט.

„דו זאָגסט עס מיר צו", האָט געניע געביטערט. „די קאָבילאָקעס כאָוועס טאָקע זייער אייגענעם רב, אָבער קיין מלוכה־פּרעזידענט וואָס זאָל קאָנען באַגנעדיקן פאַרמישפּטע, האָבן זיי נאָך נישט".

זעקס וואָכן שפּעטער איז פאָרגעקומען די אַפּעלאַציע. מאַטשעק האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג. ער איז דעמאָלט געווען אויפגערעגט. אפשר האָט דער פאָן פרידע נאָר געזאָגט אַז ער, מאַטשעק, באַצאָלט נישט. ר' נטע איז אַרויס פריַי. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז פּלוצלינג געשען. איז מאַטשעק געוואָרן אַ בעל־תשובה?

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער מאַטשעק האָט זיך געעפנט זיַין אייגן לעדער־געשעפט. ווו האָט דער קבצן גענומען געלט איַינצו־קויפן סחורה, האָבן אַלע זיך געוווּנדערט. פּיקעטן זענען געשטאַנען ביַי נטעס געוועלב און אָוועקגעיאָגט די פּוילישע קונים. „אַ פּאָליאַק פאַר אַ פּאָליאַק", „פּוילן פאַר פּאָליאַקן", האָבן זיי געררופן. די קונים זענען אָוועק, אָבער צו מאַטשעקן נישט געגאַנגען. זיי זענען געקומען ביַי נאַכט, דורך אַ הינטערטיר, און וויַיטער געקויפט ביַי נטע פרידע.

די רעגירונג אין ווארשע האָט באַשלאָסן אַז אָושעם פּאָליטיק איז נישט גענוג. זיי האָבן צוגעטראַכט אַ ניַיע גזירה „אורבאַניזאַציע".

עס איז אַרויס אַ דעקרעט וועגן איבערבויען און פאַרשענערן די שטעט. אויפן סמך פון דעם דעקרעט האָט דער כעלמישער שטאָטראַט באַשלאָסן צו שליסן דעם מאַרק וואָס האָט נאָר אַלטע פאַרחושכטע היַיזער, און אַריבערטראָגן דעם מיסחר אויף דער פּילסודסקי־גאַס. דער אַלטער מאַרק איז געווען פול מיט יידישע קראָמען. די הויזווירטן פון פּילסודסקי־גאַס האָבן איצט נישט געוואָלט פאַרדינגען צו יידן. „זיי וועלן אונדז אונטערצינדן אויב מיר וועלן איַיך פאַרדינגען", האָבן די הויזווירטן זיך פאַרענטפערט.

די יידישע סיים־דעפּוטאַטן האָבן אינטערווענירט ביַים מיניסטער. „דעפּוטאַטן צום פּוילישן סיים זענען געוויילט געוואָרן צו העלפן בויען פּוילן און נישט צוריקצוהאַלטן פּראָגרעס", האָט דער מיניסטער געענטפערט.

נאָך דעם ווי דער קליינער שלומל האָט פאַרבראַכט מיט דעם פאָן בירגער־מיַיסטער „אויג אויף אויג", איז די גזירה אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ פּאָר חדשים.

ב.

כאָטש נטע פרידעס געשעפֿטן זענען איצט געגאַנגען בעסער, איז רוכטשע נישט צוריקגעגאַנגען אין גימנאַזיע. זי האָט אַרויסגעהאָלפֿן אין געווּעלב און „געשלונגען" ביכער. אין דעם כעלמישן קיבוץ איז מער נישט געווען פֿריילעך, מע זאָגט די הכשרהניקעס קריגן זיך אַרום. דער יאַקאָוו פֿון גורוויטש איז יאָ אַ סימפּאַטישער בחור, אָבער לעצטנס איז ער געוואָרן אַזוי שווײַגעוודיק און טרויעריק אַז ס'איז אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. געניע קומט זעלטן אַהיים פֿון וואַרשע. כעמיע שרײַבט וועגן באַשטימען אַ חתונה־טאָג. דער טאַטעשי אײַלט זיך נישט. עס ווײַזט אויס אַז ער וויל פֿריִער חתונה מאַכן די ייִנגערע טאָכטער. דער טאַטעשי האָט אוודאי מורא אַז אַ קאַבילאַק־אײדעם וועט איר שאַדן צו אַ גוטן שידוך. געניע שווײַגט וועגן באַשטימען אַ חתונה־טאָג. איז עס מעגלעך אַז זי האָט חרטה? כעמיע איז אַ שײנער, אַ גוטער, אָבער וועגן וואָס רעדט געניע מיט אים ווען זיי ווערן מיד פֿון קושן זיך? ער איז אַזאַ פּראָסטער, דער כעמיע. אפשר זאָל זי, רוכטשע, גאָר פֿאָרן קײן פּאַלעס־טינע? דאָס כעלמיש איז אַ העק, פּוילן איז אַ גיהנום פֿאַר ייִדן, און אַלע פֿאַר חדשים ווערט דאָ אַ נײַע בהלה וועגן מלחמה. זי וואָלט געדאַרפֿט זיך לערנען העברעיִש.

רוכטשע איז אַוועק אין קיבוץ פֿרעגן צי זיי האָבן פֿאַר איר אַ העב־רעיִשן לערער. „משה בוימל איז דער בעסטער העברעיִש־קענער, אָבער ער וויל טאָן נאָר שווערע פֿיזישע אַרבעט", האָט מען איר געזאָגט. „בלײַבט נאָר יאַקאָוו קאַליסקי, תּנך קען יעקב בעסער פֿון משהן".

רוכטשע איז געווען צופֿרידן וואָס איר לערער וועט זײַן יאַקאָוו און נישט דער בייזער משה.

יאַקאָוו איז מער נישט געווען דער מנהל עבֿודה אין קיבוץ. מע האָט אים קריטיקירט אַז ער פֿאַרברענגט מער בײַ די פֿרידעס ווי אין קיבוץ, און ס'איז געווען דערין אַ שטיק אמת. ער האָט געלייענט ביכער מיט רוכטשען, געשמועסט פּאָליטיק מיט ר' נטען, געשפּילט שאָך מיט קלמנען — טייל מאָל אַפֿילו אין דער אַרבעטצײַט. „כ'וועל עס אָפּדינען נאָך משהס עולה זײַן", האָט יאַקאָוו זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר חברים, און מע האָט אים מוחל געווען.

משה און זאַשקע האָבן שוין געהאַט אַ בשותּפותדיקן אויסלענדישן פּאַס וואָס איז געלעגן אין וואַרשעווער פּאַלעסטינע־אַמט און געוואַרט אויף אַ וויזע. זיי זענען געווען די ערשטע פון כעלמישן קיבוץ באַשטעטיקט צו ווערן צו עליה. אַ נײַ האָפן איז אַרײַן אין די פּאַרזעסענע הכשרה־ניקעס. אַז מע וואַרט דערוואַרט מען זיך דאָך. דער גאַנצער קיבוץ האָט געפּיבערט בײַם צוגרייטן אַ חגיגת פּרידה צו געזעגנען משהן און זאַשקען. נאָר יאַקאָוו איז ווײַטער פאַרשוואונדן אויף גאַנצע אָוונטן. צו זאַשקען האָט ער זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט. יאַקאָוו האָט אָוודאי חרטה וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ערשטן סערטיפיקאַט און אפשר האָט ער געוואָלט מע זאָל אים בעטן, האָבן חברים זיך געשושקעט. אַנישט פאַר וואָס האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אַמטן און איז אפילו מער נישט קיין חבר פון דער הנהגה פון קיבוץ. ער שווײַגט בײַ שיחות, נאָר וואָס שייך פּרנסה פאַר דעם קיבוץ, איז ער איצט געוואָרן דער גרעסטער פאַרדי־נער. חוץ העברעיִשע לעקציעס מיט רוכטשען און קלמנען, העלפט ער אויך אַרויס אין די חשבונות פון פרידעס געשעפט.

אין איין נאָך מיטאָג האָט מען פון קיבוץ צוגעשיקט יאַקאָוון צו דער אַרבעט אַ בריוו פון דער הנהגה הראשית, אַדרעסירט דירעקט צו אים.

די הנהגה הראשית האָט געשריבן צו יאַקאָוון ער זאָל איבערגעבן משהן און זאַשקען אַז זייער עליה מוז, צום באַדויערן, אָפּגעלייגט ווערן. דער פּאַלעסטינע־אַמט האָט געמוזט אָוועקגעבן אַלע סערטיפיקאַטן צו די חלוצים פון דער צוריקגעשיקטער מעפּילים־שיף ברענאַ.

יאַקאָוו איז אָוועק צו זאַשקען אויף איר אַרבעטפּלאַץ און איר געגעבן איבערצולייענען דעם בריוו.

„וואָס וועסטו טאָן?" האָט יאַקאָוו געפרעגט.

„וואָס קאָן איך טאָן? כ'על זיצן און וואַרטן".

„ווי לאַנג? ענגלאַנד גייט אָפּשטעלן די עליה אויף צוויי יאָר, שרײַבן די צײַטונגען".

„ווי לאַנג? אַזוי לאַנג ווי מע וועט מוזן וואַרטן. דו וואַרטסט דאָך אויך".

„איך קאָן מער נישט וואַרטן. איך בין גרייט צו גיין צו פוס, צו קריכן אויף אַלע פיר, לעגאַל אָדער אומלעגאַל. וואַרטן דאָ, זיצן דאָ מיט דיר און משהן אונטער איין דאַך קאָן איך מער נישט".

„יאַקאָוו, מיר האָבן זיך צוגעזאָגט מער וועגן דעם נישט צו רעדן".

„כ׳האָב געבעטן מע זאָל מיך שיקן אין אַן אַנדערן קיבוץ. חדשים װי איך האַלט זיך אין איין בעטן און זײ מאַכן זיך נישט װיסן. דער היגער קיבוץ דאַרף מיך, מײנען זײ. האָב איך אױפגעהערט זײַן נוצלעך פאַר דעם היגן קיבוץ. כ׳האָב אָראָפּגעװאָרפן פון זיך יעדן עול״.

„יאַקאָװ, דו הערסט װאָס דו זאָגסט? דו מײנסט עס נישט ערנסט״.

„ערנסט װי דער טױט״.

„דו האָסט בכיװן אױסגעמיטן צו טאָן דײַן אַרבעט אין דײַן קיבוץ און געזוכט אױסצופּרעסן אַ טראַנספער בײַ דער הנהגה הראשית? יאַקאָװ, דאָס קאָן נישט זײַן! דו ביסט אַ מדריך, דו דאַרפסט װײַזן אַ בײַשפּיל פון לאָיאַליטעט, געטרײַשאַפט, קרבנות־גרייטקייט. װאָס פאַר אַ חלוץ ביסטו? װאָס פאַר אַ שומר ביסטו? מיט אַזאַ באַציִען זיך צו דײַן קיבוץ איז אפשר בעסער דו זאָלסט זיך אין גאַנצן אַריבערציִען צו דער פּאַנגע פרידע. איך אַליין װעל שרײַבן װעגן דעם צו דער הנהגה הראשית״.

אַ רױטקייט האָט אָפּגעגאָסן יאַקאָװס פּנים און איז באַלד אַנטרונען פאַר אַ קאַלעך־בלײכקייט. די ליפּן, גרוי װי אַש, האָבן קוים זיך געעפנט אַרױסצולאָזן אַ שטיל קול װאָס האָט זיך אַרױסגעזײט פון צװישן די צײן:

„לאָז די פּאַנגע פרידע צו רו!״

„פאַר װאָס? איך האָב אָנגעטראָטן אױף אַ הינעראױג?״

„דו הייבסט אױף אַן אמת אָן צו װערן משה בוימלס װײַב״.

„דו לאָז צו רו משהן״.

„אויב איך קאָן פאַרטראָגן דײַן משה בוימל, שװײַג דו װעגן רוכטשע פרידע״.

„משה איז אַ שומר און אַ חבר פון קיבוץ״.

„דו האָסט זיך אױסגעקליבן אַ װעג פון אַ מאַרטירערין, זאָל עס דיר װױל באַקומען. און לאָמיך עס דיר זאָגן צום ערשטן מאָל: דו האָסט מן־הסתם געענוג סיבות צו זײַן אין כּעס אױף זיך, אויב דו שטראָפסט זיך אַזוי שװער״.

זאָשקע האָט זיך אױסגעדרייט אַװעקצוגיין. יאַקאָװ האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם. „איצט מוזסטו מיך אױסהערן, זאָשקע, ביזן סוף! דו ביסט זיך נישט מקריב פאַרן קיבוץ, נאָר פאַר משהן, און דו װילסט דער גאַנצער קיבוץ זאָל זיך מקריב זײַן פאַר אים. משה איז אַ קללה פאַר דעם קיבוץ. דאָס איז געװאָרן אַ הכשרה פון שינאה, פון קריגן זיך און

עסן זיך די גאַל, און נישט אַ הכשרה זיך צו לערנען לעבן צוזאַמען אין ברודערשאַפט. דער גאַנצער קיבוץ צאָלט פאַר דײַנס אַ פאַלשן שריט".

„אַכזר !"

„נישט ווייניקער אַכזר ווי דו ביסט צו מיר. קיינער ווייסט נישט ווי דו, וואָס איך גיי דאָ אַדורך, אָבער דײַן גאַנץ רחמנות און לאָיאַליטעט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך בײַ דײַן מאַזאָכיסטישן שידוך מיט משהן. כ'האָב געמוזט אויפרײַסן די ווונד. אפשר וועט עס העלפן דעם קיבוץ, אפשר אויך דיר, און אפשר אויך מיר. כ'האָב דיך נאָך אַלץ ליב, זאָשקע".

זאָשקע האָט זיך אַרויסגעריסן און געגומען לויפן.

זאָשקעס אַקסלען האָבן געציטערט. די שטאָלצע זאָשקע איז געלאָפן איבער די גאַסן פון כעלמיש און געוויינט.

ווען משה איז געקומען פון דער אַרבעט האָט ער שוין געוווּסט וואָס ס'איז געשען מיט זײַן סערטיפיקאַט. זאָשקע איז געלעגן אויפן בעט. ער איז צוגעגאַנגען צו איר אָן געטרייסטן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. משה איז אויפגעשטאַנען פון בעט און מיטן בליק געזוכט יאַקאָוון. ער האָט דערזען אַז יאַקאָוו האָט ברוינע רעמלעך אונטער די אויגן.

מע האָט גערופן צום טיש. משה האָט זיך נישט געזעצט נעבן זאָשקען. מע האָט געגעסן אין שווײַגן. אַ חבר האָט אײַנגערוימט יאַקאָ־ וון: „זאָשקע וועט שוין הײַנט האָבן אַ ביטערע נאַכט". יאַקאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן קורטקע און געלאָפן צו דער טיר.

„קום נישט צו שפעט. דו וועקסט אונדז איבער יעדע נאַכט".

„כ'גיי אַוועק צו שפעט. חזק, חברה. מײַן פוס וועט מער נישט איבער־ טרעטן די שוועל".

יאַקאָווס געדאַנקען האָבן אויפגעקלאָרט אין דער פראַקטיקער לופט. וווהין וועט ער גיין אין דער ווינטערנאַכט ? אַ באַן קיין וואַרשע וועט אָפגיין ערשט מאָרגן פאַר טאָג. ער קאָן זיצן אויף דעם וואָקזאַל, אָבער ער האָט דאָך אַפילו נישט אויף הוצאות. וווּ וועט ער זיך אַהינטאָן אויב ער וועט שוין אָנקומען קיין וואַרשע ?

אין וואַרשע וועט כעמיע קאַבילאַק אים העלפן. כעמיע איז אַ גוטער־ ברודער. ער מוז בעטן רוכטשען זי זאָל אים געבן כעמיעס אַדרעס און טאָקע בײַ די פרידעס בעטן אַ הלוואה אויף אַ באַנבילעט. די פינעף זלאָטעס

וואָס רוכטשע פרידע איז אים שולדיק פאַר העברעיִשע לעקציעס געהערן דעם קיבוץ. זאַשקע קאָן נאָך זאָגן אַז ער איז אַ גנב אויך. ער מוז שוין אַרײַנגײן צו די פרידעס, אײדער זײ לײגן זיך שלאָפן.

יאַקאָוו איז געשלאָפן מיט קלמנען אין אײן בעט. עס זאָגט זיך נאָר אַזוי — געשלאָפן. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געדרײט זיך פון אײן זײַט אויף דער אַנדערער. אָרעמע זאַשקע, ער איז זיכער זי שלאָפט אויך נישט. משה האָט פראַגעס, משה האָט טענות, משה מאַטערט זי. וואָס האָט זאַשקע זיך פלוצלינג געטשעפּעט צו אים וועגן רוכטשען? איז עס מעגלעך אַז זאַשקען אַרט וואָס ער פאַרברענגט מיט אַן אַנדערער? איז עס מעגלעך אַז —

אַכיבע דער משה זאָל אָוועקשטאַרבן, אַנישט וועט זאַשקע בלײַבן מיט אים, אַפילו אויב זי חלשט פאַר עמעצן אַנדערש. מיט עפּענען זאַשקעס אויגן האָט ער נאָר אויפגעריסן אירע וווּנדן, העלפן וועט עס איר נישט. זיך אַלײן האָט ער אפשר יאָ געהאָלפן, איצטער וועט ער שוין אַפילו נישט קאָנען חלומען וועגן איר, זײ זענען זיך צעגאַנגען ווי שונאים. אָרעמע זאַשקע, מיט וועמען איך האָב דיך איבערגעלאָזט...

יאַקאָוו איז אײַנגעשלאָפן ערשט פאַר טאָג. פאַרשלאָפן, און פאַרשפּעטיקט דעם צוג קײן וואַרשע.

„כ'האָב דיך נישט געוואָלט וועקן און טרײַבן צום צוג. דו ביסט איצט שוין זיכער גרײט צוריקצוגײן אין קיבוץ", האָט רוכטשע זיך פאַרענטפערט.

„נײן, רוכטשע, כ'וועל דאָרט נישט צוריקגײן".

„אַז דו ווילסט נישט צוריקגײן, דאַרפסטו נישט. קאָנסט דאָ זײַן בײַ אונדז ביז צום אָוונטצוג, ביז מאָרגן פרי, ווי לאַנג דו ווילסט".

„הלוואַי וואָלט איך דאָ געקאָנט זײַן ווי לאַנג איך וויל. ס'איז אַ וואַרעמע שטוב בײַ אײַך".

„פאַר וואָס נישט? קאָנסט אַרבעטן בײַ אונדז אין געוועלב. בײַ טאָג אין געוועלב, אין אָוונט מיר געבן העברעיִשע לעקציעס, פאַרשקלאָפן דיך טאָג און נאַכט", האָט רוכטשע געלאַכט.

ס'וועט נישט גוט זײַן פאַר דעם קיבוץ. די לעקציעס מיט דיר וועלן מיר טאַקע פעלן".

„מיר אויך. עס וועט שוין גאָר ניט זײַן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן".

„פאַר וואָס טאַקע זיצסטו דאָ אין דעם כעלמיש, קום אויך קיין וואַרשע, גענוג וועט דיר העלפן געפינען אַ פּאָסטן".

„כ'מוז העלפן אין געוועלב, אָבער דער טאַטעשי ווייסט אַז איך וועל נישט אייביק זיצן בײַ אים".

„רוכטשע, כ'וויל דיך עפּעס פרעגן. דו לערנסט זיך העברעיִש טאַקע ווײַל דו ווילסט פאָרן קיין ארץ־ישראל?"

„אויב די מאַכט, דאָ, איז אויף דער זײַט פון די מאַטשעק באַדניאַקס דאַרפן מיר אַלע אַנטלויפן. שאַ, פאַר אַזעלכע רייד קאָן מען מיך נאָך אײַנזעצן און זאָגן אַז איך האָב באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק".

„אויב איך וועל קריגן אַ סערטיפיקאַט — — אַ סערטיפיקאַט איז גילטיק פאַר צוויי, כ'מיין פאַר אַ פּאָרל, און — — —"

יאַקאָוו האָט איבערגעריסן און אַנטשוויגן געוואָרן. „דו האָסט נישט פאַרענדיקט וואָס האָסט אָנגעהויבן זאָגן", האָט רוכטשע אים דערמוטיקט.

„נאַרישקייטן, פּוסטע חלומות! כ'בין אַנטלאָפן פון מײַן קיבוץ, וועלן זיי מיך באַלוינען מיט אַ סערטיפיקאַט?"

„טאָ וואָס אײַלסטו זיך קיין וואַרשע?"

„אויב מע וועט מיר נישט געבן קיין טראַנספער צו אַן אַנדערן קיבוץ וועל איך זוכן אַ פּאָסטן אין וואַרשע. אויב דו וואָלטסט אויך געקומען וואָלט געוועזן היימישער און היימלעכער".

„אויב דו וועסט מיר שרײַבן אַז דו בלײַבסט אין וואַרשע... איך האָב סײַ ווי געוואָלט פאָרן אַ ביסל צו גענייען".

אין וואַרשע איז יאַקאָוו באַלד געגאַנגען צו כעמיען, און כעמיע האָט טאַקע געפונען פאַר אים אַרבעט. יאַקאָוו אַליין האָט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס ער איז אַפילו נישט אַרײַן צו דער הנהגה הראשית. האָט ער זיך געשעמט פאַר זיי אָדער געוווּסט אַז ער וועט גאָרנישט פּועלן?

ג.

אין דער עקספּעדיציע ווו יאַקאָוו האָט איצט געאַרבעט האָט מען אים גערופן יאַנקל, און אַזוי האָבן אים גערופן אַלע זײַנע באַקאַנטע. ער האָט ווידער געוווינט אויף זײַן אַמאָליקער קוואַרטיר אויף פּאַוויע־גאַס. די

באַלעבאַטים האָבן זיך אַ סך געעלטערט זינט יאַנקל איז אַוועק אויף הכשרה. זלמן איז געזעסן אין פּאַוויאַק פאַר פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור. רייזל איז, ווייַזט אויס, שוין ניט געווען אין איר הכשרה־קיבוץ. ווו זי איז, האָט ער פון אירע עלטערן נישט געקאָנט אַרויסקריגן. ער איז ווידער געשלאָפן אין רייזלס בעטל. אין זלמנס בעטל איז געשלאָפן אַ יונגער־מאַן, סטאַשעק, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין מנוחה, ער האָט נישט אויפגעהערט פלאַפּלען. גערעדט האָט סטאַשעק נאָר וועגן מיידלעך, און מיט אַזאַ לשון אַז עס איז יאַנקלען געווען איבער דער טבע. ער האָט נאָר געוואָלט מיטשלעפּן יאַנקלען צו אַ גאַסנמויד און ער האָט זיך באַרימט אַז ער איז שוין צוויי מאָל געווען ווענעריש קראַנק. יאַנקלען האָט געמיגלט זיך צו וואַשן פון דער זעלביקער שיסל און טרינקען פון אַ גלאָז וואָס יענער האָט אפשר פון איר געטרונקען.

כעמיע איז אָפּט אַריינגעקומען אין דער עקספּעדיציע. „רוכטשע פרעגט זיך אויף דיר”, האָט כעמיע געזאָגט, „דו שרייַבסט גאָרנישט צו איר?”

ער האָט נישט געשריבן אַהיים, נישט געשריבן צו קיינעם. ער וואָלט זיך נישט צוגעגלייבט אויב מע וואָלט אים געזאָגט אַז ער וועט וווינען אין איין שטאָט מיט שפּרינצען און זען זיך מיט איר אַזוי זעלטן. כעמיעס גרוס פון רוכטשען האָט אים דערמאָנט אַז ער האָט געבאָרגט פון איר אויף הוצאות קיין וואַרשע. ער האָט שוין פאַר איין וועג צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער. זי באַקלאָגט זיך אויף כעלמיש, אָבער אים איז אין וואַרשע נאָך אומעטיקער ווי אין כעלמיש. די אָוונטן וואָס ער פלעגט פאַרברענגען בייַ זיי אין הויז ווייַזן אים אויס ווי אַ ווייַטער חלום.

רוכטשע האָט געענטפערט אַז זינט ער איז אַוועקגעפאָרן איז כעלמיש נאָך ערגער ווי געווען. זי וועט קומען קיין וואַרשע אויף חנוכּה.

חנוכּה איז געווען פריילעך. יאַנקל איז געגאַנגען מיט רוכטשען, געניען און כעמיען אין יידישן טעאַטער. כעמיע האָט געקויפט געניען אַ זילבער־פוקס אַנצוטאָן ערשט פסח־צייַט. זי האָט פאַראַדירט מיט דעם פוקס פאַרן שפּיגל און געווען גליקלעך. זי האָט אויסגעזען זייער עלעגאַנט אין דעם געפּאַסטן קאָסטיום מיט דעם זילבערפוקס. „אַז מיר וועלן אויף פסח פאָרן אַהיים, וועט גאַנץ כעלמיש זיך צוזאַמענלויפן קוקן”, האָט כעמיע גע־טרוימט אויפן קול.

שבת צו נאַכט האָט געניע געמאַכט אַ ביבקע. עס זענען געקומען חברים און חברטעס פון איר אַרבעטפּלאַץ. ווען יאַנקל איז געקומען מיט שפּרינצען איז שוין געווען אַ טומל אין שטוב. עס איז שטיל געוואָרן ווען שפּרינצע איז אַרײַנגעקומען. געניע איז נישט געווען נידעריקער פון שפּרינצען, כעמיע איז געווען העכער פון איר, אָבער עס האָט אויסגעוויזן ווי שפּרינצעס הויכער האַלדז וואָלט געטורעמט איבער אַלעמענס קעפּ. געניע האָט גענומען קוקן מיט מער דרך־ארץ אויף דעם אָרעמען חלוק וואָס רוכטשע האָט זיך, ווײַזט אויס, אויסגעקליבן. רוכטשע איז געוואָרן טרויע־ריק. ווי קאָן זי געפעלן יאַנקלען אַז ער האָט אַזאַ שוועסטער?

דערוואַרעמט זיך נאָך דער דרויסנדיקער קעלט האָט שפּרינצעס פּנים אויפגעבליט מיט אַזעלכע אײדעלע פאַרבן ווי אונטער איר הויט וואָלט געריזלט בלוט פון אַ באַזונדערן קאָליר און קוואַליטעט.

„אויפגעוואַקסן בײַ פּישל כיבעשמוי אין בוידעמשטיבל”, האָט געניע געטראַכט, „און אַלץ זינגט אַראָפּ פון איר ווי זי וואָלט אויפגעוואַקסן אין אַ פּאַלאַץ”.

שפּרינצעס געשטעל איז געווען ווי זי וואָלט געווען אַ פּאַרריסענע. זי האָט אין אָנהייב שעמעוודיק געשוויגן, און געניע האָט עס שוין געוואָלט אויסטײַטשן אַז די געזעלשאַפט שטייט איר נישט אָן. עס האָט נישט לאַנג גענומען און אַ מילדער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום אירע געשניצטע ליפּן. יאַנקל איז געזעסן און נאָכגעקוקט זײַן שוועסטער. אירע אויגן זענען אַזוי וואַרעם, איר פּנים אַזוי אָפן, אָן אָנשטעל. דאָס איז עס! אָנשטעל מאַכט דאָס פּנים אָנגעצויגן ווי אַ מאַסקע. שפּרינצעס פּנים איז אַזוי מילד ווײַל עס האָט גאָרנישט צו באַהאַלטן. יאַנקל איז אַזש אונטערגעשפּרונגען אויף זײַן בענקל ווען עס איז אויפגעגאַנגען אין אים אַז דאָס איז דעם טאַטנס שיינקייט וואָס לײַכט אַרויס פון שפּרינצען. ער האָט זיך טייל מאָל געשעמט מיטן טאַטנס בטלנות און מיט זײַן צונאָמען כיבעשמוי.

מע האָט געשפּילט גראַמאָפאָן־פּליטן און געטאַנצט. יאַנקל איז געזעסן ווי אַ פרעמדער. ער האָט געקאָנט טאַנצן אַ האָראַ, אָבער נישט די רומבאַס, טאַנגאָס. רוכטשע האָט אים געוואָלט לערנען די טריט פון אַ טאַנגאָ. „וועסט גיכער אויסלערנען אַ בער טאַנצן”, האָט יאַנקל געלאַכט.

„עס וועט נישט זײַן אַזוי שווער, אויב דײַן שוועסטער טאַנצט אַזוי

שיין״, האָט כעמיע געזאָגט. געניע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. ער האָט זיך פאַררייטלט.

מען איז איבערגעגאַנגען צו פאַרשידענע שפּילן. כעמיע האָט געוואונען די רעכט צו קושן שפּרינצען, און יאַנקל צו קושן געניען. ווען כעמיע האָט אַ קוש געטאָן שפּרינצען, האָט געניע געשריגן, ,,דו מאַכסט עס צו גוט!״ ווען יאַנקל האָט איר אַ קוש געטאָן, האָט זי געזאָגט: ,,נישט גוט גענוג. מאַך עס נאָך אַ מאָל, נישט פאַרחלשט ווי נאָך אַ תּענית״. אַלע האָבן געלאַכט. יאַנקל האָט זיך פאַרשעמט. ,,דיך וואָלט איך געקושט בעסער״, האָט ער געזאָגט צו רוכטשען ווען ער איז איר נאָכגעגאַנגען אין קיך אַריין צוגרייטן טיי. רוכטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. יאַנקל האָט אַריינגעכאַפּט אַ קוש איידער געניע איז אַריינגעקומען. געניע האָט נאָך געזען זיין אָפּרייסן זיך פון רוכטשען. ,,געדענק, דו ביסט מיר שולדיק אַ קוש״, האָט זי געלאַכט.

אויב יאַנקל וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר רוכטשען וואָלט ער איצט געקושט געניען. איר געטאַקטע פולקייט, איר גאַנג, און אַפילו איר ריח איז לויטער רייץ. געניע איז באַלד אַרויס פון קיך. רוכטשע איז געווען דערשטוינט ווען דער שעמעוודיקער יאַנקל האָט זי אַרומגעכאַפּט געקושט, און געקושט. די לאַטקעס האָבן גענומען צוברענען.

שפּרינצע איז צוגעשטאַנען יאַנקל זאָל זיך אויסקליידן און נישט אַרומגיין ווי אַ חלוץ. דער באַלעבאָס האָט אים צוגעזאָגט צו דערלייגן פינעף זלאָטעס אַ וואָך אויב ער וועט קומען צו דער אַרבעט אָנגעטאָן ווי אַ מענטש. ,,דו ביסט דאָך אַ יונג, אַ פּראַנט!״ האָט געניע אויס-געשריגן ווען זי האָט אים דערזען אין זיינע נייע מלבושים. ,,גיב אים אַ קוש, רוכטשע, אַנישט וועל איך עס טאָן״.

רוכטשע איז אויך געווען איבעררראַשט ווי אַנדערש יאַנקל זעט אויס, אָבער זי איז געבליבן זיצן פאַרשעמט פון געניעס רייד.

,,איך גיי שוין אַרויס מיר קויפן אַ נייעם אַנצוג״, האָט כעמיע זיך געוויצלט.

,,דיר אויף צו להכעיס״, האָט געניע געזאָגט, און אַ קוש געטאָן יאַנקלען.

„רוכטשע, אויב דו ווילסט יאַנקלען פאַר אַ חתן, באַהאַלט אים פון גענַיען, זי וועט אים אויפעסן", האָט כעמיע געשפּאַסט.

גענַיע האָט זיך צעלאַכט. רוכטשע האָט זיך שיִער נישט צעוויינט. דער גרויסער „חכם" כעמיע האָט געמעגט וואַרטן ביז יאַנקל וועט פריִער זאָגן אַז ער וויל זי פאַר אַ כלה. זיי האָבן זיך געקושט ווען זיי זענען געווען אַליין. יאַנקל האָט גערעדט וועגן דעם אַז חתונה האָבן און געבוירן קינדער איז כּדאַי נאָר אין אַן אייגן לאַנד, אויף אייגענער ערד, נישט ווו דער בליק פון יעדן שכן באַגלייט דיך מיט שינאה און שפּאָט. אָבער ער האָט נאָך ביז איצט נישט געזאָגט קלאָר אַז ער וויל זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

יאַנקל האָט זיך געמאַכט אַ פאָטאָגראַפיע מיט שפּרינצען, איז דאָס אַרויסגעקומען אַזאַ שיין פּאָרל אַז דער פאָטאָגראַף האָט פאַרגרעסערט דאָס בילד און עס אַרויסגעהאַנגען אין זײַן אויסשטעלפענצטער. רוכטשע האָט אַהיימגעשיקט אַזאַ פאָטאָגראַפיע מיט אַ צושריפט: „ווי געפעלט אײַך עפּעס דער געוועזענער הכשרהניק יאַקאָוו? די דאַמע מיט אים איז זײַן שוועסטער".

„ער געפעלט אונדז", האָט די מוטער געענטפערט: „ווי געפעלט ער דיר? מע מעג זיך שוין ווינטשן מזל־טוב?"

רוכטשע האָט אויף דעם נישט געענטפערט. הלוואַי זי וואָלט געוווּסט...

רוכטשע האָט שוין געדאַרפט צוריקפאָרן קיין כעלמיש. „שרײַב מיר, איך וועל דיר אויך שרײַבן", האָט יאַנקל איר געזאָגט אויפן וועג צו דער באַן. ער האָט זי לאַנג געקושט און אָפּגעהאַלטן זי פון אַרײַנגיין אין צוג ביז דער לעצטער מינוט. „לערן זיך ווײַטער עברית, שרײַב מיר", האָט ער איר נאָכגעשריגן ווען זי איז אַרויף אויף די טרעפּלעך.

ווען רוכטשע האָט אין קיבוץ אין כעלמיש געוויזן די פאָטאָגראַפיע פון יאַנקלען אין פּאַצעטישע מלבושים, האָט משה אַזש אַ שפּרונג געטאָן: „אַהאַ, די אַל איז אַרויס פון זאַק. דאָס איז זײַן אמתער פּרצוף! ער וואָלט אונדזער קיבוץ אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר. גוט וואָס ער איז אַוועק. ער פירט זיך שוין אַרום מיט וואַרשעווער פּאַניענקעס", האָט ער זיך גערייצט מיט זאַשקען.

„ס'איז זײַן שוועסטער", האָט רוכטשע זיך אַרײַנגעמישט.

„אַז מע גיט אַ קוק אויף זײַן שוועסטער, זעט מען שוין וואָס פֿאַר אַ לײַט ער קאָן זײַן", האָט משה נישט אָפּגעלאָזט.

חוה האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע און געפֿרעגט: „וואָס טוט דײַן שוועסטער, משה?"

„כ'האָב נישט קיין שוועסטער".

„גוט. זי וואָלט דאָך אַוודאי געווען גערעכט אין דיר".

ד.

ערב־שבת איז אַלע מאָל געווען אַ שווערער טאָג אין דעם עקספּע־דיציע־הויז ווו יאַנקל האָט געאַרבעט, בפֿרט אין די קורצע ווינטערדיקע פֿרײַטיקס. יאַנקל איז אַהיימגעקומען אַ מידער. ער האָט פֿויל זיך אַרומ־געוואַשן, אָבער נישט געהאַט קיין חשק זיך איבערצוטאָן און אַרויסצוגיין. ער האָט גענומען אַ בוך, אָבער עס האָט זיך נישט געלייענט. די לעצטע פֿרײַטיק־צו־נאַכטן איז געווען פֿריילעך. רוכטשע איז נאָך געווען אין וואַרשע, געניע און כעמיע האָבן צוגעגרייט גאַנצע סעודות, און מע האָט געהוליעט. שוין צײַט אַרײַנצוקוקן אין אַ בוך. ער פֿירט די אויגן איבער די שורות אָבער די געדאַנקען פֿליען ערגעץ אַנדערש. ער שטעלט אָן די אויגן אויף די ווערטער פֿון בוך אָבער עפּעס האָט זיך איבערגעריסן אין דער קאָאָרדינאַציע צווישן אויג און געדאַנק. דאָס בוך הייסט „דער מאָרגנ־דיקער טאָג", אָבער פֿאַר אים וויקלען זיך פֿונאַנדער זײַנע נעכטיקע טעג. אַ חשבון־הנפֿש? ס'איז דאָך נאָך ווײַט צו יום־כּיפּור!

אין אַלע קאָזשלקעס וואָס ער האָט אין זײַן לעבן געמאַכט איז ער אַרויס פֿון איין אַקטיוו לעבן און אַרײַן אין אַן אַנדערס. די משה בוימלס און זייער גלײַכן מיינען אַז די בית־המדרש־בחורים זענען ליידיק־גייערס, זיי ווייסן נישט אַז דער עול־תורה איז טאַקע אַן עול און לאָזט נישט איבער קיין פֿרײַע מינוט. אין דער אָרעמקייט פֿון זײַן טאַטנס שטוב איז אים גוט געווען צו שמען פֿאַר אַ ווילקענער. ניין, ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין בעל־גאווה אָבער אַז מע האָט אים געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די דרײַ בעסטע לערנערס אין בית־המדרש, האָט עס קאָמ־פּענסירט פֿאַר זײַן אָפּגעשאָסן כאַלאַטל און זײַנע געלאַטעטע שטיוול. ניין, די הלבשה איז בײַ אים נישט קיין מאַנקאָליע ווי בײַ שפּרינצען. ס'איז

נישט אמת אַז קלײדער מאַכן דעם מענטש; לומדות און װיסן — יאָ, און מע װערט נישט קײן למדן פֿון לײדיק־גײערײַ.

איז זײַן התמדה אין לערנען געװען אַ מין דאָרשט צו װיסן אָדער אַ געברױך צו קוקן אױף זיך אַלײן מיט חשיבֿות?

אפֿשר בײדע. ער איז נישט אַזאַ עניו װי זײַן טאַטע. זײַן טאַטע לערנט נאָר כּדי צו דינען דעם אײבערשטן, ער האָט געלערנט אױך כּדי צו קענען און כּדי מע זאָל װיסן אַז ער קען...

ער האָט ליב זײַן טאַטע, און די מאַמע אױך אַ ביסל. אָבער ער האָט נישט געבענקט אַהײם נאָכן קומען אין ישיבֿה. ער האָט געלערנט ביז שפּעטע שעהן אין דער נאַכט, ער האָט געדאַרפֿט אָניאָגן זײַן כּתּה. װען ער האָט איבערגעשריבן די חידושי־תּורה פֿון ר׳ ישׂראַלטשע קאַמינער האָט ער אין דעם אַרײַנגעלײגט אַ סך אַרבעט. ער האָט נאָכגעקוקט די מקורות, אַרײַנגעטיפֿט זיך אין די סבֿרות. ר׳ ישׂראַלטשע האָט דאָס נישט פֿאַרלאַנגט אָבער װען ער האָט אױסגעבעסערט ציטאַטעס, געפֿונען נײַע ראַיות צו ר׳ ישׂראַלטשעס סבֿרות און צוגעשריבן מראה־מקומות, האָט ר׳ ישׂראַלטשע געהעכערט זײַנע שׂכירות און אים געגעבן במתּנה אַ גענוצטע זײַדענע יופּעצע, ער זאָל עס לאָזן איבערנײען און האָבן אַ בכּבֿודיקן מלבוש אױף שבת. שבת, אין שטיבל האָט ר׳ ישׂראַלטשע אים צוגעפֿירט צו אַ ייִד װאָס האַנדלט מיט חסידישע מלבושים און יענעם געזאָגט: „דער בחור װעט, אם־ירצה־השם, קומען צו אײַך אין געװעלב, גיט אים אױף מײַן חשבון אַ נײַע בעקעשע, אַ סאַמעטן היטל, און אַ פּאָר שטיװל אױך״.

„איר האָט דאָך מיר געגעבן אײַערס אַ זײַדענע יופּעצע״, האָט יאַנקל פּראָטעסטירט.

„דו ביסט, קײן עין־הרע, העכער פֿון מיר, מײַן יופּעצע װעט זײַן אױף דיר צו קורץ״.

דער ייִד װאָס האָט פֿאַרקױפֿט יופּעצעס האָט נישט געהאַנדלט מיט קײן שיכװאַרג אָבער ער האָט אַרײַנגעפֿירט יאַנקלען אין אַ שכנותדיק געװעלב און באַצאָלט פֿאַר יאַנקלס נײַע שטיװל.

װאָס שײך זײַן התמדה אין לערנען איז עס, מן־הסתּם, אַרײַן אין זײַן בלוט, ער איז געװען אַ מתמיד אױך נאָכן אַװעק פֿון דער ישיבֿה. זינט ער געדענקט זיך זאָגט מען אים אַז ער האָט שײנע גרױסע אױגן.

אַזוי גרויס ווי די אויגן זענען, אַזוי רויט און געשוואָלן זענען זיי געווען ווען ער איז אָנגעקומען אויף דעם מדריכים־קורס. קיינער האָט אים איצט נישט געשטערט צו ברענען די ליכט אַ גאַנצע נאַכט און ער איז אויס־געקומען כמעט אָן שלאָף. עס איז אים טייל מאָל באַפאַלן אַ שלאָף אין מיטן אַ לעקציע, אָבער ער האָט שוין געוווּסט וועגן מאַרקסיזם און וועגן פּאַלעסטינע נישט ווייניקער פון די לערערס.

ער איז געשיקט געוואָרן קיין כעלמיש צו זיין דער אידעאָלאָג פון דעם קיבוץ אָבער אַלע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען זענען גיך געפאַלן אויף זיין קאָפּ און אויף זיינע פּלייצעס. עס מוז זיין אַז ער איז טאַקע נישט קיין מיאוסער בחור, ווי זאָגט מען עס: דעם קאָפּ זאָל מען פאַרזעצן און אַ שיין פּנים זאָל מען האָבן. ער האָט מצליח געווען אין באַקומען אַרבעט פאַר קיבוצניקעס אַפילו ביי די וואָס האָבן פריער מיט דעם קיבוץ נישט געוואָלט האָבן צו טאָן. נאָר עס קאָן זיין אַז זיין הצלחה איז געקומען פון דעם וואָס ער האָט געקענט אַדורכפלעכטן זיינע רייד מיט אַ פּסוק אָדער מיט אַ זאָג אין דער גמרא. סיי ווי סיי, ער האָט געדאַרפט איבערנעמען איין אַחריות נאָך דער אַנדערער. ווען די חברים האָבן גערוט אָדער אַרויס אויף אַ שפּאַציר האָט ער געדאַרפט פירן חשבונות אָדער צוגרייטן אַ שיחה. די זאָשקע, וואָס מיינט אַז דער גאַנצער יושר שטייט איין ביי איר, זי האָט געזען אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט נאָר ביי משהן, פאַר וואָס האָט זי דאָס נישט געזען אין זיין אָוועקגעבן יעדע פרייע מינוט?

אָווע טאָווע, ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו בענקען אַהיים.

אין דער היים האָט ער געחלומט וועגן מינדעלען, זיינע ערשטע חלומות וועגן אַ מיידל.

וועגן אַ מיידל? ס'איז אפשר געווען מער אַ חלום צו ווערן דעם רבס איידעם ווי צו ווערן מינדעלעס מאַן. אַ קאַריעריסטל? ניין, דאָס איז ער קיין מאָל נישט געווען. אויב זיין זכרון נאַרט אים נישט איז דער טשוואָק פון זיין חלום געווען דער נחת וואָס דער טאַטע וועט האָבן. דעם רבס מחותן, און אפשר אויך דער טאַטע פון אַ יונגן רב, וועט קיינער זיך נישט דערוועגן צו רופן מיטן צונאָמען פישל כיבעשמוי, לכל־הפחות עס נישט זאָגן מיט אַזאַ טאָן פון גרינגשאַצן. ער געדענקט נישט צי ער האָט דעמאָלט אַזוי געטראַכט בפירוש, אָבער ער ווייסט איצט אַז דאָס איז געווען דער תוך פון זיינע מחשבות. דער טאַטע איז אין גאַנצן אויס־

געטאָן פון די תּאוות צו געלט און צו כּבוד, אָבער ער חלשט צו זען נחת אין די קינדער. נאָך זײַן גרויסער ליבשאַפט צום אייבערשטן קומט די ליבשאַפט צו די קינדער. מן־הסתּם האָט ער אויך ליב די מאַמע, אָן איר חוש פאַר פּראַקטישקייט וואָלט ער דאָך געווען אַ פאַרלוירענער, און די מאַמע האָט ביז הײַנט נאָך דערהאַלטן עפּעס פון איר שיינקייט. דעם טאַטנס ליבשאַפט צו דער מאַמען איז אַ צניעותדיקע, אַ באַהאַלטענע, אָבער אַלע קאָנען זען אַז פאַר די קינדער גייט אים אויס דאָס חיות.

יאָ, ער האָט געחלומט צו ווערן אַ רבֿ, ווײַל אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו געבן דעם טאַטן אָט דעם נחת, עס איז אים נאָך אַלץ אַ שאָד וואָס דאָס איז נישט געשען.

איז דאָס דאַרפן אָנקומען צו עסן טעג געווען אַ גורם אין זײַן פאַר־לאָזן די ישיבֿה? ניין, ער האָט נישט געפילט עס זאָל אָנרירן זײַן כּבֿוד. אין די היימען ווו ער האָט געגעסן זענען געווען דערוואַקסענע טעכטער און ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ געפיל אַז דער באַלעבאָס וואָלט נישט געהאַט קעגן דעם ער זאָל זיך פאַרהיימישן אין הויז.

אוי, דעמאָלט איז עס אים גאָר נישט אײַנגעפאַלן, אָבער עס קאָן זײַן אַז ווען ר׳ ישראלטשע האָט אים אויסגעקליידט אין נײַע שבתדיקע מלבושים איז עס נישט געווען צוליב זײַנע אויפטוען אין חידושי־תּורה. אַ שבת נאָך דעם איז ר׳ ישראלטשע געווען אויסער שטאָט אָבער עס איז אַראַנזשירט געוואָרן ער זאָל עסן בײַם יונגן קאַמינער, ר׳ ישראלטשעס זון. בײַ דעם זון איז געווען אַ טאָכטער וואָס האָט שוין געהאַט געענדיקט גימנאַזיע. עס ווײַזט אויס אַז ר׳ ישראלטשע האָט געוואָלט ער זאָל נושׂא־חן זײַן בײַ דעם אייניקל.

עט, שטותים. ר׳ ישראלטשע איז געווען אַ יחסן און אַן עושר, דאָס אייניקל איז געווען געלערנט און נישט מיאוס, גאָר נישט מיאוס. מע האָט איר זיכער געשדכנט די שענסטע שידוכים און ער האָט נישט געדאַרפט אָנקומען צו אַן אָרעמען ישיבֿה־בחור. עס קאָן אָבער געמאָלט זײַן אַז דאָס מיידל איז שוין געווען ווײַט פון נעמען אַזאַ חתן ווי דער זיידע האָט געוואָלט. דער זיידע האָט אפשר געהאָפט אַז דער הויך־געוואַקסענער בחור מיט די שיינע אויגן וועט ווייכער מאַכן זײַן אייניקלס האַרץ. אָבער דאָס מיידל האָט גערעדט צו איר מאַמושאַ נאָר פּויליש און אַפילו נישט געקוקט אין דער זײַט פון דעם ישיבֿה־בחור.

בײַ ר׳ ישׂראַלטשעס טיש פּלעגט מען רעדן נאָר תּורה; בײַ זײַן זון האָט מען פּרײַטיק צו נאַכטס בײַם טיש זיך צערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם, דער באַלעבאָס האָט געזאָגט אַ בײז װאָרט קעגן די פּאָליאַקן. די טאָכטער האָט זיך, װיַזט אויס, געהאַלטן פאַר אַ פּױלישער פּאַטריאָטקע, זי האָט דערמאָנט דעם טאַטן אַז פּױלן האָט אויפגענומען די ייִדן װען מע האָט זײ געטריבן פון אומעטום, זי האָט אויך פּױליש ציטירט אַ װערטל „מע טאָר נישט שפּײַען אין אַ ברונעם פון װעלכן מע האָט אַ מאָל געטרונקען".

ער, יאַנקל, האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און זיך אָנגערופן אַז דאָס פּױלישע װערטל איז אַ ייִדיש װערטל און דאָס ייִדישע װערטל איז לכתּחילה געזאָגט געװאָרן אין אַראַמעיִש, עס קומט פון אַ גמרא. ער האָט געזען אַז די פּאַניענקע װערט אין כּעס, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: „די גמרא זאָגט עס אין שײַכות מיט אַ פּירוש צום פּסוק ׳לא תתעב מצרי׳, נישט־געקוקט אויף די צרות װאָס די מיצרים האָבן אָנגעטאָן די ייִדן טאָר מען נישט פֿײַנט האָבן קײן עגיפּטער מחמת זײ האָבן אַ מאָל, אין אַן עת־צרה, אונדז אויפגענומען מיט גאַסטפרײַנדלעכקײט, די פּרײַלין קאַ־מינער איז גערעכט".

אויב ר׳ ישׂראַלטשע װאָלט חוץ מיט ייִדן לומדים גערעדט תּורה אויך מיט זײַן אײניקל װאָלט זי נישט געװען אַזױ איבעררײַשט װאָס אַ ישיבה־בחור האָט דעם זעלביקן צוגאַנג װאָס זי, די גימנאַזיסטקע, און װאָס דער מקור איז גאָר אַ גמרא. זי איז אַנטשװיגן געװאָרן װי פאַרשעמט. ערשט נאָך אַ װײַלע איז זי געקומען צו זיך און צוריקגעפירט צום זעלביקן שמועס, זי האָט גערעדט װעגן די חסדים פון די פּױלישע קעניגן צו די ייִדן. ער, יאַנקל, האָט גראָד געהאַט איבערגעלייענט אַ בוך װעגן דער געשיכטע פון ייִדן אין פּױלן. אפשר איז געװען אַ סכּנה פאַר אַ ישיבה־בחור װאָס עסט טעג אַרויסצוװײַזן בקיאות אין אַזעלכע ענינים. ער האָט גערעדט װעגן זיגמונד דעם ערשטן, װעגן יעדן פון יאַגעלאָנער, װעגן קעניג סטעפאַן באַטאָרי װאָס האָט אָפּגעשאַפט גזירות פון די מאַגיסטראַטן. ער האָט זיך באַװאָרנט און צוגעגעבן אַז אין די רבנישע ספרים פון יענע צײַטן איז פאַראַן אַ סך װיכטיקער מאַטעריאַל. אויף װיפל ער װײסט, באַנוצן זיך די פּראָפעסיאָנעלע היסטאָריקערס מיט די מאַטעריאַלן.

דער שמועס איז פאָרגעקומען בײַ דער ערשטער סעודה, פרײַטיק צו נאַכטס. צו מאָרגנס איז דאָס מײדל שױן געװען פרײַנדלעך צו אים. געװען

אַ רגע בײַם טיש ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך באַגעגנט מיט איר בליק, ער האָט דערפילט אַ קאָנטאַקט מיט איר.

דאָס איז געשען ווען זײַן האַרץ איז שוין נישט געווען בײַ דער גמרא. קורץ נאָך דעם האָט מען געפונען אַ טריף־פסול אונטער זײַן גמרא און אים אַרויסגעוואָרפן פון דער ישיבה. ער האָט מער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען די פרײַלין קאַמינער. אפשר זוכן אַ קאָנטאַקט מיט איר איצט? ער טראַגט שוין נישט ר׳ ישׂראַלטשעס בעקעשע און סאַמעטן היטל, אָבער ר׳ ישׂראַלטשעס אייניקל וועט גאָר געפעלן וואָס ער טראַגט זיי נישט.

ער האָט נאַריש זיך פאַרליבט אין זאָשקען און נאָך נאַרישער עס אויסבאַהאַלטן פון געטרײַשאַפט צו פינטשען. ער האָט געדאַרפט זײַן מער אַגרעסיוו און מער אײַנגעשפּאַרט אין יענעם מטורפדיקן אָוונט ווען זאָשקע איז געוואָרן משהס בחורה. ער דאַרף זאָגן אַ ווידוי „מײַנע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט״, אויב ער האָט צו דעם דערלאָזט.

ניין, ער בענקט נישט נאָך זאָשקען. ס׳איז אים דען לײַכט געווען דאָרטן צוזוקוקן יעדע נאַכט ווי זי גייט מיט משהן צו זייער טאָפּלטן פּריטש? ער וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זײַן צופרידן וואָס זיי אַמפּערן זיך און קריגן זיך יעדע נאַכט, אָבער דאָס פאַרשאַרפט נאָך דעם ווייטיק און פאַרגרעסערט די פּײַן. אומני־כט און אין ניוועץ געבראַכט אַזאַ פּײַנלעכן קרבן — ער און זאָשקע!

בענקט ער נאָך רוכטשען?

עס איז אים גוט געווען ווען זי איז געווען אין וואַרשע. ער האָט פאַרבראַכט מיט איר יעדע פרײַע שעה, ער דאַרף די נאָענטקייט פון אַ מיידל. רוכטשע איז אַ סימפּאַטיש מיידל, עס איז גוט צו זײַן מיט איר, עס איז גוט צו רעדן מיט איר, מיט איר וועט ער געפינען אַ רפואה צו דעם וואָס מאַטערט אים.

וואָס טאַקע מאַטערט אים? וואָס האָט אים געפעלט ווען זי איז דאָ געווען מיט אים?

כּי לא על הלחם לבדו... אַ מענטש קאָן נישט לעבן נאָר מיט ברויט און ווײַב. ווען ער האָט פאַרלוירן זײַן גאָט, האָט אַן אַנדערע אידיי אים פאַרכאַפּט. בײַ וואָס איז ער איצט געבליבן? ווען רוכטשע איז דאָ געווען האָט ער נישט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטן וועגן דעם. איצטער — ער

זוכט זײַן נשמה. ער פילט אַ הונגער, ס׳איז אַ גײַסטיקער הונגער, אָבער ער פילט עס פיזיש װי אַ לאָך אונטערן האַרץ.

צו מאָרגנס האָט געשנײט זינט פרי מאָרגן. די באַלעבאַטים פון דער דירה האָבן, װי יעדן שבת נאָך מיטאָג, זיך צוגעלײגט און הױך געשנאָרכט אין דער אַנדערער שטוב. אין שפּרינצעס פריזיר־אַנשטאַלט האָט מען געאַר־בעט אום שבת. ער האָט זיך װידער גענומען לײענען דער מאָרגנדיקער טאָג, אָבער סטאַשעק האָט נישט אױפגעהערט פּלאַפּלען. ער װעט גאָר צוגײן צו געניען, אפשר האָט זי געהערט פון כעלמיש.

די באַלעבאָסטע האָט אים געעפנט די טיר און אים געזאָגט אַז געניע איז אין איר צימער. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר, נישט געהערט קײן ענטפער, האָט ער אָפּגעלענט די טיר זען צי זי איז טאַקע דאָ. געניע איז אױפגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע װוּ זי האָט געהאַט געדרימלט. אירע באַקן האָבן נאָך געפלאַמט פון שלאָף.

„כעמיש איז נישטאָ דאָ?‟ האָט ער געפרעגט.

„װאָס דאַרפסטו כעמישן?‟

„שבת נאָך מיטאָג, האָב איך געמײנט ער איז דאָ‟.

„ער האָט געדאַרפט צופאָרן קײן אָטװאָצק‟.

„כ׳האָב דיך אױפגעװעקט‟.

„כ׳בין דען שלעפעריק? כ׳האָב זיך געװאַשן, געצװאָגן די האָר, און מיד געװאָרן פון שפּילן זיך מיט זיך אַלײן. כ׳בין אײַנגעשלאָפן פון נודאָטע. װילסט אַרױסגײן שפּאַצירן, ׳עלעך זיך אָנטאָן. אױ, סע שנײט. װילסט אַ גלאָז טײ? כ׳על פאַרברײַען פרישן סענץ‟.

געניע איז אװעק אין קיך, יאַנקל האָט אַן חשק זיך אװעקגעזעצט אױף אַ בענקל. אַ מאָדנע די געניע. דרײַ נאָך מיטאָג גײט זי נאָך אַרום אין אַ שלאָפראָק. װען זי איז געגאַנגען צו דער קיך האָט איר גוף זיך געצײכנט דורכן ראָק װי זי װאָלט מער גאָרנישט געטראָגן אױף זיך.

געניע האָט אַרײַנגעבראַנגט טײ נאָר פאַר יאַנקלען, זי האָט פױל זיך אױסגעצױגן אױף דער קאַנאַפּע. יאַנקל האָט פאַרגראָבן די אױגן אין זײַן טײ, זיך געשעמט, און אַלײן נישט געװוּסט פאַר װאָס ער שעמט זיך.

„יאַנקל, כ׳האָב עפּעס פאַר דיר‟.

„פאַר מיר?‟ ער האָט זיך אױסגעדרײט צו איר.

„אַז וועסט מיר געבן אַ קוש וועסטו עס קריגן. דו ביסט מיר שולדיק אַ קוש, געדענקסט ? פון דער חנוכּה־ביבקע".

יאַנקל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

„קום אַהער, זעץ זיך דאָ נעבן מיר, שעם זיך נישט".

יאַנקל האָט גענומען האַסטיק זופּן די טיי וואָס איז נאָך אַלץ געווען צו הייס. גענינע האָט זיך אַ בייג געטאָן, אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַ פּאָליציע, אויפגעהויבן אַ קאָנווערט און געפּאַכעט מיט דעם צו יאַנקלען:

„וועסט עס נישט קריגן אָן דעם קוש וואָס ביסט מיר שולדיק".

יאַנקל איז צוגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

„כאַפּ נישט, זעץ זיך דאָ, כ'על דיך נישט אויפעסן".

ער האָט זיך געזעצט נעבן איר אויף דער קאַנאַפּע, זי האָט געוואַרט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויסגעשטרעקטע ליפּן.

די קערנדיקייט פון איר הייסן גוף אונטער זיינע הענט, די פייכטקייט פון אירע ליפּן אויף זיין מויל, ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר.

„דאָס נישט", האָט זי זיך אָפּגעוועהרט. „קוש מיך, האַלדז מיך, מער נישט".

יאַנקל איז אויפגעשפּרונגען און אַוועקגעלאָפן צום פענצטער. ער האָט נישט אַרויסגעקוקט, ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט. גענינע איז באַלד געווען נעבן אים, אַראָפּגעשלעפּט די הענט פון זיין פּנים און זיי פאַרלייגט אַרום איר טאַליע. „זיי נישט בייז, יאַנקל, מע טאָר נישט מער, כ'בין אַ כּלה".

יאַנקלס הענט זענען נאָך פּאָר אַ מינוט שלאַבעריק געהאַנגען אַרום איר טאַליע, ער האָט זיך אויסגעדרייט און צוריקגעגאַנגען צו זיין בענקל.

גענינע האָט אַ לאַך געטאָן: „דאָס טוסטו מיט רוכטשען ? אַבי איך האָב געמיינט אַז דו ביסט אַ שטיק ישיבה־בחור און רוכטשע אַ שטיקל רביצין".

יאַנקל האָט נישט געענטפערט, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך פון חרפּה — רוכטשעס שוועסטער ! ער האָט זיך אויפגעשטעלט:

„נו, כ'על שוין גיין".

„דו ווילסט גאָר נישט דעם בריוו ? נאַ, כעמיע האָט עס געבראַכט פון כעלמיש. ס'איז נישט פון רוכטשען, דו האָסט, זע איך, אַ גאַנצן האַרעם".

יאַנקל האָט אָן ווערטער אַ נעם געטאָן דעם בריוו פון איר האַנט, ער האָט געכאַפּט דעם מאַנטל און געלאָפן צו דער טיר.

סטאַשעק האָט אים באַגעגנט ביַי דער טיר. „גוט וואָס ביסט געקומען. כ'האָב אַ מיידעלע אַ צאַצקע, בלוט און מילעך! ס'עט דיך נישט קאָסטן קיין סך, מירן זיַין דריַי שותּפים".

יאַנקל איז צוריקגעגאַנגען אַליין. אַ ריח פון שווייס און פון ביליקן פּאַרפום האָט נישט אָפּגעטרעטן פון זיַינע נאָזלעכער. ער איז געלאָפן אַהיים, זיך געוואַשן און געוואַשן און עס נישט געקאָנט אַראָפּוואַשן פון זיך. ער איז צוריק אַרויסגעלאָפן אין גאַס. אוי, ער האָט פאַרגעסן אין דעם בריוו וואָס גענייע האָט אים געגעבן. ווו האָט ער אים איבערגעלאָזט? אויב ער האָט אים פאַרלוירן אויף יענעם מקום וועט ער נישט צוריקגיין.

ער איז אַריַין אין אַ טויער, געזוכט אין די קעשענעס מיט אַ סדר און געפונען דעם קאָנווערט. ווי אַזוי האָט ער נישט באַלד דערקענט זאָשקעס האַנטשריפט?

זאָשקע האָט געשריבן צו אים מיט תּחנונים. „לאָז זיך נישט פאַרפירן פון זולל־וסובהדיקע פּרעסערייַען, פון פּאַצעטישע מלבושים. גליק געפינט מען נישט אין באַפרידיקן דעם מאָגן, נאָר אין האָבן אַ גאַנצע נשמה. איך ווייס, איך בין נישט אָן שולד. אפשר האָב איך נישט גענוג שׂכל אָבער איך האָב אַ געוויסן, און איך לאָז עס הערשן איבער מיר אַפילו ווען עס טוט וויי. דו ביסט מיר באַענגט, יאַקאָוו, און דיַין אוועקגיין טוט שרעקלעך וויי. ביַי די פרומע זיצט מען שיבעה נאָך אַן אָפּטריניקן. איך הייב זיי אָן צו פאַרשטיין, איך פיל אַז אַ באַענטער איז מיר אָפּגעשטאָרבן, אַז עפּעס אין מיר אַליין איז אָפּגעשטאָרבן. יאַקאָוו, טיַיערער, איך פאַרשטיי פאַר וואָס דו קאָנסט נישט צוריקקומען קיין כעלמיש. גיי אין אַן אַנדערן קיבוץ, אין אַן אַנדערער חלוצישער אָרגאַניזאַציע, אָבער דעזערטיר נישט. דאָס פּוסטע לעבן פון אַ באַלעבאַטישן יונגער־מאַנטשיק וועט נישט צופרידן שטעלן עמעצן וואָס איז געווען אַ חלוץ מיטן גאַנצן האַרץ, און דו ביסט עס געווען".

„זאָשקע טיַיערע, דו ווייסט גאָר נישט ווי נידעריק איך בין שוין געפאַלן", האָבן די ווערטער געקלאָגט אין אים ווען ער האָט צוריקגעלייגט דעם קאָנווערט אין קעשענע.

אין וואַרשע זענען פאַראַן מער ווי טויזנט שומרים, צען מינוט גאַנג פון דאַנען איז פאַראַן אַ קן, און ער בלאָנקעט איבער פאַרשנייטע גאַסן און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אַ וואַרעמקייט האָט אַ פלייץ געטאָן אויף זײַן פּנים ווען ער האָט געעפנט די טיר. אין דעם קן איז גראָד פאָרגעקומען אַ פײַערונג. דער גאַנצער קן, מיט אַלע זײַנע חוגים, האָט געזעגנט עטלעכע בחורים און מיידלעך וואָס וועלן בקרוב אָפּפאָרן אויף הכשרה. אַלע זענען געווען אויסגעזעצט אין אַ ראָד אויף דער פּאָדלאָגע פון גרויסן זאַל, יעדער חוג מיט זײַן פאָן.

יאַנקל איז געשטאַנען אין אַ זײַט און געקוקט אויף זיי מיט קינאה. ווײַסע בלוזעס, בלויע סקויטישע אויסבינדערס — יום־טוב. און ער טראָגט אויפן האַלדז אַ שטײַפן קאָלנער ווי אַ פּערדישן כאָמעט אויסגעבונדן מיט אַן עלעגאַנטן קראַוואַט, אַ מתנה פון רוכטשען. ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט צו גיין צו געניען, ווי ער האָט זיך באַמיט געפעלן צו ווערן.

עמעץ האָט געוויזן יאַנקלען ווו ער זאָל זיך אַוועקזעצן. יאַנקל האָט געפרעגט אין וועלכן קיבוץ די הכשרהניקעס פאָרן.

„קיין קאַסעוו און קיין טשענסטעכעוו", האָט יענער געענטפערט.

אָבי נישט קיין כעלמיש, איז יאַנקל געווען צופרידן, און באַלד חרטה געהאַט אויף זײַן ביטערקייט. עס קאָן זײַן אַז זיי וועלן אויף זייערע הכשרה־פּלעצער אויך באַגעגענען קינאה, בייזקייט און מחלוקת, ער האָפט אַז עס וועט זיי נישט אָפּשרעקן און נישט פאַרטרײַבן. אפשר וועלן זיי לײַדן, אָבער זיי וועלן האָבן אַ שיף און רודערס וואָס וועלן זיי פירן צו אַ זיכערן ברעג. די כוואַליעס פון לעבן טראָגן צום ברעג אַלערליי מיסט און אָפּפאַל, ער האָט פאַרלאָזט די שיף, אַוועקגעוואָרפן די רודערס און געבליבן שטעקן אין געמויזעכץ. צי ווייסן די בחורים און מיידלעך, דאָ, ווי גוט זיי איז?

עס האָבן זיך פאַרענדיקט די רעדעס, מע האָט גענומען זינגען און טאַנצן אַ ראָד אין אַ ראָד. יאַנקל האָט אָפּגעבונדן זײַן קראַוואַט, אַראָפּגע־וואָרפן זײַן רעקל און זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין אַ ראָד. „ווער זענען מיר?" האָט אַ מיידל אויסגערופן.

„ייִדן".

„וואָס זענען מיר?"

„חלוצים".

„וווהין גייען מיר?"

„קיין ארץ־ישראל".

„וואָס וועלן מיר טאָן אין ארץ־ישראל?"

„בויען דאָס לאַנד".

„ווער וועט בויען דעם גליל?"

„מיר חלוצים וועלן בויען דעם גליל".

דער טאַנץ האָט זיך צעפלאַקערט, יאַנקל האָט געשריגן העכער ווי אַלע אנחנו החלוצים.

יאַנקל איז אַהיימגעגאַנגען מיט שווערע פיס, מיד פון צו פיל טאַנצן און מיט אַ שווערן קאָפּ איבערגעלאָדנט מיט הין־און־צוריק־מחשבות. די קינדער אין דעם השומר האָבן פאַרלאָזט די וועגן פון זייערע טאַטעס אָבער מיטגענומען זייער פרומקייט. נאָך אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן מסירת־נפש און קידוש־השם קאָן מען נישט סתּם זיך לאָזן שווימען אויף די כוואַליעס פון הפקר.

ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען אויף זײַן קוואַרטיר האָבן די באַלע־באַטים אים שוין אויסגעזאָגט ווו רייזל איז. זי האָט עולה געווען מיט עליה ב׳, מיט דער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישראל, זיי האָבן נאָר וואָס באַקומען אַ ידיעה אַז זי איז שוין אָנגעקומען.

דער לײַטער פון דער עליה־אָפּטיילונג בײַ דער „הנהגה הראשית" איז געווען נײַ אויף זײַן אַמט. ער האָט אויסגעזוכט יאַקאָווס טעקע, אַרײַנ־געקוקט, און געדרייט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. ער איז דווקא געווען אַ פרײַנדלעכער בחור, אָבער ער האָט עס מסביר געווען יאַנקלען: „דו ביסט געקומען צו אונדז אָן שומרישער טראַדיציע, מיר האָבן דיך געשיקט אויף אַ מדריכים־קורס און ביסט באַלד געוואָרן אַ מנהל. פּלוצלינג האָסטו איבערגעלאָזט דײַן קיבוץ און פאַרשווונדן אָן אַ שפּור. עליה ב׳ איז אויך אַ פּריווילעגיע פאַר די בעסטע, מע דאַרף ראוי זײַן".

יאַקאָוו האָט געשווירן אַז ער איז אַ שומר בלב־ונפש, אַז ער איז גרייט זיך מוסר־נפש צו זײַן פאַר זײַן קיבוץ אין „ארץ" און פאַר זײַן באַוועגונג.

„אויב אַזוי דאַרפסטו קודם־כּל צוריקפאָרן צו דײַן קיבוץ אין כעלמיש".

יאַנקל איז נעלם געוואָרן. שפּרינצע האָט אויף זײַן קוואַרטיר געפונען אַלע זײַנע נײַע מלבושים, געפעלט האָט די אויסגעריבענע לעדערנע קורטקע וואָס ער האָט געבראַכט פון כעלמיש. עס זענען פאַרלאָפן טעג, ער איז נישט אָנגעקומען קיין כעלמיש, און אויך רוכטשע האָט נישט געהערט פון אים.

ה.

אויפן ווינער וואָקזאַל אין וואַרשע, אַ טומל און אַ גערודער. וואַגאַנס און דאַראָזשקעס האָבן פאַרשטאָפּט די צופאַרגאַסן; דער וואָקזאַל איז געווען פול מיט יונגע מענטשן אין לעדערנע קורטקעס און מיט שווערע רוקזעק אויף די פּלייצעס. אַרום זיי האָבן געווימלט טויזנטער באַגלייטערס. מע האָט געזונגען און געוויינט און געטאַנצט האָראַס. מיידלעך מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע טאַטע־מאַמע. יונגע מענטשן האָבן מיט קינאה־בליקן באַגלייט די וואָס האָבן שוין זוכה געווען. אַ צוג מיט עולים איז אָפּגעפאָרן קיין טריעסט אויפן וועג צו אַ שיף. דרויסן האָבן נאָך פאַרשמײַעטע באַאַמטע פון אָרגאַניזאַציעס פּראָבירט שרײַען מיט קולות וואָס זענען שוין געווען הייזעריק און פּראָבירט זיך דורכשטופּן אין געדראַנג. אין דעם לעצטן וואַגאָן, אויף אַ פּלאַץ נעבן פענצטער, איז שוין געזעסן אַ בחור אין אַן אויסגעריבענער לעדערנער קורטקע. ער איז געקומען איינער אַליין, מיט אַ קליינעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס, ער איז געזעסן מיט דעם רוקזאַק אויף די קני און אַפילו נישט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

אַ לאַנגער פײַף. דער צוג האָט גערירט פון אָרט און גענומען זיך גליטשן אַוועק פון דעם טומלדיקן וואָקזאַל. איז די וואַגאָנען איז געוואָרן טונקל, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט, מע האָט זיך אָנגעלענט איינער אין דעם אַנדערנס אַקסל און אײַנגעדרימלט. נאָר דער פרעמדער יונגער־מאַן בײַם פענצטער איז נישט געשלאָפן, זײַנע אויגן האָבן געקלעפּט צום פענצטער, ער האָט געלייענט די שילדלעך פון די סטאַציעס וואָס דער

צוג איז פאַרבײַגעפאָרן אָן אָפּשטעלן זיך. קיינער האָט נישט באַמערקט ווען ער האָט זיך אַרויסגעשלײַכט פון וואַגאָן. ווען דער צוג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּלאַץ פול ליכט, איז ער שוין געלעגן אויפן דאַך פון וואַגאָן באַדעקט מיט שניי.

דאָס איז געווען די פּויליש־טשעכישע גרענעץ. אין טומל פון קאָנטראָ־לירן די דאָקומענטן האָט קיינער נישט באַמערקט אַז זײַן פּלאַץ איז ליידיק. ווען דער צוג האָט שוין ווידער געשניטן די טונקעלע נאַכט, איז ער צוריקגעקומען. זײַנע ציין האָבן געקלאַפּט, די ליפּן, בלוי פון קעלט, האָבן געציטערט. „אין לי דרכון״, כ׳האָב נישט קיין פּאַס, האָט ער זיך פאַרענט־פערט מיט אַ גרימאַסע וואָס וואָלט געווען אַ שמייכל אויב דאָס פּנים וואָלט נישט געווען שטײַף פון קעלט.

מע האָט אים אַרומגעוויקלט מיט קאָלדרעס. עמעץ האָט אַרויסגענו־מען פון זײַן רוקזאַק אַ וואַרעמפלאַש און אים געגעבן אַ טרונק הייסע טיי. „כ׳קאָן מער נישט וואַרטן״, האָט ער זיך ווידער פאַרענטפערט.

אויף דער עסטרײַכיש־איטאַליענישער גרענעץ איז דער צוג אָנגעקומען אין מיטן העלן טאָג. יאַקאָוו האָט זיך געהאַט באַהאַלטן צווישן די פּעקלעך. אַ בחור איז אַרײַנגעלאָפן און געזאָגט: „די איטאַליענישע זעלנער שטעכן שפּיזן צווישן די פּעקלעך״. אַ חבר האָט צוגעטראַכט אַ פּלאַן. יאַקאָוו זאָל אַרויס פון וואַגאָן מיט עטלעכע וואַרעמפלעשער „קויפן טיי״, און צוריקגיין אין אַ וואַגאָן וואָס וועט שוין זײַן קאָנטראָלירט. אַ סאָלדאַט האָט אים פאַרהאַלטן בײַם אַראָפּגיין: „פּאַספּאָרט!״ יאַקאָוו האָט גענומען רעדן צום איטאַליענישן זעלנער פּויליש. יענער האָט אים צוריק־געפירט אין וואַגאָן: „פּאַספּאָרט״. יאַקאָוו האָט געמאַכט מיט די הענט און ווײַטער גערעדט פּויליש. דער סאָלדאַט האָט אים אַ שלעפּ געטאָן און אַוועקגעפירט אין ביוראָ...

יאַקאָוו האָט נאָך אַלץ געטענהט מיטן אָפיציר ווען דער צוג האָט גענומען סאָפּען און רירן פון אָרט. ער האָט געריסן זיך צו דער טיר: „די וואַרעמפלאַשן, איך דאַרף זיי געבן די וואַרעמפלאַשן״.

צו שפּרינצען איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען אַ קאַרטל פון ווין. „באַרויִק טאַטע־מאַמע. כ׳בין מיטן השומר אין ווין, כ׳וועל בקרוב שרײַבן אַהיים פון אונדזער אַלעמענס היים. שרײַב מיר אויפן אַדרעס פון קיבוץ ׳לב המפרץ׳ אין ארץ־ישׂראל״. נישט לאַנג נאָך דעם האָט רוכטשע באַקומען

א קאַרטל מיט אַ פּאַסט־שטעמפּל פון קאָנסטאַנץ, אין רומעניע. דאָס קאַרטל האָט געהאַט נאָר איין זאַץ: „להתראות בארץ", אונטערגעשריי־בן: „יעקב".

פיר טעג פאַרשפּאַרט אין די וואַגאָנעס פון אַ שטייענדיקן צוג, איבערגעלאָדנט מיט עולים. קיין וואַסער צום טרינקען, קיין וואַסער אין די קלאָזעטן, מען איז געווען איין שטיק קלעפּיקער שווייס. אַרויסגיין פון צוג האָט מען נישט געטאָרט, עס האָט געקאָנט שאַטן אַ „בייז אויג" פון ענגלישן שפּיאָנאַזש. אויפן פינפטן טאָג — צוויי ישועות. יעדער האָט באַקומען עטלעכע שלוק וואַסער, און דער צוג האָט גערירט.

דער צוג האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן צווישן פעלדער. וועט עס אויך איצט נעמען פיר טעג ביז ער וועט זיך אַ ריר טאָן? דער דאָרשט האָט געמאַטערט. דער עיפּוש אין די וואַגאָנעס האָט געטריבן צו חלשות. מע זאָל נאָר נישט קראַנק ווערן איידער מע וועט אַרויף אויף דער שיף. די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער צוג איז ווידער געלאָפן און ווידער געבליבן שטיין.

ווי לאַנג ווידער שטיין?

יאַקאָוו האָט זיך איינגעהערט צום דרויסן: „חברה, איך הער כוואַליעס פּאַטשן אין ברעג. הורא, מיר זענען אָנגעקומען צו אַ פּאָרט".

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די וואַגאָנטירן האָבן זיך צעעפנט. „לשמור על הסדר, אָפּהיטן די אָרדענונג", האָבן גערופן די מדריכים.

מיט שטילע קעצישע טריט איז מען אַרויס פון די וואַגאָנעס און זיך צוגעשלייכט צו קליינע שיפלעך. אַרייַנגעזעצט זיך, האָבן די רודערס קוים באַרירט דאָס וואַסער. עס האָט זיך געדאַכט אַז אַפילו די ים־כוואַליעס גלעטן די גרויסע שיף אַזוי שטיל ווי עס הייבט זיך דער רויך פון איר קוימען. פון די שיפלעך צו דער גרויסער שיף האָט מען זיך געדראַפּעט אויף שטריקלייטערס. די מדריכים זענען, ווייַזט אויס, אַרויף די ערשטע, זיי האָבן שוין געוואַרט אויפן דעק און געוויזן יעדן וווהין צו גיין. אַ ווינטל האָט געקילט און באַרויִקט ס׳געמיט, די האַרטע הילצערנע פּריטשעס האָבן אויסגעזען רחבותדיק קעגן די בענק אין שמאָלע באַן־וואַגאָנעס.

פלוצלינג איז אַ ראַזקייט אויפגעגאַנגען אין די שוואַרצע פענצטערלעך.

מע האָט זיך געשטופּט צו די רונדיקע שײַבלעך, קײן צײכן פון אַ ברעג, נאָר װאַסער, ברײטער, פרײַער ים פון אַלע זײַטן. דער ים איז געװען רויִק. ס'איז דאָך אַ הײמישער ים, די זעלביקע װאַסערן װאָשן דאָרט אין מיזרח די ברעגעס פון תּל־אָביב און חיפה. מען איז פאַרבײַגעפאָרן אַלערלײ אינדזלען, אַ דאגה װאָס מע פאָרט אַלץ פאַרבײַ, אַבי מע זאָל װאָס שנעלער אָנקומען צו די ארץ־ישׂראלדיקע ברעגעס.

די שיף האָט זיך פאַרהאַלטן בײַ אַן אינדזל, מע האָט דאָרט גערעדט גריכיש. װעט מען דאָ לאַנג שטײן? מן־הסתם נישט, מען איז דאָך שױן אַזױ נאָענט פון ציל.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און זי איז פאַרשװוּנדן, די שיף האָט זיך נישט גערירט. װאָס דאַרף מען דאָ שטײן, מע דאַרף נעמען קוילן? װאַסער? ברױט? מען איז גרײט אַ ביסל אונטערצופּאַסטן, אַבי — הײַדאַ, אין װעג אַרײַן!

די צװײטע נאַכט בײַ דעם אינדזל, מע האָט געפרעגט אַ מדריך. „מאָרגן װעט שױן אַלץ זײַן אין אָרדענונג", האָט ער געענטפערט.

אַז ערשט מאָרגן װעט זײַן „אין אָרדענונג", מײנט עס דאָך אַז דערװײַל איז מען אויף צרות. עס האָט שױן נישט גענומען קײן שלאָף. אויבן בײַם רודער האָט מען זיך געקריגט. דער קאַפּיטאַן האָט געשריגן, די מאַטראָסן האָבן געשאָלטן. עס איז אויפגעגאַנגען אַ נײַער טאָג און מע האָט נאָך אַלץ נישט געהויבן אַנקער.

די מדריכים האָבן מער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן דעם סוד. דאָ, אין דעם פּאָרט, האָבן געדאַרפט װאַרטן קלײנע שיפלעך װאָס זאָלן איבער־נעמען די פאַרשװינען פון דער גרויסער שיף. די שיפלעך זענען פאַרהאַלטן געװאָרן אין פּירעוס.

עס זענען פאַרלאָפן זעקס טעג און זעקס נעכט. מע האָט שױן געװוּסט אַז די שיפלעך װעלן נישט קומען, אָבער די שיף האָט אויפגע־הויבן דעם אַנקער. האָט דער קאַפּיטאַן דאָך זיך געלאָזט אײַנרעדן צו פאָרן װײַטער?

װידער אין מיטן פרײַען ים, אָבער די שיף שװימט אויפן װעג צוריק. „מאין יבא עזרי, פון װאַנען װעט קומען מײַן הילף", האָט יאַנקל געקלאָגט אין זיך. אַ געקריץ מיט די צײן, אַ געװײן. טרערן פון ביטערניש און דעספּעראַציע, טראָפּנס אין אַ גרויסן ים פון גלײַכגילטיקײט.

די מדריכים האָבן זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט, יאַקאָוו איז אַוועק צו זיי און זיך געסודעט אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן. וואָס פאַר אַ סודות? זענען נישט אַלע אין דער זעלביקער צרה?

אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צום קאַפּיטאַן, און אַ דעלעגאַציע צו די מאַטראָסן. וואָס קאָן שוין אַרויסקומען פון דעם אַז די שיפלעך זענען נישט געקומען?

געשרייען האָבן זיך געהערט פון קאַפּיטאַנס קאַבינע, אַ טומל אין דער מאַשינען־האַלע. וואָס טוט זיך דאָרט? דער קאַפּיטאַן איז אַ כּעסן.

די שיף האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און געבליבן שטיין. די קריגערייען האָבן זיך איינגעשטילט. וואָס געשעט דאָרטן?

נאַרן נישט די אויגן? איז עס מעגלעך אַז די שיף דרייט זיך אויס?

די שיף האָט געמאַכט אַ האַלבן קרייז און ווידער גענומען פאָרן צו מיזרח. יאַקאָוו האָט ערשט איצט אָנגעהויבן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער אַוואַנטורע. דער קאַפּיטאַן און די מאַטראָסן געבונדן, ווי אַזוי וועט מען פירן אַ שיף איבערן ים אָן פאַכלייט?

וואָס עס וועט זיין זאָל זיין, אַבי נישט פאָרן צוריק.

אין גיכן האָט אַ שיף־אָפיציר מסכּים געווען צו העלפן. אַ גוטער אָנהייב. אויב עס זאָל עפּעס געשען צו דער שיף זענען זיי דאָך אויך אין סכּנה.

ווען די שיף האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט האָט מען זיך דערשראָקן, אָבער דאָס איז דווקא געווען גוטע נייעס. מען איז שוין אין די פּאַלעס־טינער וואַסערן, מע וועט וואַרטן ביז די זון וועט אונטערגיין און אין דער פינצטער זיך צושלייכן צום ברעג.

ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל האָט אַן עראָפּלאַן גענומען קרייזן איבער דער שיף. די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן און די שיף האָט גערירט. מע האָט דערזען ליכטער. ניין, דאָס זענען נישט געווען די ליכטער פון חיפה, דאָס זענען געווען רעפלעקטאָרן פון פּאָליציי־שיפלעך וואָס האָבן אַרומגערינגלט די שיף פון אַלע זייטן.

אויפן וועג צוריק זענען די אָנפירערס פון בונט געלעגן אין אַן אונטערשטער קאַיוטע געבונדן. דער קאַפּיטאַן און די מאַטראָסן האָבן זיך אַרומגעשטעלט מיט אַ באַוואָפנטער שמירה. געווען שוין ביי די אויס־געבענקטע ברעגעס, אָבער באַוויזן צו זען נאָר דעם שפּיץ פון כּרמל־באַרג

און מחנות, מחנות חיפהער ייִדן. זיי זענען געקומען צום ברעג צו די עולים אָבער זענען צוריקגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ קאָרדאָן מיליטער.

יאַנקל האָט באַקומען אַרבעט אין פּאָרט פון קאָנסטאַנץ אויף אַ שיף וואָס האָט זיך געגרייט אָפּפאָרן קיין חיפה.

„אַזוי פּשוט און אַזוי לײַכט”, האָט יאַקאָוו אַליין זיך געוווּנדערט ווען אויף אַ ראַזן מאָרגן־האָריזאָנט האָט זיך גענומען אַרויסשיילן דער כּרמל. זײַן ברוסט האָט זיך צעשפּרייט, אַ געשפּאַנטקייט האָט זיך אויפגעלעזן, און די לונגען האָבן גענומען אַרײַנצִיִען אַ פולע ברוסט פרישע פרײַע לופט. ער איז נאָך געשטאַנען אויפן דעק מיט אויגן פול חלום, ווען צוויי מאַטראָסן האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ די אָרעמס, אַראָפּגעשלעפּט צום אונטערשטן דעק און פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער.

פאַר וואָס, פאַר ווען, פאַר וועלכע זינד? ער האָט געריסן די טיר, געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט. זײַנע געשרייען זענען פאַרטויבט געוואָרן דורך דעם טומל וואָס איז אויסגעבראָכן אין פּאָרט מיטן אַנקערן די שיף.

טעג און נעכט פון אָפּהענטיקן כּעס. יאַקאָוו איז שוין געווען מיד פון שרײַען, פון טופּן מיט די פיס און רײַסן די טיר, מיד פון לעבן. סוף־כּל־סוף האָט ער געהערט, מע שליסט אויף די טיר. ס׳איז געווען דער קאַפּיטאַן און ער האָט זיך פאַרענטפערט: „כ׳באַדויער, אָבער איך האָב נישט געוואָלט קיין צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, מע האָט מיך געוואָרנט אַז דו וועסט שפּרינגען”.

יאַקאָוו איז אויפגעשטאַנען און נאָך אַלץ נישט אין גאַנצן באַנומען וואָס עס איז געשען.

„די שיף איז שוין אַרויס פון געסטלבעט, קאָנסט צוריקגיין צו דער אַרבעט”.

יאַנקל האָט שיִער נישט איבערגעקערט דעם קאַפּיטאַן, ער איז געלאָפן אַרויף, ער איז געשפּרונגען.

וואָכן זענען פאַרבײַ. קיינער האָט מער נישט געהערט פון יאַקאָוון. פון וואַרשע האָט מען געשריבן קיין ארץ־ישׂראל, פון ארץ־ישׂראל האָט מען געשריבן קיין וואַרשע. מע האָט אַלאַרמירט די פּאַלעסטינע־אַמטן אין אַלע לענדער צווישן פּוילן און דעם מיטללענדישן ים. מע האָט געזוכט צווישן די אַרעסטירטע אויף די גרענעצן, מע האָט אַפילו געפרעגט בײַ דער פּאַלעסטינער גרענעץ־פּאָליציי. קיין שפּור.

קאַפּיטל פיר

ווייען

א.

דער אַלטער בראָדאָק איז קיין מאָל נישט געווען צו פיל באַרעדעווודיק. ווען מע האָט גערעדט צו אים איז ער געזעסן פאַרזונקען אין זײַן טיפן פאָטעל, די אויגן פאַרשלייערט מיט האָר פון געדיכטע ברעמען און ווימפּערן. מע האָט געקאָנט מיינען ער דרעמלט. גאָר אומגעריכט האָט מען דערזען: פון צווישן דער האָר־געדיכטעניש בליצט אַרויס אַ בליק וואָס דרינגט דורך און דערזעט מער וויפל ס׳איז פאַראַן צו הערן.

דאָס זעלביקע האָט ער אַליין געפילט ווען נאָר ער האָט געוואָלט פאַררעדן זײַן מיזינקע סאַבינע: ער האָט זיך אַליין איבערגעריסן אין מיטן אַ זאַץ און מכּלומרשט אַ קרעכץ געטאָן: „דײַן שׂכל האָט געדאַרפט צעטיילט ווערן צווישן דײַנע דרײַ ברידער".

„וואָלט איך דאָך געבליבן אין גאַנצן אָן שׂכל".

„אַ פרוי דאַרף נישט קיין שׂכל. אַז דאָס ווײַב איז קלוג איז ביטער איר, און נאָך ביטערער דעם מאַן. אַ ווײַב דאַרף זײַן עפּעס צווישן אַ קעלבל און אַ גענדזל. אַנישט, אַז זי זעט דעם מאַן אין גאַנצן נאַקעט, כ׳מיין גײַסטיק נאַקעט, איז שלעכט. כ׳בין דײַן מאַן נישט מקנא".

סאַבינע האָט צוריקגעהאַלטן אַ שמייכל. דער טאַטע האָט הנאה פון איר חכמה, דאָס האָט זי געוווּסט. אפשר אַרט אים וואָס זי זעט אויך אים דורך און דורך? ווייסט ער נישט, אַז ווען זי איז אין וואַרשע בענקט זי אַהיים נאָר צו קושן זײַן צעקנײטשט פּנים באַוואַקסן מיט ווערצעלעך?

סאַבינע איז געזעסן אויף דער וועראַנדע פון איר האָטעל אין זאַקאָפּאַנע און זיך דערמאָנט איר טאַטנס ווערטער. זי מיט איגנאַצן זענען געקומען אַהער אויף זייער האָניק־חודש. זומער זענען פאַראַן שענערע

פלעצער װי זאַקאַפּאַנע, אָבער איגנאַץ איז סענטימענטאַל: דאָ האָבן זײ זיך געטראָפן, דאָ זיך פאַרליבט.

די ערשטע װאָך איז נישט געװען קײן טאָג און קײן נאַכט. ס'איז נישט געװען קײן װעלט דרױסן פון זײער האָטעל־צימער. די צװײטע װאָך האָט די װעלט זיך אױסגעברײטערט און שױן אַרײַנגענומען אַ פּאָר סטעזשקעס און װעגן אױף די טאַטרען־בערג. אַלץ איז געװען װוּנדערלעך שײן, װוּנדערלעך גוט — אַזױ װוּנדערלעך װי עס איז געװען זײער צוזאַמענזײַן.

די דריטע װאָך האָט גערעגנט. שפּאַצירן אױף די גליטשיקע װעגן איבער באַרג־שיפּועים האָט מען נישט געקאָנט. װען זי פלעגט פאַרברענגען איר שולװאַקאַציע אין דער הײם און ס'איז איר געװאָרן אומעטיק, האָט זי געשפּילט שאַך מיטן טאַטוש. איגנאַצי קען נישט שפּילן קײן שאַך. עס איז אים נישט אַרײַן אין קאָפּ װען זי האָט אים געװאָלט אױסלערנען. אָבער זי האָט געװוּסט װי אַזױ אים מאַכן רעדן און ער האָט געהאַט װאָס צו דערצײלן. עס האָט פאַרפירן דעם שמײכל אױף איר פּנים. עס האָט װײ געטאָן און זי האָט אים געמאַכט רעדן נאָך און נאָך. אַזױ פלעגט זי אױך טאָן װען זי האָט געהאַט אַ קראַנקן צאָן. זי האָט געביסן דעם צאָן כאָטש עס האָט װײ געטאָן.

איגנאַצי איז געװען איר ערשטע ליבע. פאַר אים האָט זי אַפילו קײן פרײַנד נישט געהאַט. זי האָט אַפילו קײן נאָענטע חברטע נישט געהאַט. דער פאָטער האָט זיך געהאַלטן װײַט פון זײַן משפּחה. אין דער מוטערס משפּחה זענען זײ געװען שײן, נאַריש און נודנע. זי װאָלט געקאָנט זיך חברן מיט פּױלישע מײדלעך, אױב זי װאָלט אױסבאַהאַלטן איר ייִדישקײט. זי האָט זיך נישט אַרױסגעשטעלט דערמיט, אָבער בכּיװון עס אױסבאַהאַלטן האָט זי נישט געקאָנט. דער אײנציקער מאַן אין איר לעבן איז געװען דער טאַטוש און — יענער „ריטער" פון אירע חלומות װאָס האָט באַדאַרפט האָבן דעם טאַטנס קלוגע אױגן און אַפילו זײַן גאָלן קאָפּ און ברײטע נאָז באַװאַקסן מיט װערצעלעך.

װי נאַריש עס זענען יונג־מײדלשע חלומות. זי װאָלט נישט געגלײבט, אױב מע װאָלט עס איר פאַרגעזאָגט, אַז זי װעט פאַרלירן איר קלוגן קאָפּ פאַר אַ בלאָנדער טשופּרינע, גרױע אױגן, און פאַררײסענער נאָז. ער לײגט אַרױף אױף איר קאָפּ זײַן האַנט מיט די לאַנגע פינגער און

מאַניקירטע נעגל, און אַלע טראַכטענישן פליִען אַרויס. עס בלײַבט נאָר די וויסיקייט אַז ס'איז איר גוט אונטער זײַן האַנט, גוט זיך צוצוטוליען צו זײַן ברוסט, גוט אים אַרומצונעמען, אים צו האַלטן פעסט, אַז די אַלע מיידלעך זײַנע זאָלן אים נישט קאָנען אַוועקנעמען פון איר.

ערשט אויפן וועג אַהיים, אין דעם ענגן בעטל פון שלאָפוואַגאָן, האָט זי אויסגעגאָסן פאַר אים איר האַרץ: „דו ביסט מײַן ערשטער און איינ־ציקער, איך בין אײַפערזיכטיק אַפילו אויף דעם וואָס איז געווען פריִער, נאָר וואָס קאָן איך זיך העלפן? אָבער פון איצט אָן — איך קאָן נישט פאַרטראָגן קיין קאָנקורענץ... דו האָסט מיך ליב, איגני, יאָ? נאָר מיך אַליין אויף דער גאַנצער וועלט? און דו וועסט מיך אייביק, אייביק אַזוי ליב האָבן? זאָג, טײַערער".

ער איז געווען גוט און צערטלעך און פול מיט צוזאָגע־ניש. ער האָט זי ליב — דאָס גלייבט זי אים. זי איז פאַר־ליבט אין אים ווי אַ יונג נאַריש גימנאַזיסטקעלע, ווי דאָס מיידל יאַדזשע וואָס האָט אים געגעבן אַלץ און גאָרנישט באַקומען פון אים. ייִנגעלערישע חטאים דאַרף מען פאַרגעסן. אויב זי וואָלט געקענט דעם טאַטוש מאַכן רעדן, וואָלט זי געוווּסט ווי מענער פירן זיך אויף. האָט דער טאַטוש אויך געהאַט אַזוי פיל אַוואַנטורעס פאַר דער חתונה? און אפשר... דער טאַטוש איז נישט צו פיל פאַרליבט אין דער מאַמען. מיט זײַן קלוגן גאָלן קאָפּ, מיט דער פאַרעקשנטער גראָבער נאָז מיט ווערצעלעך, האָט ער געפירט זײַטיקע ליבעס? קאָן עס זײַן אַז דער טאַטוש אַוואַנטו־רעוועט נאָך איצט? די מאַמעשי איז גאָר נישט חושד און אַפילו איר, סאַבינען, איז קיין מאָל נישט אײַנגעפאַלן אַזעלכעס חושד צו זײַן. וועט זי וויסן אויב איגני וועט ווײַטער אַוואַנטורעווען?

ווען אַ מיידל האָט געקלונגען צו אים, אָדער געשמייכלט צו אים אין גאַס, האָט ער געזאָגט: „אַ קוזינקע". ער האָט איר שוין געזאָגט אַז זײַן טאַטע האָט זיך דערווײַטערט פון זײַן משפחה און ער קען נישט קיינעם פון זײַנע קרובים, און פּלוצלינג אַ גאַנצער האַרעם מיט קוזינקעס. מילא, וואָס געווען איז געווען, אָבער ווײ וועט זײַן צו אים, און אויך צו איר, אויב ער וועט צוריקגיין צו זײַנע בחורישע שטיק.

אַז מע האָט חתונה פירט עס צו האָבן קינדער. זי האָט געטראַכט

ווענן דעם. איידער זי וועט דאָס טאָן וועט זי דאַרפן זײַן זיכער אַז איגנאַצי איז איר גורל, אַז דאָס איז אַ פאַרבינדונג אויף אייביק. איז זי שוין זיכער אַז ער האָט איבערגעריסן מיט אַלע זײַנע פרײַנד פון פריִער. ניין, ער נאַרט זי נישט; ער וואָלט זי נישט געקאָנט אָפּנאַרן. אָבער ווי לאַנג וועט עס אָנהאַלטן? ווי וועט ער זיך אויפפירן ווען זי וועט טראָגן און זײַן אָנגעשוואָלן? האָבן אַ קינד מיט איגנין מיינט פאַרחתמענען איר גורל מיט אים ווי נאָר ער זאָל זיך אויפפירן.

זי איז געקומען צו די געדאַנקען מחמת זי האָט געהאַט אַ שטיקל חשד אַז עפּעס איז שוין געשען. זי האָט אים געזאָגט וועגן דעם. ער האָט זי געטרייסט: „זאָרג זיך נישט. אַז מע האָט אַ מאַן אַ דאָקטאָר...״

זי איז געווען שאָקירט. ער איז שוין גרייט עפּעס צו טאָן קעגן דעם. ער האָט פּראַקטיק אין די זאַכן. ער האָט איר דערציילט אַז ער האָט עס געטאָן צו אַ יונג, שיין, דאָרפיש מיידל וואָס האָט געאַרבעט פאַר אים ווי אַ דינסט, און נישט נאָר ווי אַ דינסט... עס איז אירס, און עס איז זײַנס, און ער גיט אָפּילו נישט אַ טראַכט, און איז גרייט עס אומצוברענגען. זי וואָלט באַדאַרפט אַנטלויפן און מער נישט אָנקוקן זײַן שיין פּנים מיט די רויטע בעקעלעך און געפוצטע וואָנצעלעך. זי האָט פײַנט די בעקעלעך און וואָנצעלעך נישט ווייניקער ווי זי האָט זיי ליב.

ער קומט אַרײַן מיט קעציִשע טריט. „סאַבינקע, וואָס זיצסטו דאָ אַזוי אַליין? וואָס טראַכסטו? טראַכסט וועגן מיר, טײַערע? זע נאָר דאָס וועטער. קיין איין זוניקער טאָג זינט מיר זענען צוריקגעקומען קיין וואַרשע״.

„וואָס האָסטו באַשלאָסן, איגני?״

„וועגן וואָס?״

אים ליגט עס אָפּילו נישט אין זינען. האָט ער אַ דאגה אַז מיט יעדן טאָג וואָס גייט אַוועק ווערט עס ערנסטער, און דאָס טאָן עפּעס, מער סכּנהדיק?

„וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, סאַבינקע? האָסט מיך מער נישט ליב?״

האָט די זון דרויסן טאַקע זיך אַרויסגעריסן פון די וואָלקנס אָדער דאַכט זיך איר נאָר אַז עס איז ליכטיקער געוואָרן אין שטוב? „פאַר וואָס ווילסטו נישט מיר זאָלן האָבן אַ קינד?״ האָט זי געפרעגט מיט אַ צעפּיעטשעטשעט קול, איר קאָפּ אויף זײַן ברוסט.

„איך וויל נישט? כ'האָב געמיינט אַז דו ביסט נאָך נישט גרייט שוין אין אונדזער האַניקיאַר".

„איך וויל אויב דו ווילסט".

„און איך וויל אויב דו ווילסט, טײַערע".

עס איז גוט וואָס צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט קאָן זי נישט קוקן אים אין די אויגן. זי וויל אים גלייבן און געטרויען. דער טאַטוש איז אַזוי אַליין ווײַל ער געטרויט קיינעם נישט.

ב.

איגנאַץ האָט געוואָלט אַליין אָפּנעמען דאָס קינד. „ניין, ניין, ניין!" האָט סאַבינע זיך צעשריגן. „פאַרגעס אַז דו ביסט אַ דאָקטאָר. דו וועסט וואַרטן דרויסן ווי יעדער טאַטע".

„אָבער סאַבינקע..." האָט ער געוואָלט אײַנטענהן.

„ניין, ניין, ניין! דו זאָלסט אפילו נישט רעדן וועגן דעם", האָט זי געשריגן און פאַרקוועטשט די פויסטן.

איגנאַץ איז געבליבן שטיין אָן לשון. דורך דער גאַנצער צײַט פון איר שוואַנגערשאַפט איז זי געווען אַזוי צוגעלאָזן, נאָכגיביק, און דאָ פּלוצלינג — ווײַבערישע היסטעריע. „מע האַלט מיך פאַר אַ גוטן, אַ גאַר גוטן דאָקטאָר", האָט ער געזאָגט מיט אויפוואָרף.

„מײַן לינקער פוס ווײַזט וואָס פאַר אַ גוטער דאָקטאָר דו ביסט", האָט סאַבינע געטראַכט און זיך צעוויינט. „כ'וועל גיכער שטאַרבן, איידער לאָזן דיך שטיין בײַם ברוכשטול".

אַ שוואַנגערשאַפט האָט זי דווקא געהאַט אַ לײַכטע, אָבער אין אַ שיינעם העלן טאָג, אין איר אייגענער שטוב, האָט זי זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. מע האָט מורא געהאַט פאַרן קינד און נישט גענוג אָפּגעהיט איר פוס, און זי איז געבליבן אַ קאַליקע, זי הינקט אויף איר לינקן פוס. איגנאַץ זאָגט אַז נאָך דער קימפעט וועט מען צוריק צעברעכן דעם ביין און צוזאַמענשטעלן, ער זאָל ריכטיק צוזאַמענוואַקסן. זי גלייבט נישט אַז עס וועט העלפן. ער — הויך, בלאָנד, גרויאויגיק; זי — אַ שוואַרצע קאַליקע. ניין! גענוג אַז ער קוקט ווי זי הינקט. גענוג אַז ער זעט זי מיט געשוואָלענע פיס, געשוואָלענע אויגן, און גרויסן בויך. ער זאָל זי

זען אַ צעריסענע, אַ פֿאַרבלוטיקטע אין דעם אָפּשטױיסנדיקן מצב פֿון געבוירן? ניין. זי װעט גיכער שטאַרבן!

די װײען האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. סאַביִנע האָט געביסן די ליפּן און כמעט נישט געשריגן. װי האַלט מען דאָס איבער? װעט זיך דאָס גאָר נישט ענדיקן? דער װײטיק צעשפּאַרט אירע בײנער. די בײנער װעלן זיך שפּאַלטן און ס׳קינד װעט נאָך אַלץ נישט אַרױסקומען. װעט זי דאָס איבערלעבן? באַדײַ שטאַרבן, אָבער איגנאַץ זאָל זי נישט זען אַ צעריסענע, אַ פֿאַרבלוטיקטע.

אַ װײטיק האָט אָנגעשטורעמט מיט אַזאַ קראַפֿט װי — — אַ טראַנס־מיסיע אין דעם טאַטושס פֿאַבריק האָט צעריסן אַן אַרבעטער אויף צװײען. זי װערט איצט געשטראָפֿט דערפֿאַר. זי װערט צעשפּאַרט און צעריסן. דער קרײַץ װערט צעזעצט, און דעם געשװאָלענעם בױך אַרט עס װי דער פּאַראַיאַריקער שנײ. זי װעט נישט שרײַען. „לאָזט אים נישט אַרײַן, כ׳װיל שטאַרבן אַלײן!״

איז דאָס איר קינד, דאָס נפֿשל װאָס דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָס װײַסע גאָלע קעפּעלע װעט זײַן אַ בלאָנד קעפּל, די טונקעלע אויגן װעלן אָודאי װערן גרוי װי איגנאַצעס אויגן. זי װיל נאָך אַ מאָל אָנקוקן איר קינד. די הײבאַם זאָגט ס׳איז אַ שײן קינד. ס׳װעט אָודאי װערן שײן. ביז איר בױך װעט צוריק װערן פֿלאַך און דאָס געשװילעכץ װעט אַראָפּ פֿון איר פּנים און פֿיס, װעט דאָס קינד שוין זײַן בלאָנד, גרויאויגיק און שײן. „אָ ניין, לאָזט אים נאָך נישט אַרײַן, איך קאָן נאָך נישט זען מײַן מאַן״. זי װאָלט געזאָגט מע זאָל אים דאָס קינד אויך נישט װײַזן ביז דאָס געשװילעכץ װעט אָװעק און דאָס גאָלע קעפּל װעט װערן בלאָנד. ביז עס װעט זײַן אַ שײן קינד, אָבער זי איז צו שװאַך צו רעדן.

ג.

כאָטש בערעקס קינד איז געבוירן געװאָרן נאָר זיבן חדשים נאָך דער חתונה, איז עס געװען גרויס און געזונט. מאַניע איז געלעגן געװאָרן בײַ אירע עלטערן אין הויז. זי איז געלעגן אין איר מאַמעס גרויסן בעט

אויף קישנס מיט אַ סך געהאַפּטענע שפּיצן. מען איז געגאַנגען אַרום איר אויף די שפּיץ פינגער. בערעק איז געווען שעמעוודיק און נישט דרייסט ווי אַ ניי־פאַרליבטער. דאָס יינגעלע איז נאָך געווען אַ גולמל מיט אַ בלויז געשוואָלן פּנימל און אַלע האָבן געזאָגט אַז עס איז שיין. אפילו פאַליע האָט געסמאַטשקעט מיט די ליפּן צו דעם נפשל כאָטש עס האָט נאָך נישט געזען. מאַניען איז ניחא געווען וואָס זי איז די העלדין פון דער גאַנצער משפּחה, זי האָט גאָר נישט געוואָלט אויפשטיין פון בעט.

עס זענען געקומען אַזוי פיל שימחות: אַ שלום־זכר, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן. אַ נאָמען געגעבן האָט מען דעם יינגל, דב־אַלעקסאַנדער, נאָך בערעקס צוויי זיידעס, גערופן האָט מען אים אַלעק. צום פּדיון־הבן וואָלט מאַניע שוין געקאָנט אָנטאָן אַ קלייד פון פאַרן פאַרשוואַנגערן, ווען נישט זי וואָלט געזייגט אַלעקן. איר פולער בוזעם האָט צוגעגעבן נאָך מער רייץ צו איר שלאַנקער פיגור. זי האָט געטראָגן איר פאַרגרעסערטן בוזעם מיט שטאָלץ, מיט דעם קאָן זי אונטערטעניק מאַכן ביידע מענער אירע, בערעקן און אַלעקן.

ד.

מינדעלעס זיידע, פון דער מאַמעס זייט, האָט פאַרבעטן מינדעלען מיט איר חתן אויף שבת־חנוכּה. פּינטשע האָט שוין געהאַט געזען פאָטאָ־גראַפיעס פון דעם פּרינסקער רב, פון דעסט וועגן איז ער געבליבן אָן לשון ווען ער איז געבליבן שטיין פאַר דער הויכער מאַיעסטעטישער געשטאַלט פון דעם זיידן. אַ שניי־ווייסע באָרד, ליכטיקע בלויע אויגן, און אַ שיינענ־דיק פּנים אויף וועלכן עס איז אויסגעגאָסן אַ שבת־יום־טובדיקייט יעדן טאָג פון דער וואָך.

שבת, ווען פּינטשע איז געגאַנגען מיט דעם זיידן אין שיל אַריין איז ער גערירט געוואָרן פון דעם דרך־ארץ פון די מענטשן אין גאַס, נישט נאָר די יידן. עס איז פאַראַן אַ גדלות אין דעם געשטאַלט פון זיידן. נישט קיין גאוותדיקייט, נאָר אַ חשיבות פון דעם וואָס ער רעפּרעזענטירט. דאָס שטריימל איז געזעסן אויף זיין קאָפּ ווי אַ קרוין.

שפּעטער, ווען פּינטשע איז געווען אַליין מיט מינדעלען, האָט ער

איר געזאָגט: „כּל הון שבעולם איז נישט גענוג זיך אײַנצוקויפן אין אַזאַ משפחה“.

מינדעלע האָט נישט געענטפערט. פּינטשע האָט געזען זי האָט פאַרביסן אַ ליפּ, האָט ער זיך געוווּנדערט: „ביסט עפּעס אין כּעס אויף מיר?“

„כ׳ווייס אַז מײַן טאַטעשי און מאַמעשי געפעלן דיר, איצט ווייס איך אויך אַז די גאַנצע משפּחה געפעלט דיר, אָבער דעם עיקר ווייס איך נאָך אַלץ נישט“.

„דו זאָלסט זאָגן אַזוינס!“ האָט פּינטשע נישט געקאָנט פאַרשטיין. „מינדעלע, איך האָב אויך פריִער געוווּסט וועגן פּרינסקער רבֿ, אָבער איצט איז ער מײַן. ער איז מײַן ווײַל ער איז דײַן, ווײַל מיר ביידע זענען איינס“.

„פּינטשע, דו רעדסט צו מיר מיט בית־המדרש־לשון. איך דאַרף אַרויסדרינגען פון דײַנע רייד מיט אַ ׳קל וחומר׳, מיט אַ ׳גזירה שווה׳, מיט אַלע מידות וואָס מע דרשנט די תּורה. טייל מאָל ווינטש איך זיך דו זאָלסט מיך האַלטן פאַר אַ מיידל ווי אַלע מיידלעך און רעדן צו מיר מיטן לשון פון אַ וועלטלעך בוך, פון אַ ראָמאַן“.

„מינדעלע!“

פּינטשע האָט נישט געוווּסט וואָס מער צו זאָגן. זי איז דאָך גערעכט. ער האָט איר שוין געזאָגט אַז זי איז קלוג, אַז זי איז איידל און וווילגעלערנט, ער געדענקט נישט צי ער האָט איר אַ מאָל געזאָגט אַז זי איז אויך שיין און אַז ער האָט זי ליב. אַז ער וועט עס איצט זאָגן וועט עס זײַן ווי זי וואָלט עס אַרויסגעריסן פון זײַן מויל, ווי זי וואָלט אים געבייט עס צו זאָגן. אַ רויטקייט האָט באַגאָסן פּינטשעס פּנים. מינדעלע ווייסט דאָך וועגן זאַשקען, זי קאָן מיינען אַז ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרײַט פון איר.

די נאַכט האָט פּינטשע זיך געראַנגלט מיט קאָשמאַרן. ער איז געגאַנגען מיט מינדעלען פון קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע און זי צוגעפירט ביז ערשטער־מײַגאָס אין גורוויטש. ער איז אַרײַן מיט איר אין פינצטערן טויער, ס׳איז מער נישט געווען מינדעלע, נאָר זאַשקע. ער האָט זי געקושט, געקושט ביז טיף אין האַלדז אַרײַן, און דער פּרינסקער רבֿ האָט געזאָגט: „אַלע מילקעסעס שטאַמען פון ב״ח“. ס׳איז מער נישט געווען דער

פרינסקער רבי ס׳איז געווען דער סטרוזש. פינטשע האָט אים אַרייַנגעשטעקט אַ זלאָטע אין דער האַנט, האָט ער פאַרשלאָסן דעם טויער פון אינעווייניק און געלאָזט שטעקן דעם שליסל. דער סטרוזש איז אַוועק שלאָפן. מינדעלע האָט זיך געטוליעט צו אים, מינדעלע דעם רבס, און זיך געבעטן: „זאָג מיר אַז דו האָסט מיך ליב, פינטשע. קוש מיך, פינטשע". ער האָט אָנגע־כאַפּט איר האַנט און זיך געבעטן: „זאָשקע, זיסעלע, זיס־זיסעלע מייַנס, אַז מיר וועלן זיך איצט קריגן וועלן מיר פאַרשפּילן אונדזער גאַנץ לעבן". „מייַנע חברים אין פּאַלעסטינע שטאַרבן פון מאַלאַריע", האָט זאָשקע געענטפערט, „און איך ליג אין בעט מיט אַ יונג פון הכשרה־קיבוץ".

פינטשע האָט זיך איבערגעוועקט. זייַן לייַב האָט זיך געבאָדן אין אַ קאַלטן שווייס. אַ כעס וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים ווען ער האָט געחלומט איז געבליבן מיט אים און נאָך אַלץ געזידט. בייַ „זיי" האַלט מען נישט פון קיין רב, אַ חבר און אַ חברה לייגן זיך אין בעט אַרייַן און שוין. און ער, שוטה, בטלן וואָס ער איז, האָט זי געשוינט, חלילה נישט צו עפענען אַ קנעפּל אין איר בלוזע.

ער האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעטשוכעט פון דעם בייזן חלום און נאָך מער אָפּגעשאַצט וואָס פאַר אַ גליק עס איז אים געשען וואָס מינדעלע איז געוואָרן זייַן כלה. ער האָט צו מאָרגנס פּראָבירט אויפקלערן די מיס־פאַרשטייעניש מיט מינדעלען, ער האָט איר געזאָגט: „פאַראַן מיידלעך וואָס אַלץ וואָס מע זעט אין זיי איז די פרוי. פאַראַן אָבער אַנדערע, וואָס קודם־כל זעסטו אין זיי דעם מענטש".

„כ׳קען נישט קיין פרוי וואָס וויל בעסער געהערן צו די צווייטע", האָט מינדעלע געענטפערט מיט אַ זיפץ.

קאַפּיטל פינעף

יונה

רוכטשע האָט שוין אויפגעהערט נאָכלויפן דעם בריווטרעגער. זי האָט ווײַטער אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן אין געוועלב. זי האָט געשלונגען ביכער נאָך מער ווי פריִער, זי איז אויך אַ מאָל אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן מיט אַ חברטע. נאָר, אין מיטן לייענען, אַפילו אין מיטן שפּאַצירן, האָט זי זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און געזוכט אַן ענטפער: פאַר וואָס איז יאַנקל אַוועק אָן אַ זײַ־געזונט? ווען זיי זענען זיך געווען נאָענט האָבן זיי ביידע געהאַט אַ געפיל אַז זיי האָבן שוין לאַנג פריִער זיך געזוכט, אַז ווען זיי האָבן זיך סוף־כל־סוף געפונען וועט קיין שום כּוח אין דער וועלט זיי נישט קאָנען צעשיידן, און פּלוצלינג...

אמת, זיי האָבן אָפן וועגן דעם נישט גערעדט, אָבער יאַנקל האָט מיט אַ בליק געקאָנט זאָגן מער ווי אַנדערע מיט ווערטער. ער איז געווען שעמעוודיק און צוריקגעהאַלטן אַפילו ווען ער האָט זי געקושט. זײַן קוש האָט אָבער געהאַט אַ שטילן גלי וואָס האָט זי אַדורכגענומען. וואָס איז געשען? מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט?

רוכטשע האָט גאָרנישט געזאָגט אין דער היים, נישט דערמאָנט וועגן דעם אין אירע בריוו צו געניען, זי האָט געוואָרט געניע זאָל איר עפּעס שרײַבן וועגן יאַנקלען. אין איין פרימאָרגן האָט זי עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן צו געניען. אין מיטן שרײַבן איז זי אַוועקגעלאָפן צום פּאָסטאַמט און טעלעפאָנירט צו איר.

„רוכטשע, וואָס איז געשען? דער טאַטעשי? די מאַמעשי?" האָט געניע זיך דערשראָקן פון רוכטשעס קלינגען אין געשעפט אַרײַן.

„געניע, וואָס ווייסט דו וועגן יאַנקלען? דו ווייסט עפּעס און ווילסט מיר נישט זאָגן".

„פון וואַנעט זאָל איך וויסן? פאַרשווונדן ווי אין וואַסער אַרײַן".

„ווען האָסטו אים געזען צום לעצטן מאָל?"

„רוכטשעלע, ס'עט קאָסטן אַן אוצר... אַ טעלעפאָן פון כעלמיש... רוכטשע, דער 'אַלטער' קוקט שוין קרום, כ'על דיר שרײַבן".

„ווען האָסטו אים געזען צום לעצטן מאָל?"

„וואָס פאָרשסטו מיך ווי אַ 'שלעדאָוואַטעל' (אויספאָרשער)? אויב דו ווילסט וויסן, האָסטו גאָרנישט אָנגעווירן. כ'וואָלט דיר געקאָנט עפּעס דערציילן וועגן דײַן ישיבה־בחור".

„וואָס איז געשען צווישן דיר און מײַן ישיבה־בחור? געניע, דו מוזסט מיר זאָגן!"

„כ'קאָן מער נישט רעדן. ס'איז אַ געשעפט... קונים... כ'על דיר שרײַבן, דאָווידזעניאַ, רוכטשע".

רוכטשע האָט ווידער אויסגעקוקט דעם בריווטרעגער. ס'איז נישט געקומען קיין בריוו, נישט פון יאַנקלען, נישט פון געניען. כעמיע איז געקומען קיין כעלמיש. ער האָט נישט געוווסט אַז געניע זאָל זיך האָבן געקריגט מיט יאַנקלען. רוכטשע איז געפאָרן קיין וואַרשע.

„ר'האָט מיך געוואָלט פאַרגוואַלטיקן", האָט געניע געזאָגט רוכטשען.

„און?"

„ר'איז אַרויסגעלאָפן, מער נישט געקומען. באַלד נאָך דעם איז ער פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַרײַן. רוכטשעלע, קוק נישט אַזוי אויף מיר. כ'האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס. ס'איז גאָרנישט געשען. כ'זאָל אַזוי געזונט זײַן! 'דאָס נישט', האָב איך געזאָגט, 'ביזסט מײַן שוועסטערס סימפּאַטיע'. מיר זאָלן ביידע אַזוי געזונט זײַן! דער טאַטעשי און די מאַמעשי זאָלן אַזוי געזונט זײַן! די גלייבסט מיר נישט, רוכטשע?"

„דאָס נישט", האָט רוכטשע איר נאָכגעקרימט. „וואָס יאָ?!"

רוכטשע האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. זי איז געלאָפן צום וואָקזאַל און צוריקגעפאָרן אַהיים.

עטלעכע טעג האָט רוכטשע נישט געהאַלפן אין געוועלב, נישט געלייענט קיין ביכער, נישט געוואָלט זען קיינעם. איין מאָל, איז כעמיעס ייִנגסטער ברודער, יונה, געקומען וועגן געשעפטזאַכן, האָט רוכטשע אים אַ פרעג געטאָן צי ער וויל אַ ביסל שפּאַצירן.

רוכטשע האָט איצט אָפט שפּאַצירט מיט יונהן. רוכטשע האָט געשוויגן. יונה האָט געוווסט פאַר וואָס זי איז אַזוי טרויעריק, האָט ער אויך גע־

שוויגן. זיי זענען ווי אַלע מאָל אַוועק צום לובלינער שאָסיי. יונה האָט געוווּסט, רוכטשע שעמט זיך שפּאַצירן מיט אים אין שטאָט.

„יונה, פאַר וואָס זענען זי אַ יונה ?" האָט רוכטשע אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

יונה איז נאָך אַלץ געשטאַנען צעטומלט.

„כעמיע איז אויך אַזוי ? ער וואָלט נישט געווען געניעס חתן, אויב ער וואָלט אַזוי געווען", האָט רוכטשע ביטער אַ לאַך געטאָן.

„כ'האָב מורא געהאַט ז'עלן זיך באַליידיקן".

„אַז מ'האָט מורא לייענט מען קריאת־שמע..."

רוכטשע האָט געוואַרט. יונה האָט געגעבנט צו איר מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, צוגערירט די ליפּן צו איר באַק.

„זי האָבן שוין אַ מאָל געקושט אַ מיידל ?"

„נישט אַזאַ ווי זי... ווי דו".

„זײַ'ן זי נישט קיין —" זי האָט ווידער געוואָלט זאָגן ער זאָל נישט זײַן קיין „יונה", זי האָט זיך צוריקגעכאַפּט : „זײַ'ן זי נישט קאַ ישיבה־בחור".

רוכטשע האָט געלערנט יונהן ווי צו קושן. זי האָט אים אויסגעלערנט קושן אַזוי ווי יאַנקל פלעגט זי קושן.

כעמיע איז געקומען פון וואַרשע רעדן מיטן מחותן וועגן באַשטימען די חתונה. „אפשר זאָל מען מאַכן צוויי חתונות צוזאַמען ?" האָט פוליע, דער מיטלסטער ברודער, געלאַכט. „יונה האַלט שוין ווײַט מיט רוכטשען".

„גייסט ווערן מײַן שוואָגער ?" האָט כעמיע געפרעגט זײַן ייִנגסטן ברודער.

„כ'וויל", האָט יונה געענטפערט מיט פּשטות.

„רוכטשע איז מיט דרײַ יאָר עלטער פון דיר".

„צוויי און אַ האַלב".

„ווי האַלט עס ?"

„כ'בין פאַרליבט".

„און רוכטשע ?"

„כ'ווייס ? כ'מיין... מיר קושן זיך..."

„האָסט איר געזאָגט?"

„וואָס?"

„אַז האָסט זי ליב".

„כ'דאַרף זאָגן? מיר קושן זיך..."

„האָסט זי געפרעגט צי זי האָט דיך ליב?"

„זי קושט מיך אויך, נאָר זי וויל מיר נישט זאָגן 'דו'".

„זאָג איר, יונה, זאָג איר אַלץ. זאָג איר אַז דו ווילסט חתונה האָבן מיט איר".

יונה איז צו זיַינע זיבעצן יאָר שוין געווען הויך־געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס, ווי כעמיע און פּוליע. מע האָט געמיינט ער'ט זיַין נאָך אַן ערגערער שיקסע־קריכער ווי זיַינע עלטערע ברידער. אָבער זינט כעמיע איז אַ חתן געוואָרן מיט פרידעס טאָכטער איז ער געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. דעם פעטער אַברהם איז געווען אַ שאָד וואָס מע האָט נישט יונהן געשיקט לערנען ווי זיַין אַרעלע. זאָלן זיַין צוויי קאָבילאָקעס רבנים. דער יונה איז אַ שטילער בחור.

יונה האָט געבעטן דעם טאַטן שיקן אַ שדכן צו ר' נטען. כעמיע האָט געזאָגט: „פריִער רעד מיט איר, דערנאָך 'עט מע שיקן אַ שדכן".

„זי האָבן אַ צאַנוויטיק?" האָט רוכטשע שפּאַטיש געפרעגט יונהן. ער איז היַינט ווידער געווען שעמעוודיק ווי פאַרן ערשטן קוש.

„רוכטשע, דו ווייסט ווי אַלט כ'בין?"

„כ'בין נישט געווען אויף אײנס ברית".

„כ'וועל אַכצן יאָר דריַי טעג נאָך שבועות".

„איך וועל חנוכה איין־און־צוואַנציק. כ'קאָן זיַין אײנס באָבע".

יונה האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט: „רוכטשעלע, דו ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין מיַין האַרץ. איך פאַרדין נישט ווייניקער ווי כעמיע".

„זי האָבן אַ געוועלב אין האַרץ?"

„רוכטשע, לאָמיר חתונה האָבן, כ'על דיך טראָגן אויף די הענט".

„כ'קאָן גיין אויף מיַינע פיס".

„רוכטשעלע, כ'האָב דיך ליב".

רוכטשע האָט גענומען גיין מיט שנעלע טריט. יונה איז איר נאָכגע־

לאָפן: „וואָס זאָגסטו, רוכטשע? זאָג יאָ, רוכטשע. וועסט בײַ מיר זײַן אַ קײסערינע".

רוכטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגענומען יונהן בײַ די הענט.

„כ'האָב עס געוווּסט". האָט יונה אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ לאַך און אַ שלוכץ צוזאַמען.

רוכטשע האָט אָפּגעלאָזט זײַנע הענט, גענומען גײן פּאַמעלעך פאָרויס.

„זאָג, רוכטשעלע, זאָג עס. דו האָסט מיך אויך ליב?"

„וואָס איך װעל זאָגן װעט אײן — —"

„זאָג מיר 'דו', רוכטשעלע".

„יונה, דו מוזסט מיך פאַרשטײן. כ'האָב נישט געוווּסט אַז ס'עט אַזוי — —"

„דו האָסט מיך ליב, יאָ?"

„נײן".

יונה איז געבליבן שטײן. רוכטשע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט.

„מאַך נישט ס'געגנאַר, רוכטשעלע. זאָגסט מיר שוין 'דו', זאָג שוין אַלץ. כ'ווייס אַז האָסט מיך אויך ליב, זאָג די נעוואָרעט".

„כ'זאָג דיר דעם גאַנצן, דעם רײנעם אמת. כ'האָב דיך נישט ליב. פאַרגעס װעגן מיר".

„רוכטשע!"

„איך בין נישט פאַר דיר, דו ביזסט נישט פאַר מיר".

„רוכטשע, דאָס אַלץ וואָס ס'איז געשען צווישן אונדז — —"

„וואָס איז געשען? אַלע יונגע־לײַט און מײדלעך וואָס קושן זיך האָבן חתונה?"

„רוכטשע, דו מאַכסט ס'געגנאַר. רוכטשע — —"

„יונה, כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן. כ'ווייס אַלײן נישט פאַר וואָס כ'האָב זיך אַזוי געפירט. אפשר ווײַל ביסט אַ שײנער, אַ הויכער, אַ שטאַרקער. יונה, ווײַטער ווי אַ קוש קאָן עס נישט גײן. כ'זע איך האָב דיך ביז איצט פאַרפירט. כ'בין ווערט מע זאָל מיר אויספליאַסקען די מאָרדע. כ'וויל דיך מער נישט פאַרפירן, יונה. איך װעל קײן מאָל מיט דיר נישט חתונה האָבן. קײן מאָל!"

רוכטשע האָט זיך אויסגעדרײט, זי האָט גענומען גײן אַהײם.

„וואָס לויפסטו?" האָט יונה זיך געבעטן.

„ס'איז שוין שפעט".

„וועסט קומען מארגן?"

„ניין. ס'איז נישט גוט פאר דיר מיר זאלן זיך ווײַטער זען".

„כ'בעט דיך".

„ניין".

„נאר מארגן", האט יונה זיך געבעטן.

„ס'איז נישט גוט, נישט פאר דיר און נישט פאר מיר. אפשר שפעטער ווען — —" רוכטשע האט א קוק געטאן אויף אים און האט אויפגעשוידערט. דער הויכער אטלעטישער יונה איז געשטאנען פאר איר מיט א שלאבעריקן גוף און געקוקט אויף איר מיט פארנעפלטע אויגן וואס האבן, דאכט זיך, גארנישט געזען. „ווארט דא אויף מיר, יונה", האט זי אים געזאגט. „איך וועל באלד צוריקקומען, איך דארף דיר עפעס ווײַזן".

ווען רוכטשע איז צוריקגעקומען איז יונה נאך אלץ געשטאנען אויפן זעלביקן ארט, אין דער זעלביקער פאזיציע. זי האט געבראכט א פאסט־קארטל, דאס קארטל וואס יאקאוו האט איר געשיקט פון רומעניע. זי האט אים געוויזן דאס קארטל: „ס'איז אין העברעיִש 'להתראות בארץ', דאס מיינט: צום ווידער זען זיך אין ארץ־ישראל. ער איז מײַן חתן, מיר האבן זיך אפגערעדט חתונה צו האבן אין פאלעסטינע".

יונה האט א שלינג געטאן, ווי ער וואלט אראפגעשלונגען ווערטער וואס ער האט נישט געקאנט ארויסזאגן, און געשוויגן.

„נעם עס נישט אזוי טראגיש, יונה. דו ביסט אזוי יונג, דו וועסט זיך נאך פארליבן צען מאל איידער וועסט נעמען א ווײַב. לאמיר בלײַבן פרײַנד, יונה". זי האט אויסגעשטרעקט איר באק, „גיב מיר א קוש — ווי א פרײַנד".

יונה האט צוגעלייגט די ליפן צו איר גליענדיקער באק. זי האט זיך אויפגעהויבן אויף די שפיצן פון אירע פיס און א לײַכטן קוש געטאן זײַן שטערן. „מיר בלײַבן פרײַנד", האט זי געזאגט און אים דערלאנגט די האנט. „אוי, דײַנע הענט זענען ווי אײַז. א שאד וואס דו נעמסט עס צו ערנסט, אבער איך האב נישט קיין חרטה אויף אונדזער פרײַנדשאפט". זי האט זיך אויסגעדרייט און אוועקגעלאפן אהיים.

ערשט צו מארגנס אין דער פרי האט מען געזען אז יונה איז נישט

געשלאָפֿן אין זײַן בעט. „יונה וועט נאָך חתונה האָבן פֿריער פֿון דיר", האָט פּוליע זיך געריײצט מיט כּעמיען.

„אַ גאַנצע נאַכט?" איז כּעמיע נישט געווען צופֿרידן אויב דער מחותּן וועט זיך דערוויסן, וועט ער אויסלאָזן דעם כּעס צו געניען. יונה איז נישט אַהיימגעקומען מיטאָג עסן, איז כּעמיע געלאָפֿן זען ווו רוכטשע איז. ער האָט געפֿונען רוכטשען אין זײַער געוועלב, ער האָט צו איר אַ ווונק געטאָן זי זאָל אַרויסקומען.

רוכטשע האָט נישט געוווּסט ווו יונה קאָן זײַן. „ער האָט זיך פֿאַר־ליבט, האָב איך אים געזאָגט — —" זי איז אַנטשוויגן געוואָרן פֿאַר אַ ווײַלע, כּעמיע ווייסט דעם אמת אַז זי איז נישט יאַקאָווס כּלה, כּעמיע ווייסט אפֿשר אויך אַז מיט יונהן האָט זי געדאַרפֿט אויסצופֿילן אַ בלויז, אַ לאָך וואָס איז איר געבליבן אין האַרץ נאָך יאַנקלס פּלוצלינגדיקן פֿאַרשווינדן. „ער וועט זיך אָפּקילן און אַהיימקומען", האָט זי געזאָגט כּעמיען, כאָטש עס האָט געגנומען אויפֿגיין אין איר אַן אַנגען אַז עס איז ערנסטער ווי זי האָט געמיינט.

„ער איז אוודאי אָוועקגעלאָפֿן אין אַ דאָרף ווו ער האָט אַ שיקסע. ער'ט זיך אויסשוימען, אויסטשוכען און אַהיימקומען. מאַכט'ס נישט קיין טומל, די גאַנצע שטאָט וועט לאַכן", האָט כּעמיע אַלעמען באַרויִקט.

עס איז פֿאַרבײַ נאָך אַ טאָג, און נאָך איינער — קיין צייכן פֿון יונהן. כּעמיע און פּוליע זענען געלאָפֿן איבער די דערפֿער אים זוכן בײַ באַקאַנטע און בײַ פֿרעמדע, אָבער יונה איז — ווי אין וואַסער אַרײַן.

טאַקע אין וואַסער אַרײַן. פֿינעף טעג שפּעטער האָט דער טײַך וויעפּש צוריקגעגעבן יונהס געשוואָלענעם גוף, לעבן אַ דאָרף, אַכט קילאָמעטער פֿון כעלמיש.

די פּיס האָבן אַרויסגעשטאַרט, די „מיטה" איז געווען צו קורץ פֿאַר יונהס צעוואַקסענעם גוף. „אַזאַ לאַקטיקער בוים", האָט די מוטער געקלאָגט בײַ דער לוויה. נאָך איידער מען איז צוריקגעגאַנגען פֿון בית־עולם האָבן די קאַבילאַקעס זיך שוין געהאַט אָפּגערעדט צו מאַכן די מויד „מיט אַ קאָפּ קירצער". זיי האָבן זיך געהיט כּעמיע זאָל נישט וויסן, אָבער פּוליע האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד.

„זאָל איך פריִער שלאָקרירעוודיק ווערן איידער עך ׳עט זי אָנרירן״, האָט כעמיע זיי באַשווירן.

„דו עפנסט נאָך אַ פּיסק?״ האָט דער טאַטע געשריגן. „אויב דו וואָלטסט גענומען אונדזערס אַ מויד, נישט געקראָכן צו די זויערע פרידעס...״

„נאָר אַ פּאָר איידעלע ביינדעלעך איר צעברעכן, פּאָר אַ קאַליקע מאַכן. נישט געוואָלט אונדזער יונה, זאָל זי פינצטערן ביזן גרויען צאָפּ אַריַין״, האָט געזאָגט דער פעטער פייַבל.

„מ׳עט אַהרעלען אַרויסוואַרפן פון דער ישיבה״, האָט כעמיע פּראָבירט געווינען אַהרעלעס טאַטע, דעם פעטער וורום, אויף זייַן זייַט. „און אויב ס׳עט עפּעס געשען צו געניעס משפחה ׳עט עך האָבן נאָך אַ לוויה״, האָט כעמיע געסטראַשעט.

„די מויד״, האָט דער פעטער פייַבל געזאָגט.

„איך״, האָט כעמיע געענטפערט.

מע האָט רוכטשען נישט געטשעפּעט. וועגן באַשטימען די חתונה מיט געניען האָט כעמיע איצט נישט געקאָנט רעדן, נישט מיט די פרידעס, נישט מיט זייַן אייגענער משפחה.

קאַפּיטל זעקס

אין מיטן ים

א.

אין לב המפּריץ, אין כעלמיש, האָט מען אויף דעם ביולעטין־טאָוול אַרויסגעהאַנגען אַן אויסשניט פון אַן ארץ־ישׂראלדיקער צײַטונג. אין דעם אויסשניט האָט זיך געזאָגט:

„אַראַבישע פישערס האָבן אַרויסגעשלעפּט פון ים דעם גוף פון אַן אומבאַקאַנטן ׳מעפּיל׳. מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט די ידיעה זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. דער קרעמער האָט פאַרמאַכט זײַן געשעפט, דער אַרבעטער האָט איבערגעלאָזט זײַן אַרבעט, די קינאָס און די קאַפע־הײַזער האָבן זיך געשלאָסן. טויזנטער זענען אין שטילקייט פאַרבײַגע־גאַנגען לעבן דעם גוף אָפּצוגעבן אים דעם לעצטן כבוד.

„דאָס פּנים פון ׳מעפּיל׳ איז שוין געווען אין אַ מצב נישט צו דער־קענען, אָבער איין אויסדרוק איז נאָך געבליבן קלאָר, אַרום דעם מויל איז געבליבן פאַרגליווערט אַן אויסדרוק פון גרויל.

„אַ קעלט האָט דורכגענומען יעדן וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם וואָס איז דערשווומען אָבער נישט אָנגעקומען. וועמענס חתן ביסטו? וועמענס מאַן, וועמענס ברודער, וועמענס זון? ווער ביסטו, אומבאַקענטער ׳מעפּיל׳?״

אויף דעם צײַטונג־אויסשניט איז געווען צוגעשריבן מיט טינט: „ביסטו אונדזער יעקב, געפאַלענער ׳מעפּיל׳?״

מע האָט נישט געטאַנצט און נישט געזונגען אין דעם כעלמישן קיבוץ. אפשר וואָלט לײַכטער געווען אויב מע וואָלט געוווּסט אויף זיכער וואָס עס איז געשען מיט יאַקאָוון. מע וואָלט אײַנגעאָרדנט טרויער־אַקאַדע־מיעס אָנגערופן אַ פּלוגה אויף זײַן נאָמען, מע וואָלט געהאַט דאָס געפיל, אַז מע האָט עפּעס געטאָן פאַר אים.

זאָשקע האָט געהאַט קאָשמאַרן. יאַקאָוו טרינקט זיך, שטרעקט די

הענט צו איר נאָך הילף, און זי שטייט אויפן ברעג און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

אפשר איז ער געפאַנגען געוואָרן פון די אַראַבישע פּריַיוויליקע ברעג־שומרים? זיי האָבן אים פאַרשלעפּט, זיי פּייַניקן אים, ער רופט הילף און קיינער הערט נישט?

„יאַקאָוו איז ווי אַ קאַץ. אַ קאַץ ווי מע וואַרפט זי בלייַבט זי שטיין אויף די פיס", האָט משה זיך אָנגערופן, „אין אַ שיינעם העלן טאָג וועט ער זיך באַווייַזן דאָ, אָדער אין אַרץ מיט דער גלאָריע פון אַ העלדישן מעפּיל. אפשר וועט ער גאָר אויפטויכן אין געוועלב פון פאָן פרידע, אַ בורזשויסקע איידעמל. אין זכות פון אַלטע סאָציאַליסטישע זינד וועט ער געבן אַרבעט צו אַן אָרעמען קיבוצניק".

משה האָט זיך געריכט אויף אַ שטורעם. מע האָט דאָ פאַרגעסן אין אידעאָלאָגיע, מע האָט פאַרגעסן אין אַלע העלדן פון יידישער און סאָציאַ־ליסטישער געשיכטע און געלאָזט זיך נאָר איין העלד — דעם געקריי־ציקטן יאַקאָוו.

עס איז נישט אויסגעבראָכן קיין שטורעם. עס איז „אויסגעבראָכן" אַ שטילשוויַיגן. אַפילו חווה, וואָס האָט אים קיין מאָל גאָרנישט פאַרשוויגן, האָט געפּרעסט אירע ליפּן „בוא נלך", האָט ער גערופן צו זאָשקען. זי איז געבליבן זיצן, נישט געענטפערט אַפילו מיט אַ בליק. ס'איז אייַנגע־טראָטן אַ נייַער רוגז. דער טויטער יאַקאָוו איז געוואָרן מער געפערלעך ווי עס איז געווען דער לעבעדיקער.

געווען נאָר איין משפחה־פריטש פאַר משהן און זאָשקען. זי איז געשלאָפן לעבן אים, נישט געוועדט זיך קעגן אים, אָבער אירע ליפּן האָבן נישט געענטפערט אויף זייַנע ווערטער, איר גוף האָט נישט געענטפערט אויף זייַן באַריר, פּאַסיוו האָט זי אים געלאָזט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט. וואָס ער האָט איצט באמת געוואָלט איז אַרייַנקריכן מיט די נעגל אין איר לייַב, קלאַמערן די פינגער אויף איר האַלדז ביז זי וועט אויפרייַסן די פאַרפּרעסטע ליפּן און שרייַען, שרייַען, אַ געשריי אַזוי גרויס ווי דאָס געשריי וואָס רייַסט זיך פון אים, וואָס וואָלט הימלען געשפּאָלטן אויב עס וואָלט אַרויס מיט אַ קול.

אומגעריכט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער הנהגה הראשית: משה, זאָשקע און רינה זאָלן קומען קיין וואַרשע מיט אַלע זייערע זאַכן. זאָשקע

האָט װידער געערדעט צו משהן. ריגה איז אַרױסגעשפּרונגען פֿון בעט און געזאָגט אַז זי האָט מער נישט קײן היץ. געװען אַ ביסל פֿאַרקילט, אָבער ס'איז איר שױן בעסער. די שעה פֿון עליה איז געקומען, זי איז גרײט.

ב.

עפּעס איז נישט געװען אין אָרדענונג מיט די שיפֿפּאַפּירן. דוב, דער „שליח", איז אַװעק צו דער פּאָרט־פּאָליצײ און נישט צוריקגעקומען. כאַריל, דער מעקלער, איז אַװעקגעלאָפֿן אין שטאָט אַלאַרמירן דעם אַדװאָקאַט. די פּאָליצײ האָט אַרױסגעפֿירט די שיף פֿון פּאָרט און אַװעקגעשטעלט זי אַ פּאָר מײַל װײַטער בײַ אַ פֿאַרלאָזענעם ברעג, לעבן אױסגעשעפּטע אַרץ־גראַבנס. דערװײַל זענען די שעהען געלאָפֿן. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע װעט זיך צעפֿאַלן. מע װעט אױפֿעסן די שפּײַז, אױסטרינקען דאָס זיסע װאַסער און דאָרט װעט מען נישט װיסן װען אָפּצװוואַרטן די שיף בײַם אָפּגערעדטן אָרט. פֿאַראַן אױך אַ סכּנה אַז אױב די אָפּװאַרטערס װעלן קומען צו פֿרי און װאַרטן צו לאַנג, װעט עס העלפֿן די ענגלישע שפּיאָנען.

גריכישע פּאָליציאַנטן זענען געקומען מיט דובן װען ער איז צוריקגעקומען, און זענען געבליבן אױף דער שיף. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. מען איז געזעסן אױף דעם דעק און געװאַרט דער אַדװאָקאַט זאָל קומען פֿון שטאָט מיט אַ דערלױבעניש אַרױסצופֿאָרן. כאַרילאָ האָט אױך געדאַרפֿט ברענגען אַ מעדיצין פֿאַר רינהן. זי איז אַװעק פֿון כעלמיש מיט היץ און איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך. די היץ טרעט אָפּ און קומט צוריק, זאָשקע שרעקט זיך פֿאַר רינהס אױסזען אָבער ריגה לאַכט. זי פֿילט זיך בעסער װי אין װאַרשע. זאָשקע װײסט אַז רינה זאָגט אַזױ מחמת זי האָט מורא מע זאָל זי נישט איבערלאָזן אױפֿן ברעג. זי אַלײן װאָלט דען נישט געטאָן דאָס זעלביקע? אין אַ פֿיר־פֿינעף טעג אַרום װעט רינה שױן זײַן אין דער קראַנקנשטוב פֿון לבֿ המפֿריץ אין ארץ־ישׂראל.

מע האָט אױפֿגעהערט גײן אױף די שפּיץ פֿינגער. װײַט, װײַט אַװעק האָבן געמינײַעט די ליכטער פֿון דעם פּאָרט, דאָ איז װיסט און חושך. װאָס מאָרגן װעט זײַן װײסט מען נישט, דערװײַל מוז מען זיך אָרגאַניזירן, און עס טומלט זיך: אַרבעט־פּאַרטײלן און אָרדענונג־געזעצן, װאַלן פֿון קאָמיסיעס פֿאַר אַפּראָװיזאַציע, סאַניטאַציע, קולטור.

מען איז פּאַרטיק געוואָרן מיט די קאָמיסיעס און זיך גענומען צו זייער גורל. מע האָט אַרײַנגעלייגט אין אַ בײַטל פיר הונדערט און זעכציק פּאַפּירלעך מיט נומערן. יעדער האָט אַרויסגעצויגן אַ נומער וואָס איז געווען זײַן ריי אַראָפּצוגיין פון דער שיף. עס האָט געטראָפן אַז די ענגלענדער זענען אָנגעקומען איידער מע האָט פאַרענדיקט אָפּלאָדן אַ שיף, די לעצטע זענען געכאַפּט געוואָרן און צוריקגעשיקט געוואָרן. נאָר אַ גורל האָט געמוזט דעצידירן ווער עס זאָל אַראָפּגיין פריִער. אַ פינצטערע נאַכט, אַן אַלטע שלעפּשיף בײַ אַ פאַרלאָזענעם ברעג. אַ לאַנגע ריי שאָטנס האָט זיך געצויגן צו איין פונקט ווו אין אַ שוואַרצן בײַטל איז געלעגן זייער גורל: אָנקומען, אָדער ווײַטערדיקער בע־ונד. אַ שטילע פּראָצעסיע. די וואָס האָבן אַרויסגעצויגן נאָענטע נומערן האָבן נישט אַרויסגעוויזן פרייד; די מיט ווײַטע נומערן האָבן נישט געוויינט. אַרויס פון דער ריי מיט אַ נומערל, און אַרײַן אין דער ריי נאָך אַ סוכאַר מיט אַ טעפּל קאַווע.

„גיי אַראָפּ זיך אַוועקלייגן", האָט זאָשקע זיך געבעטן בײַ רינהן, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אין איר און געציטערט.

„זינג עפּעס, זאָשקע", האָט רינה זיך געבעטן.

זאָשקע האָט גענומען זינגען. דאָס רעדל אַרום איר איז געוואַקסן. אָנגעהויבן אַ לידערקראַנץ ווען ס'איז נאָך געווען נאַכט, איז דער טאָג פּלוצלינג אַרויפגעשווומען ווי אַן אומגעריכטע בשורה. אַ האָרא האָט זיך צעפלאַקערט. דער קאַפּיטאַן האָט געקוקט מיט חידוש אויף די מאָדנע פאַרשוינען. דער גורל פון דער שיף הענגט נאָך אויף משקולת און זיי טאַנצן גאָר.

✶

די סירענע האָט אַ פײַף געטאָן דרײַ מאָל, מע האָט גענומען אַרויפציִען אַנקער. דער ים איז געווען רויִק. די שיף האָט זיך געגליטשט ווי אויף אַ שפּיגל. די קולטור־קאָמיסיע האָט געשריבן דעם ערשטן שיף־בולעטין. די אַפּראָוויזיר־קאָמיסיע האָט פאַרהאַנדלט אײַנצוטיילן די שעהען פון עסן. די קיך און דער חדר־האוכל זענען געווען געבויט פאַר אַ שלעפּשיף און נישט פאַר די פיר הונדערט און זעכציק מענטשן וואָס מע האָט איצט אָנגעפּאַקט אין דעם פּעקל. מע האָט באַשלאָסן צו נוצן די קיך און עסשטוב אַ גאַנצן מעת־לעת, יעדע גרופּע — אירע עס־שעהען.

דער ערשטער טאָג אויפן אָפענעם ים. דער הימל איז געווען בלוי און לויטער. די ערב־פרילינג־זון האָט געוואַרעמט און אויפגעליכטיקט דאָס געמיט. דאָרט פון וואַנען מע קומט קאָן נאָך אין דער צײַט פאַלן אַ שניי; דאָ, אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, איז שוין אַלץ אַזוי מילד, ליכטיק און וואַרעם. אַבי מע דערציילט שוידער־געשיכטעס וועגן ימים. אונדזער ים־התּיכון איז אַזוי רויִק. די כוואַליעס גלעטן, צערטלען די שיף און טראָגן דאָס פּעקל מיט אַ לײַכט וויגן. קינדער קומען אַהיים נאָך אַ לאַנגן, שווערן וואָגל, זאָלן זיי זיך אויסרוען.

די קינדער אין דעם פּעקל האָבן נישט געהרוט. מע האָט געשאָבן און גערייניקט דעם דעק. מע האָט זיך געהיצט אין אידעאָלאָגישע דיס־קוסיעס. מע האָט געלערנט העברעיִש. מע האָט געגעבן לעקציעס וועגן פּאַלעסטינאָגראַפיע, וועגן טריקענען זומפּן, וועגן אומגיין מיט ציטרוס־ביימער, מעלקן קי, און האַלטן אַ ביקס אין האַנט. בעת רוצײַט האָט מען זיך געלערנט די נײַסטע העברעיִשע לידער און גאָר נישט מיד געוואָרן צו טאַנצן די הורא.

אויף דער שיף איז נישט געווען קיין פּריוואַט ווינקל פאַר אַ פּאָרל. זאָשקע האָט נישט אָפּגעטראָטן פון דער קראַנקער רינה. משה איז געווען אַזוי פאַרנומען אין פאַרשידענע קאָמיסיעס אַז ער האָט געהאַט ווייניק צײַט פאַר זאָשקען. וואָס איז דער וווּנדער אַז משה איז אַלע מאָל געווען פול מיט חשדים קעגן איר, האָט זאָשקע זיך אויפגעוואָרפן. זי האָט דאָך טאָקע געטראַכט וועגן שיידן זיך מיט אים נאָכן אָנקומען. זי האָט דאָך געמיינט אַז משה וועט נעמען וויעוועל וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן דעם נומער זיבן־און־צוואַנציק און ער דעם נומער פיר הונדערט און זעקס. ביז מע וועט באַווײַזן אָפּלאָדן און אָוועקפירן פיר הונדערט און פינעף מענטשן, ביז עס וועט קומען משה׳ס ריי, קאָן אַ סך געשען. ס׳קאָן געשען זי זאָל באַווײַזן אָנצוקומען אין איר קיבוץ, און משה זאָל געכאַפּט ווערן, צוריקגעשיקט ווערן. די מעגלעכקייט האָט זי נישט אַלאַרמירט. אפשר האָט גאָר עפּעס אין איר געוואָלט עס זאָל אַזוי געשען, האָט זאָשקע זיך חושד געווען. ווען משה איז זיך מוסר־נפש אַז אַלע אויף דער שיף זאָלן אָנקומען בשלום, האָט זי באַהאַלטענערהייט זיך געווונטשן די לעצטע זאָלן נישט אָנקומען. משה איז געווען רויִק ווען ער האָט איר געוויזן זײַן נומער. אַ קאַפּיטאַן פאַרלאָזט זײַן שיף דער לעצטער, און משה איז

געווען צופרידן צו נעמען אויף זיך דאָס אַחריות. אויב די חברים פון כעלמיש וואָלטן געזען משהן דאָ אויף דער שיף... „דו ביסט ערשטקלאַסיקער קיבוץ־מאַטעריאַל״, האָט דוב געזאָגט צו משהן. איז דאָך אַ סימן אַז משה איז גערעכט געווען און אַלע אין כעלמיש אומגערעכט.

משה איז פאַרבײַגעלאָפן אַ פאַרהאָוועטער. זאָשקע האָט אים נאָכגעקוקט און פינטשעס געשטאַלט האָט פּלוצלינג אויפגעטויכט פאַר איר. אַ בנעימותדיקער גאַנג, אַ שטיל, געלאַסן קול, אַ בלאַס, געקעכלט פּנים, ווײַסע, ווייכע, געצערטלטע הענט. זי וואָלט נישט אויסגעביטן דעם איינעם משה מיט דער פליישיקער נאָז, רויט פּנים פול מיט פּימפּלען, און אויסגעהאָרעוועטע מאַזאָליעדיקע הענט וואָס האָבן טייל מאָל שוואַרצע רעמלעך אונטער די נעגל, זי וואָלט אים נישט אויסגעביטן אויף צען פינטשעס. וואָס וואָלט אַזאַ פינטשע געטאָן אויף דער שיף? געוואַרט די דינסט זאָל אים דערלאַנגען אַ גלאָז טיי?

זאָשקע האָט אַ לויף געטאָן נאָך משהן. „אַז האָסט אַ פרײַע מינוט, קום צו״. זי האָט זיך פאַרשעמט און שנעל צוגעגעבן: „רינה איז אַזוי שוואַך״.

מאָנטיק בײַ נאַכט ווען לויטן פּלאַן האָט די שיף שוין געדאַרפט אָנקומען, האָבן אַוודאי די הגנה־מענטשן געוואַרט בײַם ברעג פון אשקלון. עס איז שוין געווען דאָנערשטיק פאַר נאַכט ווען די שיף האָט זיך דערנעענטערט צו די ישׂראל־וואַסערן. ווייסן זיי דאָרט ווען און ווו צו וואַרטן? דוב זאָגט אַז מע וועט לאַנדן נעבן קיסריה. האָט ער נישט פאַרמישט די יוצרות? וועט אַלץ קלאַפּן ווי עס באַדאַרף צו זײַן? רינה זאָל נאָר נישט דאַרפן שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן. עס איז קיל אין די נעכט און רינה האָט ווײַטער היץ.

עס איז געווען אַ טונקעלע נאַכט, אָן לבנה. אַ וועלט פון חושך, נאָר פּיצעלעך בלאַסע, קאַלטע שטערן אויף אַ ווײַטן, ווײַטן הימל. מע האָט אויסגעלאָשן אַלע ליכטער, מען איז סך־הכל צוואַנציק מײַל פון ברעג. נאָך אַ שעה און מע וועט דערזען די ליכט־סיגנאַלן פון קיסריה.

עס זענען פאַרבײַ נאָר עטלעכע מינוט און מע האָט דערזען אַ ליכט־שטראַל. קאָן עס זײַן אַז דער קאַפּיטאַן האָט געמאַכט אַ טעות? קאָן עס זײַן אַ מ'איז שוין אָנגעקומען? אַ פּאַס ליכט און נאָך איינער האָבן זיך געגליטשט איבער די כוואַליעס. מע האָט פאַרלאָשן די לעצטע לאָמטערנעס.

מדריכים זענען געלאָפן פון גרופּע צו גרופּע און שטיל געשושקעט אינס־טרוקציעס, ווי מע וואָלט מורא געהאַט די ליכטפּאַסן זאָלן נישט דער־טאַפּן אַ קול. „אונדזעריקע?" „די ענגלענדער?" האָט מען געשאָטן מיט פראַגעס און נישט באַקומען קיין ענטפער. גרופּע נאָך גרופּע האָט געדאַרפט צושלייַכן זיך צו די טרעפּ און אַראָפּגיין צום אונטערשטן דעק. אונטן האָט משה פאַרבירט געפינען פּלאַץ פאַר אַלעמען און געוואָרנט קעגן פּאַניק. מע ווייסט נישט ווער און וואָס. מע דאַרף זיך פאַרהאַלטן רויִק און זייַן גרייט אויף אַלץ.

די ליכט־פּאַסן האָבן געפונען די שיף. זאַשקע איז שוין געשטאַנען מיט רינהן אין דער ריי צו די טרעפּ, ווען אַ ליכטשטרייַף האָט אַ וויש געטאָן איבער איר פּנים און געגנידערט צו אירע פיס. רינה האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עס קאָן נישט, עס טאָר נישט זייַן אַ פּאַטראָלשיף. רינה מוז האָבן אַ שפּיטאָל.

אויפן דעק איז מיט אַ מאָל ליכטיק געוואָרן. פיר מאַטאָרשיפלעך האָבן אַנגעצילט זייערע רעפלעקטאָרן צו דער שיף. קענען זיי נישט לייע־גען, די ענגלענדער? אויף די שיפוועגט איז ווייַס אויף שוואַרץ אַנגע־שריבן אַרטעמיזאַ, אויף דעם מאַסט פלאַטערט אַ גריכישע פאָן. אַ גריכישע משׂא־שיף וואָס פאָרט קיין ביירוט, האָט מען גרייט אַן ענטפער פאַר די ענגלענדער. אָבער די ענגלענדער פרעגן גאָר נישט, נאָר עפענען אַ שיסערייַ. דער קאַפּיטאַן שרייַט עפּעס אויף גריכיש, ער שרייַט אַריבער צו די ענגלענדער, אָבער זייַן קול ווערט פאַרטויבט פון דער שיסערייַ. וואָס ווילן זיי, זינקען די שיף?

די שיף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אַ דריי געטאָן און גענומען פאָרן צוריק. „איר האָט געדונגען מייַן שיף, נישט אָפּגעקויפט מייַן לעבן", האָט דער קאַפּיטאַן געשריגן צו דובן. די שיסערייַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פּאַטראָלשיפלעך האָבן באַגלייט די אַרטעמיזאַ ביז עס איז טאָג געוואָרן. מע וועט זיך באַלד צוריק אויסדרייען און פאָרן קיין ארץ־ישׂראל — האָט מען זיך איבערגעגעבן פון אויער צו אויער.

די ענגלענדער האָבן אוודאי געשאָסן נישט צו טרעפן. קיינער איז נישט פאַרוווּנדיקט געוואָרן. די שיף איז, ווייַזט אויס, אויך אַרויס גאַנץ, אַלע מאַשינען האָבן געאַרבעט. עס איז שוין געווען אַ סך שעהען נאָך

דער שיסעריַי ווען עמעץ האָט דערזען אַז די זיסוואַסער־ציסטערנע איז באַשעדיקט געוואָרן.

מע האָט ווי עס איז פאַרקלעפּט דאָס לאָך. אָבער געבליבן איז נאָר אַ פערטל פון דעם וואַסער־רעזערוו און אויך דאָס איז פּאַמעלעך אויס־גערונען. מע האָט נישט געקאָנט ריזיקירן מיט נאָך אַ לאַנדונג און נאָך דעם בלייַבן אויפן אָפענעם ים אין גאַנצן אָן טרינקוואַסער אויב מע וועט ווידער געכאַפּט ווערן. מע מוז צופאָרן צום נאָענטסטן פּאָרט אין לבנון.

נאָך איידער די שיף האָט באַוויזן אַרייַן אין די וואַסערן פון לבנון איז אָקעגנגעקומען אַ פראַנצייזיש פּאַטראָלשיפל און באַפוילן פאָרן צוריק. זיי האָבן שוין געוווּסט אַלץ וועגן דער אַרטעמיזאַ.

ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן נישט אויפגעהערט נאָכשפּירן. עס איז געבליבן נאָר איין וועג: פאָרן צוריק ביז ציפּערן.

עס איז מער נישט געבליבן קיין ברויט און אויף די סוכאַרעס איז געוואַקסן גרינער שימל. אַ לאַנגע ריי בייַם וואַסערקראַן. מע קאַרגט שוין אַ טרונק. צום וואַשן זיך און צו וואַשן די כּלים נוצט מען נאָר ים־וואַסער. די הויט בייַסט אונטער די מלבושים, איז עס פון דעם געזאַל־צענעם וואַסער? מענטשן פאָרן דאָך אויס אַ וועלט צו קאָנען זיך באָדן אין ים.

מע האָט פאַרשטאַנען אַז אויב די ענגלענדער האָבן שוין באַוויזן אַנזאָגן די פראַנצויזן אין ביירוט צו פאַרטרייַבן די שיף, איז נישט כּדאַי צו פאָרן קיין ציפּערן ווו די ענגלענדער אַליין הערשן. מע טאָר נישט פאַרלירן קיין צייַט און קיין וואַסער, מע דאַרף פאָרן קיין ראָדאָס. די קאָנסערוון האָבן זיך אויסגעלאָזט, און שוין ווייניק געבליבן פון דעם זיסן וואַסער. מע האָט טעלעגראַפירט צו דער מאַכט אין ראָדאָס: „מיר בעטן וואַסער, ברויט און מעדיקאַמענטן. מיר וועלן באַצאָלן מיט דאָלאַרן".

אַ פּאָליציי־שיפל איז אָקעגנגעקומען. „מיר וועלן אייַך גוט באַלוינען", האָט מען איבערגעחזרט. „גיט אונדז נאָר וואַסער, ברויט און מעדיקאַמענטן".

דאָס פּאָליציי־שיפל איז צוריקגעפאָרן צום פּאָרט. מע האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. די זון האָט געבראָטן דעם דעק, געטריקנט די קעל. באַלד וועט זייַן וואַסער, פריש, זיס וואַסער. באַלד וועט מען קאָנען אַרייַנבייַסן אין אַ באַטעמט שטיקל פריש ברויט.

באַלד? עס האָט גענומען שעהען ביז עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער.

דער ענטפער איז געװען: „מיר האָבן נישט קײן ברויט, קײן װאַסער, קײן מעדיקאַמענטן. די קריגשיף אין פּאָרט װעט אײַך באַגעגענען מיט פײַער אויב איר װעט זיך דערװעגן קומען נענטער".

„װאַסער, װאַסער", האָט מען זיך געבעטן בײַם חבר װאָס האָט געהיטן דעם קראַן. „האָב רחמנות, גיב אַ טראָפּן, מע קאָן דאָך אויסגײן".

„אויב מע װעט נישט אָפּהיטן דאָס לעצטע ביסל װאַסער װעלן מיר טאַקע אויסגײן", האָט ער געענטפערט, און נישט צוגעלאָזט צום קראַן.

אַ חבר האָט דערזען אַז די פּאַרע־רער שװיצט און עס רינען פון איר טראָפּנס װאַסער, איז ער צוגעלאָפן מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג. באַלד זענען עטלעכע חברים געשטאַנען מיט טעפּלעך. עס נעמט אַ װײַלע ביז עס גליטשט זיך אַראָפּ אַ טראָפּן. אָבער עטלעכע טראָפּנס קאָנען שוין באַנעצן דעם גומען. מע האָט געלעקט אַ פּאָר טראָפּנס און צוגעלאָזן אַן אַנדערן. עס האָבן זיך פאַרמירט רײעס צו דער פּאַרע־רער. משה האָט אויך געזאַמלט טראָפּן נאָך טראָפּן אין זײַן טעפּעלע און געהאַלטן אין אײן װאָרענען עס זאָל זיך נישט אויסשטעלן קײן רײ הינטער אים. „זע נאָר דעם פּריץ! ער איז אין דער הנהלה, מײנט ער אַז ער איז אַ יחסן". משה האָט נישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען בײַ דער פּאַרע־רער שעהען לאַנג, אָבער ס'איז כּדאי געװען. ער האָט פון די טראָפּנס אָנגעזאַמלט כּמעט אַ גלאָז װאַסער. ער האָט עס אַװעקגעטראָגן צו רינהן. זי האָט װידער געהאַט היץ. דאָס װאַסער פון די אָנגעזאַמלטע טראָפּנס איז געװען מער באַטעמט פון דעם טוכלען װאַסער אויפן באָדעם פון דער פאַרזשאַװערטער ציסטערנע.

בײַ נאַכט איז רינהס היץ געשטיגן נאָך העכער. „אַ שטיקל אײַז", האָט דער שיפדאָקטער זיך געבעטן, אויב מיר װאָלטן נאָר געקאָנט באַקומען אַ שטיקל אײַז". מע האָט געהאַלטן װאַסער קעגן װינט, אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק מיט אַ פאַרמאַכט פלעשל זיס װאַסער אין ים אַרײַן. עס איז אַלץ נישט געװאָרן קאַלט גענוג. זאַשקע האָט איבערגעביטן אַ קאָמפּרעס אויף רינהס שטערן. רינה האָט פאַר אַ רגע געעפנט די אויגן: „כ'װעל נאָך זוכה זײַן צו זען ארץ?" אירע אויגן האָבן זיך געשלאָסן נאָך אײדער זאַשקע האָט באַװיזן צו ענטפערן. װען זי האָט װידער געעפנט די אויגן האָט זי שוין דאָס מויל נישט געעפנט. אירע אויגן האָבן געקוקט

ווײַט, ווײַט, ווי די אויגן וואָלטן זיך צוגעקלעפּט צו איין פּונקט וואָס זאָשקע האָט נישט געקאָנט דערבליקן.

„איר האָנט איז שוין קילער, די היץ איז געפאַלן", האָט זאָשקע געזאָגט דעם דאָקטער.

„לייג זיך צו, כאַפּ אַרײַן אַ שעה שלאָף, איך וועל בלײַבן מיט איר", האָט דער דאָקטער זי אָוועקגעשיקט.

דעם דאָקטער האָט זיך געדאַכט אַז רינה האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און פּלוצלינג איז איר אָטעם איבערגעגאַנגען אין אַ כאָרכל. דער דאָקטער האָט זיך געכאַפּט צו זײַן מעדיקאַמענטן־קעסטל. ער האָט גע־שטאָכן אַ נאָדל אין אַ קאַלטן אָרעם און געוווּסט אַז ער קאָן אייגנטלעך גאָרנישט טאָן אָפּצוהאַלטן דאָס וואָס קומט. דאָס כאָרכלען איז געוואָרן שווערער. ער איז געלאָפן שיקן עמעצן רופן דובן, ווען ער איז צוריק געקומען איז שוין געווען שטיל. דאָס מויל איז געבליבן אָפן ווי עס וואָלט נאָך געזוכט אָטעם, די אויגן — ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געקוקט צו יענעם נישט־דערגרייכטן ברעג, צי עס וואַרט דאָרט אויף איר איר ברוך?

די חברים האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דוב שושקעט זיך. מע דאַרף עס מעלדן פון דעם מיקראָפאָן, דערקלערן אַן אַלגעמיינעם טרויער.

„טויט אויף אַ שיף איז אַ שלעכטער סימן, די מענטשן פון דער מאַנשאַפט זענען פּרימיטיוו און פול מיט אײַנגלייבעניש׳ן. עס איז אַ ריזיקע זיי צו לאָזן וויסן", האָט דוב זיך פאַרענטפערט.

די מאַנשאַפט האָט שוין סײַ ווי אַרויסגעוויזן אומגעדולד. זיי זענען געדונגען געוואָרן פאַר אַ ים־נסיעה פון פיר טעג, און דאָ ווײַזט עס אויס צו ווערן אַ נסיעה אָן אַ סוף. מע האָט באַשטימט די לוויה אויף צוויי בײַ נאַכט, און גערופן נאָר רינהס נאָענטע חברים. אַ רייפל לבנה האָט געבלאַסט איבער אַ פּעקל אין אַ ווײַסן לײַלעך וואָס מע האָט אויפגעהויבן איבער דער באַריער פונעם שיפדעק. אַ ווײַלע האָט דער ים עס געוואָרפן פון כוואַליע צו כוואַליע ווי אויך דער ים וואָלט רינהן נישט געוואָלט צונעמען. אַ דערבאַרעמדיקע כוואַליע האָט זי אײַנגעשלונגען. דער חושך האָט אַלץ צוגעדעקט. אַ געזאַנג האָט נאָכגעיאָגט די כוואַליעס. שטילע קולות, געבראָכן מיט טרערן, האָבן געזונגען אַ ליד פון האָפן — התקווה.

✶

ביַי דער טערקישער אַנאַטאָליע האָט מען פּאָר פינעף הונדערט ענגלישע פונט באַקומען טעלעכע זעק פּלעצלעך און וואַסער.

אַז מע האָט אויסגעטרונקען אַ טעפּל פריש וואַסער און אויפגעגעסן אַ פּלעצל האָט מען אָנגעהויבן גלייבן אין די ידיעות אַז בקרוב וועלן קומען זעגלשיפן און צופירן צו אַ ברעג.

דעם אָוונט איז ווידער אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די קעסל־הייצערס. אַ מעסערשלאַכט, עטלעכע צעשטאָכענע, איינער שווער פאַר־וואונדיקט. דוב האָט אַראָפּגעפירט עטלעכע בחורים זיי זאָלן זיך צוקוקן און אויסלערנען זיך הייצן די קעסלען.

קעסל־הייצערס קאָן מען פאַרבײַטן, אָבער עס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שווערער אויסצוקומען מיטן קאַפּיטאַן. די געשרייען צווישן אים און דובן האָבן גישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. ווען וועלן די זעגלשיפן שוין קומען?

ד.

אויף די רויִקע גלאַטע כוואַליעס האָבן זיך געגליטשט קליינע טונקעלע פלעקן, שאָטנס פון צאַרטע וואָלקנדלעך וואָס האָבן גענומען באַשפּרענק־לען אַ בלויען הימל. נאָך אַזוי פיל טעג פון זען נאָר הימל און וואַסער זענען די וואָלקנדלעך אַ חידוש. היימישע מילדע וואָלקנדלעך, גרוסן פון דער היים.

„הקשיבו, הקשיבו!" האָט דער מיקראָפאָן פּלוצלינג גענומען רופן, „אַ שטורעם דערנענטערט זיך, נישט אַרײַנפאַלן אין פּאַניק, אויספירן די אינסטרוקציעס".

ווי די קולות פון מיקראָפאָן וואָלטן אָנגעשראָקן די וואָלקנדלעך האָבן זיי גענומען לויפן שנעלער און זיך צוזאַמענגיסן. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן. די כוואַליעס אַרום דער שיף האָבן זיך גענומען שלאָגן פונקט ווי די קעסל־הייצערס אין דער שיף, און האָבן געשפּריצט מיט ווײַסן שוים.

„הקשיבו, הקשיבו!" האָט דער מיקראָפאָן ווידער גערופן אַלע זאָלן פאַרלאָזן דעם אייבערשטן דעק.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. מע האָט אויסגעטיילט פּלעצלעך און קאַווע.

דער ווינט האָט געוואָיעט, די כוואַליעס האָבן געוואָרפן די שיף פון זײַט צו זײַט. דער פאַרטיילער האָט אָנגעשעפּט אַ שעפּלעפל קאַווע, די שיף האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און די קאַווע האָט זיך צעכליאַפּעט איבער עמעצנס פּנים. מע האָט פאַרלאָזט די ריי צו דער קאַווע. דער שטורעם איז אַרײַן אין די געדערעם, מע האָט געמוזט זוכן אַ ווינקל זיך צו באַפרײַען.

די סאַניטאַרן זענען געלאָפן פון קראַנקן צו קראַנקן און אַליין אָוועקגעפאַלן קראַנק. פאַר דעם דאָקטער, אַ פּליט פון טשעכן, איז דאָס געווען די ערשטע ים־נסיעה און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן קעגן דער ים־קראַנקייט.

דונערן האָבן אויפגעריסן און זיך צעשאָטן אין טויזנטער קולות. בליצן האָבן אויפגעטויכט ווי ליכטראַקעטעס, ווי צו העלפן די דונערן געפינען די שיף. כוואַליע צו כוואַליע האָט געוואָרפן די שיף אין אַ שדימשן באַלעמשפּיל. הימל און וואַסער האָבן זיך אָנגעלייגט צו צערײַסן דאָס פּעסל אויף שטיקער. די פאַרשוויגען זענען געלעגן צוזאַמענגעפּרעסט, איבערגעצויגן די קאָלדרעס איבער די קעפּ, נישט צו זען די פײַער־שפּיזן פון די בליצן, נישט טויב צו ווערן פון די דונערן. הײַנט אין דער פרי האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ הזכּרה צום פאַרענדיקן די „שיבעה" נאָך רינהן, איצט האַלט עס דערבײַ אַלע זאָלן טיילן איר גורל.

משה האָט פאַרנומען רינהס פּלאַץ נעבן זאָשקען. ער האָט געליטן פון אַ לויזן מאָגן, ס'זאָל נאָר נישט זײַן דיסענטעריע, האָט זאָשקע זיך געשראָקן. „אויב עס זאָל איצט עפּעס געשען צו אים וועט איר נישט בלײַבן צוליב וואָס צו לעבן". זי האָט עס געזאָגט משהן, ווען זי האָט אים געשלעפּט פון אַ זיצונג ער זאָל זיך צוזעצן און אָפּרוען. די כוואַליעס האָבן נאָך אַלץ געוואָרפן די שיף אָבער עס האָט מער נישט געדונערט און געבליצט. דער שטורעם האָט זיך גענומען אײַנשטילן.

נאָך איידער משה האָט באַוויזן זיך רעכט אָוועקצולייגן איז דוב געקומען אים רופן. ער האָט נאָר וואָס באַקומען אַן עס־אָ־עס־רוף פון אַ שיף נישט ווײַט פון דאַנען. ער איז זיכער ס'איז אַ פּליטים־שיף.

עס האָט שוין גענומען טאָגן ווען דער קאַפּיטאַן האָט דערזען די אַנדערע שיף. דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעגעבן זײַן לאָרנעט צו דובן וואָס

איז געשטאַנען נעבן אים אויפן בריקל. „די שיף ברענט?” האָט דוב געפרעגט.

„דו זעסט ניִשט דעם רויך?”

דוב איז אַראָפּגעשפרונגען פון בריקל און צוזאַמענגערופן די מנהלים. דאָס מוז זײַן די שיף „רים” וואָס איז מיט צוויי וואָכן צוריק פאַרטריבן געוואָרן פון חיפה. אויף דער שיף געפינען זיך צוויי הונדערט און אַכציק פּליטים פון דײַטשלאַנד און עסטרײַך. מע מוז שוין אָנהייבן מאַכן פּלאַץ פאַר זיי.

ה.

ווען די אַרטעמיזאַ איז צוגעקומען צו דער ברענענדיקער שיף איז דער ים שוין געווען רויִק. אַ סך פון די רים־פאַרשוינען זענען שוין געווען אין ראַטירשיפלעך. דער קאַפּיטאַן און דוב, ווי עס וואָלט קיין מאָל נישט געווען קיין מחלוקה צווישן זיי, האָבן צוזאַמען אָנגעפירט מיטן אַרויפנעמען די רים־מענטשן. קעגן דער רים האָט דאָס פּעסל אויסגעזען ווי אַ פּעסל מיט הערינג. דוב האָט גערעדט דורך דעם הילכער: „הקשיבו, הקשיבו, מעפילים פון רים, מיר זענען מעפילים ווי איר, מיר וואַלגערן זיך אויפן ים. מיר האָבן אַ דוחק אין וואַסער און אין שפּײַז. מיר האָבן קראַנקע. די צוטיילן פון שפּײַז און וואַסער וועלן זײַן פאַר אַלע גלײַך. נישטאָ מער רים, אַלע זענען איצט מעפילים פון דער אַרטעמיזאַ, אַלע מוזן זיך אונטערוואַרפן דער זעלביקער דיסציפּלין. די זעגלשיפן וועלן ברענגען שפּײַז און וואַסער, וועלן ברענגען הילף. דערווײַל מוז מען אָפּהיטן שטרענגע דיסציפּלין. האָט צו אונדז צוטרוי, מיר זענען אײַערע ברידער”.

די נאַכט איז ווידער געווען אַ קריגערײַ צווישן קאַפּיטאַן און דוב'ן. די זעגלשיפן זענען נישט געקומען. דוב האָט נישט באַקומען קיין ענטפער אויף זײַנע טעלעגראַמעס. די שיף האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן אַן אינדזעלע. דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט אַז ער וויל דאָ קויפן קוילן. דער אינדזל איז אָבער געווען אַ פּוסטער. דוב האָט געשריגן, געקריגט זיך מיטן קאַפּיטאַן און די מאַטראָסן. דער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער. דוב האָט נישט אויפגעהערט שרײַען, דער קאַפּיטאַן האָט אים איבערגעשריגן.

דוב האָט צונויפֿגערופֿן די הנהלה. „דער קאַפּיטאַן וויל אונדז נייטן דאָ אַראָפּצוגיין. ער זאָגט אַז מיט אונדז אויף דער שיף וועט אים קיינער נישט פֿאַרקויפֿן קיין קוילן. נאָך עטלעכע טעג און עס וועט נישט זײַן מיט וואָס צו הייצן די שיפֿקעסלען. ער זאָגט אַז אויב מיר וועלן דאָ אַראָפּגיין וועט ער צושווימען צו אַ פּאָרט, אײַנקויפֿן אַלץ וואָס מע דאַרף, און צוריקקומען אונדז נעמען".

„אפֿשר איז עס טאַקע אַ סברה?"

„אַז מיר וועלן אַראָפּ פֿון דער שיף, וועט ער אונדז מער נישט אַרויפֿלאָזן".

„און וואָס וועט זײַן וועגן קוילן, מע וויל דאָך אונדז נישט פֿאַרקויפֿן?"

„מיר וועלן צאָלן יעדן פּרײַז, מיר וועלן באַקומען קוילן, אָדער די זעגלשיפֿן וועלן קומען".

מע האָט דובן מער נישט צוגעלאָזט צום קאַפּיטאַן. עטלעכע מאַטראָסן האָבן געהיטן דעם צוטריט. די קעסלהייצערט מיט זייערע קינדזשאַלן האָבן אַרומגערינגלט דעם קאַפּיטאַנס בריקל.

„מיר זענען זיבן הונדערט!" האָט דוב געוואָרנט דעם קאַפּיטאַן, „טרײַבט אונדז נישט צו קיין פֿאַרצווייפֿלטע שריט".

„איר וועט מיט געוואַלט איבערנעמען די שיף?" האָט דער קאַפּיטאַן געחוזקט. „און מיט וואָס וועט איר הייצן די קעסלען, מיט דער פּאַרע פֿון אײַערע מײַלער?"

„ער איז דאָך גערעכט", איז מען צוגעשטאַנען צו דובן. „אַז מע וויל אונדז קיין וואַסער נישט פֿאַרקויפֿן וועט מען אונדז קיין קוילן אוודאי נישט געבן".

„מיר וועלן אַראָפּגיין בתנאַי אַז צען אונדזעריקע זאָלן בלײַבן אויף דער שיף", האָט דוב פֿאָרגעלייגט.

„אָבער אָן דיר".

„ניין, מיט מיר".

דער קאַפּיטאַן האָט געטראַכט אַ מינוט און געזאָגט „גוט. צען מענטשן מיט דיר".

„זיי קומען, זיי קומען!" איז מען אויפֿגעשפּרונגען מיט פֿרייד ווען מע האָט דערזען אַ שוואַרץ פּינטעלע אויפֿן האָריזאָנט. דאָס פּינטעלע

איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. ס'איז נישט געווען די אַרטעמיזאַ. ס'איז געווען אַ שיפל מיט בולגאַרישע פּאַליציאַנטן. מע האָט גערעדט מיט די הענט, אַרײַנגעוואָרפן ווערטער פון פאַרשידענע לשונות. מע האָט זיך ווי עס איז פאַרשטאַנען. די פּאָליציאַנטן האָבן געוואָרנט מע זאָל זיך נישט רירן פון אָרט ביז זײ װעלן זיך פאַרבינדן מיט דער העכערער מאַכט.

„וואַסער, ברויט". האָט מען זיך געבעטן.

„זײ מוזן צוריקשווימען צום פּאָרט רושטוק צו נעמען אינסטרוקציעס בײַ דער העכערער מאַכט", איז געווען דער ענטפער.

דאָס פּאָליצײ־שיפל איז צוריקגעקומען ערשט צו מאָרגנס. זײ האָבן נישט געבראַכט קײן שפּײַז, קײן וואַסער. זײ זענען צוריקגעקומען נאָך אַ מאָל אָנזאָגן: „נישט רירן זיך פון אָרט".

רושטוק איז געווען נאָענט, אפשר וואָלט אַ גוטער שווימער באַוויזן צוצושווימען, אָבער אַלע זענען געווען קראַנק און אָפּגעשוואַכט. מע האָט אַרויסגעשיקט גרופּעס זוכן זיס וואַסער. מע האָט געמאַכט אַ פּרי־מיטיווע וואַרפלקע און פּראָבירט שיסן פייגל מיט קלײנע שטײנדעלעך. מע מוז געפינען עפּעס צו נעמען אין מויל אַרײַן.

דער דריטער טאָג אויפן אינדזל. ווען מען שוין דאָ פאַרבלײַבן ביז מע וועט אויסגײן?

משה איז געבליבן אויף דער אַרטעמיזאַ מיט דובן. אויב משה וואָלט געווען לעבן איר, וואָלט איר נישט אַזוי קאַלט געווען בײַ נאַכט, וואָלט דער הונגער זי נישט אַזוי געפּײַניקט. אויב משה וואָלט דאָ געווען, וואָלט מען געזונגען אַ העברעיִש לידל, געטאַנצט אַ האָראַ און נישט אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ ייִאוש. זי וואָלט געדאַרפט אַ זינג טאָן, וועט מען שוין מיטזינגען, וועט שוין אַלץ ווערן אַנדערש.

זאָשקע האָט זיך צוגערוקט צו עטלעכע יונגע חברים און גענומען זינגען: „חבריה, חבריה, מה נעשה..." זי האָט זיך פאַרקײַכט אין אַ הוסטן און קוים געקאָנט אויפהערן.

אַ יונגער־מאַן פון די רים־מענטשן האָט זיך צוגעזעצט לעבן זאָשקען:

וואָס איז דער סוד? אים קאָן זי זאָגן, ער איז אַליין אַ חלוץ.

„וואָס פאַר אַ סוד?"

עס איז דאָך קלאָר אַז מען איז עפּעס אויסן געווען מיטן אַראָפּזעצן

אַלע אויף דעם אינדזל. ווילן זיי אַזוי אַרום פּטור ווערן פון די רים־מענטשן? זאָל מען נאָר אים אַריַינגעמען צווישן די אַרטעמיזאַ־מענטשן און ער וועט האַלטן ס׳מויל.

„מע האָט דען די אַרטעמיזאַ־מענטשן נישט אַראָפּגעזעצט?"

„יאָ, אָבער די אַרטימעזאַ־פּירערס זענען געבליבן אויף דער שיף, צען ׳אַרטעמיזאַ׳־מענטשן. אַפילו קיין איינער נישט פון רים. אויב זיי פּלאָנען זיך אַוועקצושליַיכן ביַי נאַכט זאָל זי וויסן אַז די רים־מענטשן שלאָפן נישט. און וואָס איז מיט די גרופּעס וואָס גייען מכּלומרשט זוכן זיס וואַסער?"

אויב זאָשקע וואָלט נישט ווידער אויסגעבראָכן אין אַ הוסט וואָלט זי אַוודאי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, אָדער גאָר אין אַ געוויין. וואָס איז דאָ געשען? די רים האָט ניַין און דריַיסיק טעג זיך געוואָלגערט אויף די ימים איידער די שׂריפה איז אויסגעבראָכן. וואָס איז געשען צו די „רים"־מענטשן אין די ניַין און דריַיסיק טעג? וועט אַזאַ משוגעת אַרומכאַפּן אויך די אַרטעמיזאַ־מענטשן? קאָן דאָס געשען אויך צו אויס־געפּרוווטע חלוצים?

דאָס איז דאָך געשען צו איר משה בנוגע איר. אַ מענטש ווערט פול מיט חשדים נישט מחמת ער איז שלעכט, נאָר וויַיל אַלע זענען שלעכט צו אים.

דעם דריטן טאָג איז דאָס פּאָליציי־שיפל אָנגעקומען שפּעט נאָך מיטאָג. אַ ציווילער מענטש איז געקומען מיט די פּאָליציאַנטן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בולגאַרער אָבער גאָר גענומען רעדן העברעיִש. ס׳איז געווען אַ שליח פון דער ייִדישער קהילה אין סאָפיע. די פּאָליציאַנטן האָבן גענומען אָפּלאָדן וואַסער און שפּיַיז. די בולגאַרישע רעגירונג דער־לויבט נישט זיי זאָלן זיך רירן פון דאַנען אַכיבע אַ שיף וועט קומען זיי אַרויסנעמען מחוץ די גרענעצן פון לאַנד. די קהילה וועט שיקן שפּיַיז. וואָס נאָך קאָן ער טאָן?

שיקן אַ דאָקטער, מעדיצין קעגן דיסענטעריע.

אויפן זעקסטן טאָג האָט אַ רומעניִשע שיף זיך פּאַרהאַלטן לעבן אינדזל. אויף דער שיף איז געווען געררוים און עסן צו דער זעט. אָבער

די שיף איז געשוווּמען קיין קאָנסטאַנץ. מע האָט שוין געוווּסט אַז אין קאָנסטאַנץ וועט פּאָליציי זיי אַראָפּנעמען פון דער שיף און מיטן עטאַפּ זיי אָוועקשיקן צו דער פּוילישער גרענעץ. אַלע קיין פּוילן. אויב די פון דײַטשלאַנד זאָלן צוריקקומען קיין דײַטשלאַנד וועלן זיי פאַרשיקט ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויך די טשעכן קאָנען מער נישט צוריק־פאָרן; בעת זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויפן ים, האָט דערווײַל היטלער אַרײַנגעשטעלט אַ פוס אין זייער לאַנד.

אויף דער שיף האָט זיך געפונען אַ שליח פון דער הגנה, ס'איז ווידער אײַנגעשטעלט געוואָרן דיסציפּלין, מע האָט זיך געטיילט אַפילו מיט די דאָקומענטן. זאָשקע האָט חוץ איר פּאַס געהאַט אויך אַ מעטריקע, אַ שול־לעגיטימאַציע, בריוו מיט פּוילישע פּאָסטמאַרקעס. מע האָט עס באַאַרבעט און צעטיילט צווישן די דײַטשישע און טשעכישע מעפּילים ווי באַווײַזן אַז זיי זענען אויך פון פּוילן. פון פּוילן וועט מען זיי קאָנען ווידער אַרויספירן צו אַ שיף.

דער שליח האָט נישט געוווּסט וואָס ס'איז געשען מיט די צען וואָס זענען געבליבן אויף דער אַרטעמיזאַ.

ו.

מיט זאָשקען זענען מיטגעקומען קיין כעלמיש נאָך פופציק פון אירע שיף־חברים. זאָשקע איז אַרײַנגעלאָפן אין איר קיבוץ און געאײַלט פון שטוב צו שטוב און געזוכט אַ סימן פון משהן. זי איז צוריקגעקומען אין קיך אַרײַן, חווה האָט זי דערזען און אַרויפגעפאַלן אויף איר מיט אַ געוויין.

„ווו איז משה?" האָט זאָשקע געפרעגט.

„ווו איז משה?" האָט חווה צוריקגעפרעגט.

„נישט צוריקגעקומען?"

„ווען?"

„נישט געהערט פון אים?"

„ניין. וואָס איז געשען?"

„מע דאַרף קודם אײַנאָרדענען די געסט".

כאָטש מע האָט פריִער מודיע געווען פון וואַרשע מע זאָל צוגרייטן פּלאַץ, האָט אין כעלמישן קיבוץ געהערשט אַ כאַאָס. דער קיבוץ האָט

אין די בעסטע צײַטן נישט געהאַט מער ווי אַכציק חברים און עס איז געווען ענג. איצט מיט קנאַפּע הונדערט איז ניִשט געווען ווו צו שלאָפֿן, אַפֿילו ניִשט גענוג כּלים מע זאָל קאָנען עסן צוזאַמען. זאָשקע האָט צוגע־גרייט עסן, פֿאַרריכט מלבושים, באַדינט קראַנקע. זי האָט נאָך אַלץ אונטער־געהוסט און — אײַנגעהערט זיך צו די טריט פֿון יענער זײַט טיר.

עס זענען געווען צוויי צוגן פֿון וואַרשע יעדן טאָג. זי האָט ניִשט געקאָנט איבערלאָזן די אַרבעט און לויפֿן צו יעדן צוג, אָבער זי האָט געוווּסט אַז משה וועט קומען, זי האָט געוואַרט.

„פֿון יאַקאָוו איז נאָך אַלץ נישט פֿאַראַן קיין ידיעה", האָט חווה איר איין מאָל געזאָגט, און זאָשקע האָט זיך פֿאַרשעמט וואָס זי האָט אַפֿילו ניִשט געדענקט זיך צו פֿרעגן וועגן אים.

ס'איז שוין געווען צוויי וואָכן נאָך זאָשקעס צוריקקומען. טייל פֿון די צוגעקומענע האָבן זיך שוין געהאַט אײַנגעאָרדנט בײַ אַרבעט, אַנדערע האָט מען אָוועקגעפֿירט אין אַנדערע קיבוצים. ס'איז געווען אַ זונטיק פֿאַר טאָג. דעם אָוונט פֿריִער האָט אַ שׂיחה זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זאָשקע איז געווען אויף איר געלעגער. עס האָט זיך איר געחלומט: מע קלאַפּט אין דער טיר, באַרוועסע טריט לויפֿן עפּנען, עמעץ איז אַרײַנגעקומען. זי האָט געוואָלט עפֿענען די אויגן, זי האָט געוווּסט אַז ס'איז עמעץ געקומען צו איר. פֿינטשע? טפֿו! וואָס פֿאַר אַ פֿינטשע? ס'איז יאַקאָוו. ניין, ס'איז — — זי איז שוין מער נישט געשלאָפֿן, זי האָט שוין קלאָר געהערט משהס קול. אירע אויגן זענען נאָך געווען פֿאַרמאַכט ווען זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון איר פּריטשע. זי איז אַרײַנ־געלאָפֿן אין קיך, אַרויפֿגעפֿאַלן אויף משהס האַלדז.

משה האָט זי אײַנגעקלאַמערט אין די אָרעמס. ער האָט דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון איר גוף נאָך פֿול מיט שלאָף, די וואַרעמקייט פֿון אירע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז. אַ טרער איז אַרויס פֿון זײַנע רויטלעכע אויגן, זיך אַ גליטש געטאָן איבער זײַן בלויער נאָז און אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ בריליאַנט אויף דער קרוין פֿון אירע גאָלדענע האָר.

קאַפּיטל זיבן

פרילינג־פּייסאַזש

א.

מע האָט געזוכט וווהין צו לויפן. אין 1937 האָט די וועלט־אויס־שטעלונג אין פּאַריז געעפנט אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצוקריגן קיין פראַנק־רייך. מע האָט באַקומען אַ טוריסטן־וויזע נאָר פאַר אַ קורצער צייט און מע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז אַ טוריסט קאָן נישט באַקומען קיין אַרבעט־קאַרטע. אָן אַזאַ קאַרטע וועט שווער זיין צו פאַרדינען אויף ברויט. אָבער אין פּוילן איז סיי ווי נישטאָ קיין אַרבעט. אויב וואַרטן אויף נסים, פאַר וואָס אין דעם לאַנד וווּ מע באַוואַרפט ייִדן מיט שטיינער, און קינדער אין די וויגן קוקן שוין אויף דעם ייִד מיט שינאה?

מען איז געפאָרן פון דער גרויסער שטאָט און פון קליינע שטעטלעך, פאַבריק־אַרבעטערס, קליינהענדלערס, און סתם ייִדן וואָס זענען גרייט געווען צו טאָן יעדער מין אַרבעט. מען איז געפאָרן מיט אַ פּאָר אַמערי־קאַנער דאָלער אין קעשענע, און אַפילו אָן אַ סו צו באַצאָלן פאַר דעם ערשטן נאַכטלעגער. אין פּאַריז איז פאַראַן אַ האַיאַס, אַ ייִדישע אָרגאַ־ניזאַציע צו העלפן אימיגראַנטן, לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס העלפן די מענטשן פון זייער שטאָט. פאַראַן אַ ייִדישע טאָגצייטונג פּאַריזער הײַנט מיטן זעל־ביקן אויסזען און מיט אַ סך פון די זעלביקע שרייבערס פון דעם הײַנט אין פּוילן. פאַראַן גאַנצע געגנטן וווּ מע קאָן אויסקומען מיט ייִדיש. מער ווי איין טאָג וועט אָפּלויפן ביז מע וועט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך אָוועק־זעצן לערנען און זיך פאַרהיימישן מיט דעם לשון פון לאַנד. אויף דעם פּלעצל, די געסלעך אַרום רי־דע־ראָסיער, פילט זיך אַ ייִד ווי אין דער היים. אַ שיל, ספרים־געשעפטן, אַפילו אַ חסידים־שטיבל. אויך אויף די גרויסע בולוואַרן נאָענט צו פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק האָבן זיך באַוויזן ייִדישע צײַטונגען אין די קיאָסקן, און אַ שילד פון אַ ייִדישן רעסטאָראַן.

אַרום רעפּובליק האָט זיך קאָנצענטרירט די באַקליידאינדוסטריע. דאָ איז געווען צום לײַכטסטן צו געפינען אַרבעט. וועלכע יידישע פרוי האָט דאָס נישט איבערגעניצעוועט די מלבושים פאַר אירע קינדער? דאָס איז געווען מער ווי געגוג צו קענען שטעפן טאַנדײַטישע קינדערישע הייזלעך אין מאַסן־פּראָדוקציע. אויך די מענער האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט נייען. אַז מע האָט שוין געהאַט אַן אייגן ווינקל האָט מען גענומען בײַ די פאַבריקאַנטן צוגעשניטענע סחורה צו נייען אין דער היים. אָן אַ קאַרד דע טראַוואַי, אָן אַרבעט־קאַרטע, איז לײַכטער געווען צו אַרבעטן אין דער היים ווי אין שאָפּ.

ווען יואל איז אָנגעקומען מיט דער באַן קיין פּאַריז, האָט אים דאָרט אָפּגעוואַרט דער מאָלער מאַרקוס ווײַס. יואל האָט אים דערקענט פון די אויטאָפּאָרטרעטן אין הויז פון מאַרקוסעס פאָטער אין גורוויטש. ווײַס האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ קליינעם האָטעל נעבן בולוואַר־מאָנפּאַרנאַס און צוגעזאָגט געפינען פאַר אים אַ דירה.

יואל האָט געגאַרט זען פּאַריז. ער איז אַרויס אין גאַס נאָך איידער ער האָט אויסגעפּאַקט אַ וואַליזע. ער האָט זיך באַלד פאַרלוירן אין לאַבירינט פון די פּאַריזער געדרייטע געסלעך. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ פאַרבײַגייער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס יענער האָט אים געענט־פערט. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אַ בית־עולם. ער האָט געלייענט אויף די שילדלעך אין די ראָגעס אַז ער איז אין דעם פּופּצעטן „אַראָנדיסמאַן״. ער האָט אָבער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איין נאָמען פון אַ גאַס וואָס זאָל אים קלינגען באַקאַנט. די סביבה דאַרף דאָך זײַן אָנגעפּיקעוועט מיט אַטעליעס, די גאַסן דאַרפן דאָך זײַן באַקאַנט פון דער ליטעראַטור וועגן מאָלערײַ.

נעבן דעם בית־עולם גאַר אַ פריילעך געסל, קאַבאַרעטן מיט בילדער פון נאַקעטע מיידלעך בײַם אַרײַנגאַנג — אַ משוגענע שטאָט. די אײַנ־וווינערס פון בית־עולם זענען דאָך זיכער נישט קיין קליענטן אין די נאַכטלאָקאַלן. אַז ער וועט דאָ אַ ביסל היימיש ווערן וועט ער דאַרפן אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אין די מקומות.

יואל האָט זיך אָפּגעריסן פון די בילדער אין די פענצטער פון די לאָקאַלן און ווײַטער געגאַנגען זוכן זײַן האָטעל. ער איז אַרײַן אין אַ

טאַקסי. דער שאָפער האָט אים נישט פאַרשטאַנען. יואל האָט אים געוויזן אַ קאַרטל מיטן אַדרעס פון האָטעל. דער טאַקסי־מאַן האָט פּראָבירט אים עפּעס דערקלערן, יואל האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. די טאַקסי האָט זיך געגעבן אַ דריי אַרום און געבליבן שטיין בײַ זײַן האָטעל. ערשט איצט האָט יואל זיך געכאַפּט אַז דער שאָפער האָט געזאָגט וויז־אַ־ווי, אַ וואָרט וואָס מע באַנוצט אין אַלע לשונות.

ב.

יואל האָט אַרויפגעשטעלט אויפן דרײַפוס איין בילד נאָכן אַנדערן: אַקטן, פּייסאַזשן, גאַסן־סעצנעס פון פּאַריז. ער האָט באַטראַכט די בילדער, דאָס גאַנצע מאָלערישע פאַרמעגן זײַנס. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די נאָז מיט נישט־צופרידנקייט. זײַנע מאָלערײַען האָבן אַ שווערן יידישן „אַקצענט" ווי זײַן פראַנצייזיש. ווי אַזוי זאָל ער קאָנען אויפכאַפּן די שטימונג פון אַ פּאַריזער גאַס אַז ער קען נישט די מענטשן וואָס גייען אויף די גאַסן; אַז ער כאַפּט נישט אויף זייער לשון? ער לייענט שוין אַ פראַנצייזישע צײַטונג, אָבער ווען מע רעדט, פאַרשטייט ער נאָר אויב מע רעדט פּאַ־מעלעך, און מע צעלייגט עס פאַר אים טראָף נאָך טראָף. די ווערטער פאַרלירן דעם ריטעם פון דעם גערעדטן לשון, וואָס פאַר אַ טעם קאָן שוין האָבן אַזאַ פראַנצייזיש? ער וועט קאָנען מאָלן אַ פּאַריזער בילד נאָך דעם ווי ער וועט זיך אויסלערנען פּלאַפּלען פראַנצייזיש אַזוי שנעל ווי דער קאָנסיערזש און רעדן מיט זײַן ניגון; ווען דער אַ לאַ לאַ וועט זיך אַליין אַרויסרײַסן פון זײַן מויל. ווען ער וועט לאַכן, וויינען, זינגען און קרעכצן מיט דער פּאַריזער גאַס, נאָר דעמאָלט וועט ער זי קענען מאָלן.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אָפענע אויגן פון אַ סטודענט. פּאַריז איז איין גרויסער מוזיי מיט מאָנו־מענטן. קונסטווערק שוין געשטאַלטיקטע, אין אַלע סקווערן, פּאַרקן און אַלייען. די גאַסן אַליין זענען ווי אויסגעשטעלט פאַר דעם אויג פון מאָלער זיי צו געשטאַלטיקן. די גרויסע רחבותדיקע, סימעטרישע בולוואַרן און די קליינע, שמאָלע, געדרייטע געסלעך; די האַנטוועגעלעך פון די גאַסן־סוחרים און די געשטעלן מיט ביכער בײַ דער סען; אַפילו די

טישלעך מיט פּרוכט און גרינס בײַ די טויערן — אַלץ ווי עס וואָלט געוואָרט צו באַקומען אַ תּיקון אויף אַ לײַוונט.

אין די קאָפּען לאָ ראַטאַנד און דאָם האָט זיך אַ מאָל פּאַרוואָלגערט אַ יִדישער זשורנאַל פון וואַרשע אָדער ניו־יאָרק. עוזר סאָקאָלסקי, וואָס איז געקומען פון לאָדזש צוויי יאָר פריִער ווי יואל, האָט, ווי אַ דאָרשטי־קער צו וואַסער, זיך צוגעכאַפּט צו די זשורנאַלן. „איך בענק נאָך אונ־דזערע פּירקאַנטיקע אותיות", האָט ער געזאָגט. יואל האָט געהויבן מיט די אַקסלען. ער איז געקומען דאָ זוכן די גרויסע וועלט. אַלץ וואָס געהערט זיך נישט אָן מיט גורוויטש איז גרויסע וועלט. דער לוּוור און דער גאַרסאָן אין דעם קאַפע, דער טײַך סען און די מאָדעלקע זעזעט, וואָס פּלאַפּלט אַזוי שנעל אַז ער כאַפּט אויף נאָר דאָס וואָרט דאַקאָר, מיט וואָס זי הייבט אָן יעדן זאַץ. יאָ, די גרויסע וועלט געפינט זיך אין די קונסטזשורנאַלן, אין די ביכער וואָס ער לייענט מיט התמדה, מיט אַזאַ התמדה אַז עס בלײַבט אים נישט קיין צײַט אויף אַהיימצושרײַבן אַ בריוו.

די רביצין האָט זיך דערוווּסט אַז גליקע דער בעקערינס טאָכטער קלײַבט זיך פאָרן קיין פּאַריז. זי האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אויסשטריקן אַ וואָלענעם סוועטער און שאָל פאָרן רב. יואל איז נישט קיין סך העכער פון טאַטן. זי איז נישט דערשלאָפן און פאַרענדיקט דעם סוועטער בײַ צײַטנס. זי האָט אָפּגעבאַקן מאַנדלקיכלעך וואָס יואל האָט אַזוי ליב. זי האָט אויך מיטגעשיקט דרײַסיק אַמעריקאַנער דאָלאַרן. אײן גאָט ווייסט פון וואַנען זי האָט גענומען אַזוי פיל געלט. דער עיקר איז אָבער געווען דאָס בריוול וואָס זי האָט געשיקט דורך גליקעס טאָכטער. זי איז חושד אַז אירע בריוו דערגייען נישט צו אים. עס איז דאָך נישט מעגלעך אַז ער דערהאַלט אַלע בריוו און ענטפערט נישט. איז ער קראַנק? אויב ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען זאָל ער אַהיימקומען. זי זאָגט אים צו געבן אויף הוצאות צוריקצופאָרן ווען ער וועט זיך שוין פילן בעסער.

ווי נאָר האָדל גלאָזמאַן, גליקע דער בעקערינעס טאָכטער, איז אָנגע־קומען קיין פּאַריז, האָט זי געשריבן צו יואלן אַ קאַרטל. זי האָט געוווינט נישט ווײַט פון גאַר דע ליִעסט. יואל האָט באַדאַרפט זײַן אין דער געגנט וועגן פאַרקויפן אַ בילד. האָט ער אָפּגעלייגט אָפּצונעמען דאָס פּעקל ביז ער וועט גיין מיטן בילד, און אָפּגעלייגט דאָס גיין מיטן בילד ביז ער וועט נעמען דאָס פּעקל. דערווײַל זענען אָפּגעלאָפן טעג, וואָכן. עס זענען

געקומען ברױו פֿון דער הײם, קאַרטלעך פֿון פֿרײַלין גלאַזמאַן. שױן גרײט געװען צו גײן און געװאָלט פֿאַרפּאַקן דאָס בילד, האָט ער געזען אַז ער מוז נאָך אַרבעטן דערױף. אײן מאָל, אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג, האָט אַ מײדל זיך דערנענטערט צו זײַן טישל אין דאָם.

„מסיע ראַבינאָװיטש?"

ער האָט זיך אױפֿגעשטעלט. ז׳יט אױסגעשטרעקט צו אים איר קלײן הענטל און זיך פֿאָרגעשטעלט: „מאַדלען גלאַזמאַן". יואל האָט געענט־פֿערט „אַנשאַנטע, זײער אָנגענעם, מאַדעמואַזעל", און אַ קוש געטאָן איר האַנט, אָבער נישט אָנגעהױבן צו װיסן װער זי איז. איר פּנים איז אים נישט געװען באַקאַנט, ער האָט אױך אַזאַ נאָמען נישט געדענקט.

„די רביצין האָט מיר געבעטן אײַך אױפֿזוכן. איך האָב פֿאַר אײַך אַ פּעקל", האָט זי געזאָגט אױף פֿראַנצײזיש.

יואל האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך פֿון װוּנדער. די פֿרײַלין מאַדלען װאָס זעט אױס װי אַ פּאַריזער מאַדעמואַזעל און רעדט פֿראַנ־צײזיש װי אַ פּאַריזערין, זי איז עס האָדל, גליקע דער בעקערינס, פֿון גורװיטש? ס׳איז דאָך סך־הכּל אַ פּיר חדשים זינט זי איז אָנגעקומען.

זי האָט פּלוצלינג אָנגעהױבן רעדן ײדיש. יואל האָט זיך גערײטלט. ער האָט געמײנט אַז זי טוט עס װײַל זײַן פֿראַנצײזיש איז אַזױ שלעכט. ער האָט איר געענטפֿערט אין פֿראַנצײזיש. האָט זי אים געבעטן רעדן פּאַמעלעך. אַז מ׳רעדט שנעל איז איר שװער צו פֿאַרשטײן.

„איר רעדט דאָך װי אַ געבױרענע פֿראַנצױזקע", האָט יואל איר נישט געגלײבט.

„דאָס ביסל װאָס איך רעד, רעד איך גוט. כ׳האָב אַ גוט אױער. אָבער װײניק צײַט זיך צו לערנען. איר רעדט אַזױ פּליסיק. איר זענט דאָך געקומען נישט אַ סך פֿריִער פֿון מיר".

יואלן האָט געשמײכלט איר קאָמפּלימענט פֿאַר זײַן פֿראַנצײזיש. זי האָט גערעדט ײדיש. אים האָט זי געבעטן װײַטער רעדן פֿראַנצײזיש. פֿון זײַן מױל פֿאַרשטײט זי דאָס לשון בעסער װי װען די עכטע פֿראַנ־צױזן רעדן צו איר.

דאָס האָט שױן יואל נישט אָנגענומען װי אַ קאָמפּלימענט. אָבער זי האָט חנעװדיק געשמײכלט און יואל האָט עס איר מוחל געװען. ער האָט איר אױך מוחל געװען װאָס זי האָט אױפֿגעגעסן די קיכלעך װאָס די

מאַמע האָט אים געשיקט. זיי זענען אַלט געוואָרן. ווען זי וועט האָבן אַן אייגענע שטוב וועט זי פאַר אים אָפּבאַקן אַזעלכע מאַנדל־קיכלעך און עס אים אָפּגעבן. דערווייל האָט זי נאָר אַ בעט ביי פרעמדע און האָט זיך נאָך אַלץ נישט לעגאַליזירט. דער טערמין פון איר טוריסטן־וויזע האָט זיך שוין אויסגעלאָזט. זי קאָן זיך לעגאַליזירן נאָר אויב זי וועט חתונה האָבן מיט אַ לעגאַליזירטן אימיגראַנט. אָבער זי האָט אַ בחור אין גורוויטש.

יואל האָט זי אָפּגעפירט אַהיים. אין מעטראָ איז נעבן זיי געזעסן אַ פּאָרל ווי צוזאַמענגעוואַקסן, אין אַ לאַנגן קוש. מאַדלען האָט געשמייכלט. יואל האָט געקוקט מיט כעס אויף די קושנדיקע פּאָרלעך: „זיי ציִען אויס דעם קוש פון דער סטאַציע ווו מע קומט אַריין ביז דער סטאַציע ווו מע גייט אַרויס, ווי אויך דער קוש וואָלט באַצאָלט געוואָרן מיטן מעטראָ־בילעט.

„איר האָט, זע איך, נישט צו פיל ליב די פּראָווינציאַלן״, האָט מאַדלען געזאָגט.

„אָ, איר מאַכט אַ טעות, אַ גרויסן טעות! ס׳איז אַ פאָלק פון קונסט־געניסערס: מוזיק, מאָלעריי, ליטעראַטור. ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס די גאַסן פון פּאַריז האָבן אַזוי פיל קולטור־אוצרות, וואָס פּאַריז איז גע־וואָרן די מעקאַ פון די קינסטלערס. איר האָט זיך געוווּנדערט וואָס איך האָב נישט באַצאָלט אין דער קאַפע. אין דער קאַפע, ווי אין דעם געוועלבל, אַפילו דער באַלעבאָס פון מיין דירה, אַלע נעמען אַ חלק אין מיין ווערן אַ קינסטלער. זיי פאַרשרייבן מיינע חובות און וואַרטן געדולדיק ביז כ׳וועל עפּעס פאַרקויפן. זיי שיקן מיר קונים. זיי טרייסטן מיך אויב ס׳פאַר־קויפט זיך נישט אַזוי שנעל. ווו נאָך קאָנט איר געפינען אַזאַ פאָלק?״

„אויב אין דער פּרעפעקטור פון דער פּאָליציי וואָלטן די עמיגראַציע־באַאַמטע געווען אַזוי געדולדיק ווי אייערע בעלי־חובות״, האָט מאַדלען אַ קרעכץ געטאָן.

זיי זענען אַרויס פון מעטראָ ביי גאַר דע ל׳עסט. זיי האָבן גענומען אַריבערגיין די גאַס צו בולוואַר־סעבאַסטאָפּאָל. אין מיטן גאַס האָט מאַדלען אים פלוצלינג אַרומגעכאַפּט און צוגעפּרעסט אירע ליפּן צו זיינע. יואל האָט געפרווּווט אָוועקבייגן זיין פּנים. „כ׳בעט אייך״, האָט זי אַרויסגע־קרעכצט און אירע אָרעמס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום אים.

יואל איז געוואָרן צעמישט און נאַכגיביק. אויטאָמאָבילן און אויטאָ־בוסן זענען געפאָרן אַרום זיי און אפילו נישט געבלאָזן די האָרנס. קיינער האָט נישט געוואָלט שטערן אפילו מיט אַ נײַגעריקן בליק. די מאָדלען איז געווען אַ חנעוודיקע. אָבער דער קוש האָט שוין געדויערט לענגער ווי אַ לאַנגע נסיעה אין מעטראָ און זי האָט אים נאָך אַלץ נישט אָפּגע־לאָזט. „אין מיטן גאַס ווי די הינט״, איז יואל געוואָרן אין כּעס. עס אַרט זי גאָר נישט וואָס ער האָט פריִער געזאָגט וועגן אַזאַ קושן זיך. ער האָט ווידער זיך געוואָלט אָפּרײַסן פון איר. „נאָך אַ ביסל״, האָט זי זיך געבעטן. זי האָט נאָך שטאַרקער אים געצויגן צו זיך. אַ פּאָליציאַנט איז פאַרבײַגעגאַנגען ווי ער וואָלט זיי נישט געזען. דער דרוק פון איר גוף אויף זײַנעם האָט אים גענומען וואַרעמען. זײַנע הענט אַרום איר זענען געוואָרן שטײַפער. אירע אָרעמס זענען פּלוצלינג לויז געוואָרן. „מע קאָן שוין גיין״, האָט זי געזאָגט און זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע אָרעמס. „זיי זענען שוין אַוועק״.

„ווער איז אַוועק ?״

„די פּאָליציי. איר האָט גאָר נישט געזען ? ס'איז דאָ געווען אַן אָבלאַווע אויף נישט־לעגאַלע. אַ פראַנצויז, אפילו אַ פּאָליציאַנט, וועט נישט צעשיידן אַ פּאָרל וואָס קושט זיך כּדי צו קאָנטראָלירן אַן אידענ־טיפיקאַציע־קאַרטל. אײַערע קינסטלערישע באַקנבערד. דאָס פראַנצייזישע בערעטל האָבן אויך געהאָלפן״.

„דאָס איז עס געווען ?״ איז יואל געווען אַנטוישט. „אָבי כ'האָב גע־מיינט ס'איז געווען אַ קוש פאַר מיר. ס'איז גאָר געווען פאַר די פּאָ־ליציאַנטן״.

„איר האַלט דאָך נישט פון קושן זיך״.

„נישט אין גאַס, ס'ווערט פאַרביליקט און פאַרוואָכעדיקט״.

„אויב זיי האָבן אַזאַ דרך־ארץ פאַר אַ קוש אין מיטן גאַס, איז עס נישט ביליק און נישט וואָכעדיק״.

„מיר וועלן זיך זען, איך האָף...״ האָט יואל געזאָגט בײַם געזעגענען.

„כ'בין דאָך אײַך שולדיק קיכלעך״.

„און אַ קוש, נישט אַרויפגעצוווּנגען פון פּאָליציי״.

ג.

יואלן איז נישט ניחא געווען וואָס די מאַמע שיקט אים געלט. אָבער ער האָט אָן דעם נישט געקאָנט אויסקומען. מאַרקוס ווייס האָט געהאַט געפונען פאַר אים אַ שטיבל ביי אימיגראַנטן פון פוילן. אָבער ער האָט געוואָלט וווינען דווקא אין לאַ־ריש, אין דעם רונדן געוועזענעם צירק־בנין וואָס איז געוואָרן אַ בינשטאָק פון מאָלער־אַטעליעס. ער איז אָן אויטאָ־דידאַקט. אַ פּאָר לעקציעס צייכענען אין אַ צווייטראַנגיקער קונסטשול אין לאָדזש. ער דאַרף דעם בארימטן לאַ־ריש צו פילן זיך ווי אַ מאָלער. מאַרקוס ווייס האָט דאָס פאַרשטאַנען, און אים געהאָלפן דאָרט געפינען אַן אַטעליע. דאָס זעלביקע איז געווען מיט אַ קונסטשול. מאַרקוס האָט אים צוגערעדט אַריינצוגיין אין אַ פּרייַער אַקאַדעמיע. אָבער ער האָט געוואָלט נאָר די עקאָל דע באָזאַר, וואָס איז מער באַוווּסט. אין דעם שטודירזאַל פון לאַ־ריש האָט ער געקאָנט פריי צייכענען פון אַ לעבעדיקן מאָדעל. ער האָט אָבער נישט פאַרטראָגן וואָס אַלע פּאָר מינוט האָט אַן אַנדערער „אַרייַנגעשטעקט די נאָז״ אין זיין סקיצנבוך. ער איז בעסער אַוועק אין דעם גראַנד שאָמיער ווו ער האָט געדאַרפט פּאַר דעם באַצאָלן פיגעף פראַנק. זיינע בילדער פאַרקויפן זיך נישט. ער אַליין איז נאָך נישט גרייט געווען צו פאַרקויפן. ער פאַרדינט אַלע מאָל אַ פּאָר פראַנק ווען ער מאָלט קאָפּיעס פון בילדער אין לוווּר, און דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט. ער קען זייער גוט קאָפּירן די גרעסטע מייַסטערס. אָבער עפּעס אייגנס ? ער האָט שוין אויסגעפּרוווּט אַ סך סטילן אָבער זיינס נאָך נישט געפונען. ער האַלט אין איין בייַטן פאַרבן אויף זיין לייַוונט. אַ מאָלער, אַ ריכטיקער מאָלער, דאַרף אינסטינקטיוו דערפילן די ריכטיקע קאָלירן. דאַרף זיי זען קלאָר, נאָך איידער ער לייגט אַרויף דאָס ערשטע ביסל פאַרב אויף דער פּאַליטרע.

אפשר איז עס דערפאַר ווייל ער האָט זיך אַזוי אייַנגעגעסן אין קאָפּירן יענעמס ? ער וועט מער נישט קאָפּירן, אַפילו אויב ער זאָל אויסגיין פון הונגער.

וואָס דען וועט ער טאָן ? בעטן די מאַמעשי זאָל שיקן מער געלט ?

זיינע ערשטע פאַרדינסטן אין גורוויטש זענען געווען פון געבן לעקציעס אין העברעיש און תנ״ך. בעסער פאַרדינען פון לערערייַ ווי אַוועקהרגענען דאָס ביסל טאַלאַנט מיט נאָכמאָלפעווען אַן אַנדערן.

ער איז אַוועק אין דער גורוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט. זיי האָבן נישט געוווּסט ווער עס דאַרף אַ העברעיִשן לערער. זיי האָבן אים אָבער געגעבן דעם אַדרעס פון אַ גורוויטשער, מאיר פּיאַנטעק, וואָס פלעגט געבן העב־רעיִש־לעקציעס. איצט איז ער אַ קאָמיוואָיאַזשאָר. דער מסיע פּיאַנטעק וועט אים אפשר קאָנען רעקאָמענדירן צו זײַנע פריִערדיקע תּלמידים.

נישט געטראָפן מסיע פּיאַנטעק אויף זײַן קוואַרטיר, האָט ער איבער־געלאָזט פאַר אים אַ בריוול.

יואל האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה ווען יענער האָט זיך באַוויזן. נאָך איידער ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל האָט ער שוין גערופן יואלן בײַם ערשטן נאָמען, „און רוף מיך מאיר". יואל האָט נישט פאַרטראָגן אַ פרעמדער זאָל זיך אַרויפוואַרפן אויף אים מיט צו פיל היימישקייט. אָבער דער מאיר האָט געזאָגט אַז ער האָט פאַר אים גאָר אַ וואַזשנעם תּלמיד. אויב ער וואָלט נישט אַזוי מצליח געווען אין מיסחר, וואָלט ער דעם תּלמיד נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט טעלעפאָנירט צו מסיע באַרוכין אַז ער ברענגט אַ לערער פאַר זײַן זון.

יואל האָט זיך נישט געריכט אויף דעם וויזיט און נישט גרייט געווען תּיכּף צו גיין צו די באַרוכינס, אָבער מאיר האָט נישט אָפּגעטראָטן. ווען מאיר האָט אים געזאָגט ער זאָל אַ ביסל קירצן די באַקנבערד און זיך איבערטאָן אין אַ פרישן העמד האָט יואל חשק געהאַט אים אַראָפּצווואַרפן פון די טרעפּ. יענער האָט אָבער אַזוי גוטמוטיק געשמייכלט, אַז יואלס כּעס איז גיך צעשמאָלצן געוואָרן.

די באַרוכינס האָבן געוווינט ווײַט. מע האָט געדאַרפט צוויי מאָל בײַטן דעם מעטראָ. מאיר האָט זיך פאַרענטפערט פאַר יואלן וואָס ער איז נישט געקומען פריִער, ער האָט צרות מיט דער פּרעפעקטור. זיי האַלטן אים אין איין שיקן צעטלען.

„וואָס פאַר אַ צעטלען פון דער פּרעפעקטור צו אײַך?" האָט יואל געמיינט אַז מאיר רעדט סתּם אין דער וועלט אַרײַן.

„ווען מײַן טוריסטן־וויזע האָט זיך געענדיקט. האָב איך באַקומען אַ גרינעם צעטל אַז אין פאַרלויף פון נײַנציק טעג זאָל איך פאַרלאָזן פראַנקרײַך".

„וואָס האָט איר געטאָן?"

„כ'האָב זיך גענומען צו מיסחר. אַז די נײַנציק טעג האָבן זיך

געענדיקט האָבן זיי מיר געשיקט אַ בלויען צעטל אַז אין פאַרלויף פון דרײַסיק טעג זאָל איך פאַרלאָזן ס'לאַנד".

„נו ?"

„ווען די דרײַסיק האָבן זיך געענדיקט האָב איך באַקומען אַ געלן צעטל: אין פאַרלויף פון אַ וואָך זאָל איך זיך אָפּטראָגן פון דאַנען".

„ווי האַלט עס איצט ?"

„כ'האָב נעכטן באַקומען אַ רויטן צעטל כ'זאָל פאַרלאָזן אין פיר און צוואַנציק שעה. אַניִשט וועט מען מיך אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ".

„וואָס וועט איר טאָן ?"

„כ'גיי אַריבערברענגען ס'ווײַב מיט די קינדער. כ'פאַרדין שוין ברוך־השם, אויף פּרנסה".

„אָבער ווי קאָן מען אַזוי לעבן ?"

„יואל, ייִדן לעבן אַזוי שוין קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. די פּאָליאַקן ווילן דען נישט אַרויסטרײַבן די ייִדן ? און פּרנסה — אַ מכּה. דאָ, כ'שיק אַהיים געלט און שפּאָר נאָך אָפּ אַ פּאָר פראַנק. די דירה האָב איך געביטן, און ווײַטער זאָל גאָט העלפן"...

יואל האָט נאָך אַזאַ הויז ווי די באַרוכינס נישט געזען, ממש אַ פּאַלאַצל. די ווענט — ווי אַ מוזיי באַהאָנגען מיט בילדער. לרוב פון ייִדישע מאָלערס. דעם אַלטן באַרוכינס צימער האָט געהאַט ווייניקער בילדער. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט פּאָליצעס ביכער.

מאָוריס באַרוכינס שטערן איז געווען ברייט, דאָס פּנים שמאָל און לאַנג, מיט אַ גרויסער נאָז און שפּיציקער גאָמבע. אָבער זײַנע באַוועגונגען געלאַסן און געמאָסטן, זײַן קול טיף און וואַרעם. זײַנע אויגן קלוג, און זײַן שמייכל גוט. יואל האָט גיך געזען אין אים אַ סך שיינקייט.

דער יונגער באַרוכין, גי, איז געווען אַ פריילעכער און גוטמוטיקער בחור, אָבער צו די לעקציעס האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד. יואל האָט ליב באַקומען דעם יונג, אָבער געפילט אַז ער נעמט געלט פאַר גאָרנישט. גי וועט קיין העברעיִש זיך נישט אויסלערנען.

„עפּעס וועט דאָך בלײַבן", האָט דער אַלטער באַרוכין עס זיך נישט גענומען צום האַרצן, און פאַרגעלייגט יואלן ער זאָל מיט אים אַליין לערנען גמרא.

„דער טאַטע פּירט אַן מיט ריזיקע געשעפטן און האָט צײַט און געדולד צו לערנען, און דו...״ האָט יואל געפּרוּווט מוסר זאָגן זײַן תּלמיד. גי האָט גוטמוטיק געשמייכלט און צוגערעדט יואלן צו פאַרענדיקן שנעלער די לעקציע און אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר. גי האָט ליב געהאַט פּאַריז. און געקענט יעדעס ווינקעלע פון דער שטאָט. יואל האָט מער געלערנט פון אים וועגן פּאַריז, ווי ער פון יואלן אין תּנ״ך. דער פאָטער האָט איין מאָל אָפּגעלאָזט יואלן אַ סוד: „איך אין זײַנע יאָרן בין געווען פּונקט ווי ער. אַ קאָפּ האָט ער אַ גוטן״.

„און אַ גוט האַרץ אויך״, האָט יואל צוגעגעבן.

גי האָט אָנגעקוואָלן וואָס דעם טאַטן זענען געפעלן געוואָרן מסיע זשאָעלס צייכענונגען.

געווען מאָלערס וואָס האָבן מיטגעבראַכט דאָס שטעטל אויף מאָנ־פּאַרנאַס. יואל האָט געצייכנט פּאַריזער גאַסן. פּייסאַזשן אָדער אַקטן. לרוב טאַקע אַקטן. ער האָט נאָך אַלץ באַוווּנדערט די מיסטעריע פון דעם ווײַבערישן גוף.

„איר וועט לײַכטער געפינען אַן אייגענעם אויסדרוק ביים מאָלן אַ גאַס פון אײַער היימשטאָט״, האָט דער אַלטער באַרוכין געעצהט יואלן.

„און פּאַריז טאָר איך נישט מאָלן?״ האָט יואל זיך געפילט געטראָפן.

„פון גורוויטש וועט איר צוריקקומען צו פּאַריז מיט אַן אייגענעם וועג״.

אויך גי האָט געהאַט אַן עצה פאַר יואלס מאָלערײַ. „עס וועט אײַך לײַכטער זײַן צו מאָלן אַן אַקט, אויב איר וועט בעסער קענען פּרוּוען״.

„דו ווייסט שוין אויך עפּעס צו זאָגן וועגן פּרוּוען, דו שנעק!״ האָט יואל גוטמוטיק זיך געבייזערט. ל׳אַמור איז ניט די ליבע וואָס מע קאָן אין פּאַריז קויפן אויף אַלע גאַסן. אין אַלע פּערווערסע גילגולים.

גי האָט עטלעכע מאָל געפרעגט יואלן וועגן זײַנע מאָדעלקעס. יואל האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן. אַ יונג פון סך־הכּל אַ יאָר אַכצן און זוכט שוין צו באַווײַזן זיך מיט זײַנע ידיעות וועגן פּרוּוען.

גי האָט פאַרשטאַנען וואָס יואל טראַכט און געפרעגט „ווי אַלט זענט איר, מסיע זשאָעל. נאָר אַ צוויי יאָר עלטער פון מיר. מסיע זשאָעל, איך קען אַ מאָדעלע וואָס וועט אײַך זייער אינספּירירן. מאָרגן וועל איך

אײַך פירן צו איר. זי גייט נישט איבער די אַטעליעס. די מאָלערס קומען צו איר".

צו מאָרגנס אין דער פרי איז גי געקומען צו יואלן אין דער אַטעליע. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. יואל האָט גענומען אַ סקיצנבוך און געלאָזט זיך פירן.

„סאַריטאַ", האָט גי היימיש באַגריסט דאָס מיידל וואָס האָט זיי געעפנט די טיר. „דאָס איז זשאָעל. אַ מאָלער. זײַ גוט צו אים".

„דאָ צייכענען?" האָט יואל זיך געחידושט. די פענצטער זענען געווען פאַרהאָנגען מיט אַ סך טיולן. די פיס זענען געזונקען אין ווייכע טעפּעכער.

„דאָס איז גיכער אַ ליבענעסט ווי אַן אַטעליע", האָט יואל געטראַכט.

סאַריטאַ האָט זיי צוגעפירט צו עפּעס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ברונעם. גי האָט אַרײַנגעוואָרפן געלט. סאַריטאַ האָט אָנגעטאָן יואלן פיר רינגען און געזאָגט אַז פיר פון זײַנע ווינטשן וועלן מקויים ווערן. גי איז פאַרשוווּנדן. יואל האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זײַן סקיצנבוך אונטערן אָרעם. סאַריטאַ האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ טונקל־באַלויכטן צימער. אַוועקגעזעצט אים אויף אַ באַרג קישעלעך און אַרויס.

ער האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן ווען סאַריטאַ האָט אַרײַנגעשוועבט מיט אַ טאַץ געטראַנקען. זי האָט זיך פאַרנייגט, פאַרשוווּנדן און באַלד צוריקגעקומען אויסגעשלייערט ווי אַ שפּאַניערין.

די אויגן, קויל־שוואַרץ אין בלוילעכע מאַנדל־פאַרמיקע ווײַסלען, האָבן אַרויסגעבליצט פון שוואַרצע טיולן. אַ ציטערדיקער טיולענער שאַל איז אַראָפּגעפאַלן און אָפּגעדעקט אַ לאַנגן דינעם האַלדז. אַז די טיולן האָבן זיך צעשפּרייט אין געווירבל פון אַ טאַנץ, האָט דורך זיי אַרויסגעלויכטן אַ בייגעוודיקער גוף. זי האָט אַלע מאָל צוגעשוועבט אָנצופילן זײַן בעכער. די טיולן האָבן געשוועבט איבער אים און אים געצערטלט. ער האָט געזופּט דעם ווײַן. געביסן דעם בעכער און אויפגעריסן די אויגן ווען שטיקער טיול האָבן אַ פלי געטאָן, אַוועקגעפאַלן, און אַ שלאַנקער גוף האָט זיך אַרויסגעשיילט. לאַנגע פינגער האָבן אַראָפּגעצויגן פון זײַן האַנט דעם ערשטן רינג. די קאָמען זענען אַרויסגעפאַלן פון איר פריזור. לאַנגע זײַדענע האָר האָבן זיך צעכוואַליעט אַריבער די אַקסלען און צוגעדעקט דאָס וואָס איז אָפּגעדעקט געוואָרן ווען דאָס לעצטע שטיקל טיול איז אַראָפּגעפאַלן.

יואל האָט גענאַשט געשמאַקע צובײַסנס, געזופט װײַן און געקוקט אויף די בילדער אין אַן אַלבאָם װאָס סאַריטאַ האָט געבלעטערט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און צוריקגעמישט אַ בלאַט, נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טאָן אויפֿן בילד פֿון אַ שײנער טענצערין. אונטערן בילד איז געװען אַן אונטערשריפֿט: זשינעט. סאַריטאַ איז באַלד נאָך דעם פֿאַר־שװונדן, זשינעט האָט אַרײַנגעטאַנצט. פֿון דעם ענגן, ראָזן טאַנץ־טריקאָ האָבן אַרויסגעפֿלאַמט געטאָקטע, רײצנדיקע אָרעמס און גראַציעזע שענק־לען. דין װי זי איז געװען האָבן קײן בײנער נישט אַרויסגעקנאָכיקט פֿון איר גוף. איר האַלדז און אַקסלען זענען געװען אַרומגעפּוכיקט מיט װײַבלעכ־קײט. זשינעט האָט פֿאַרענדיקט איר טאַנץ מיט אַ קניקס און אַראָפּגע־צויגן דעם צװײטן רינג פֿון זײַן האַנט.

דער װײַן האָט געשװערט אין יואלס בלוט און צעשפּרײט אַ מידקײט אין זײַנע גלידער. װען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל איז ער געװען אַלײן. װען ער האָט זיך אָנגעטאָן האָט ער דערזען ער האָט נאָך צװײ רינגען אויף זײַנע פֿינגער. ער האָט געשמײכלט צו זיך אַלײן. דאָס אײנציקע װאָס ער װינטשט זיך איצט איז צו װיסן, צי ער חלומט אָדער ר׳איז װאָך. אַ געפּערלעכער יונג דער גױ. אַזױ יונג און װײסט שוין װי צו געפֿינען אַזעלכע ליבענעסטן. מע דאַרף אים אָנרײַסן די אויערן, דעם גױ.

יואל האָט פֿאַמעלעך געעפֿנט די טיר. קעגן איבער אים אין קאָרי־דאָר איז געװען אַ שפּיגל. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל ער האָט אויסגעזען אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿן, אָבער ער איז נישט געװען מיד. אויפֿן געזימס אונטערן שפּיגל איז געשטאַנען אַ בילד פֿון אַ שולמײדל. אַ יונג מײדעלע אין אַ בלויער ספּודניצע אויף שעלקעס. אַ װײַסע בלוזע מיט אַן אויסגעלײגטן מאַטראָסן־קאָלנער, אויסגענײט מיט בלויע בענדלעך. סאַריטאַס פּנים, נאָר ייִנגער. סאַריטאַ װען זי איז נאָך געװען אַ שולמײדל. אָדער איר ייִנגערע שװעסטער?

„איר ייִנגערע שװעסטער״, האָט ער זיך אַלײן געענטפֿערט װען פֿון דרױסן איז אַרײַנגעלאָפֿן דאָס שולמײדל װאָס אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע מיט אַ פּעקל ביכער אונטערן אָרעם. זי איז אים פֿאַרבײַגעלאָפֿן און ער האָט איר נאָכגעקוקט. זי איז צוריקגעקומען, אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און אים אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך. זי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימערל און פֿאַרשלאָסן די טיר. ער האָט דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט.

אַ צימערל פון אַ שילערין. שולביכער, אַ גלאָבוס. פּאַטאַס מיט אַנדערע שילערינס. ער איז אַוועק צוריק צו דער טיר.

„איך געפעל דיר נישט?״ האָט זי זיך געחנדלט צו אים און געפירט אים צוריק.

„דײַן שוועסטער וועט אונדז דאָ געפינען״.

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זײַן מויל. אירע אויגן זענען געווען פול מיט שטיפערישקייט. זי האָט זיך געטוליעט צו אים ווי אַ קינד טוליעט זיך צו אַן עלטערן. אַז ער האָט זיך נאָך אַלץ געריסן צו דער טיר, האָבן אירע ליפּעלעך געציטערט. אָט, אָט וועט זי זיך צעוויינען. ער האָט געגלעט אירע האָר זי צו באַרויִקן. זי האָט אַרויסגעשלעפּט די שלײַפן פון אירע צעפּ און אירע האָר האָבן זיך צעשפּרייט איבער איר שילער־בלוזע ווי אין דער פרי סאַריטאַס האָר. אירע פינגער האָבן געגלעט זײַן האַלדז און זיך אַרײַנגעגליטשט צווישן די קנעפּלעך פון זײַן העמד ווען זי האָט אַראָפּגעצויגן דעם דריטן רינג פון זײַן פינגער. זײַנע הענט האָבן נאָך אַלץ געציטערט איבער איר שילער־בלוזע ווען ער האָט דערזען אַ באַקאַנט פינטעלע אויף איר האַלדז.

„דו ביסט סאַריטאַ, דו ביסט זשינעט און דו ביסט דו!״ האָט ער אויסגעשריגן אַן איבעראַשטער. „צוליב וואָס דער מאַסקאַראַד?״

„צוליב דײַן געצנוס״, האָט זי געענטפערט.

סאַריטאַ האָט געהאַט חן אויך אין אַ פּשוט קליידל פון אַ באַלעבאַטיש מיידל. יואל האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווען זי האָט אים געזאָגט אַז ער וועט מיט איר עסן נאַכטמאָל. זי האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַן עלעגאַנטער עסשטוב. אַ קרישטאָלענער הענגלײַכטער איבערן טיש. זילבערנע לײַכטערס אויפן טיש. זי האָט געוויזן יואלן זײַן אָרט אויבן אָן. זי האָט אָנגעצונדן די ליכט און זיך אַוועקגעזעצט בײַם אַנדערן עק טיש. אַ באַדינערין האָט אַרײַנגעבראַכט מאכלים צו אַ מלכותדיקער סעודה.

יואל האָט געטראַכט אַז סאַריטאַ וועט זיך פּילן געטראָפן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון דער באַדינערן. זי האָט געמוזט האָבן אין זיך בלוט פון אינדיאַנער און פון נעגערס. די קאָליר פון איר הויט איז געווען ווי פון שאָקאָלאַד געמישט מיט מילעך און האָט אויך געהאַט עפּעס פון ציגל־קאָליר. אירע טריט האָבן געהאַט די געצוימטקייט פון אַ פּרינצעסין. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעגליט אַ

טראָפּישער שטורעם. הינטער פולע ליפּן, בלוי פון לײַדנשאַפטלעכן קראַמף, האָבן אירע בלענדיקע װײַסע צײן געלויערט מיט פאַרציקערישער גבורה.

ער האָט נישט באַמערקט װען סאַריטאַ איז פאַרשװוּנדן. די באַדי־נערין האָט אַראָפּגעװאָרפן איר װײַסע שירץ. פון דעם געפּאַסטן קלייד האָבן געשפּאַרט גלידער פול גבורה. די אָרעמס, װאָס האָבן זיך געשטרעקט איבער זײַנע אַקסל אים צו באַדינען, זענען געבליבן הענגען אַרום זײַן האַלדז. ער האָט מיט שרעק געקוקט צו דער טיר. איז זי אַװעק צו דער טיר און זי פאַרשלאָסן. זי האָט אױסגעגלײַכט די טיגערפעל נעבן קאַמין און אַראָפּגעצויגן דעם פּערטן רינג פון זײַן פינגער.

יואל איז צופרידן געװען װאָס צו מאָרגנס האָט אויסגעבראָכן אַ שטרײַק פון מעטראָ און אויטאָבוסן און ער האָט געהאַט אַ תּירוץ נישט צו קומען צו די באַרוכינס. ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם יונג גי. ער װאָלט אויך דעם פאָטער נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן.

די רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט מיליטערישע משׂא־װאָגנס װאָס האָבן געפירט מענטשן צו דער אַרבעט. נאָר געצײלטע גליקלעכע האָבן זיך אַרויפגעקראָגן אויף אַזאַ װאָגן. די גאַסן זענען גיך געװאָרן פאַרשטאָפּט. אַלץ װאָס האָט געהאַט רעדער איז איצט געװען אַ קאָמוניקיר־מיטל. פערד זענען צוריק געװאָרן יחסנים, כאָטש עס האָט גענומען אַ האַלבן טאָג צו קומען מיט פערד־און װאָגן פון אַ פאָרשטאָט צום צענטער פון שטאָט. מ׳איז אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט כּדי אָנצוקומען בײַ צײַטנס צו דער אַרבעט.

אַז מ׳האָט זיך נישט געקאָנט אַרויפקריגן אויף אַ װאָגן האָט מען זיך געשלעפּט צו פוס װי דאָס װאָלט געװען דער סדר פון ששת־ימי־בראשית. זענען אָט די געדולדיק־גײענדיקע פּראָצעסיעס פון דער זעלביקער אומה װאָס האָט געשטורעמט די באַסטיליע?" האָט יואל זיך געװוּנדערט.

יואל איז אַרײַן אין אַ קאַפע זיך אָפּרוען. אַ קעלנער איז צוגעקומען פרעגן װאָס ער װיל באַשטעלן — „װאָס זאָגט דער מסיע צום מעטראָ־שטרײַק?" האָט יואל געפרעגט דעם קעלנער.

„נאָר די ייִדן קאָנען אונדז העלפן", האָט דער גאַרסאָן געענטפערט מיט אַ שמייכל. יואל האָט געקוקט אויף אים פרעגנדיק. דער קעלנער האָט געפונען אַ קונה אויף דעם נײַסטן פּאַריזער װיץ. „אין די גאָר אַלטע צײַטן האָט מען געמוזט אַרבעטן זיבן טעג אַ װאָך. האָבן ייִדן אונדז

געגעבן אַ משה וואָס האָט אײַנגעפּירט מע זאָל שבת נישט אַרבעטן. זעקס טעג אַרבעט איז אויך צו פיל. האָבן ייִדן אונדז געגעבן דעם הייליקן פּאָול, וואָס האָט אײַנגעפירט מע זאָל נישט אַרבעטן זונטיק. צוויי טעג זענען דען געגנוג פאַר אַ גוטן אָפּרו? האָבן די ייִדן אונדז געגעבן אַ לעאָן בלום, וואָס האָט אײַנגעפירט מע זאָל מאָנטיק אויך נישט אַרבעטן. גיט אונדז נאָך פיר ייִדן און מע וועט אין גאַנצן נישט דאַרפן אַרבעטן, און איך וועל נישט דאַרפן בעת אַ מעטראָשטרײַק גיין צו פוס פון פּאַנטען ביז מאָנפּאַרנאַס".

זענען נאָר די פראַנצויזן אַזוי לײַכט צו לאַכן, צו טאַנצן, צו געניסן פון לעבן, אָדער איז אַזוי יעדעס פרײַע פאָלק? יואל האָט פריִער געקענט נאָר צוויי פעלקער: ייִדן — צוויי טויזנט יאָר אין גלות; און פּאָליאַקן. דורות אין גלות אויף זייער אייגענער ערד.

אויב דאָס פראַנצייזישע פאָלק איז אַזוי געדולדיק און גוטמוטיק, טאָ וועד איז גורם אַ רעגירונג־קריזיס יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק? האָט יואל זיך געוווּנדערט ווען ער האָט דערזען דעם קאָפּ אין דער צײַטונג אַז די רעגירונג האַלט ווידער בײַם פאַלן.

ד.

יואל האָט גראַד געהאַלטן אין צומאַלן דעטאַלן אין הינטערגרונט פון אַן אַקט, ווען גי איז אַרײַנגעפאַלן צו אים אין דער אַטעליע. „מסיע זשאָעל, איר מאָלט שוין אַנדערש". האָט גי געזאָגט יואלן און שעלמיש אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג. יואלס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט. „אַ חוצפה פון אַ יונג!"

יואל האָט פײַנט געהאַט צו ווײַזן נישט־פאַרענדיקטע אַרבעט. ער האָט נישט פאַרטראָגן ווען עמעץ האָט זיך אָנגעוואָרפן מיט מבינות אויף זײַנע בילדער און איז איצט געווען אין כּעס וואָס גי ווינקט אָן אויף זײַן וויזיט בײַ סאַריטאַן און וואָס ער פאַרבינדט דאָס מיט זײַן מאָלן. „דו, דו", האָט יואל געוואָלט זידלען און פּלוצלינג אײַנגעזען אַז דער יונג איז גערעכט. די קאָמפּאָזיציע האָט גאַנצקייט, די פאַרבן האָבן אַן אינעווייניקסטן גלי. דאָס מאָל האָט ער געצייכנט נישט ווײַל ער האָט שוין סײַ ווי געהאַט באַצאָלט פינעף פראַנק אין דעם גראַנד שאָמיער, נאָר

ווײַל די ליניעס האָבן געלעבט אין אים. די ליניעס זענען די פון דער מאָדעלקע, אָבער דער גלי איז זײַנער. ער האָט געשאַפן עפעס אייגנס צום ערשטן מאָל! דער יונג פאַרשטייט עפעס.

יואל האָט מורא געהאַט גי זאָל אים נישט אויספרעגן וועגן סאַריטאַן. ער וועט אים אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ אויב ער וועט דאָס טאָן.

„מיר געפעלט דאָס — איז עס אַ חן־פּינטעלע, אַ טאָפּלטער נאָפּל ?" האָט גי געפרעגט. „ס'איז —"

„שוטה, טיפש, אידיאָט! ס'איז אַ וואַנץ! אַזוינס איז נאָך נישט געשען. אין מיטן העלן טאָג. אויף אַ בילד ווו די פאַרב איז נאָך נאַס. ס'איז נישט אויסצוהאַלטן!"

„לאָזט עס, ס'קאָן אַרויסקומען עפעס אָריגינעלס", האָט גי זיך צעלאַכט.

יואל האָט חשק געהאַט אים צו וואַרפן עפעס אין קאָפּ אַרײַן און ער האָט קוים זיך צוריקגעהאַלטן. דער גי איז נישט סתם אַ צעבאַלע־וועטער יונג, ער איז אַ מבין. דער ערשטער מבין אויף זײַן ערשט גוט בילד.

„זײַט נישט אַזוי אָנגעבלאָזן, מסיע זשאָעל. איך וויל אײַך ערגעץ מיטנעמען. אָבער איר דאַרפט דערצו זײַן בעסער אויפגעלייגט".

„אויב דו מיינסט כ'וועל זיך לאָזן פון דיר אַרומפירן איבער די הײַזלעך, האָסטו אַ טעות".

„אויב איר פילט אַזוי, האָט סאַריטאַ מיך אַנטוישט. און כ'וויל איר זאָלט עס וויסן: סאַריטאַס סאַלאָן איז נישט קיין הײַזל. ס'איז מיר נישט אָנגעקומען לײַכט דאָרט צו עפענען אַ טיר".

יואלס כעס איז פאַרשוווּנדן. ער האָט ווי געבעטן זיך: „פאַרשטיי מיך. גי. שוין צוליב דײַן טאַטן קאָן איך נישט האָבן מיט דיר קיין עסקים אין אַזעלכע זאַכן".

גי האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די לײַוונט אויפן מאָלברעט. פּלוצלינג האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס צו יואלן „מסיע זשאָעל, כ'האָב פאַר אײַך אַ געשעפטלעכע פּראָפּאָזיציע".

„דו האָסט שוין געשעפטן אויך ?"

„איר ווייסט וואָס עס מיינט מאָלן אויף אַ קאָנטראַקט ?"

„כ'ווייס. אַ קונסטהענדלער צאָלט דעם מאָלער חודש־געהאַלט און

דער מאָלער דאַרף אים צושטעלן כּך־וכך בילדער. איי, וואָלט איך באַ־דאַרפט אַ קאָנטראַקט! אַרויסצייִען זיך פון דאַנען אין אַ הויז אָן אומפּלייט, נישט דאַרפן די מאַמע זאָל מיר שיקן געלט".

„איך וויל אייך פאַרלייגן אַ שטיקל קאָנטראַקט. איך וועל אייך שיקן אַ מאָדעלקע — אינספּיראַציע גאַראַנטירט! זשאַקלין האָט ליניעס — נישטאָ איר גלייַכן..."

„דו הייבסט שוין ווידער אָן?"

„זשאַקלין איז אַן אָרנטלעך מיידל. איך וועל איר באַצאָלן פאָרן פאָזירן. און וועל זיך דערנאָך אויסקלויבן עפּעס אַ סקיצע וואָס איר וועט פון איר מאַכן. 'סטריקטלי ביזנעס'. ווי מע זאָגט עס אויף ענגליש".

„די ביסט אַ שעלמאַ. איך דאַרף אַ קאָנטראַקט, אָבער נישט מיט דיר. מיט דייַן טאַטן וואָלט כּדאַי געווען".

„ס'איז נישט קיין שלעכטער געדאַנק..." האָט גי געענטפערט.

✱

מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין דער לאָדזשער קונסטשול. ס'איז געווען כּחלום עובר, ווי אַ חלום וואָס פאַרשווינדט. ער געדענקט מער פּרטים פון זייַנע נסיעות מיטן טראַמוויי צווישן גורוויטש און לאָדזש ווי פון דעם וואָס מ'האָט דאָרט געלערנט. ער דערמאָנט זיך אַז דער לערער געלער פלעגט אָפּט בעת די לעקציעס ווייַזן און דערקלערן זייַנע בילדער. אָסור צי ער געדענקט אַפילו איינס פון געלערס בילדער. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיטן לערער און אים געזאָגט אַז ער פאָרט קיין פּאַריז האָט יענער פאַר אים געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה. פאַר וואָס האָט דאָס פלוצלינג אויפגעטויכט אין זייַן זכּרון? אים האָט דעמאָלט געאַרט וואָס דער לערער האָט אים אָנגעהאַלטן ביי די לאַצן. ווי ער וואָלט מורא געהאַט דער תּלמיד זאָל נישט אַנטלויפן. ער האָט נישט פאַרטראָגן וואָס יענער האָט זיך צוגעבויגן צו אים אַזוי נאָענט ווי ער וואָלט אים אייַנגע־רוימט אַ סוד אין אויער אָבער האָט געשריגן אַזוי הויך ווי ער וואָלט געדעדט צו אַ טויבן.

מאָדנע. ער ליגט איצט אין זייַן בעט אין לאַ־ריש, און געלערס קול הילכט אַזוי הויך ווי יענער וואָלט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן זייַנע לאַצן, דאָרט אין לאָדזש. ער פילט אויף זיך געלערס אָטעם און אַפילו אַ שפּריץ פון זייַן שפּייַעכץ. „דו ווייסט פאַר וואָס איך צייכן אונטער מייַנע בילדער

נאָר מיט מײַן ערשטן נאָמען? װײַל איך בין אַ פּױלישער ייִד אױך אין מײַן מאָלן, און לײבוש איז אַ נאָמען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ פּױלישן ייִד. דו פֿאָרסט קײן פּאַריז, יאָ? גוט, אױב דער קאָנטראַסט צװישן פּאַריז און דײַן שטעטל װעט נאָך בולטער אַרױסברענגען דעם אײגנאַרט פֿון יואל דעם רבס פֿון קהילת גורװיטש, װעסטו מיט דײַן נסיעה עפּעס דערגרײכן. דו האָסט טאַלאַנט, יואל, אָבער טאַלאַנט איז װי אַ פֿונק אין אַ קױל. מע קאָן עס אױפֿבלאָזן אין אַ פֿלאַם װאָס זאָל צעשמעלצן אײַזן, עס קאָן אױך דערשטיקט װערן אונטער אַ באַרג אַש. דו פֿאָרסט קײן פּאַריז לערנען מאָלערישע טעכניק. אַ קינסטלער װעסטו װערן ערשט װען װעסט פֿאַרגעסן אַלץ װאָס מ׳האָט דיך געלערנט און װעסט געפֿינען דײַנע אײגענע מיטלען און דײַן אײגענעם אױסדרוק. דאָס װיכטיקסטע װאָס קאָנסט לערנען פֿון אַנדערע איז — װי אַזױ נישט צו מאָלן״.

װאָס לײבוש געלערער האָט אים דעמאָלט געזאָגט איז שױן פֿאַראַן אין אַ חסידישער מעשׂה. דער רבי ר׳ זושא האָט געזאָגט װעגן דעם דין־וחשבון װאָס ער װעט דאַרפֿן געבן װען ער װעט געררופֿן װערן זיך צו שטעלן פֿאַר זײַן באַשאַפֿער: „איך האָב נישט קײן מורא אַז מע װעט מיך פֿרעגן: פֿאַר װאָס בין איך נישט געװען אַזאַ צדיק װי יוסף. אַזאַ עניו װי משה, אַזאַ גדול־בתורה װי רבי עקיבא. מילא. נישט יעדער קאָן דערגײן צו זײער גרױסקײט. אָבער אױב מע װעט מיך פֿרעגן: זושא פֿון אַנאַפּאָליע, פֿאַר װאָס ביסטו נישט געװען זושא פֿון אַנאַפּאָליע, װאָס װעל איך דעמאָלט קאָנען ענטפֿערן?״

יואל פֿון גורװיטש, פֿאַר װאָס ביסטו נישט יואל פֿון גורװיטש?

ער פֿלעגט אַרומגײן אַ פֿאַרקלעמטער װאָס אין באַ־זאַר רופֿט מען אים לפּטי, דער קלײנער. ער פֿאַרשטאָפּט זיך דעם קאָפּ מיט קלײניקײטן, מיט נאַרישקײטן. װאַקסט ער אַ מאָלער? װאָס ער האָט געשמירט ביז הײַנט איז נישט װערט די לײַװנט אָדער דאָס שטיקל פּאַפּיר װאָס ער האָט פֿאַרנוצט. אָבער ער הײבט אָן װאַקסן. אַפֿילו דער יונג גי האָט עס דערפֿילט. אפֿשר װעט ער זיך קײן מאָל נישט אױסלערנען אַרײַנלײגן אַזױ פֿיל פֿאַסטאַראַלע געמיטלעכקײט אין שטילע פֿאַרבן װי יאַנגקינג, װי בודען, עס איז נישט אין זײַן טבע צו רעדן מיט אַ שטיל קול. אפֿשר װעט ער קײן מאָל נישט באַװײַזן צו צױמען הײסע פֿאַרבן אין אַן אידיליע װי די פֿאָװיסטן, װי אַ מאַטיס. זײַנע זעגלען באַװעגן זיך נאָר אין װינט

פון אַ געוויטער. ער וויל דען ווערן אַ מאַטיס, אַ בודען? ער וויל ווערן: ער!

יאָ, ער פילט אַז ער האָט עפּעס געשאַפן אין זײַנע לעצטע בילדער. איז עס אייגנס? ער האָט איבערגעבערענט אין זיך אַלץ וואָס ער האָט געלערנט, אָבער ס'איז געבליבן נאָר דער אַש פון דער שׂרפה. וועט ער באַוויזן אויפצובלאָזן זײַן אייגענעם פונק אונטער דעם אַש?

יואל פון גורוויטש, צי ביסטו יואל פון גורוויטש?

עקאַל דע פּאַרי לערנט צו פאַרגעסן אין זיך און זען די נאַטור ווי זי איז אין בינאָקולאַרער פּערספּעקטיוו. ער איז אַוועק פון לאָדזש און פון די לייבוש געלערס. ווי אַזוי זענען געלערס אידייען צוריקגעקומען און זיך באַזעצט אין אים ווי אַ דיבוק? ער מוז לערנען, לערנען, לערנען! די צעמישעניש אין זײַן קאָפּ קומט פון דעם וואָס ער וויל שוין איצט אַ טרייסל טאָן מיט די זײַלן פון דער וועלט. יינגל, אין חדר אַרײַן!

ה.

גי האָט געבראַכט דעם פאָטער צו יואלן אין אַטעליע. יואל האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דאָס דריטע בילד אין איין וואָך. עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס מאָוריס באַרוכין האָט נאָר איין קוק געטאָן אויף די בילדער און גלײַך גענומען רעדן געשעפט. ער איז גרייט צו מאַכן אַ קאָנטראַקט. ער וועט אים געבן גענוג צו דעקן אַלע זײַנע הוצאָות: דירה־געלט, עסן, קליידונג, לײַוונט, פאַרב, און אויך פאַר שול. יואל טאָר נישט אויפהערן לערנען, אַפילו אַ קאָטירטער (אַנערקענטער) מאָלער דאַרף נישט אויפהערן זיך לערנען, בפרט אין יואלס עלטער. „אויב מענטשן וואָלטן נישט אַלע מאָל אויסגענוצט פריערדיקע פּראַקטיק פון אַנדערע, וואָלטן מיר נאָך אַלץ געשטאַנען בײַם אָנהייב פון ציוויליזאַציע".

„נאָכמאַכן אַנדערע טייט אָפּ אייגענע שאַפערישקייט", האָט יואל איבערגעריסן באַרוכינען. אים האָט זיך געדאַכט אַז באַרוכין רעדט עפּעס צו פיל וועגן דעם, אַז ער דאַרף זיך נאָך לערנען.

„די פּראַקטיק פון אַנדערע דאַרף דינען ווי אַ שטאַפּל אויף אַ לייטער צו שטײַגן העכער און שאַפן אייגענע שטאַפּלען", האָט באַרוכין געזאָגט, און יואל האָט נישט געוווּסט צי באַרוכין האָט נאָר פאַרענדיקט וואָס ער

האָט פריִער בדעה געהאַט צו זאָגן, אָדער דאָס איז געווען אַן ענטפער צו אים און אַ וואָרענונג ער זאָל נישט זיין צו פיל אומאָפּהענגיק. דער אַלטער האָט מורא ער זאָל נישט צו פיל עקספּערימענטירן. כדי זיין קאָנ־טראַקט זאָל אים ברענגען ריווח, דאַרף מען די בילדער קאָנען פאַרקויפן.

„וואָס ווערט איר וועלן פאַר אייער קאָנטראַקט?" האָט יואל געפרעגט, גרייט זיך צו דינגען.

„איין בילד יעדעס האַלבע יאָר. איך אַליין וועל אויסקלייבן".

יואל האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַז אַ קונסטהענדלער מאַכט אַ קאָנטראַקט מיט אַ מאָלער, מוז דער מאָלער צושטעלן זיין גאַנצע פּראָדוקציע, אָדער אַ באַשטימטע צאָל נומערן וואָס איז טייל מאָל מער ווי אַ נאָרמאַלע פּראָדוקציע. איז באַרוכין אויסן נאָר צו געבן אים צדקה? האַלט באַרוכין אַז זיינע בילדער איז גאָר נישט כדאַי צו נעמען? אפשר איז ער אין כעס אויף זיין בעל־טובה ווייל באַרוכינס גוטסקייט, ברייט־האַרציקייט, מאַכט זיין פרעגן וויפל ייִנגלעריש, נאַריש און גראָבהויטיק? יואל האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח עפּעס צו זאָגן: „וואָס זאָגסטו, גי? אַ תלמיד איז דאָך ווי אַ זון, בין איך דאָך אויך דיר אַן אייגענער".

ער האָט זיך באַגאָסן מיט רויטקייט. ער האָט געוווסט אַז ער רעדט נאַרישקייטן. און נאָך איידער גי האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום עלטערן באַרוכין: „מיר דאַכט זיך אַז איר גיט מיר אַ צו גרויסע מציאה".

באַרוכין האָט דערלאַנגט יואלן די האַנט. „ווער ווייסט? אויב איר וועט ווייטער מאַכן אַזאַ שנעלן פּראָגרעס, וועל איך האָבן די מציאה. הכּלל, מיר האָבן געשלאָסן אַ געשעפט. איר קאָנט נעמען אַלץ וואָס איר דאַרפט צום מאָלן ביי גאַטעניאַ, אָדער ביי קאַסטעלוטשאַ, אויף מיין חשבון".

מאָדנע. ווען ער האָט ווייניק געמאָלן, האָט ער נישט געשריבן אַהיים, נישט געהאַט קיין צייט פאַר פריינד. איצט, ווען ער האָט געמאָלן אַ סך, האָט ער אויך געהאַט צייט צו שרייבן צום טאַטן באַזונדער, צו דער מאַמען באַזונדער, און באַזונדער צו מינדעלען. אפילו צו פּינטשען האָט ער געשריבן אַ פּאָר ווערטער. ער איז אָפטער אַריין אין קאַפע דאָם טרינקען אַ סעמי־בלאַנד, אָדער געזעסן אויף דער טעראַסע פון קאַפע לאַ ראָטאָנד און געצייכנט דעם פּלאַץ מיט די האַרבסטבלעטער אויסגעשפּרייט

ביי די פיס פון ראָדענס סטאַטוע פון באַלזאַק. ער האָט אַפילו גענומען זוכן דעם נייעם אַדרעס פון גליקע דער בעקערינס טאָכטער. אין זיין עלטער צו זיין אָן איין חברטע איז דאָך גאָר נישט נאַטירלעך. אויב ער וואָלט נישט געווען אַזאַ שלימזל וואָלט ער געוווסט סאַריטאַס אַדרעס. ער איז אוועק פון איר אַ מידער, נישט־אויסגעשלאָפענער. נישט געקוקט אויף דעם הויזנומער, נישט דעם נאָמען פון דער גאַס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ערשט ווען ער האָט גענומען זוכן אַ מעטראָ־סטאַציע. ער וועט בשום־אופן נישט פרעגן ג״ין און דערמיט געבן דעם יונג אַ הכשר אויף זיין צעלאָזנקייט. ער טאָר עס נישט טאָן, כאָטש עס ווייזט אויס אַז דער פּאָטער ווייסט וועגן דעם זונס דרכים און נעמט עס זיך נישט צום האַרצן.

ה.

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג פרילינג אין יאָר ניינצן הונדערט ניין און דרייסיק. יואל האָט שפּאַצירט פון דער מעטראָ צום פּאַלאַצל פון מאָוריס באַרוכין און הנאה געהאַט פון דעם וואַרעמען נאָך מיטאָג. די גאַסן האָבן זיך אויסגעלייגט פאַר אים אין סימעטרישע פּייסאַזשן. די זון האָט געשיינט דורך אַ דינעם נעפּל. דער נעפּל האָט ווייכער געמאַכט די פאַרבן און אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ פּרוויִשע אידלקייט, ווי די נאַטור וואָלט קאָפּירט בערטאַ מאָריסאָס מאָלערייען. יואל האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט. דער ליכטיקער גרין פון יונגע גראָזקעפּלעך, דער קלאָרער ברוין אויף די פריש־אויסגעצוואָגענעביימער, אַ קופּאָל מיט קאָנטורן פאַרווייכטע אין נעפּל זענען אים אַקעגנגעקומען. ער האָט ברייט צעעפנט די אויגן ווי דאָס וואָלט אים געהאָלפן עס איינקריצן טיפער אין זכרון.

נאָך אין קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן צו אים ווערטער: פאַרראַט, ליגן, סקאַנדאַל. ווען נישט גי וואָלט אים אַקעגנגעקומען וואָלט ער געמיינט, אַז ער איז אַריין אין אַ פרעמדער שטוב. „וואָס טוט זיך דאָ?״ האָט יואל געפרעגט אַ פאַרחידושטער.

„אויב דאַלאַדיע אָדער באָנע וואָלטן דאָ אַריינגעפאַלן, וואָלטן זיי אָפּגעשניטן נאָך ערגער ווי אין דער אַסעמבלי נאַסיאָנאַל״, האָט גי געענטפערט.

די ליקווידאַציע פון טשעכסלאָוואַקיי האָט אויפגערודערט פאַריז. אויף

דער ראַדיאָ און אין הײמישע שמועסן, אין די קאָפּעען און אין פּאַרלאַ־מענט האָט מען געבײטערט קעגן דעם גלײַכגילט צום גורל פון אַ קלײן פאָלק. יואל האָט געהערט און נישט געהערט. ער האָט זיך געגרײט מאָלן מיט אַ טעכניק וואָס ער האָט קײן מאָל פריִער נישט גענוצט. קלײנע פּענדזל־שטריכן. פּינטעלעך אין אַ סך קאָלירן וועלן אַרײַנבּרענגען לע־בעדיקײט אין זײַן פּײסאַזש. פון דיסטאַנץ וועלן די קאָלירן זיך צוזאַ־מענגיסן און שאַפן אַן אילוזיע פון באַוועגונג, אין קאָנטראַסט צום שאָטן וואָס וועט זיך אויסלײגן סטאַטיש אין אײן גרויען פלעק. ער וועט פּרוּוון ראַפּינירן מיטלען וואָס פּיסאַראָ האָט שוין גענוצט אויף אַן אַנדערן אופן.

פון ג׳ין האָט יואל זיך דערוווּסט אַז באַרוכינס אַ פרײַנד, דער קונסט־קריטיקער ד׳אוויל קומט פון אַמעריקע. ער מוז זיך נעמען צו דער אַרבעט. אַז באַרוכין האָט אַ קאָנטראַקט מיט אים, און ד׳אוויל איז באַרוכינס פרײַנד, וואָלט גוט געווען דער גאַסט זאָל אַ קוק טאָן אויף זײַנס אַ לײַוונט. אויב דער מבֿין וועט אַ דרײ טאָן מיט דער נאָז קאָן באַרוכין נאָך חרטה האָבן אויף זײַן קאָנטראַקט, עס איז פון דעסט וועגן כּדאַי עפּעס צוצוגרײטן.

יואל איז גיך אַוועק אַהײם און בײַ צײַטנס געגאַנגען שלאָפן כּדי ער זאָל קאָנען אויפשטײן פרי און האָבן אַ לענגערן טאָג. אָבער צו מאָרגנס האָט איבער דעם רונדיקן דאַך פון לאַ ריש געהױערט אַ בלײַערנער הימל. די שויבן האָבן געהאַלטן דעם רעגן פון יענער זײַט פון די פאַרמאַכטע פענצטער. אַ פײַכטקײט און אַ פוילעניש האָט דאָך אַרײַנגעדרונגען אין יואלס געמיט. וואָס אַרט עס אים אַז ס׳איז טונקל אין שטוב? ס׳איז סײַ ווי טונקל אין קאָפּ. נײן, נישט אין קאָפּ, ער קען צוטראַכטן מאָטיוון, פאָרמען, אַפילו אַ טעכניק צוגעגרײט מיט אַלע פּרטים, אָבער די פינגערס זענען געלײמט. ווען ער ליגט נאָך אין בעט זענען זײַנע אײַנפאַלן אָרי־גינעל, זײַנע אידײען גרויס, אָבער ווי נאָר ער שטעלט זיך אַוועק בײַם מאָלגעשטעל מיט אַ פּענדזל אין האַנט ווערן די קניִען שוואַך און דער קאָפּ לײדיק.

ווי יעדער מענטש האָט ער זײַן אײגענע האַנטשריפט. יעדער שרײַבט מיט די זעלביקע אותיות און האָט פון דעסט וועגן אַן אופן שרײַבן וואָס געהערט נאָר אים אַלײן. ווו איז זײַן אײגענער, אײגנאַרטיקער פּענדזל־

שטריך, יעדער זאָל דערקענען אַז זײַן האַנט האָט געפירט מיט דעם פּענדזל? ער זעט אַ לאַנדשאַפט מיט זײַן אויג, ער באַוווּנדערט אַ פּרויען־פיגור מיט זײַנע חושים, אָבער אויפן לײַוונט איז עס נאָר נאָך אַן אַקט.

ער פלעגט שנאָרען בײַ דער מאַמען, באָרגן בײַ חברים צו קויפן אַ ביסל פאַרב, אַ שטיקל לײַוונט. זינט באַרוכין האַלט אים אויס און ער קאָן האָבן לײַוונט און פאַרב וויפל נאָר ער וויל, איז ער פויל געוואָרן און טוט גאָרנישט. אַרויס פון בעט, פוילאַק, גענוג געפּיעשטשעט זיך און געפּאַראַזיטעוועט!

ער איז אַרויסגעקראָכן פון בעט, געזוכט די פּאַליטרע און זיך דער־מאָנט אַז ער דאַרף פריִער אַנבײַסן. דאָס שטיקל אַלטע ברויט אין שפּײַז־שענקל סאַרכעט מיט שימל. ער וועט אַראָפּגיין קויפן אַ פּטי פּען. אַ פרישע ווײַס ברייטל מיט פּוטער און אַ הייס גלאָז מילעך, וועט אים דערפרישן און געבן כּוח צו אַרבעטן.

אַלץ גייט היינט קאַפּויער. דאָס ברויט פאַרדאַרט, די פּוטער נישט פריש, די מילעך צוגעברענט, אין שטוב איז אַ מושב. ער מוז אַ ביסל צורוימען, כאָטש אויסקערן.

„קיין תּירוצים און קיין אָפּשלעפּן, יואל", האָט ער אָנגעשריגן אויף זיך אַליין. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם בעזעם און אָנגעטאָן זײַן מאָלער־כאַלאַט.

ניין, ער קאָן באין־אופן נישט אָנהייבן אַ ספּעציעלע טעכניק מיט די אויסגעריבענע פּענדזלען. ער האָט סײַ ווי נישט אַלע פאַרבן וואָס ער דאַרף. ער מוז זײַן פּרעציז און אויסגעהאַלטן אין זײַן אַרבעט, אַנישט וועט פון די אַלע קליינע פּינטעלעך ווערן איין גרויסער כאָאָס. קאָלירן מוזן זיך מיניען אין דעם דינסטן שטריכעלע, אין דעם קלענסטן פּינטעלע.

יואל איז ניט געווען דער אייניציקער אין דעם געשעפט פון מאָלערישע מכשירים. מאָלערס זענען געקומען און געגאַנגען. נאָר ער האָט אָבער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל פּראָבירט די האָר פון יעדן פּענדזל, געקליבן, אויסגעקליבן און צוריקגעלייגט. מסיע גאַטעניאַ מוז האָבן אַן אײַזערן געדולד אַז ער לאָזט אים אַזוי שטיין ווי אַ פאַרעקשנט אייזל וואָס האָט אײַנגעגראָבן די קלאָען אין דער ערד, האַק און בראַק, עס רירט זיך נישט פון אָרט.

ביז ער איז אַרויס פון גאַטעניאַס איז שוין געווען מיטאָגצײַט. ביז

ער איז אַרויס פון וואַדזשאַ־רעסטאָראַן איז שוין געווען טונקל. ליכטיקע פאַרבן געמאָלן אין אַ רעגנדיקן פאַרנאַכט ווען אַרויסקומען ווי קאַליג־ראַפיע געשריבן פון אַ קאַטשקע מיט אַן אויסגעלענקטן ליִנקן פוס.

גראָד די נאַכט האָבן די וואַנצן אים נישט געטשעפּעט. אָבער ער איז סײַ ווי נישט געשלאָפן. מאָלערישע טעכניק איז ווי אַ סטראַטעגיע. מע דאַרף אויסרעכענען יעדן צוג. ס׳מוז זײַן אויסגעהאַלטן און האָבן שלמות. ס׳מוז האָבן מאָס און פּרעציזיע. גוט וואָס ער האָט נישט אָנגע־הויבן איידער ער האָט געגנוג געוויגן און געמאָסטן יעדן דעטאַל.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען די אויגן. ער איז נישט קיין סך געשלאָפן אָבער ער האָט נישט געפילט קיין מידקייט. די זון האָט אַרײַנגעוווּנקען דורך די שפּאַרעס אין דעם פאַרהאָנגענעם פענצטער. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם פירהאַנג און די שטוב איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט ליכט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל. אין קאָפּ איז געווען הייס, אָבער די שפּיצן־פינגערס ווי שטיקער אײַז. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום שפּיגל. ער וואָלט באַדאַרפט אַראָפּנעמען די פאַרגאָסענע רויטע פאַרב פון זײַן העמד און עס אַרויפלייגן אויף זײַן בלייכער שפּיץ נאָז. פאַר וואָס האָט ער נישט אָנגעטאָן דעם כאַלאַט איידער ער האָט זיך גענומען פאַטשקען מיט די פאַרבן? ער האָט פאַרשמירט זײַן בעסט העמד. ס׳איז כאַטש כדאַי? ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום מאָלגעשטעל, זײַן בליק איז צוגעוואַקסן צו דער לײַוונט. ווו איז ערגעץ נעלם געוואָרן זײַן אידיי ווען שטריכעלעך און פּינטעלעך? ווי נאָר ער האָט אײַנגעטונקען דעם פּענדזל אין פאַרב האָט ער פאַרלוירן די שליטה איבער זײַן אַרבעט. האָט זײַן האַנט געפירט דעם פּענדזל, אָדער דער פּענדזל האָט געפירט זײַן האַנט? ווו האָט ער אַהינגעטאָן די אַלע מכשירים וואָס ער האָט נעכטן אײַנגעקויפט? ער האָט גאָר מער גענוצט דאָס פּאַליטרע־מעסער ווי פּענדז־לען. איז דאָס מאָלערײַ?

און וואָס זענען דאָס פאַר אַ קאָלירן? באַרוכין זאָל נאָר נישט פלוצלינג אַרײַנקומען. עס וואָלט באַלד געוואָרן אויס קאָנטראַקט. וואָס פאַר אַ דיבוק האָט געפירט זײַן האַנט און געמישט די־אָ פאַרבן?

יואל האָט נאָך אַ מאָל באַקוקט זײַן אַרבעט, באַטראַכט דאָס געמעל פון פאַרשידענע דיסטאַנצן, פון פאַרשידענע קוק ווינקלען, און אַ שמייכל

האָט זיך אויסגעלייגט אויף זײַן מידן פּנים. „ס׳איז פּרימיטיוו!" האָט ער געשריגן צו זיך אַליין און נישט געקאָנט אָראָפּשלאָגן זײַן הײַטערקייט.

אָבער די מיתה־משונה־קאַלירן?

אַזוי זעט ער זיי. דער בוים פון ווײַטן איז פּונקט אַזוי גרויס ווי דער בוים פון דער נאָענט, אָבער ער מאָלט אים קלענער, ווײַל ער זעט אים קלענער און דאָס גיט זײַן צייכענונג פּערספּעקטיוו. פאַר וואָס טאָר ער נישט מישן די פאַרבן אַזוי ווי ער זעט זיי? ער מעג, יאָ, ער מעג שיכור ווערן פון אַ שקיעה. אַדרבא, אָט די וואַקכאַנאַליע פון פאַרבן ווײַזט ערשט ווי אַ שקיעה קאָן פאַרשיכורן און גיט זײַן בילד עמאָציאָנעלן פּערספּעקטיוו...

אָן עקשן בלײַבט אָן עקשן. נעכטן האָט ער געוואָלט אַנטלויפן פון זײַן מרה־שחורה און נישט געקאָנט, איצט קאָן ער גאָר נישט אָראָפּדינגען פון זײַן צופרידנקייט. אמת, ס׳איז רוי, אָבער פאַראַן כּוח־גבֿרא אין דער רויקייט. עס שלאָגט אַ היץ פון זײַן לײַוונט ווי בלוט וואָלט געזידט אין זײַן רויט און גיפט וואָלט פּולסירט אין זײַן גרין. באַרוכינען וועט דאָס זיכער נישט געפעלן. אַפילו אויב ד׳אָוויל זאָל זיך קרימען, הייבט עס אים נישט אָן צו אַרן. עס איז פאַראַן סטיל אין דער אומסטילישקייט פון זײַן נײַער לײַוונט. קיקאָיאַן פלעגט זאָגן אַז אָן אָפּגעשניטן שטיק נאַטור איז נישט קיין קונסט, אַ קונסטבילד דאַרף זײַן אַ וועלט פאַר זיך אַליין. יאָ, דאָס איז טאַקע זײַן נײַ בילד: אַ וועלט פאַר זיך אַליין.

ז.

אַ קבלת־פּנים פאַר דעם פראַנצייזיש־אַמעריקאַנישן קונסט־קריטיקער בײַ די באַרוכינס, אָבער קיינער רעדט נישט וועגן קונסט, מע היצט זיך וועגן פּאָליטיק. „ווען היטלער האָט געפאָדערט די דײַטשן אין סודעטן־לאַנד זאָלן מעגן אַליין באַשטימען זייער גורל, האָבן אַ סך ליבעראַלן אים גערעכט געגעבן, איצט ווען די רײַכסווער האָט באַזעצט פּראַג, ווער וועט זיך אָננעמען פאַר די רעכט פון די זעקס מיליאָן טשעכן? ווו איז די גרענעץ פון צביעות?" האָט באַרוכין זיך געהיצט. ער האָט סוף־כּל־סוף דערזען יואלן. „אָ, יואל, גוט וואָס איר זענט געקומען". האָט ער אים באַגריסט און פאָרגעשטעלט פאַר די אַנדערע געסט: „דאָס איז יואל ראַבינאָוויטש, אַ מאָלער מיט טאַלאַנט, ער קומט פון פּוילן". ער האָט

אַנגענומען יואלן בײַם אָרעם: „גוט וואָס איר זענט אַוועק פון פּוילן. אײַער פּרעסע באַגריסט די אומאָפּהענגיקייט פון סלאָוואַקײַ און יובלט וואָס אונגערן איז צוגעקומען ביז דער פּוילישער גרענעץ. כ׳האָב מורא נביאות צו זאָגן ווען היטלער וועט זיך נעמען צו פּוילן״.

מע האָט ווידער גערעדט וועגן היטלערס אַגרעסיע. יואל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זינט ער איז אַוועק פון דער היים איז אַזוי פיל געשען אויף דער וועלט. עסטרײַך איז אַנעקסירט געוואָרן, טשעכאָסלאָוואַקײַ אין צווײ אומגליקן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פּליטים, אַלץ ווי עס וואָלט פאָרגעקומען אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט. ער איז צו פיל פאַרטאָן אין זײַן מאָלערײַ צו זען אַז די וועלט גייט אונטער, האָט יואל זיך אויפגעוואָרפן.

*

ער האָט פּלוצלינג באַקומען אַן עקספּרעס־בריוו פון באַרוכינען יואל זאָל וואַרטן אויף אים אין אַטעליע מאָרגן צווײ נאָך מיטיק, ער קומט מיט ד׳אַווילן.

יואל האָט נישט געוווסט צי ער זאָל זיך פרייען. האָט ער שוין וואָס צו ווײַזן אַזאַ באַרימטן קונסט־קריטיקער ווי ד׳אַוויל? באַרוכין איז געווען גוט אויפגעלייגט און אונטערגעיאָגט יואלן ער זאָל ווײַזן אַלץ וואָס ער האָט. יואל האָט געהאַלטן אַז מע טאָר נישט ווײַזן צו פיל אויף אַ מאָל, אָבער אַז ד׳אַוויל האָט נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט ער אַרויסגעשלעפּט נאָך און נאָך, אײלבילדער, גואַשן, טינט־ און קויל־צייכענונגען. בלײַערסקיצעס. אפשר וועט עפּעס דאָך אויסנעמען בײַ דעם אַמעריקאַנער סנאָב. ד׳אַווילס שווײַגן קאָן נאָך גורם זײַן באַרוכין זאָל חרטה האָבן אויף זײַן קאָנטראַקט.

בײַם געזעגענען זיך האָט ד׳אַוויל געזאָגט: „איר וועט נאָך הערן פון מיר״. און איז אַוועק.

יואל איז געווען אין כּעס. אויב באַרוכין וויל איבעררײַסן זײַן קאָנטראַקט, האָט ער נישט געדאַרפט דערצו ברענגען אַ מבין אַזש פון אַמעריקע. ער כאַפּט גאָר נישט אַזאַ מציאה בײַ דעם באַרוכינען. אמת, אַנדערע מאָלערס גיבן אַ סך מער צו די קונסטהענדלערס פאַר זייערע קאָנטראַקטן. אָבער אַ קונסטהענדלער וואָס האָט אַ קאָנטראַקט פּובליצירט זײַן מאָלער, זעט מע זאָל שרײַבן וועגן אים, פינאַנצירט בראָשורן און רעפּראָדוקציעס

כדי צו מאַכן זײַן מאָלער באַרימט. וואָס טוט באַרוכין פאַר אים? ער צאָלט אים אַ לויזיקע פאַר פראַנק? אפשר ווייסט מסיע באַרוכין וועגן די פײַנע פּלעצער וווּהין גי שלעפּט אים און באַצאָלט מיטן טאָטנס געלט? ווו נעמט גי אַזוי פיל געלט צו פאַרהולטײַעווען, אפשר איז עס אַ צולאָג צו דעם קאָנטראַקט? דאָס גאַנצע פּאַריז איז אים שוין נימאס. ווען ער וועט אַהיימפאָרן צו מינדעלעס חתונה, וועט ער מער נישט צוריקקומען. ער דאַרף דעם לאַ ריש, דעם באַ־זאַר, דעם גראַנד שאָמיער אויף טויזנט שאַק כּפּרות. מאַרקוס ווײַס איז געוואָרן אַ סקולפּטאָר נאָך איידער ער איז געקומען קיין פּאַריז. ער דאַרף אַרבעטן. אַרבעטן! ער וועט זיי ווײַזן אַז ל׳פּטי קאָן ווערן אַ גרויסער מאָלער. אָן דעם אַז אַ לאַ ריש־וואַנץ זאָל קריכן אויף זײַן באַסער לײַוונט. ער האָט אָנגעוואָרפן די ערשטע ליניעס אויף אַ לײַוונט. פרילינג־פּייסאַזש קען ער מאָלן נאָר בײַ זונשײַן און דאָ האַלט אין איין רעגענען. אין דעם מאָטיוו איז דער עיקר די פרישקייט פון די קאָלירן, זונליכט און אַ פרילינגדיק געמיט. אָבער דער הימל איז גרוי און אַזוי אויך זײַן געמיט. וואָס פאַר אַ משוגעת איז געווען זײַן עקשנות צו בלײַבן פּסח אין פּאַריז ווען אַ חודש שפּעטער דאַרף ער סײַ ווי אַהיימפאָרן? אויב ער וואָלט געהאַט גענוג מזומן אויף אַ באַנבילעט וואָלט ער נאָך באַוויזן אָנקומען צום סדר.

אין אָוונט האָט דער הימל זיך אויסגעלײַטערט. ס׳איז געווען ערשט אַרום צען אַ זייגער. אָבער יואל האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער וועט מאָרגן אויפשטיין פרי און נישט פאַרלירן אַפילו קיין איין מינוט פון דער זונשײַן.

ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו שלאָפן אַפילו ווען די וואַנצן האָבן געביסן. אָבער הײַנט איז עס געווען ערגער ווי אַלע מאָל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אָנגעצונדן ליכט. ער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַ מלבוש און אַרויסגעלאָפן אין גאַס.

עס האָט שוין געמוזט זײַן צוועלעף ווען ער איז אַרײַן אין דאָם. די מאָלערס זענען שוין דאָרט נישט געווען. מאָלערס שטייען אויף פרי און גייען שלאָפן פרי. נאָר אַ פּאָר יונגע־לײַט און מיידלעך — נאַכטבלומען, די וואָס שלאָפן בײַ טאָג און לעבן בײַ נאַכט. פון לאַנגווײַל האָט יואל געצונדן דעם בײַעם נומער ל׳איל, ער האָט דערזען דעם נאָמען ד׳אַוויל, אינטערעסאַנט צי דער פאַרשוין קען טאַקע שרײַבן.

עס איז אים טרוקן געװאָרן אין דער קעל, ער האָט געמוזט אױפֿרײַסן דאָס מױל צו כאַפּן אָטעם. ד׳אוויל שרײַבט װעגן אים! טרערן זענען אָנגעלאָפֿן אין די אױגן און געשטערט אים אין לײענען. עס האָט אים נישט געאַרט צי עמעץ קוקט אױף אים. ער האָט זיך געראַנגלט מיט די טרערן כּדי ער זאָל קאָנען קלאָר איבערלײענען פֿאַר װאָס ד׳אוויל האַלט אַז ער, יואל דעם רבס זון פֿון גורוויטש, איז אַ געפֿינס פֿאַר דער עקאָל דע פּאַרי, פֿאַר דעם נײַעם נוסח אין דער פּאַריזער מאָלערײַ. „די װערק פֿון אַ סך מאָדערנע קינסטלערס זענען װי אַ שײן הױז מיט אַ נאַכלאָזיקער באַלעבאָסטע, אָפּט קאָן מען זען די שײנקײט, נישט־געקוקט אױף דעם מושב אין הױז. יואל איז אימפּולסיװ, ער האָט עמאָציאָנעלע דינאַמיק, אָבער די זױבערקײט דאָמינירט. די פּרעציזקײט פֿון זײַן ליניע איז װי דער גראַציעזער גאַנג פֿון אַ שײנער פֿרױ. מאָלערײַ איז דאָך אַן אָפּטישע קונסט, אָבער יואלס בילדער קאָן מען, דאַכט זיך, אױך הערן. זײַנע ליניעס זינגען אַראָפּ פֿון דער לײַװנט״, שרײַבט ד׳אוויל.

*

דער טעלעפֿאָן בײַ די באַרוכינס האָט נישט געענטפֿערט. דער לעצטער נאַכטמעטראָ איז לאַנג שױן אַװעק, און אױף אַ טאַקסי האָט ער קײן געלט נישט געהאַט. ער האָט צו פֿוס גענומען שפּרײַזן איבער די שלאָפֿנדיקע פּאַריזער גאַסן. דאָ און דאָרט האָט ער נאָך געפֿונען אַן אָפֿענע קאַפֿע, אָדער אַ פּאָליציאַנט װאָס האָט אים געװיזן דעם װעג. עס האָט אים נישט געאַרט אַז ער האָט געבלאָנדזשעט. ער האָט איצט סײַ װי נישט געקאָנט צוריקגײן צו זײַן צימער, צו די װאַנצן. װען ער איז אָנגעקומען צו נעי, האָט פֿון דער מעטראָ־סטאַציע זיך שױן דערטראָגן דאָס קלאַפּערײַ פֿון דעם ערשטן פֿרימאָרגנצוג.

די דינסט האָט די ערשטע זיך איבערגעװעקט פֿון זײַן קלינגען. זי האָט דורך דער פֿאַרמאַכטער טיר אים געפֿרעגט װער ער איז, װאָס ער װיל. װער ער איז האָט ער געװוּסט — ער איז דער „געפֿינס פֿאַר דער עקאָל דע פּאַרי״ — אָבער װאָס ער װיל האָט ער אַלײן נישט געװוּסט. די טיר האָט זיך סוף־כּל־סוף געעפֿנט. אינעװײניק איז דאָס גאַנצע הױזגעזינד געשטאַנען אין זײערע פּידזשאַמעס און געקוקט אױף אים מיט בײז־

וווּנדער. גי האָט אים אָנגענומען בײַם אָרעם און אַרײַנגעשלעפּט אין הויז. מאַדאַם באַרוכין האָט גערופֿן די דינסט זאָל מאַכן קאַווע.

„גוט וואָס איר זענט געקומען", האָט באַרוכין געזאָגט. „איבער מאָרגן איז שוין ערב־פּסח און מיר איז ערשט הײַנט בײַ נאַכט אײַנגעפֿאַלן צו פּראַווען אַ סדר. איר וועט מיר מוזן העלפֿן אײַנקויפֿן וואָס מע דאַרף, איר וועט אויך מוזן פּראַווען דעם סדר, איך האָב שוין אַלץ פֿאַרגעסן".

די באַרוכינס האָבן גאָר נישט געוווּסט אַז דער יואל, וואָס איז שטענדיק אָנגעכמורעט און איז אויף אַלעמען אין כּעס, קאָן זײַן אַזוי פֿריילעך און אַזוי באַרעדעוודיק. יואל האָט געניט געפֿירט דעם סדר. ער האָט דערציילט, אויסגעטײַטשט, געזונגען די הגדה־ניגונים און אויך געזונגען זײַן וואַרשעווער זיידנס אַ גמרא־ניגון. אַ טרויעריקן ניגון צו די יום־כּיפּורדיקע יעלהם. אַ פֿריילעכן ניגון צום שבתדיקן מנוחה ושׂמחה, אַפֿילו דעם גורוויטשער חזנס פּסחדיקע יוצרות שירה חדשה.

ווען זיי זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון סדר, האָט באַרוכין אַרומגענומען יואלן און אים געזאָגט: „איר האָט זיך הײַנט נאָך מער אײַנגעבאַקן אין מײַן האַרץ. איר זענט געווען אַ צוואַנציק־יאָריקער זקן, יואל, איך האָב אײַך הײַנט צום ערשטן מאָל געזען אַ יונגן".

„איז יונגשאַפֿט אַ מעלה?"

„ווען מע הערט אויף צו זײַן יונג, הערט מען אויף צו וואַקסן. איך זע אַז גוטע בשׂורות מאַכן אײַך יונג. איך האָב פֿאַר אײַך נאָך אַ בשׂורה. אַ גרוס פֿון ד'אווילן".

„אַ שיינעם דאַנק".

„ער פֿאַרהאַנדלט מיט אַ גאַלעריע אויף דער זיבן און פֿופֿציקסטער גאַס, דאָס איז די גאַס פֿון קונסט־גאַלעריעס אין ניו־יאָרק, ער פֿאַרהאַנדלט אַן אויסשטעלונג פֿון אײַערע בילדער".

„ס'עט גאָרנישט ווערן דערפֿון".

„וואָס רעדט איר?"

„כ'האָב דאָ נאָר איין מאָל אויסגעשטעלט איין לײַוונט אין אַ 'כּל הנערים'־אויסשטעל פֿון דרײַסיק צוואָנגדיקע מאָלערס".

„איר האָט געהאַלטן אײַער צוזאָג".

„איר פינאַנסירט עס!" האָט יואל געטײַטלט מיטן װײַזפינגער באַ־רוכינען אין פּנים אַרײַן.

„װער דען זאָל עס פינאַנסירן?" האָט באַרוכין געענטפערט מיט אַ שמײכל, „אַז איך האָב מיט אײַך אַ קאָנטראַקט".

„איך װײס נישט פאַר װאָס איר טוט עס. פּאַרפּאַקן, שיקן איבערן ים, ס'עט קאָסטן אַ מטמון".

„זאָרגט זיך נישט פאַר מיר. אַלע װײסן אַז מאָריס באַרוכין איז אַ גוטער סוחר".

„אַן אױסשטעל אין ניו־יאָרק! כ'בין דאָך ערשט צװאָנציק יאָר אַלט", האָט יואל דערװידערט װי ער װאָלט זיך געדונגען מיט באַרוכינען.

„ניו־יאָרק קאָן מען אױפּרודערן נאָר מיט אַ סענסאַציע. אײַער יונג־שאַפט איז דעריבער אַ מעלה, 'צװאָנציק־יאָריקער גאָון נעמט אײַן ניו־יאָרק מיטן ערשטן אױסשטעל', װעלן די צײַטונגען שרײַבן".

„חוזקט נישט", האָט יואל זיך באַלײדיקט.

„לײגט זיך צו שלאָפן, מאָרגן האָבן מיר אַ צװײטן סדר, און מיר דאַרפן מאַכן פּלענער פאַר ניו־יאָרק".

גי האָט געפירט יואלן צום גאַסטצימער. „דו האָסט געזען װי אַדעט האָט דיך געפרעסן מיט די אױגן? נאָך אײן סדר און זי װעט זיך פאַר־ליבן אין דיר איבער די אױערן".

צום צװײטן סדר זענען געװען מער געסט. אַ גאַסט האָט גענומען רעדן װעגן פּאָליטיק, האָט מען פאַרגעסן אין דער הגדה. „איטאַליעניש מיליטער מאַרשירט אױף אַלבאַניע". האָבן די צײַטונגען געשריבן. מע האָט זיך נישט צו פיל געבײזערט אױף מוסאָליניִן, װײַל דאָס װאָלט אים געשטופּט אין היטלערס אָרעמס. טאָ װאָס װעט זײַן דער סוף? אַ גאַסט האָט איבערגעגעבן אַ קאָנפידענציעלע ידיעה: היטלער און מוסאָליני האָבן זיך געגרײט פאַרכאַפּן יוגאָסלאַװיע. רוזװעלט האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע און זײ האָבן אױפגעגעבן די אַװאַנטורע. אױב די דיקטאַטאָרן דערשרעקן זיך פאַר אַ טעלעגראַמע פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז נאָך נישט אַזױ שלעכט מיט דער װעלט.

ערשט הײַנט האָט יואל געזען אַז דאָס מײדל אַדעט האָט אינטערע־סאַנטע אױגן, ער האָט געזוכט איר בליק. אָבער זי האָט גאָר נישט געקוקט

צו אים. ער האָט ווידער געוואָלט זינגען, אָבער עס איז געווען צו טומל־דיק און הייס פון צו פיל מענטשן. ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן זינגען שיר המעלות צום בענטשן, איז אַ טאָץ מיט געשיר אַרויסגעפאַלן פון דער באַדינערינס הענט און ס'איז ווידער געוואָרן אַ טומל. באַרוכין האָט בײַם סוף אים געבעטן זינגען חד גדיא, אָבער ער האָט געפילט אַ טרוקנקייט אין דער קעל, דאָס קול האָט אים פאַרלאָזן. אַ רעגן האָט גענומען פויקן אין די שויבן. געפּטרט אַזעלכע שיינע זוניקע טעג, וועט ער אַ מאָל מאָלן זײַן פרילינג־פּײַסאַזש?

כראָניק פון דער צײַט

א.

די נײַע טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג אונטער פּרעזידענט האַכאַ האָט געוויזן אַז זי איז אָפּהענגיק פון היטלערס חסד. די רעגירונג האָט אויפגעלעזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָפּגעזאָגט יידישע לערערס פון דײַטשישע שולעס און פאַרזיכערט דײַטשלאַנד אַז טשעכאָסלאָוואַקײַ וועט ווײַזן איר גוטן ווילן און לאָיאַליטעט און דערפילן אַלע דײַטשישע פאַרלאַנגען.

וואָס די דײַטשישע פאַרלאַנגען זענען האָט דער טשעכישער אויסערן־מיניסטער כוואַלקאָווסקי געהערט פון היטלערן דעם 21סטן יאַנואַר 1939. די טשעכן מוזן פאַרגעסן זייער געשיכטע און טאָן וואָס די דײַטשן הייסן: פאַרלאָזן די פעלקער־ליגע; פאַרקלענערן די אַרמיי; אָנשליסן זיך אין דעם אַנטיקאָמינטערן־פּאַקט און לאָזן דײַטשלאַנד פירן זייער אויסערן־פּאָליטיק. די דײַטשן זאָלן זײַן בילכער ווי אַלע אַנדערע אין טשעכישן האַנדל, די טשעכן טאָרן נישט אויפשטעלן קיין אינדוסטריעס אָן דײַטשישער הסכמה און זיי מוזן גלײַך אײַנפירן די נירנבערגער געזעצן. יאָ, נאָך אַ קלייניקייט: די 391.2 מיליאָן טשעכישע קראָנען אין גאָלד, פון דעם טשעכישן גאָלדרעזערוו, זאָלן באַלד איבערגעבן ווערן צו דער דײַטש־שישער רײַכסבאַנק.

אויך דאָס איז נישט געווען גענוג פאַר דײַטשישע אַפּעטיטן. דאָס רונדיקע גלחל טיסאָ, אַ סלאָוואַקיש פּאַשיסטל וואָס האָט געדינט היטלערן, האָט נישט אויפגעהערט פאָדערן אויטאָנאָמיע פאַר זײַן פאָלק. טיסאָ איז אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין אַן עראָפּלאַן און אַוועקגעפירט געוואָרן קיין בערלין. דעם 14טן מאַרץ האָט טיסאָ אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, וואָס איז דיקטירט געוואָרן אין בערלין, און מיט דער טעלעגראַמע פּראָקלאַמירט סלאָוואַקײַס אומאָפּהענגיקייט פון טשעכאָסלאָוואַקײַ. אונגערן האָט

זיך אַנגענומען פאַר די רוטענער אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער מלוכה וואָס האָבן אויך געוואָלט אומאָפּהענגיקייט.

פּוילן האָט תּיכּף אָנערקענט די נײַע סלאָוואַקישע מלוכה. די אָפּיציעלע רעגירונג־צײַטונג גאַזעטאַ פּאָלסקאַ האָט באַגריסט: „דער עקשנותדיקער קאַמף פון סלאָוואַקישן פאָלק פאַר די רעכט אַליין צו באַשטימען זײַן גורל, איז סוף־כּל־סוף געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אין משך פון אַ סך יאָרן זענען מיר געווען די איינציקע וואָס האָבן פאָרויסגעזאָגט נצחון. זאָל לעבן די אומאָפּהענגיקע סלאָוואַקײַ!״

דער בירגערלעכער עקספּרעס פּאָראַנני האָט געשריבן: „אַ נײַע מלוכה איז אויפגעשטאַנען בײַ אונדזערע גרענעצן. די פּוילישע עפנט־לעכקייט באַגריסט זי מיט סימפּאַטיע״.

דער אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשענני: „אמתער, פולער, פרײַנד־לעכער אָפּקלאַנג. דאָס איז אַ גרויסע שעה וואָס קאָן האָבן היסטאָרישן באַטײַט״.

דײַטשישע פּראָוואָקאַטאָרן האָבן פּראָבירט אַרויסצורופן אומרוען אין פאַרשידענע טשעכישע שטעט, אָבער די טשעכן האָבן זיך נישט געלאָזט פּראָוואָצירן, געבעלס האָט סײַ ווי געטאָן דאָס זײַניקע. די דײַטשישע פּרעסע האָט ווידער געדרוקט לאַנגע באַריכטן פון טשעכישן טעראָר קעגן דײַטשן. „בלוטבאָד קעגן דײַטשן״, „שוואַנגערע דייטשע פרוי געשלאָגן פון באַר־באַרבאַרישע טשעכן״, זענען געווען די נײַעסקעפּ, געדרוקטע מיט רויטער פאַרב אין די דײַטשישע צײַטונגען. די זעלביקע מעשׂיות וואָס בײַ דעם סודעטן־קריזיס.

צו וועמען האָט דער אַלטיטשקער דאָקטאָר האַכאַ זיך געהאָט צו ווענדן? צו ענגלאַנד און פראַנקרײַך וואָס האָבן גאַראַנטירט די נײַע טשעכאָסלאָוואַקישע גרענעצן? די אַלטע גרענעצן האָט דען פראַנקרײַך נישט געהאַט גאַראַנטירט? טשעכאָסלאָוואַקײַ וואָלט אפשר בעסער אָפּ־געשניטן אויב זי וואָלט לכתּחילה זיך נישט פאַרלאָזט אויף פרײַנד און גאַראַנטיעס און וואָלט אָן טשעמבערלענען פאַרהאַנדלט מיט היטלערן? פאָרן קיין בערלין און אויסבעטן בײַ היטלערן אַ ביסל „גנבישן יושר״, איז געווען אַלץ וואָס האַכאַ האָט איצט געקאָנט טאָן.

אויפן באַנוואָקזאַל אין בערלין האָט דעם טשעכישן פּרעזידענט אָפּ־געוואָרט דער דײַטשישער אויסערן־מיניסטער און דערלאַנגט בלומען דעם

פרעזידענטס טאָכטער. אָן ערגוואָך האָט פּרעזענטירט דאָס געווער. מע האָט זיי אָפּגעגעבן די שענסטע צימערן אין דעם עלעגאַנטן אַלדאָן־האָטעל. היטלער אַליין האָט צוגעשיקט אַ שאַכטל שאָקאָלאַד פאַר פרײַלין האַכאַ. ווען האַכאַ און זײַן אויסערן־מיניסטער כוואַלקאָווסקי זענען אָנגעקומען צו דער רײַכסקאַנצעלאַריע האָט זיי סאַלוטירט אָן ערגוואָך פון עס־עס.

צום רײַכסקאַנצלער האָט מען זיי צוגעלאָזט ערשט אַ פערטל צוויי בײַ נאַכט. מיט היטלערן זענען געווען: גערינג, גענעראַל קײַטעל, און אויך היטלערס דאָקטאָר.

דער אַלטער האַכאַ האָט געבעטלט בײַ היטלערן רחמים פאַר זײַן פאָלק. ער איז איבערגעצײַגט, האָט ער געזאָגט, אַז דער גורל פון טשעכאָסלאָוואַקײַ ליגט אין דעם פירערס הענט. ער בעט דער פירער זאָל האָבן פאַרשטענדעניש פאַר זײַן פאַרלאַנג, די טשעכן זאָלן האָבן אַ נאַציאָנאַל לעבן. אויב עס איז נאָך געבליבן עפּעס פון דעם מאַסאַריק־און בענעש־סיסטעם, וועט ער עס אויסראָטן, ער אַליין איז קעגן דעם.

ער האָט שוין געגעבן דעם באַפעל דאָס דײַטשישע מיליטער זאָל באַזעצן בעמען און מערן און דאָס לאַנד אײַנגלידערן אין רײַך, האָט היטלער געענטפערט. האַכאַ און כוואַלקאָווסקי זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. „די ווערמאַכט מאַרשירט שוין", האָט היטלער זיי ווײַטער געזאָגט. „יעדער ווידערשטאַנד וועט צעשמעטערט ווערן". אויב אָבער דאָס דײַטשישע מיליטער וועט אויפגענומען ווערן אָן שטערונגען, וועט ער, היטלער, זיי קאָנען פאַרזיכערן אויטאָנאָמיע און אַ „געוויסע" נאַציאָנאַלע פרײַקייט.

אַ פערטל דרײַ פאַר טאָג האָט היטלער איבערגעלאָזט די טשעכן מיט גערינגען און ריבענטראָפּן. אַ דאָקומענט איז שוין געווען צוגעגרייט. „מיר קאָנען נישט אונטערשרײַבן, מיר וועלן אויף אייביק פאַרשאָלטן ווערן פון אונדזער פאָלק", האָבן די טשעכן זיך געבעטן. גערינג האָט געסטראַשעט מיט אָפּווישן פּראָג פון דער ערד, און נישט נאָר פּראָג. הונדערטער באָמביר־עראָפּלאַנען וואַרטן נאָר אויף דעם באַפעל.

די טשעכן האָבן אַלץ נישט געוואָלט אונטערשרײַבן. די סטראַשונקעס האָבן זיך געמערט. דער אַלטער האַכאַ איז געפאַלן אין חלשות.

דאָ איז היטלערס דאָקטאָר צו נוץ געקומען. אָן אײַנשפּריץ, און האַכאַ

איז געגוג געקומען צו זיך צו נעמען דאָס טרײַבל פון אַ ספּעציעלער טעלעפאָן-ליניע קיין פּראָג וואָס ריבענטראָפּ האָט געהאַט צוגעגרייט. האַכאַ האָט צוגערעדט זײַנע מיניסטאָרן זיך אונטערצוגעבן.

אַ צווייטע אײַנשפּריצונג האָט האַכאַן געגעבן פּוח אונטערצושרײַבן דעם בשותּפותדיקן קאָמוניקאַט, פינעף מינוט צו פיר פאַר טאָג.

„אויף זייער פאַרלאַנג האָט דער פירער הײַנט אויפגענומען דעם טשעכישן פּרעזידענט האַכאַ און דעם אויסערן-מיניסטער כוואַלקאָווסקי. עס איז איינשטימיק אויסגעדריקט געוואָרן די איבערצײַגונג אַז שלום און אָרדענונג מוזן אָפּגעהיט ווערן אין צענטראַל-אייראָפּע. כּדי דאָס צו דערגרייכן, האָט דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּרעזידענט דערקלערט, אַז ער גיט איבער מיט פולן צוטרוי דעם גורל פון טשעכישן פאָלק אין די הענט פון דעם פירער און דעם דײַטשישן רײַך".

דעם 15טן מאַרץ, זעקס פרי, האָבן די דײַטשן אַרײַנמאַרשירט קיין באָהעמיע און מאָראַוויע. דעם זעלביקן אָוונט איז היטלער שוין געשלאָפן אין דעם הראַדשין-פּאַלאַץ. צו מאָרגנס אין דער פרי האָט ער פון פּאַלאַץ פון די בעמישע קעניגן פּראָקלאַמירט דעם דײַטשישן פּראָטעקטאָראַט איבער בעמען און מערען. דעם 16טן מאַרץ האָט היטלער, אין זײַן גרויסן חסד, „אויפן פאַרלאַנג פון סלאָוואַקישן פּרעמיער", גענומען אונטער זײַן פּראָ-טעקטאָראַט אויך סלאָוואַקײַ און גלײַך אַרײַנגעשיקט דײַטשיש אָקופּאַציע-מיליטער. רוטעניע, וואָס האָט ערשט מיט אַ טאָג פריִער, לויט דער רעזשי פון בערלין, זיך פּראָקלאַמירט ווי אַ זעלבשטענדיקע קאַרפּאַט-רוסלענדישע מדינה, האָט היטלער אָוועקגעגעבן צו אונגערן. דער רעגענט האָרטי האָט געדאַנקט היטלערן פאַר דער מתּנה, און אונגעריש מיליטער האָט אַרײַנמאַרשירט אין דער נײַ-דערוואָרבענער טעריטאָריע.

די פּוילישע פּרעסע האָט מיט יובל באַגריסט דעם נײַעם שכן. אונ-גערן איז איצט צוגעקומען ביז דער פּוילישער גרענעץ. דאָס פּוילישע מיליטער האָט אויפגעשטעלט אַ טריומף-טויער צום אָנקומען פון אונגע-רישן מיליטער צו דער פּוילישער גרענעץ. דער אונגערישער קאַפּיטאַן האָט זיך צעקושט מיט דעם פּוילישן פּאָלקאָווניק וואָס האָט אים פײַערלעך באַגריסט. ס'איז געווען ששון-ושימחה.

אין דעם טשעכישן טוריסטן-ביוראָ אין פּאַריז איז די טשעכאָסלאָוואַ-קישע פאָן געלעגן אויף אַ קאַטאַפאַלק באַרעקט מיט שוואַרץ, און מיט

דעם ציטאַט פון איכה אין טשעכיש און אין פראַנצײזיש היש מכאוב כמכאובי. אויב מע האָט דעם קאַטאַפאַלק טאַקע אַװעקגעפירט צו אַ בית־הקברות, װאָלט מען געדאַרפט אַװעקשטעלן אַ מצבה פ״נ: דאָ ליגט באַגראָבן הבל פון 1938.

דער ערשטער אָפּרוף פון ענגלאַנד קעגן דעם ברעכן פון מינכענער אָפּמאַך: „די רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט האָט נישט דעם מינדסטן פאַרלאַנג זיך אומנייטיק אַרײַנצומישן אין ענינים אין װעלכע אַנדערע רעגירונגען זענען מער דירעקט פאַראינטערעסירט... זי איז אָבער... שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם סוקצעס פון אַלע באַמיונגען צוריקצובערענגען צוטרוי און אַ רעלאַקסירונג פון דער געשפּאַנטקייט אין אייראָפּע״.

אין אָװנט פון דעם 16טן מאַרץ האָט דער רעגירונג־װאָרטזאָגער אין פּאַרלאַמענט גערעדט אַזױ ציניש װעגן דער טשעכישער טראַגעדיע אַז אַלע דעפּוטאַטן זענען געװאָרן אױפגעברױזט. דאָס הױז האָט נישט דורכ־געמאַכט אַזאַ אַלגעמײנעם אױפרודער זינט — — — זינט יענער היסטעריע פון פרײד איבער טשעמבערלענס „נצחון״ אין מינכן.

טשעמבערלען האָט דערקלערט אין בריטישן פּאַרלאַמענט: „אמת, ענגלאַנד האָט גאַראַנטירט די נײַע טשעכאָסלאָװאַקישע גרענעצן, אָבער, נאָך דעם װי סלאָװאַקײַ האָט זיך פּראָקלאַמירט אומאָפּהענגיק האָט דער איבערלעבער פונאַנדערפאַל געבראַכט דעם סוף צו דער מלוכה װעמענס גרענעצן מיר האָבן גאַראַנטירט, און ענגלאַנד איז גאָרנישט מחויב צו טאָן״.

דעם 17טן מאַרץ איז דער בריטישער פּרעמיער־מיניסטער געפאָרן פון לאָנדאָן קײן בירמינגהאַם האַלטן אַ רעדע. פון דעם װאָס ער האָט דאָרט געזאָגט, מעג מען זיך משער זײַן אַז ער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען זײַן באַרימטן רעגן־שירעם. קײן שירעם פון אילוזיעס האָט ער מער נישט געהאַט. עס װײַזט אױס אַז װערטער װאָס האָבן אים פריער נישט באַרירט האָבן איצט געמבולט איבער זײַן קאָפּ. אפשר איז עס געװען דער געשריי פול יאוש פון די טשעכן: „מע האָט אונדז פאַרראַטן!״ אפשר די װערטער פון טשערטשיל: „מיר האָבן באַקומען אַ טאָטאַלע שרעקלעכע מפּלה״. און אפשר די פון העראָלד ניקאָלסאָן: „מיר האָבן אַװעקגעגעבן נישט בלויז טשעכאָסלאָװאַקײַ, נאָר אויך דעם שליסל צו אייראָפּע״. צום מײנסטן האָבן אים אַװדאי װײ געטאָן זײַנע אײגענע װערטער אין פּאַרלאַמענט מיט

איין אָונט פריִער, ווען ער האָט באַרעכטיקט ענגלאַנדס שטילשוויַיגן צו דעם פאַרכאַפּן גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיַי.

האָט אין דער גאַנצער ענגלישער מלוכה זיך נישט געפונען קיינער וואָס זאָל וויַיזן דעם פּרעמיער וואָס היטלער האָט לאַנג פאַר מיַינבען געשריבן אין מיַין קאַמף. „צו ערשט וועט מען איַינשלעפערן דיַיטשלאַנדס שונאים דורך פרידיקן אָפּוואָפענונג און שלום, און דערביַי האַלטן די אויגן אָפן פאַר אַ שוואַכן פּונקט אין זייער קאָלעקטיווער באַוואָפענונג".

דער ערשטער פּונקט אין פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם רופט צו פאַראייניקן אַלע דיַיטשן אין איין גרויס דיַיטשלאַנד; דער צווייטער פּונקט — אָפּצוברעכן די טראַקטאַטן פון ווערסיַיל און סעינט זשערמען. אויב מע וואָלט בעסער געגלייבט היטלערן זיַינע ווערטער פון 1924, וואָלט אפשר געווען שלום אין 1939?

קיין בירמינגהאַם איז אָנגעקומען אַן אַנדער נעוויל טשעמבערלען ווי דער וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן. ער האָט אָוועקגעוואָרפן זיַין צוגעגרייטע רעדע. ער האָט אויסגעדריקט חרטה אויף דער אָפּגעהיטענער פּראָקלאַמאַציע פון דער רעגירונג וועגן היטלערס פאַרכאַפּן טשעכאָסלאָוואַקיַי: ער האָט געפרעגט: „איז דאָס דער לעצטער אַנגריף אויף אַ קליינער מלוכה, אָדער איז עס אַ וויַיטערדיקער שריט צו באַהערשן די וועלט מיט גוואַלט? יאָ, מיר האַלטן אַז מלחמה איז אַכזריותדיק", האָט ער וויַיטער געזאָגט, „אָבער אויב עמעץ מיינט אַז פון שרעק פאַר מלחמה האָט אונדזער פאָלק אַזוי פאַרלוירן זיַין כאַראַקטער אַז עס וועט זיך נישט אַקעגנשטעלן מיט דער גאַנצער קראַפט אַזאַ סכנה, ווער עס מיינט אַזוי, מאַכט אַ געפערלעכן טעות".

ב.

בעת אַ וויזיט פון דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר ליפּסקי ביַים דיַיטשישן אויסערן־מיניסטער, דעם 24סטן אָקטאָבער 1938, האָט הער ריבענטראָפּ אין אַ פריַינדלעכן טאָן געזאָגט ליפּסקין אויף וואָס דיַיטשלאַנד ריכט זיך פון פּוילן. אָוועקגעבן דאַנציק צו דיַיטשלאַנד, געבן די דיַיטשן אַן עקס־טעריטאָריאַלע אויטאָבאַן דורכן פּוילישן קאָרידאָר, און פּוילן זאָל זיך אָנשליסן אינעם אַנטיקאָמינטערן־פּאַקט.

גראַד אין דער צײַט האָט די פּוילישע רעגירונג, נאָכצומאַכן די טאָטאַליטאַרע לענדער, אויפגעלייזט אַלע פרײַמויערישע אָרדנס און קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגנס, אין דער ערשטער ריי דאָס פאַרמעגן פון דעם יידישן בני־ברית־אָרדן.

אין דער זעלביקער צײַט זענען אין פּוילן פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן יידישע סטודענטן אויף די אוניווערסיטעטן. אין ווילנע איז נישט דערלויבט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די פּאָגראָמען אין דײַטשלאַנד. די רעגירונג־פּאַרטיי האָט פּראָקלאַמירט אין סיים אַז יידן זענען נישט געוואונטשן אין דער פּוילישערווירטשאַפט ווײַל זיי שטערן די פּוילישע מאַסן צו שטעלן זיך אויף די פיס.

היטלער האָט איבערגעחזרט ריבענטראָפּס פאָדערונגען צו פּוילן ווען דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער, יוזעף בעק, איז דעם 5טן יאַנואַר 1939 געווען צו גאַסט אין בערלין. ריבענטראָפּ האָט איבערגעחזרט די פאָדערונגען בעת זײַן וויזיט אין וואַרשע דעם 26סטן יאַנואַר. ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער. פון דעסט וועגן האָט היטלער אין זײַן רעדע אין רײַכסטאַג דעם 30סטן יאַנואַר נאָך אַלץ אַרויסגעשטעלט זײַן פרײַנדשאַפט מיט פּוילן ווי אַ פאַקטאָר וואָס ווירקט פאַרן שלום אין אייראָפּע.

גענעראַל סקוואַרשינסקי, דער שעף פון דער רעגירונג־פּאַרטיי אין פּוילן, האָט אָנגעהויבן ווערן אומרויִק. „פּוילן מוז זיך איצט שטיצן אויף אייגענע כּוחות", האָט ער געזאָגט.

די יידישע פּרעסע האָט געשריבן אַז די פּוילישע גרענעצן מוזן פאַר־שטאַרקט ווערן. דער יידישער ישוב וועט שטעלן אַלע זײַנע כּוחות צו דער דיספּאָזיציע פון דער רעגירונג.

פּוילן האָט אויסגערופן אַ מלוכה־הלוואה פאַר לופט־פאַרטיידיקונג און, אין דער זעלביקער צײַט, אויך גערעדט וועגן פאַרפּוילישן דעם האַנדל אין יידישן באַלעוווקעס־ראַיאָן. פּיקעטן האָבן ווידער פאַרטריבן קונים פון יידישע געשעפטן. אין ראַדעם זענען אַ פּוילישער זשורנאַליסט און זײַן רעדאַקטאָר פאַרמישפּט געוואָרן צו תּפיסה פאַרן שרײַבן אַז די יידן אין שטעטל פּשיטיק דראָט אַ סכּנה.

דעם 21סטן מאַרץ האָט ריבענטראָפּ שוין גערעדט צום פּוילישן אַמבאַ־סאַדאָר האַרבע רייד. דער פירער איז איבערראַשט פון פּוילנס באַציִונג

צו זײַנע פֿאָדערונגען. ליפּסקי זאָל גלײַך פֿאָרן קיין פּוילן זען אַז דער אויסערן־מיניסטער בעק זאָל קומען קיין בערלין, און קומען וואָס פֿריִער, צו פֿאַרהאַנדלען מיט היטלערן וועגן דאַנציק, די אויטאָבאַן, און וועגן אַ בשותּפֿודיקער אַנטיסאָוועטישער פּאָליטיק. דער פֿירער ווערט אומ־געדולדיק.

דעם זעלביקן טאָג האָט די ליטווישע רעגירונג אָנגענומען דעם דײַטשישן אולטימאַטום, די פֿרײַשטאַט מעמעל זאָל אַנעקסירט ווערן צו דײַטשלאַנד.

דער פּוילישער סיים איז דעם טאָג געווען פֿאַרנומען מיט אַ דעבאַטע וועגן דער ייִדישער שחיטה, וואָס האָט ווי אַלע דעבאַטעס אין דעם „פּאַרלאַמענט פֿון איין פּאַרטיי בחסד רעגירונג״, זיך געענדיקט מיט אַ פֿאַרויסגעזעענעם זיג פֿאַר דעם רעגירונג־פֿאָרלייג. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ צו פֿאַרבאָטן די ייִדישע שחיטה.

היטלער איז צוריקגעקומען פֿון דעם טריומף־פּאַראַד אין מעמעל דעם 24סטן מאַרץ און צו מאָרגנס געהאַט אַ שמועס מיט גענעראַל פֿאָן בראַוכיטש וועגן פּוילן. ער האָט געזאָגט אַז ער וויל נישט נוצן מאַכט אין דעם דאַנציק־קאָנפֿליקט און אַרײַנטרײַבן פּוילן אין די אָרעמס פֿון ענגלאַנד. דער פֿירער האָט אין דער זעלביקער צײַט אָנגעזאָגט זײַן גענעראַל צו טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט ווען דײַטשלאַנד וועט אין גינסטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען רעדוצירן פּוילן צו אַ מאָס ווען זי וועט מער נישט קומען אין באַטראַכט ווי אַ פּאָליטישער פֿאַקטאָר.

דעם 31סטן מאַרץ האָט טשעמבערלען פּראָקלאַמירט אין פּאַרלאַמענט אַז אויב פּוילן וועט אַטאַקירט ווערן און וועט זיך אַקעגנשטעלן, וועלן ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך געבן פּוילן יעדע מעגלעכע הילף.

היטלער איז אַרײַן אין אַ פֿוריע. אַ טאָג שפּעטער האָט ער געהאַלטן אַ רעדע צום אַראָפּלאָזן אין וואַסער די קריגשיף טירפּיץ. ער האָט געוואָרנט ענגלאַנד אַז ווער ס'וויל אַרויסכאַפּן הייסע קאַשטאַנעס פֿון פֿײַער ברייט זיך אָפּ די הענט, ער האָט אָבער פֿאַרזיכערט אַז דײַטשלאַנד האָט נישט בדעה צו אַטאַקירן אַנדערע פֿעלקער, אַ סימן — ער האָט נאָך מיט דרײַ וואָכן פֿריִער באַשלאָסן אָנצורופֿן די קומענדיקע נאַצי־פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ: „פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿאַר שלום״.

צוויי טעג שפּעטער, דעם דריטן אַפּריל, האָט היטלער געשיקט צו

דער אַרמײ דעם באַפעל צוצוגרײטן אַקציע װײַס, — דעם אָנגריף אויף פּוילן אויף דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939.

דעם 6טן אַפּריל האָט יוזעף בעק אונטערגעשריבן מיט ענגלאַנד אַ צײַטװײַליקן אָפּמאַך פון קעגנזײַטיקער הילף, ביז אַ פּערמאַנענטער אָפּמאַך װעט אויסגעאַרבעט װערן מיט אַלע פּרטים. איטאַליע האָט דעם 7טן אַפּריל אָקופּירט אַלבאַניע. דעם 13טן אַפּריל האָבן ענגלאַנד און פראַנקרײַך אויף דעם רעאַגירט מיט אַ גאַראַנטיע פאַר די גריכישע און רומענישע גרענעצן.

דעם 28סטן אַפּריל האָט היטלער געהאַלטן אַ רעדע אין רײַכסטאַג. ער האָט מבטל געמאַכט דעם דײַטש-ענגלישן פלאָטאָפּמאַך פון 1935, און גלײַכצײַטיק אויסגעדריקט זײַן באַװוּנדער און פרײַנדשאַפט צו דעם ענגלישן פאָלק. ער פאַרשטײט גאָר נישט פאַר װאָס זײ װײַזן אַרויס אַזאַ אומצוטרוי צו אים און פירן איצט אַ פּאָליטיק פון אַרומרינגלען דײַטשלאַנד.

ער האָט גערעדט װעגן די גרויסע קאָנצעסיעס װאָס ער האָט פאַר־געלײגט פּוילן בשײַכות מיט דאַנציק און דעם קאָרידאָר. די װעלטפּרעסע האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול אַז דײַטשלאַנד האָט בדעה צו אַטאַקירן פּוילן. פּוילן האָט זיך גענומען מאָביליזירן, אָבער דײַטשלאַנד האָט נישט מאָביליזירט קײן אײן זעלנער און האָט נישט בדעה צו נעמען קײן שום שריט קעגן פּוילן. די בילבולים פון דער פּרעסע האָבן דערפירט צו דעם אַז פּוילן זאָל שליסן אַן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד װאָס קאָן אַ מאָל דערפירן פּוילן זאָל דאַרפן נעמען מיליטערישע שריט קעגן דײַטשלאַנד. דערמיט האָט פּוילן אײנזײַטיק איבערגעריסן דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט מיט דײַטש־לאַנד. פון דעסט װעגן, האָט היטלער פּראָקלאַמירט, איז ער גרײט צו פאַרהאַנדלען אויף ס׳נײַ װעגן אָפּמאַכן מיט פּוילן און ענגלאַנד.

פרײַטיק, דעם 5טן מײַ, האָט דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער גע־געבן אין סײם זײַן ענטפער אויף היטלערס רעדע: „פאַרהאַנדלונגען אין װעלכע אײן מדינה שטעלט אַרויס פאָדערונגען און די אַנדערע האָט נאָר די ברירה זײ אָנצונעמען װי דיקטירט, זענען נישט קײן פאַרהאַנד־לונגען״.

✶

די וועגן קיין ארץ־ישׂראל זענען פול געווען מיט פּליטים. חלוצים פון פּוילן, אונגערן און רומעניע וואָס זענען מיד געוואָרן צו זיצן יאָרן אויף הכשרה און זיך נישט דערוואַרט אויף אַ סערטיפיקאַט. פּליטים פון דייטשלאַנד, דאַנציק, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס די נאַציס האָבן געברענט זייערע טריט, האָבן געשוואַרצט גרענעצן, געראַנגלט זיך מיט שווינדלערס און שיף־אייגנטימערס וואָס האָבן צוגענומען דאָס געלט און נישט צוגעשטעלט די שיף, אָדער צוגעשטעלט די שיף און פאַרגעסן זי צו באַזאָרגן מיט שפּייז. שיפן אָנגעפירט פון חלוצישע אָרגאַניזאַציעס און שיפן וואָס די פּליטים האָבן אַליין זיך באַזאָרגט ווען זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף הילף. שיפן האָבן געברענט אויפן ים, שיפן זענען געזונקען, שיפן זענען געטריבן געוואָרן פון ברעגעס, באַשאָסן געוואָרן פון פאַלעסטינער פּאָליציי־שיפלעך. די שיפן האָבן נישט אויפגעהערט שווימען. אַ ווילדער געלאַף, אַ מסאַמפּיד פון פּליטים איז געלאָפן צו די ברעגעס פון דעם לאַנד וואָס האָט באַדאַרפט זיין זייערס. אָבער די טשעמבערלען־רעגירונג וואָס האָט זיך שוין אויסגעניכטערט פון די פּרוּוון אונטערצוקויפן היטלערן אויפן חשבון פון טשעכישן פאָלק, האָט געזוכט אַ נייעם מינכן אונטערצוקויפן דעם היטלער פון מיטעלן מיזרח, גרויס־מופטי האַדזש אַמין על חוסייני, אויפן חשבון פון די יידן.

אַ שיף מיט דריי הונדערט און פופציק אומלעגאַלע עולים איז פון דער פאַלעסטינער גרענעץ־פּאָליציי צוריקגעטריבן געוואָרן אין ים אַריין. די שיף בוענאַ, וואָס מיינט אויף גריכיש גוט, איז דווקא נישט געווען קיין גוטע שיף. אַלט, שמוציק, און איבערגעלאָדנט, האָט די שיף זיך געשלעפּט צוריק צו די גריכישע אינדזלען. אָבער ענגלאַנד האָט אינטערווענירט אַז גריכנלאַנד זאָל די שיף נישט אַרייַנלאָזן. ציוניסטישע שליחים זענען געלאָפן פון מלוכה צו מלוכה אויסבעטן אַ לאַנדונג־רעכט. טערקיי האָט אָפּגעזאָגט, רומעניע האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, יוגאָסלאַוויע האָט צוגעזאָגט און באַלד חרטה געקראָגן. די שיף האָט זיך געשלעפּט איבערן מיטללענדישן ים מיט דריי הונדערט און פופציק דערשעפּטע, קראַנקע חלוצים פון פּוילן. סוף־כל־סוף האָט די פּוילישע רעגירונג מסכים געווען זיי אַרייַנצולאָזן, בתנאי זיי זאָלן נישט צוריקגיין אין זייערע היימען, נאָר אינטערנירט ווערן אין אַ לאַגער מיט דער גאַראַנטיע פון דער יידישער אַגענץ אַז זי וועט זיי פון דאָרט אַרויסנעמען.

דעם 25סטן אַפּריל האָט מען זיך דערוווּסט אַז פינעף און זיבעציק פון די טויזנט פּליטים אויף דער גריכישער שיף פּאַרנאַגיאַס זענען אויס־געגאַנגען פון הונגער און דערשעפּטקייט נאָך דעם ווי ענגליש מיליטער האָט די שיף פאַרטריבן פון די ברעגעס פון אַשקלון, און ענגלישע דיפּלאָ־מאַטן האָבן געפּועלט מע זאָל זיי נישט צולאָזן צו קיין ברעג אויף דעם מיטללענדישן ים. דער געוועזענער פּלאַט־מיניסטער, דאַף קופּער, וואָס האָט נאָך מיבּכן רעזיגנירט פון דער טשעמבערלען־רעגירונג, האָט אונטער אַ גרויסן קאָפּ השומר אחי אנכי? געשריבן אַז עס איז פאַרברעכעריש פון ענגלאַנד אין דעם איצטיקן מאָמענט צו פאַרטרײַבן פּליטים.

די גוטע וועטער פון ענגלישע מלוכה־מענער זענען אַלע מאָל געקו־מען אײדער זיי זענען אַרײַן אָדער נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס פון דער רעגירונג.

קאַפּיטל אַכט

סגל

א.

די פאַרבעט־קאַרטעס צו דער חתונה פון מינדעלען מיט פינטשען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָך פאַר פסח. דעם ערשטן טאָג חול־המועד האָבן פוילן און ענגלאַנד אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך פון קעגנזייטיקער הילף. די מורא פאַר מלחמה האָט זיך אײַנגעשטילט. אַז דער היטלער איז נישט קיין נאַר זעט מען דאָך פון דעם וואָס ער האָט ביז איצט באַוויזן צו פירן די וועלט אין באָד אַרײַן. ער פּראָבירט ווײַטער צו סטראַשען און שאַנטאַזשירן אָבער די וועלט האָט זיך שוין דערקענט אויף זײַן בלאָף.

האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה מיט אַ בעסער געמיט. מע האָט זיך געריכט אויף אַ סך געסט, סײַ פון חתנס צד, סײַ פון דער כּלהס צד. בלויז דער בית־המדרש האָט געקאָנט אַרײַננעמען אַזוי פיל מענטשן אויסגעזעצט בײַ טישן. באַלד נאָך פסח האָבן באַלמעלאַכעס זיך גענומען יאָווען אין בית־המדרש. קיינער האָט נישט געוווּסט ווער עס האָט זיי געשיקט. טישלערס האָבן צו רעכט געמאַכט די אויסגעטראָטענע פּאָדלאָגע; שטובן־מאַלערס האָבן געבראַכט זייערע לייטערס, פּענדזלען, און עמערס פאַרב. מע האָט אויף ס'נײַ אַרומגעהובלט די לאַנגע בית־המדרש־טישן, אָװעקגעשאָבן די קאַרבן, אויסגעשניטענע מיט די טאַשן־מעסערלעך פון די בית־המדרש־בחורים. מע האָט אַפילו פאַרריכט די פּאָליצעס, אָפּגעשטויבט די גאַנצע ספרים, און איבערגעבונדן די צעריסענע. קינד־און־קייט האָט זיך געגרייט צו דער חתונה פון דעם רבס מיזיניקע און דעם זון פון חשובסטן באַלעבאָס אין שטאָט.

אַן אומרו האָט געמאַטערט פינטשען אַ גאַנצע וואָך פאַר דער חתונה. ווען ער איז געווען אויף מאַניעס חתונה האָט זיך בערעק זיך באַמיט ער

זאָל זײַן מיט פּאַליען. ער האָט דעמאָלט זיך נישט געכאַפּט וואָס בערעק איז אויסן. ער האָט ערשט איצט, אין דער וואָך פון זײַן חתונה, באַגריפן אַלע בערעקס אַנצוהערעניש. וואָלט פּאַליע גרינבערג געווען בעסער פּאַר אים ווי מינדעלע? פּאַליע פלעגט זײַן שפּילעוודיק, פריילעך. ער האָט אַ מאָל געמיינט זי איז אַ פּוסטע, לײַכטזיניקע „וואַרשאַוויאַנקע". לעצטנס איז זי געוואָרן אַקטיוו אין ציוניסטישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס, אָבער זי איז געוואָרן שוין צו פיל ערנסט. דער וואָס וועט זי גליקלעך מאַכן וועט האָבן סײַ איר שפּילעוודיקייט, סײַ איר ערנסטקייט. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געחלומט וועגן יאַנקלס שוועסטער שפּרינצע. האָט אים שוין אַ מאָל געחלומט וועגן יאַנקלען? ניין. דעם בעסטן חבר האָט ער פאַרגעסן, אָבער זײַן שוועסטער געדענקט ער ווײַל זי האָט שיינע פיס, ווײַל זי איז הויך און שלאַנק ווי אַ סאָסנע. אַפּילו איצט לויפן אָן אין דמיון אַזעלכע איבערגעטריבענע פאַרגלײַכן „ווי אַ סאָסנע". אַ חתן אין דער וואָך פון דער חתונה?

ל״ג־בעומר איז געווען זונטיק דעם זיבעטן מײַ. רוב געסט זענען שוין געקומען אויף שבת צום אויפרופן. געסט פון פרינטשיץ, דעם רבס געבוירן־שטאָט; פון פּרינסק, ווו די רביצין איז אויסגעוואַקסן; פון וואַרשע, ווו אין דער אײַזן־ און לעדער־בראַנזשע האָבן געקיניגט די קרובים פון פינטשעס מוטער, און ווו דער רביצינס שוואָגערס האָבן געהאַט זייערע צירונג־געשעפטן; פון כעלמיש — דעם רבס ערשטע רבנות־שטאָט. רבנים פון איבער גאַנץ פוילן וואָס פלעגן זיך איבער־שרײַבן מיטן רב אין פּילפּול און שאלות־ותשובות. עס זענען אויך געקומען געשעפט־פאַרבינדעטע פון „מילקעס און ברײַער" — פון גאַנצן לאַנד.

דאָס אויפרופן אין שיל, דער קידוש בײַ ר׳ שלמהן, שלש־סעודות בײַם רבס טיש — כאָטש מע האָט שבת צו נאַכט געמאַכט הבדלה — האָט זיך אויסגעוויזן אַז די שבתדיקייט האָט זיך נישט געענדיקט. זונטיק איז געווען ווי אַ צווייטער טאָג יום־טוב. מע האָט ווײַטער געטראָגן די זײַדענע יופּעצעס און סאַמעטענע היטעלעך; געכטן לכּבֿוד שבת, הײַנט לכּבֿוד דער חתונה. די גאַסן זענען פול געווען מיט אויסגעפּוצטע געסט. די גורוויטשער זענען געשטאַנען אין די גאַסן און נאָכגעקוקט די הדרת־פּנימדיקע רבנים אין לאַנגע זײַדענע מאַנטלען און הויכע קאַפּעליושן. אַנדערע האָבן גאָר באַוווּנדערט די אויסגעפּוצטע צירונג־באַהאַנגענע

דאַמעס פון וואַרשע. אַפילו די יוגנטלעכע אין די ל״ג־בעומר־פּאַראַדן האָבן אויסגעדרייט די קעפּ נאָכצוקוקן די געסט.

אַ טומל בײַ ר׳ שלמה מילקעס אין הויז. אַלע טירן אָפן. געסט און גוט־ווינטשערס זענען געגאַנגען אַרײַן און אַרויס. די אויסגעפּוצטע געסט האָבן זיך אויסגעמישט מיט אָרעמע טירן־גייערס וואָס זענען געקומען פון ווי ווײַט צו דעם אָרעממאַל. פּינטשעס עלטערער ברודער, גדליה, האָט יעדן פון זיי געגעבן אַ זלאָטע. אַפילו אין דעם גרויסן האַרמידער האָט ער דערקענט בעטלערס וואָס זענען שוין עטלעכע מאָל צוריקגעקומען. ער האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק און ווײַטער געטיילט די זלאָטע־באַנקנאָטן — נישט יעדן טאָג איז אַ חתונה בײַ די מילקעסעס. עס זאָל נאָר די אָרעמע־לײַט נישט שאַדן וואָס זיי גייען אויך כסדר צוריק צו די טישן מיט כּיבוד. ער האָט שוין געהייסן אַראָפּנעמען דעם ווײַן און דעם בראָנפן פון די טישן. שיכּורע בעטלערס קאָנען פאַרשטערן די שׂימחה.

דער טומל אין הויז איז דערגאַנגען צו פּינטשען ווי פון ערגעץ ווײַט. ער איז געזעסן אין זײַן שטוב און אַרײַנגעקוקט אין אַ ספר. ער האָט געלייענט די שורות און זיי נישט באַנומען. ער האָט געפּרעפּלט די פּסוקים פון תּהילים, אָבער אַז דאָס סידורל האָט זיך פאַרמאַכט, האָט ער נישט געוווּסט ווו ער האַלט. בײַ־אָנגעקומענע געסט זענען אַרײַנגעקומען אים באַגריסן. ער האָט גערעדט מיט זיי, געענטפערט אויף פראַגעס, געפרעגט זיך אויף זייער משפּחה, און שפּעטער נישט געדענקט מיט וועמען ער האָט גערעדט. ער איז געווען אַזוי פאַרטראַגן, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט געקענט אויסמאָלן מינדעלעס געשטאַלט. ניין, ס׳איז נישט געווען די שוואַכקייט פון פאַסטן. אַלע רייד, אַלע מחשבות זענען עפּעס געווען ווי פון דרויסן פון אים. אין אים איז אַלץ פול געווען מיט אַ וויסיקייט אַז ס׳איז גוט. דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען מיט אַ שטילקייט און פאַרכטיקייט ווי די יום־כּיפּורדיקע נעילה־שעה ווען מע האָט שוין אויס־געפּאַסט פאַר אַלע פאַרגאַנגענע זינד, אויסגעוויינט אַלע תּפילות, און אויפגעמאַנט פאַר אַלע זכותים. די השגחה האָט אים אָפּגעהיט פון שטרויכ־לונגען, אַרויסגעפירט בשלום פון אַלע בלאָנדזשענישן און דערפירט צו אַ ברעג ווו עס וואַרט אויף אים אַ גוט קוויטל, אַ ליכטיקער גורל. דער אייבערשטער זאָל אים נאָר העלפן ער זאָל עס ווערט זײַן.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז דער השומר האָט צוריקמאַרשירט פֿון דעם ל״ג־בעומר־פּאַראַד גראַד דעמאָלט ווען דער חתונה־פּאַראַד איז געגאַנגען צו דער שיל. יפה שטיגל האָט בכּיוון געפֿירט איר גרופּע אַדורכצושנײַדן דעם חתונה־עולם. זי האָט מיט בייזע בליקן געזוכט דעם חתן. זי האָט דערקענט פּינטשעס פּנים אין אַ חסידאַק מיט אַ שטרײַמל אויפֿן קאָפּ. זי האָט זיך צעלאַכט. גוט אַז דאָס האָט נישט געטראָפֿן איר שוועסטער.

עס איז געווען צו מאָרגנס נאָך דער חתונה. מע האָט שוין געדאַרפֿט גײן צו די שבע־ברכות, אָבער פּינטשע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן מינדעלעס האַנט און גערעדט. ער האָט אַזוי פֿיל מאָל געוואָלט אָנטאָן זײַנע געפֿילן אין אַ לבוש פֿון ווערטער און אַרויסברענגען עס פֿאַר איר; זײַן האַרץ איז געווען פֿול, אָבער די צונג איז געווען געליימט, און מינדעלע האָט געליטן פֿון זײַן שווײַגן. איצט איז עס געפֿלאָסן פֿון אים ווי פֿון אַ קוואַל, ווי אַ נישט־געזעענע טאַמע וואָלט אַוועקגענומען געוואָרן און די געפֿילן זענען פֿרײַ געפֿלאָסן פֿון האַרץ צו האַרץ. זי האָט געוווּסט וואָס ער פֿילט נאָך איידער ער האָט עס געזאָגט, און ער האָט געוווּסט וואָס זי טראַכט נאָך איידער זי האָט געעפֿנט דאָס מויל. „געדענקסט, מינדעלע, כ׳האָב דיר אַ מאָל געזאָגט אַז פֿאַר דיר האָב איך קודם־כּל דרך־ארץ, האָט עס דיר פֿאַרשאַפֿט צער. דו ביסט נישט גערעכט, מינדעלע. רויע תאווה צינדט זיך און ברענט זיך אויס ווי אַ שוועבעלע, און שאַפֿט נישט דעם טיפֿן אינערלעכן בונד וואָס בלײַבט אויף אייביק. איך באַגער דיך און באַוווּנדער דיך אין דער זעלביקער צײַט. די הנאה דערגייט צו עקזאַלטאַציע און איז דוויערעוודיק. עס איז מיר גוט מיט דיר, מינדעלע, און עס וועט דיר גוט זײַן מיט מיר. אַלע מאָל, אייביק״

טרערן האָבן אַראָפּגעוואַשן אַ טרויער פֿון מינדעלעס אויגן. זיי זענען געוואָרן רויט פֿון וויינען, אָבער עס האָט אַרויסגעלויכטן פֿון זיי אַ מילדקייט און די מילדקייט האָט זי אַרומגענומען ווי אַן אַרעאָל. די רביצין האָט עס דערזען און אַלע אירע מוראס זענען פֿאַרשוווּנדן. זי האָט דערפֿילט אַז זי האָט אַ גײַ קינד, פּינטשע, וואָס וועט פֿאַרגיטיקן אויך פֿאַר דעם וואָס זי האָט פֿאַרלוירן יואלס נאָענטקייט אַפֿילו איצט ווען ער איז אין דער היים אויף אַ ווײַלע. ער וועט בלײַבן נאָר ביז איבער דער חתונה.

ב.

פראָפעסאָר שוב האָט געהאַט טענות צו גרינבערגן „אַ שאָד בערעק זאָל פאַרטאַכלעווען זײַן גאַנצע קרעאַטיוויטעט אין מיסחר. אַזאַ אָרגאַ־ניזירטער מענטש מיט אַן אינסטינקט פאַר געשיכטע. ער קאָן אויסוואַקסן אַ היסטאָריקער מיט פאַרנעם".

„ער שרײַבט דאָך", האָט דער פאַן גרינבערג זיך פאַרענטפערט, „ער דרוקט דאָך אין ,נאַש פּזשעגלאָנד׳".

„פאַר אַ טאָגצײַטונג איז עס גוט. ער טוט לעצטנס נישט גענוג פאַרשאַרבעט".

„איך לאָז אים דען נישט? ער האָט אַ לײַנדשאַפט צו מיסחר".

ווען פראָפעסאָר שוב האָט געזאָגט בערעקן ער זאָל אַ ביסל צוימען זײַן לײַדנשאַפט צו מיסחר, האָט בערעק נאָר פון דרך־ארץ זיך צוריק־געהאַלטן פון לאַכן. ער איז געווען צופרידן מיט זײַנע ערשטע הצלחות. ער האָט זיך געוואָלט באַוויַיזן פאַרן שווער, פאַר מאַניען. שלום טיטנמאַ־כערס זון פון אַ גורוויטשער קעלערשטוב קאָן אויפטאָן נישט ווייניקער ווי די שטײַפע צילינדער־לײַט פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע. ס׳איז יענע מעשה מיטן בער. ער האָט אַרומגענומען דעם בער נאָר זיך צו פאָטאָגראַפירן, איצט האַלט דער בער אים, און ער מוז נאָך שמייכלען צום בייזן שפּיל. אַז ער רײַסט זיך שוין אַרויס פון געשעפט און קומט אַ פאַרשפּעטיקטער צום מיטאָג, נעמט באַלד דער טעלעפאָן קלינגען. אַן אינספּעקטאָר פון שטײַעראַמט איז געקומען, אַ קונה וויל אַ גרעסערן קרעדיט, וועקסלען זענען צוריקגעקומען נישט באַצאָלט. דער שווער איז אין געשעפט, מע קלינגט פון דעסט וועגן צו אים. וויל דער שווער אַזוי אַרום הייבן זײַן חשיבות?

בערעק האָט זיך געאײַלט צוריק אין געשעפט. מאַניע האָט געהאַט טענות: „דיר איז חשובער צו פאַרקויפן אַ שטיק לעדער, אַ קילאָ היל־צערנע שפּײַלן, ווי זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט דײַן קינד".

„זאָל נאָר דער סעזאָן זיך ענדיקן", האָט בערעק געטרייסט מאַניען, „איצט קאָן איך נישט אַלץ אַרויפוואַרפן אויפן טאַטעשי".

נאָך איידער דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט, האָט דער שווער אים

געקויפט אַ שײנע דירה אויף דער ייִחוסדיקער ניִוועלט־גאַס. דער טאַטוש האָט געהײסן מאַניען זי זאָל אויסמעבלירן און אויספוצן די דירה אויף זײַן חשבון, און מאַניע האָט געהאַט אַ טײַערן געשמאַק. ווי האָט בערעק איצט געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך עולן?

בערעק האָט אָפּגעדרוקט אַן עסײ, זעגען דאָרט אַרײַנגעפאַלן פעלערן. די פעלערן זענען אײגנטלעך נישט אַרײַנגעפאַלן פון זיך אַלײן. עמעצער האָט געשריבן וועגן ייִדישער פילאָסאָפיע. יענער האָט ציטירט פילאָן פון אַלעקסאַנדריע. בערעק האָט ציטירט פון דעם ציטאַט אין אַן אַרבעט וועגן „ייִדישע ווערטן געשאַפן פון ייִדן אין דיאַספּאָרע”. ערשט נאָך דעם ווי דער עסײ איז געווען אָפּגעדרוקט האָט ער געפונען צײַט נאָכצוקוקן דעם ציטאַט אין דעם מקור. בערעקן האָט אַזש פאַרשטיקט אין האַלדז. די ווערטער זענען געווען ריכטיק ציטירט, אָבער האָבן נישט איבערגעגעבן די אידעע פון דעם גאַנצן טעקסט. דער יונגער פילאָסאָף האָט נישט פאַרשטאַנען פילאָנס געדאַנק און בערעק האָט זיך געלאָזט פון אים פאַרפירן.

אַז אַ סוחר באַנקראָטירט אײן מאָל וועט ער שוין קײן מאָל נישט קאָנען רײַנוואַשן זײַן נאָמען. אַזוי איז עס אויך מיט אַ היסטאָריקער וואָס האָט אָנגעזעצט. אַז אַ וויסנשאַפטלער ברענגט אַ ציטאַט וואָס ער האָט נישט קאָנטראָלירט אין דעם מקור, איז עס אַ באַנקראָט אַפילו אויב דער ציטאַט איז יאָ ריכטיק איבערגעגעבן.

בערעק איז אַוועק צום שווער אַהײם, אַ רעד טאָן וועגן באַגרענעצן זײַן אַרבעט אין געשעפט. „גוט וואָס ביסט געקומען”, האָט פעליקס גרינבערג אים געזאָגט, „איך דאַרף טאַקע מיט דיר רעדן”.

דער שווער האָט געהאַט אַזאַ ערנסט פּנים אַז בערעק האָט זיך אַזש דערשראָקן.

„לײען דאָס”, האָט דער שווער אים געגעבן אַ דאָקומענט.

בערעק האָט גענומען לײענען. ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון געררירטקײט.

„כ'האָב געפּלאָנט עס דיר צו דערלאַנגען מיט גרויס פּאָמפּע, די גאַנצע משפחה זאָל זײַן דערבײַ. דערזען דיך אַרײַנקומען, האָב איך זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן”.

גרינבערגס גוטע אויגן האָבן געפינקלט ווי בײַ אַ קינד ווען עס

געלינגט אָפּצוטאָן אַ שפּיצל. בערעק האָט נאָך אַ מאָל אַרײַנגעקוקט אין דאָקומענט. ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות, דער שווער האָט אים לעגאַל אָפּגעשריבן פינעף און צוואַנציק פּראָצענט פון זײַן געשעפט.

„אַז ביסט געקומען אַליין איז עס דאָך נישט קיין וויזיט", האָט דער שווער זיך דערמאָנט צו פרעגן, „ווילסט עפּעס רעדן מיט מיר?"

„ניין, גאָר נישט קיין ספּעציעלס. כ'בין געווען אין שכנות, בין איך שוין אַרײַנגעקומען. כ'ווייס נישט ווי דעם שווער אָפּצודאַנקען. דאָס איז באמת צו פיל".

„בערעק, — ניין, כ'וועל דיר בעסער נישט זאָגן וואָס כ'בין געגאַנגען זאָגן. כ'קאָן דיך נאָך איבערצײַגן אַז ס'איז צו ווייניק".

ווען בערעק האָט אַהיימגעבראַכט דעם דאָקומענט און עס געוויזן מאַניען, האָט זי זיך גאָר צעווײנט: „דו דאַרפסט דעם טאַטוש דערמאָנען אַז איך בין דײַן ווײַב, וועט ער אפשר צו מיר אויך עפּעס פילן".

„מאַניושאַ, דאָס איז דאָך פאַר אונדז ביידן".

„ער האָט עס געמעגט דערלאַנגען אונדז ביידן צוזאַמען. איך עקסיס־טיר פאַר אים נאָר ווי דײַן ווײַב".

*

נאָך זײַן חתונה איז בערעק מער נישט געקומען צו אַלע זיצונגען פון אחווה, אָבער די אחווה־מענטשן האָבן נישט אויפגעהערט קומען צו אים. ער האָט נישט געהאַט די דרײַסטקייט נישט אָנצונעמען אַ טעלעפאָן־רוף פון דעם סטודענטן־פאַראיין, אפילו ווען ער איז געווען אין מיטן פון געשעפטלעכע ענינים. זיי קאָן זיך דאַכטן אַז עס שטייט אים מער נישט אָן צו האָבן מחזקות מיט די אָרעמע סטודענטן.

אין די סטודענטן־קרײַזן זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן בע־רעקס עשירות. „איר מיינט דער ,נאַש פּושעגלאַנד' האָט סתם אין דער וועלט אַרײַן גענומען דרוקן עפּשטיינס געשיכטע־שרײַבעכצן? ער האָט שטילערהייט געגעבן אַ קויף אָפּ אַ גרויסע צאָל אַקציעס אין דער צײַטונג, און די רעדאַקטאָרן ליגן שוין בײַ אים אין די הענט".

אַן אַנדערער האָט געזאָגט: „אַז זײַן שווער איז אַ גרויסער בעל־דעה אין שובס סינאַגאָגע, מוז דער פּראָפעסאָר שוב אים לויבן".

מע האָט מקנא געווען דעם ד"ר עפּשטיין, זײַן שיין ווײַב, זײַן אָנזען,

זײַן עשירות. דער סאָציאַליסטישער פליגל פון סטודענטן־פאַראײן האָט אים גישט געקאָנט מוחל זײַן וואָס פון אַ קעמפערישן פּראָלעטאַרישן סטודענט איז ער געוואָרן אַ צופרידענער מיט זיך בורזשוי. אָבער ווען מען איז געבליבן שטײן פאַר אַ שווער פּראָבלעם האָט זיך אַלע מאָל געפונען עמעצער וואָס האָט געוואָלט וויסן וואָס ד״ר עפּשטײן זאָגט וועגן דעם, און ווי אַזוי ער קאָן אויסנוצן זײַן פּרעסטיזש און זײַנע פאַרבינדונגען צו העלפן.

ג.

עס איז לײַכטער אָנגעקומען פעליקס גרינבערגן צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט צו העלפן ייִדישע סטודענטן, ווי עס איז אָנגעקומען בערעקן צו פאַראײניקן די פאַרשידענע סטודענטן־קלובן. די ציוניסטן האָבן גע־האַלטן אַז אַן אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע סטודענטן דאַרף זײַן ייִדיש, און ייִדיש מײנט נאַציאָנאַל. אין אָנבליק פון כּסדרדיקן טעראָר אין ארץ־ישׂראל דאַרף מען באַלד בײַ דער גרינד־פאַרזאַמלונג אָננעמען אַ פּראָ־טעסט־רעזאָלוציע קעגן ענגלאַנד. די בונדיסטן האָבן געטענהט, אַז היות דער בונד האָט געוווּנען די גרעסטע צאָל מאַנדאַטן אין די קהילה־וואַלן און די גרעסטע צאָל ייִדישע מאַנדאַטן אין די שטאָטראַט־וואַלן, דאַרפן די בונדישע סטודענטן באַקומען אַ גרעסערע צאָל פאַרשטײערס אין דער פאַרוואַלטונג פון סטודענטן־פאַראײן ווי די אַנדערע פּאַרטײען. די קאָ־מוניסטן האָבן געוואָלט מע זאָל זײ פאַרזיכערן פון פאָרויס אַז מע וועט געבן הילף פאַר פּאָליטיש אַרעסטירטע סטודענטן.

די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן חדשים לאַנג. אין צווישנצײַט האָט דער בונד אַלײן צעשטערט דעם פּרעסטיזש פון די וואַל־נצחונות. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופן אַן אײן־שעהיקן פּראָטעסט־שטרײַק צו סאָלידאַריזירן זיך מיטן גענעראַל־שטרײַק פון דעם ייִשוב אין ארץ־ישׂראל קעגן דער מאַקדאָנאַלד־גזירה אין גאַנצן אָפּצושטעלן די ייִדישע עליה. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד האָט באַשלאָסן צו ווײַזן זײער כּוח אויף דער ייִדישער גאַס. זײ האָבן געטײלט אויפרופן צווישן די קרעמערס, געדרוקט אַרטיקלען קעגן שטרײַק אין דער פאָלקס־צײַטונג. אין טאָג פון שטרײַק זענען פרײַוויליקע געלאָפן פון געוועלב צו געוועלב

און גערופן צו ברעכן דעם שטרײַק פון די ציוניסטן וואָס מיינען אַז זיי האָבן דעם כּלל־ישׂראל אין קעשענע. אָבער ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן דרײַ אין דעם טאָג פון 22סטן מײַ 1939, האָבן אַלע ייִדישע געשעפטן זיך געשלאָסן. די סטראַגאַנעס אין די האַלעס האָבן אַראָפּגעלאָזט די אײַזערנע לאָדנס; די חסדלעך האָבן אַרײַנגעפירט זייערע האַנטוועגעלעך מיט סחורה אין די טויערן; צײַטונג־פּאַרקויפערס האָבן פאַרדעקט זייער סחורה מיט אַלטע צײַטונגען. די פּאַפּיראָסן־הענדלערס וואָס האָבן געטראָגן זייער „קראָם" אויף זיך — אַ הילצערן שאַכטל מיט אַליין־געמאַכטע פּאַפּיראָסן אָנגעהאָנגען מיט אַ שטריק אויפן האַלדז — האָבן אַראָפּגעלאָזט דאָס דעקל פון שאַכטל און זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן זייער סחורה. אויף גענשע־גאַס האָט די שטרײַק־שעה געטראָפן אַ טרעגער מיט אַ גרויסן פּאַק סחורה אָנגעלאָדנט אויף זײַן פּלייצע. אַראָפּנעמען די סחורה אין מיטן גאַס האָט ער נישט געקאָנט, צוריקגיין איז געווען צו ווײַט, טראָגן עס צו דער עקספּעדיציע האָט ער נישט געוואָלט, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ וואַנט, אָנגעלענט די משׂא אין דער מויער, און אַזוי געוואַרט די שטרײַק־שעה זאָל זיך ענדיקן.

אַז דאָס גאַנצע ייִדישע וואַרשע האָט געשטרײַקט, האָבן איצט די ציוניסטן געפאָדערט אַ גרעסערע פאַרטרעטערשאַפט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער הילף־אָרגאַניזאַציע.

„די וואַלן און דער שטרײַק האָבן באַוויזן אַז קיינער האָט נישט דעם כּלל־ישׂראל אין קעשענע", האָט ד"ר עפּשטיין געזאָגט. „אויב די צדדים וועלן זיך נישט אייניקן וועט דער פּאַטראָנאַט, וואָס באַשטייט פון די געלטגעבערס, אַליין פאַרוואַלטן מיט די פאָנדן".

די פּאַרטיי־מענטשן פון אַלע צדדים האָבן אויפגעוואָרפן בערעקן אַז ער וויל אַרויפצווינגען זײַן מיינונג מיטן כּוח פון די געלטגעבערס. „די דערוויַליקע נצחונות פון די דיקטאַטאָרן פאַרדרייען די קעפּ אויך בײַ די ייִדישע עסקנים", האָט דער בונדישער פאַרשטייער געביטערט, און סוף־כּל־סוף מסכּים געווען צו גלײַכער פאַרטרעטערשאַפט.

אַז מ'איז שוין געהאַט אַדורכגעקומען מיט דער פאַרטיילונג פון אַמטן, האָט מען זיך גענומען אַמפּערן וועגן אַ נאָמען. דער לאָגישסטער נאָמען וואָלט געווען סטודענטישע ברידערלעכע הילף. אָבער ברידערלעכע הילף איז אויף פויליש בראַטניאַ פּאָמאָץ און דאָס איז דער נאָמען פון דער

אַנטיסעמיטישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטן זענען גרייט געווען אָוועקצוגעבן דעם נאָמען פון זייער קלוב „אחוה" — ברודערשאַפט. די בונדיסטן האָבן נישט געוואָלט אײַנגיין אויף אַ העברעיִשן נאָמען אַפילו אין אַ פּוילישער טראַנסקריפּציע. מע האָט סוף־כּל־סוף זיך געאײַניקט אויף אַ לאַטײַנישן נאָמען: „אוקסיליוס אַקאַדעמיקום יודאַיִקום".

ד.

מאַניע האָט אויסגעוויינט בײַ בערעקן צו גיין מיט איר אין טעאַטער. בערעק איז דעם נאָכמיטאָג נישט צוריקגעגאַנגען אין געשעפט. ער, מאַניע און אַלעק זענען אַלע געזעסן אויף דער ערד און זיך געשפּילט ווי דרײַ קליינע קינדער. פּלוצלינג אַ קלונג אין דעם טירגלאָק. אַ סטודענט איז אַרײַנגעפאַלן אַ צעיאָכמערטער. „ד"ר עפּשטיין, איר מוזט אונדז העלפן".

בערעק האָט אים אַרײַנגעפירט אין שטוב. מאַניע איז זיי אַקעגנגעקומען. „מײַן פרוי", האָט בערעק זי פאָרגעשטעלט.

„מײַן אַכטונג צו דער פּאַני, בערקאָוויטש איז מײַן נאָמען", האָט דער אַרײַנגעקומענער זיך פאָרגעשטעלט. ער האָט נאָך געקושט מאַניעס האַנט און שוין אָנגעהויבן רעדן צו בערעקן: „כ'בין אויפן פאַקולטעט פון יורי. מיר האָבן אָפּגעזאָגט זיך צו זעצן אויף די געטאָבענק, אָבער פּראָפעסאָר ריבאַצקי לאָזט אונדז מער נישט שטיין בײַ דער וואַנט, ער האָט אונדז אַרויסגעשיקט פון קלאַס. מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן. לאָזן זיך אין גאַנצן אַרויסטרײַבן פון אוניווערסיטעט? דאָס ווילן דאָך די אַנטיסעמיטן. אָוועקזעצן זיך אויף די געטאָבענק? אויב איין קלאַס, אויף איין פאַקולטעט, וועט שלום מאַכן מיט די געטאָבענק, וועלן מיר פאַרשפּילן דעם קאַמף פאַר אַלע ייִדישע סטודענטן אויף אַלע אוניווערסיטעטן".

בערעק האָט נישט געקאָנט איבערלאָזן אַזאַ ערנסטן פּראָבלעם און גיין אין טעאַטער. ער האָט געמוזט מודיע זײַן די ייִדישע סיים־דעפּוטאַטן אַז אַ פּראָפעסאָר טוט די אַרבעט פאַר די אַנטיסעמיטן. ער האָט געמוזט טעלעפאָנירן צו די צײַטונג־רעדאַקטאָרן, זיי זאָלן אויפהייבן אַ שטורעם.

מאַניע איז געווען אין כּעס. בערעק איז אויך געווען אין כּעס. דער גורל פון די ייִדישע סטודענטן גייט זי נישט אָן?! ס'אַרט זי גאָר נישט

אַז יִידישער כּבוד ווערט געטראָטן מיט די פיס? ווי קאָן עס אַ מענטש אַראָפּוואַרפן פון זיך געזעלשאַפטלעכע אַחריות אין אַזאַ צײַט?

די אַנטיסעמיטן זענען אָנגעפאַלן און צעשלאָגן דעם פּראָפעסאָר האַנ־דלסמאַן. דער רעקטאָר האָט געשלאָסן דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ווען מע האָט ווידער געעפנט דעם אוניווערסיטעט האָבן די אַנטיסעמיטן פּראָקלאַמירט „אַ וואָך אָן יִידן". באַנדעס באַוואָפנט מיט מעסערס און שטעקנס זענען געשטאַנען בײַ די אַרײַנגענג צו די הויכשולן און פאַר־טריבן די יִידישע סטודענטן. אַ נאַציזיזונג בײַ בערעקן אין הויז האָט באַשלאָסן אַז די יִידישע סטודענטן זאָלן גיין אין אוניווערסיטעט אַרײַן פאַר טאָג, איידער די שלעגערס קומען. ווען די אַנטיסעמיטן האָבן געפונען די יִידן אין די קלאַסצימערן, זענען אויסגעבראָכן געשלעגן. מע האָט אַרעסטירט עטלעכע סטודענטן. פּאָליציי האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער פּוילישער „בראַטניאַ פּאָמאָץ" און דאָרט געפונען געווער און פּע־טאַרדעס. כּדי מע זאָל זיי נישט אויפוואַרפן אַז זיי נעמען זיך, חלילה, אָן פאַר די יִידן, האָט די פּאָליציי אויך געמאַכט רעוויזיעס בײַ די פירערס פון די יִידישע סטודענטן. אַן איטאַליענישע אָפּערע־טרופּע האָט גראָד געשפּילט אין דעם גרויסן טעאַטער. בערעק און מאַניע זענען שוין געווען אויסגעפּוצט צו גיין זען „קאַרמען", ווען פּאָליציי האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זייער הויז מיט אַ באַפעל צו מאַכן אַ רעוויזיע. די פּאָליציי האָט איבערגעלאָזט אַ חורבן אין הויז. צו מאַניען האָט מען געמוזט אַרויס־רופן אַ דאָקטער.

מאַניע האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך צו שטעלן בערעקן פאַר דער ברירה: אָדער זי און אַלעק, אָדער דער סטודענטן־פאַראיין און ס'געשעפט. גראָד דעמאָלט איז געשען דאָס אומגליק אין לעמבעריק.

די אַנטיסעמיטן האָבן דערשלאָגן צום טויט אַ יִידישן סטודענט, קאַראָל צעלמײַער. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיי אויפן פּאָליטעכניקום צעשטאָכן דעם סטודענט שמואל פּראָוולער. פּאָליציי האָט נישט געקאָנט אַרײַנקומען מחמת דער אוניווערסיטעט האָט די רעכט פון עקסטעריטאָ־ריאַלקייט. פּראָוולער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט איידער הילף איז געקומען.

בערעק איז אַוועקגעפאָרן קיין לעמבעריק ווי נאָר עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן מאָרד. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער באַקומען אַ

סך לויב פאַר זײַנע אויפטוען אין לעמבעריק. צען טויזנט מענטשן זענען געווען אויף דער לוויה. אויך פוילישע אַרבעטערס זענען געקומען מיט די פענער פון זייערע פאַראיינען. „ס׳איז געווען אַ מאַכטיקע דעמאָנסטראַ־ציע״, האָט מען אים געלויבט. בערעק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער פאָרשטייער פון די רעוויזיאָניסטן האָט גענומען אַ וואָרט: „דער געלאַסענער, פּאַציפיסטישער ד״ר עפּשטיין איז אַ מאַדים אין אײַנ־אָרדענען אימפּאָזאַנטע לוויות. מע האָט קיינעם נישט אַרעסטירט, קיינעם נישט באַשטראָפט פאַר די מאָרדן. זיי וועלן ווײַטער קוילן און ד״ר עפּשטיין וועט באַווײַזן נאָך גרעסערע וווּנדערס, ער וועט ברענגען צוואָנציק, דרײַסיק טויזנט מענטשן אויף די לוויות, נאָך מער פוילישע פאָנען וועלן זיך בייגן איבער די קברים, און עפּשטיינס הספדים וועלן זײַן עלאָקווענט און מײַסטערדיק. אַז די פּאָליציי שווײַגט, מוזן מיר אַליין עפּעס טאָן. נאָר ווען מיר וועלן באַצאָלן אַן אויג פאַר אַן אויג, וועלן די מערדערס זען אַז ייִדיש לעבן איז נישט הפקר״.

„מיר ווייסן נישט וועלכער כוליגאַן ס׳האָט אַרײַנגעשטאָכן דעם מעסער אין שמואל פּראָוולערס רוקן. וועמען זאָלן מיר שטעכן? דעם ערשטן וואָס וועט קומען אונטער דער האַנט?״ האָט בערעק געפּרעגט. „דאָס וועלן מיר קיין מאָל נישט טאָן! וואָלט עס דען געהאָלפן? מיר זענען אַ מינאָ־ריטעט, די פּאָליציי איז מיט זיי, אַ סך פון די פּראָפעסאָרן זענען מיט זיי. מיר קאָנען געווינען נאָר אויב די עפנטלעכע מיינונג וועט זײַן מיט אונדז, אויב מיר וועלן בלײַבן די גערעכטע״.

„וויפל ייִדישע קרבנות דאַרפן פאַלן ביז די עפנטלעכע מיינונג וועט זײַן מיט אונדז?״ האָט עמעצער געמאַכט אַ צווישנרוף.

בערעק איז געפאָרן קיין קראָקע זען זיך מיט פּראָפעסאָר באַרטעל. באַרטעל, אַ וויסנשאַפטלער און פּאָליטיקער, האָט אַ גרויסע השפּעה. ער איז אַ מאָל געווען פּרעמיער־מיניסטער. ער איז אַ ליבעראַלער מענטש. אַן אַרויסטריט פון פּראָפעסאָר באַרטעל וועט מאַכן אַן אײַנדרוק סײַ אויפן פאָלק, סײַ אויף דער רעגירונג.

בערעק איז צוריקגעקומען פון קראָקע מיט אַ צוזאָג פון פּראָפעסאָר באַרטעלן שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דעם כוליגאַניזם אויף די אוניווער־סיטעטן. אַלע האָבן מודה געווען אַז ס׳איז אַ גרויסער דערגרייך. מאַניע

האָט אים מוחל געווען די נעכט וואָס ער האָט זי געלאָזט אַליין. פעליקס גרינבערג האָט געזאָגט אַז אויב מע וואָלט געהאַט אַ ייִדישע רעגירונג וואָלט בערעק געוואָרן אַ מיניסטער. ווען פוילן וועט ווידער האָבן דעמאָ־קראַטישע וואַלן וועט בערעק ווערן אַ סיים־דעפּוטאַט.

כאָטש דאָס האָט דערווײַל געמוזט בלײַבן אַ סוד, האָבן די ייִדישע סטודענטן זיך דאָך דערוווּסט וועגן בערקעס הצלחה. מע האָט פאַרשוויגן אַ באַליידיקונג פון אַן אַנטיסעמיטישן סטודענט, פאַרטראָגן אַן עוולה פון אַ פּראָפעסאָר. נאָך אַ טאָג, צוויי, און זיי וועלן זיך מער נישט דערוועגן.

קיין פּוילישע צײַטונג האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו פאַר־שווײַגן די באַשולדיקונג פון פּראָפעסאָר באַרטעל קעגן דעם באַרבאַריזם פון דער „פּאַטריאָטישער יוגנט". „ווען צעשלאָגענע ייִדישע סטודענטן זענען געלעגן אין קאַלוזשעס בלוט אין לעמבעריקער פּאָליטעכניקום און פּראָפעסאָרן זענען פאַרבײַגעגאַנגען און ציניש געשמייכלט, האָבן זיי דערמיט פאַרשעמט און פאַרשוועכט דעם טעמפּל פון וויסנשאַפט", האָט דער פּראָפעסאָר באַשולדיקט.

בערעקן האָט אַרומגענומען אַ ווילגעפיל, און זײַן ברוסט האָט זיך צעשפּרייט פון נחת ווען ער האָט עס געלייענט אין דער מאָרגן־צײַטונג. אָבער באַרטעלס רוף האָט זיך נישט געענדיקט מיט דעם. בערעק האָט געלייענט ווײַטער און געשטוינט. „זאָל קיינער מיך נישט חושד זײַן אַז איך אונטערשאַץ די ייִדן־פּראָגע. דער איבערוווּקס פון די ייִדן אין האַנדל און אינדוסטריע איז אומגעזונט פאַר ביידע פעלקער. ניין, איך איגנאָריר נישט דעם ייִדן־פּראָבלעם. איך בין נאָר קעגן באַרבאַריזם".

די פּאַטריאָטישע יוגנט האָט עס אויסגעטײַטשט אַזוי ווי בערעק האָט פאָרויסגעזען. זיי שלאָגן דען ייִדן ווײַל זיי זענען שלעגערס? זיי צעהאַקן ייִדישע קעפּ נאָר כּדי אויסצוהאַקן דעם „אומגעזונטן איבערוווּקס" פון ייִדן אין פּוילישן האַנדל און אינדוסטריע.

בערעק איז אַרויס פון שטוב. ר'האָט געבלאָנדזשעט אָן אַ ציל איבער די וואַרשעווער גאַסן. מע האָלט אים פאַר אַ בר־מזל מיט לויטער הצלחות, און מען איז אים מקנא. האָט ער טאַקע דערגרייכט עפּעס ממשותדיקס? ער איז רײַך. די דינסט וואָלט אים אין דער פרי דערלאַנגט אַ גלאָז מילעך מיט אַ שטיק לעקעך אין בעט אַרײַן, ווי ער פלעגט טרוימען, אָבער אַ שטיקל טרוקן ברויט האָט דעמאָלט געהאַט מער טעם ווי הײַנט

לעקעך. לעקעך איז דעמאָלט געווען ביי אים אַ סימבאָל פון ווילטאָג. די מאַטעריעלע רחבות גיט אים נישט קיין הרחבת־הנפש און מאַכט נישט וויל זיין טאָג. ער פלעגט חלומען אַרויסצונעמען דעם טאַטן פון דער טוכלער קעלערשטוב. דער טאַטע וווינט איצט אין אַ שיינער דירה, זיין לענגלעך פנים איז געוואָרן פאַררונדיקט. פילט ער צו דעם באַגוידערטן און באַבייכלטן שלום עפשטיין דאָס וואָס ער האָט אַ מאָל געפילט צו דעם איינגעדאַרטן שלום טיטנמאַכער? ער פלעגט אָפּלאַכן פון טאַטנס לידער, אָבער ער איז שטאָלץ געווען מיט דעם גוטמוטיקן שׂמח־בחלקודיקן טאַטן. דער טאַטע שיקט אים מער נישט קיין לידער. ער זאָגט, זיין מוזע איז דערטרונקען געוואָרן אין פעטס. האָט דאָס מעכאַנישע טיטן־פאַבריקל געבראַכט דעם טאַטן צופרידנקייט? איז ער גליקלעך מיט זיין נייַ ווייב, די ליטוואַטשקע, וואָס האַלט אין איין קאָכן טייגלעך אין האָניק און אַנדערע נאַשעריַיען? אַלע זיינע פאַרלאַנגען ווערן מקויים, האָט בעריעק געקלאָגט אין זיך, אָבער די ברכה צו קאָנען דערפון הנאה האָבן, האָט נישט ער, נישט די וועמען ער וויל גוטס טאָן. דער טאַטע איז נישט דער איינציקער, מאַניע איז אויך נישט גליקלעך מיט אים.

נאָך מער ווי וועגן עשירות האָט ער געחלומט וועגן שרייבן. יאָ, ער שרייבט, און מע דרוקט אים גערן. אָבער ס'איז אָך און וויי צו זיין שרייבן. קיין איין נייע אידייע, קיין איין אָריגינעלער געדאַנק. פון זיינע געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס ביז זיינע אינטימסטע פאַרלאַנגען, אַלץ ווערט, דאַכט זיך, מקויים, אַלץ ווערט דערגרייכט, אָבער ס'איז נישט דאָס וואָס ער האָט באמת געוואָלט. אפשר דאַרף ער גאָר גיין צו אַ פּסיכיאַטער? אפשר איז עס אַזאַ גייסטיקער דעפעקט אין אים? אָט, למשל, עקבערט אים אַ מאָדנער געדאַנק, אַז ווען ער האָט געטרוימט וועגן אַ גרינבערג־מיידל האָט ער געמיינט פאַליען. ניין, נישטאָ דערין קיין שׂכל, קיין אמת. עס באַפאַלט אים פּלוצלינג ווי אַ זלידנע פליג וואָס זשומעט, טומלט, און שטערט די רו. מאַניע איז קליגער און טאַקע אויך שענער פון פאַליען. ער האָט ליב זיין מאַניען ווי ער האָט נאָך קיין מאָל קיינעם נישט ליב געהאָט, אויב ער אַליין וועט זיך אויסלערנען הנאה האָבן פון זיין לעבן, וועט אפשר מאַניע אויך קאָנען זיין גליקלעך מיט אים?

ה.

בערעק האָט געמאַכט אַ טעות און געקומען צו דער זיצונג אַ שעה צו פרי. די פאָרשטייערס פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך נישט געווען, דער גאַסט פון ארץ־ישׂראל איז דאָרט יאָ געווען. אַ לאַנגע ריי מענטשן האָט געוואַרט צו זען יעקב בלומפעלד, דעם דירעקטאָר פון דעם עליה־אָפּטייל אין דער יִידישער אַגענטור אין ירושלים. די רייע האָט זיך געשלענגלט אַרום די ווענט פון עטלעכע זאַלן אין דעם ציוניסטישן קלוב. מען איז געקומען קיין וואַרשע אינטערוועניִרן, אויסבעטן. געקומען זענען עסקנים אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, געוועזענע דעלעגאַטן צו ציוניסטישע קאָנפערענצן, געוועזענע מיטגלידער אין פּאַרטיי־ראַט. עס זענען אויך געקומען קרבנות פון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, פון מלוכהשער דיסקרימינאַציע. עס זענען געקומען אַזעלכע וואָס דער שטײַער־אַמט האָט צוגענומען זייער לעצט ביסל סחורה; מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן זייער מקור פון פרנסה; טאַטעס וואָס האָבן דערוואַקסענע קינדער אָן אַ מאָרגן. ארץ־ישׂראל איז זייער איינציק האָפן, זיי זענען געקומען בעטן סערטיפיקאַטן. עס זענען געקומען פליטים וואָס זענען קוים אַנטלאָפן פון דײַטשלאַנד, און אַזעלכע וואָס די דײַטשן האָבן זיי געיאָגט אַריבער דער פוילישער גרענעץ. חלוצים וואָס האָבן שוין געהאַט היגטער זיך יאָרן „הכשרה” האָבן געטענהט אַז די ערשטע סערטיפיקאַטן קומט זיי. מע האָט טאָקע געלייענט אין די צײַטונגען אַז די פּאַלעסטינער מאַנדאַט־רעגירונג האָט געשלאָסן די טויערן, אָבער דאָך, אפשר איז נאָך אָפּן געבליבן אַ שפּאַרע.

די רייע האָט זיך געריקט פאָרויס, איינער נאָכן אַנדערן איז צוגעקומען. דער חבר בלומפעלד האָט געגעבן שלום. האָט געדריקט די האַנט. יאָ, אַוודאי געדענקט ער יענע יאָרן ווען מע האָט געאַרבעט צוזאַמען. דערווײַל זענען נישטאָ קיין סערטיפיקאַטן, מע טוט וואָס מע קאָן.

בערעק האָט זיך צוגעקוקט צום חבר בלומפעלד. זײַן ברייטער קאָפּ מיט די געדיכטע קרײַזלעך האָר, די געדיכטע ברעמען האָבן דערמאָנט דעם אַמאָליקן יעקב בלומפעלד, דעם עקשנותדיקן קעמפער, דעם מוטיקן מנהיג, וואָס האָט געפירט די פוילישע יִדן צו וואַל־נצחונות אין די ערשטע יאָרן פון פוילישער אומאָפּהענגיקייט.

בערעק האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר אַ בוך וועגן די ייִדן אין פוילן אין די צוואַנציקער יאָרן. ער האָט חדשים לאַנג געניִשטערט אין די צײַטונגען פון יענע יאָרן און געלייענט בלומפעלדס רעדעס אין סיים. איין מאָל, ווען דער סיים האָט אָנגענומען אַ באַשלוס קעגן ייִדן, האָט בלומפעלד געזאָגט, אַז אויב פוילן וועט נישט אָפּהיטן די גאַראַנטיעס וואָס זי האָט געגעבן די מינאָריטעטן, גראָבט זי מיט דעם אונטער דעם יסוד פאַר די אויסגעברייטערטע פוילישע גרענעצן וואָס נעמען אַרײַן ליטווישע, ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע מינאָריטעטן. „דאַמיט פאַרלירט איר ווילנע!" האָט ער אויסגעשריגן פון דער סיים־טריבונע. די פּאָליאַקן האָבן דעמאָלט אויפגעהויבן אַ טומל אַז די ייִדן זענען נישט לאָיאַל צו פוילן.

די קרײַזלעך אין בלומפעלדס טשופּרינע זענען שוין גרוילעך, דאָס בערדל אַ ביסל צעשויבערט, טאַרבעלעך אונטער די אויגן. האָט ער נאָך אַלץ זײַן אַמאָליקן לייבן־געשריי? אָדער איז ער געווען אַ לייב נאָר צווישן זײַנע פּוילישע ייִדן און פאַרלוירן זײַן גבורה זינט ער איז אַוועק פון זיי?

וואָס זאָגט ער די ייִדן וואָס זענען געפּאָרן טעג, געוואָרט שעהען, אים צו זען? פאַר וואָס האָט ער דערלאָזט צו דעם? ווער נאָך ווי ער ווייסט אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן פאַר זיי?

יעקב בלומפעלד איז געווען ווי אַן אָפּגאָט בײַ זײַנע ייִדן אין פוילן. בערעק געדענקט בלומפעלדס אַ וויזיט אין גורוויטש. די התלהבות פון זײַנע חסידים איז געווען נישט קלענער ווי די התלהבות פון די גערער חסידים צו זייער רבין. מע האָט געשריגן „יחי בלומפעלד!" ביז הייזעריק ווערן. פעלט אים איצט די וואָרעמקייט פון זײַן עדה? איז ער צוריקגע־קומען צו זיי ווײַל ער דאַרף זייער התלהבות? אָדער האָט ער געוואָלט דריקן זייערע הענט מחמת דאָס איז דאָס איינציקע וואָס ער קאָן טאָן פאַר זיי?

די פאָרשטייערס פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען זענען שוין געקו־מען און געוואָרט אָנצוהייבן די זיצונג. ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ גרויסע ריי. „שרײַבט צו מיר, חברים, שרײַבט צו מיר אויף דעם אַדרעס פון דער סוכנות", האָט ער געזאָגט צו די וואָס האָבן נאָך געוואָרט אויף אים.

ס'איז געווען זײַן שטאַרקע באַסשטימע פון אַ מאָל. אָבער ער האָט

גערעדט צו זיי מיט געבעט. זײַנע אויגן האָבן געזאָגט: כ'בין פּונקט אַזוי אָפּהענטיק ווי איר.

צווישן די פירערס פון די פּאַרטייען האָט געהערשט אַ צעמישעניש. ווי קאָן מען אויפהאַלטן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין עליה? ווי קאָן מען שיקן מענטשן מיט דער נישט־לעגאַלער עליה, נאָך די טרויעריקע ידיעות וואָס די צײַטונגען ברענגען יעדן טאָג? אַן עפּי־דעמיע אויף דער פּליטים־שיף ברעסלאַו; זיבן הונדערט פּליטים אויף דער שיף אַזירים זוכן ווו צו לאַנדן. קרבנות צווישן פּליטים וואָס האָבן נישט געוואָלט לאָזן פאַרטרײַבן זייער שיף פונעם איזמירער פּאָרט.

די אַנטי־ציוניסטן זאָגן שוין אַז די ציוניסטן נוצן די פּליטים ווי „האַרמאַטן־פלייש" אין זייער געראַנגל מיט ענגלאַנד. וואָס טוט מען ווײַטער?

בלומפעלד האָט נישט געבראַכט קיין בשורות. ווּהין דען זאָל מען שיקן די פּליטים? שאַנכאַי לאָזט שוין אויך נישט אַרײַן. יאַפּאַן פאַרטרײַבט די פּליטים פון די אָקופּירטע כינעזישע טעריטאָריעס. פון ציילאָן האָט מען צוריקגעשיקט פּליטים וואָס האָבן געהאַט וויזעס. די רעגירונג פון עקוואַדאָר האָט באַזײַטיקט פון זײַן אַמט איר קאָנסול אין פּראָג ווײַל ער האָט געגעבן וויזעס צו פּליטים. קיין פּאַלעסטינע האָבן זיך דאָך אַרײַנ־געגנבעט צוויי טויזנט פּליטים אין פאַרלויף פון דעם לעצטן חודש. בײַ די ברעגעס פון ארץ־ישראל האָבן זיי מער מעגלעכקייטן ווי בײַ ציילאָן, אָדער עקוואַדאָר. אין די קיבוצים און אין די שטעט, וואַרט יעדער ייִד מיט אָפענע אָרעמס זיי אויפצונעמען. דער ייִשוב האָט געשווירן נישט אונטערצוגעבן זיך דעם ווײַסבוך.

אַ רעוויזיאָניסט האָט גענומען אַטאַקירן די הבלגה. אין אַלע צרות איז שולדיק די סוכנות. דער ייִשוב איז גרייט צו קעמפן קעגן די ענגלישע גזירות מיט געווער אין האַנט, נאָר די סוכנות לאָזט נישט. ווײַצמאַן איז אַלע מאָל געווען אַ פּחדן, אַ פּשרהניק, אָבער ער, בלומפעלד, איז דאָך יאָ אַ מאָל געווען אַ קעמפער?

איינער האָט זיך אָנגענומען ווײַצמאַנס כבוד, אַן אַנדערער האָט געשריגן אַז ער האָט קאַפּיטולירט צו ענגלאַנד. די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט אין טומל. בערעק האָט געטראַכט אַז עס וואָלט בעסער געווען אויב בלומפעלד וואָלט געבליבן מיט די מענטשן וואָס זענען

געקומען פון אַזוי ווײַט צו רעדן מיט אים, אַנשטאָט צו פּטרן צײַט אויף דער זיצונג, אָדער האַלטן רעפעראַטן. בלומפעלד דאַרף הײַנט אָונט האַלטן אַ רעפעראַט: „די איצטיקע סיטואַציע אין פּאַלעסטינע און אין ציוניזם”. מע קאָן די טעמע אויסשעפּן מיט איין וואָרט: ביטער.

ו.

מינדעלע איז שוין די צווייטע וואָך געווען בײַ טאַטע־מאַמע אויף זייער זומער־וווינונג אין גלאַוונע, אַ זומערפּלאַץ אויפן וועג קיין וואַרשע. פּינטשע איז געקומען אויף שבת. מינדעלע איז געווען בלאַס און האָט ווייניק גערעדט.

„וואָס איז געשען, מינדעלע? דו זעסט אויס אַזוי טרויעריק. האָב איך עפּעס געטאָן? אפשר געזאָגט עפּעס וואָס פאַרדריסט דיך?”

„ס'איז גאָרנישט, פּינטשע”.

„יואלס אָוועקפאָרן?”

„דאָס אויך”.

„און וואָס נאָך?”

„ס'דאַכט זיך מיר — — כ'בין נאָך נישט זיכער — — דו גייסט ווערן אַ טאַטע, פּינטשע”.

„מזל־טוב, מזל־טוב!” איז פּינטשע אויפגעשפּרונגען מיט שימחה, „איבער דעם ביסטו טרויעריק? דאָס איז אַ גוטע בשׂורה, מינדעלע”.

פּינטשע האָט זי אַרומגענומען. מינדעלע האָט זיך געטוליעט צו אים.

„אין אַזאַ צײַט? כ'האָב שוין געטראַכט צי מע קאָן עפּעס טאָן דערצו”, האָט זי זיך מודה געווען.

„חלילה!”

„און אַז ס'וועט זײַן אַ מלחמה?”

„ס'וועט נישט זײַן קיין מלחמה. ער וועט זיך גיין שלאָגן מיט ענגלאַנד און פראַנקרײַך? האָסט שוין געזאָגט דער מאַמעשי?”

„כ'האָב נאָך קיינעם נישט געזאָגט. כ'האָב מורא — — כ'האָף נאָך אַלץ...”

„ניטע, מינדעלע, מע דאַרף דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר דעם חסד. איך האָב פאַר דיר אויך אַ בשורה".

„דו גייסט אויך האָבן אַ קינד?"

„אַ קינד — מיט דײַן הילף, און נאָך עפּעס..."

„נאָך עפּעס? וואָס?"

„ווי מיינסטו, מינדעלע, ס'עט זײַן אַ ייִנגל? ווי געפעלט דיר אַ נאָמען פאַר אַ מאַנופאַקטור־פאַבריק: 'פינטשע מילקעס און זון'?"

„רעד נישט מיט קיין רעטענישן. צי נישט אויס די נשמה, כ'בין נײַגיריק".

„איך טראַכט אָנצוהייבן פאַבריצירן פאַר זיך אַליין".

„וואָס וועט דײַן טאַטעשי זאָגן?"

„דער טאַטעשי וויל אַזוי. גדליה איז אויך געגאַנגען פאַר זיך באַלד נאָך דער חתונה".

„די קאָנקורענץ איז גרויס אין אונדזער בראַנזשע. מע הייבט אָן פאַרדינען ערשט ווען דער קונה צאָלט שוין מער פאַר דער רענאָמע פון דער פירמע, ווען מע צאָלט פאַר דעם צוטרוי צום נאָמען. עס נעמט צײַט ביז מע מאַכט זיך אַ נאָמען. דער טאַטעשי זאָגט, מע דאַרף אָנהייבן וואָס פריִער".

„זאָל זײַן מיט מזל, פינטשע".

פינטשע האָט צוגעצויגן מינדעלען צו זיך. „מינדעלע, מיידעלע מײַנס, מיר האָבן זיך צערעדט וועגן פאָליטיק, וועגן מיסחר. דײַן בשורה איז די גרעסטע בשורה. ס'איז ערשט צוויי חדשים זינט אונדזער חתונה? מיר דאַכט זיך, אַז מיר זענען איינס זינט ששת־ימי־בראשית".

פינטשע האָט זי געקושט איןביידע אויגן און אין מויל. „אַז איך קוש דיך אין ביידע אויגן איז עס אַ ,צירה', אַז איך קוש דיך אויך אין מויל ווערט עס אַ ,סגל', דער ,סגל' וועט זײַן דער סימבאָל פון אונדזער משפּחהלע. די צוויי אייבערשטע פינטעלעך פאַר טאַטע־מאַמע, דאָס דריטע פינטעלע פאַר דעם קינד. טייל מאָל, מיר זענען צווישן מענטשן, דו זאָגסט עפּעס, אַזוי קלוג, דײַן פּנימל גיט אַ שײַן מיט אַזוי פיל חן, איך חלש דיר אַ קוש טאָן, איך וואָלט דיך אַ כאַפּ געטאָן, אָוועקגעטראָגן דיך אין אַנדערן עק וועלט צו קאָנען דיר אַ קוש טאָן. אָבער מע דאַרף האַלטן

פּאַסאַן, כ׳קאָן דיר אַפֿילו נישט זאָגן װעגן דעם. איצט האָב איך עס! כ׳על זאָגן ׳סגל׳ און דו, נאָר דו, װעסט װיסן װאָס איך מײן״.

„סגל״, האָט מינדעלע געזאָגט און אױסגעשטרעקט איר פֿינגער, פּינטשע זאָל זי קושן. „סגל, סגל״ האָט זי װידער און װידער גערופֿן, און פּינטשעס ליפּן האָבן געהאַלטן אין אײן אױסקושן אױף איר פּנים דעם סימבאָל פֿון זײער אײגענער דרײַ־אײניקײט.

קאַפּיטל ניין

גיב מיר דײַנע מידע...

א.

פריץ ווײַנער האָט פּראָבירט זיך פאַרשרײַבן פאַר אַן אַמעריקאַנער וויזע ווען ער איז נאָך געווען אין ווין. דער פונקציאָנאַר אין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט האָט אים געהייסן ברענגען אַ באַשטעטיקונג פון אָרנטלעכקייט פון יעדער אָרט ווו ער האָט אַ מאָל געוווינט — בערלין, מינכן, אאַכן און אויך פון דער שטאָט אין רוסלאַנד ווו ער איז געבוירן געוואָרן.

פריץ האָט עס נישט געקאָנט תּופס זײַן: „אָבער, מײַן הער, איך בין אַנטלאָפן פון די ערטער. נישט די סאָוועטישע און נישט די נאַצישע פּאָליציי וועט מיר געבן אַזאַ דאָקומענט".

„אַזוי פאָדערט דאָס געזעץ, סיר, אַזוי זענען די אָנווײַזונגען בײַ וועלכע איך מוז זיך האַלטן".

„אָבער מײַן הער..."

„איך קאָן דאָ גאָר נישט העלפן".

פריץ איז געווען פריטשמיעלעט, ער האָט פון דעסט וועגן אַרויסגענומען אַן אָרנטלעכקייט־באַשטעטיקונג אין ווין. ווען ער איז געקומען קיין פּראָג האָט ער ווידער פּראָבירט זיך רעגיסטרירן, אָבער האָט באַקומען דעם זעלביקן ענטפער וואָס אין ווין.

פריץ איז געווען אין הויז פון דעם חזן פון דער פּינקוס־שיל און זיך צוגעהערט צו חזנישע געזאַנגען אויף גראַמאָפאָן־פּלאַטעס, ווען די חזנטע איז אַרײַנגעלאָפן מיט אַ געשריי: „דײַטש מיליטער מאַרשירט אויף פּראָג!"

נאָך איידער ער האָט באַגריפן וואָס עס איז געשען, האָט ער געזען ווי דער אַלטער חזן איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם בענקל. האָט דאָס מינטערן דעם חזן אים פאַרהיטן דער קלאַפּ זאָל נישט פאַלן אויף אים מיט דער

גאַנצער שװערקײט ? װען דער חזן האָט אָנגעהױבן קומען צו זיך, האָט פּריץ שױן פֿאַרשטאַנען אין װאָס פֿאַר אַ קלעם ער געפֿינט זיך און אױפֿגענומען זײַן נײַעם מצב מיט אַ ביטערער און איראָנישער רױִקײט. זײַן גורל יאָגט אים נאָך און יאָגט אים איבער װוּ נאָר ער לױפֿט. דעמאָלט אין אַאַכן, װען ער האָט נאָך געטראָגן דעם מעדאַל פֿון דער װערמאַכט איז אים געװען צום שװערסטן איבערצוקומען די געפּלעפּטקײט: פֿאַר װאָס קומט עס מיר, מיר, דעם העלד פֿון דער מלחמה פֿאַר דעם פֿאָטער־לאַנד ? איצט װײסט ער שױן אַז װען מע רודפֿט יִדן װעט עס אים נישט אױסמײַדן. אַן אַלט־פֿאַרגעסן יִדישער זאָג איז אױפֿגעשװוּמען אין זײַן זכּרון: װאָס ס׳װעט זײַן מיט כּל־ישׂראל װעט זײַן מיט ר׳ ישׂראל. פֿאַטאַ־ליסטיש, אָבער אַזאַ איז דער יִדישער גורל. עס װײַזט אױס אַז אַ מענטש קאָן זיך צוגעװױנען אַפֿילו צו שרעק. דער פּחד ליגט אין אים װי אַ װוּנד אין אַן אײַנגעשלאָפֿענעם אבר. דער װײטיק טרעט נישט אָפּ פֿון דײַן װיסיקײט, אָבער דו פֿילסט אים מער נישט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקײט. נאָר אין דײַטשלאַנד זענען פֿאַראַן פֿינעף הונדערט טױזנט יִדן, איצט זענען צוגעקומען די יִדן פֿון עסטרײַך און פֿון טשעכאָסלאָװאַקײַ. די װעלט װעט מוזן עפּעס טאָן !

אויף דעם בריוו צו זײַן שװאָגער האָט ער נישט באַקומען קײן ענט־פֿער. ער האָט זיך אײַגנטלעך נישט געריכט אױף קײן ענטפֿער, כאָטש װאָלפֿגאַנג איז געװען אַ פֿרײַנד און אַ מענטש װאָס האָט אָפּגעהיטן זײַן „ערע". אײן מאָל װען פּריץ איז אַהײמגעקומען פֿון קולטוס־פֿאַרבאַנד האָט די װירטין פֿון זײַן דירה געװאַרט אױף אים אין גאַס און אים געװאָרנט ער זאָל אַנטלױפֿן, אין שטוב װאַרט אױף אים אַ מונדירטער דײַטש.

װוּהין װעט ער לױפֿן ? געגנוג געלאָפֿן. ער האָט זיך דען מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט ? אפֿשר װעט עס זיך לאָזן אױפֿקלערן, ער איז קײן מאָל נישט געװען פּאָליטיש טעטיק.

בחינמדיקע שרעק. ס׳איז געװען אַ שליח פֿון װאָלפֿגאַנגען, ער איז געקומען נעמען פּריצן קײן האַמבורג. אַ שיף פֿאָרט אָפּ קײן קובאַ, װאָלפֿגאַנג האָט שױן פֿאַרזיכערט פֿאַר אים אַ װיזע און אַ שיפֿקאַרטע.

איז עס געװען אַ גוטער פֿאַרגעפֿיל װאָס האָט אים פֿאַרהיטן פֿון אַרײַנפֿאַלן אין אַ פּאַניק ? ס׳איז נישט געװען נאָר די שיפֿקאַרטע װאָס

האָט פריצן אַזוי אויפגעהײַטערט; בערלין האָט אים נישט פאַרגעסן, און זײַן בערלין איז נישט וואָלפגאַנג אַליין... הילדע שרײַבט נישט, אָטאָ שרײַבט נישט, אָבער זיי האָבן אים נישט פאַרגעסן.

פון דעסט וועגן איז אים שווער געווען דאָס שיידן זיך פון זײַנע בײַע פרײַנד. דער חזן פון דער פינקוס־שיל האָט אים מיטגעגעבן אַלע זײַנע קאָמפּאָזיציעס און כאָראַלע אַראַנזשירונגען, זאָל בלײַבן אַ קאָפּיע בײַ ייִדן אויף דער פרײַער וועלט.

פריץ האָט זיך פאַרהאַלטן אין בערלין און געקומען צו וואָלפגאַנגען מיט אַ בקשה, ער וויל זיך געזעגענען מיט הילדען און מיט אָטאָן.

„דאָס איז טאָטאַל און אין גאַנצן נישט מעגלעך!" האָט וואָלפגאַנג אַזש אַ געשריי געטאָן. ער האָט געזען ווי דאָס האָט דערשיטערט פריצן, האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין: „אַזוי פיל פרײַנד און באַקאַנטע קענען דיך. דו קאָנסט זיך אַפילו נישט פאַרמאַסקירן, דײַן הינקען וועט דיך מסרן און מע וועט עס צוטראָגן צו די ,בעהערדן'".

„עמעצער וואָס איז אַ פרײַנד אָדער באַקאַנטער?"

„עס בלײַבט אַלץ ווייניקער דײַטשן מיט קאַלטן שׂכל וואָס ווערן נישט מיטגעריסן מיט דעם עקסטאַז איבער היטלערס דערגרייכונגען. מע גיט אים אויף אַ זילבערנער טאַץ אַלץ וועגן וואָס מיר האָבן נאָר אַ מאָל געחלומט און אַפילו דאָס וועגן וואָס מיר האָבן זיך אַפילו נישט דערוועגט צו חלומען. אויב עס וועט ווײַטער אַזוי גיין — — גוט וואָס דו פאָרסט אַוועק איידער איך אַליין וועל אַרײַנפאַלן אין התפעלות איבער דעם 'פירערס' אויפטועכצן".

פריץ האָט פון דעסט וועגן אויסגעוויינט אַ פּריווילעגיע. ער איז געשטאַנען בײַם פענצטער פון זײַן קוואַרטיר און אַרויסגעקוקט ווען צוויי ווערמאַכט־אָפיצירן זענען פאַרבײַגעגאַנגען אונטן אין גאַס. עטלעכע יונגען פון דער היטלער־יוגנט זענען גראָד אַקעגנגעקומען און סאַלוטירט, די צוויי אָפיצירן האָבן געענטפערט מיט דעם זעלביקן הײַל־היטלער־סאַלוט. יאָ, דער עלטערער פון די צוויי איז געווען זײַן שוואָגער, און דער יונגיטשקער — — זײַן זון אָטאָ.

זײַן? ער האָט אַלע מאָל געגלייבט אַז זײַן הויז איז געבויט אויף אַ פונדאַמענט פון אמתער ליבע, ווי אמתדיק קאָן די ליבע זײַן אַז זי קאָן נישט בײַשטיין דעם אָנגריף פון שקרדיקער העצע?

וואָס וועט ער טאָן אין קובאַ? פון וואָס וועט ער זיך מפרנס זײַן? האָט האַוואַנע אַ סימפּאָנישן אָרקעסטער? מיינסטע פון די וואָס פאָרן קיין קובאַ ווילן נאָר איבערוואַרטן דאָרט ביז עס וועט קומען זייער ריי אויף דער אַמעריקאַנער קוואָטע. אין דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין בערלין האָט מען אים יאָ רעגיסטרירט אָבער אַ קוואָטע־נומער וועט ער באַקומען ערשט נאָך דעם ווי ער וועט צושטעלן די געפאָדערטע באַשטעטיקונגען פון אָרנטלעכקייט. ער מוז אַרויסנעמען אַזעלכע באַשטעטיקונגען אין דער צײַט וואָס איז געבליבן ביז צום אָפּשווימען פון דער שיף.

ווען עס טרעפט אַ מענטש אַן אומגליק און ער קאָן גאָרנישט טאָן ווערט ער דערשלאָגן און אַפּהעטיש. איצט האָט ער געהאַט וואָס צו טאָן, ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַרײַן.

אין אַאַכן האָט די באַלעבאָסטע פון זײַן אַמאָליקער קוואַרטיר אים געזאָגט אַז אַלע צימערן זענען פאַרנומען, כאָטש פאַרן הויז האָט געהאָנגען אַן אויפשריפט אַז עס זענען פאַראַן צימערן. זי האָט יאָ מסכּים געווען צו טאָן זײַן שליחות, פאַרשטייט זיך, פאַר אַ גוטן שׂכר. זי האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג באַקומען פאַר אים דאָס פּאַפּיר, כאָטש עס איז געווען שבת ווען מען שליסט די אַמטן פרי. ער האָט נאָך באַוויזן צו נעמען די באַן קיין מינכן.

ער איז אָנגעקומען קיין מינכן שפּעט בײַ נאַכט. ער האָט נאָך פון בערלין געשיקט אַ קאַרטל און באַשטעלט אַ צימער אין דעם „פּענסיאָן" וווּ ער האָט אַ מאָל געוווינט מיט הילדען. ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער ווײַל די צײַט איז געווען צו קורץ אָבער די פראַו הײַנריך איז אַ פרײַנדלעכע, זי וועט שוין עפּעס געפינען, אַפילו אויב אַלע צימערן זענען פאַרנומען.

אפשר זענען געווען פרײַע צימערן, אָבער די פראַו הײַנריך האָט געדענקט אַז ער איז אַ ייִד. זי האָט אים נאָר געוויזן דאָס שילדל אויפן רעגיסטריר־טיש „פיר יודען פערבאָטען". זאָל ער צוריקגיין צום וואָק־זאַל און דאָרט איבערזיצן די נאַכט? מיט דעם אַרומלויפן צוליב אַ וויזע קיין אַמעריקע קאָן ער אַ מאָל אַרײַנפאָרן אַן אַ וויזע קיין דאַכאַו, וואָס איז טאַקע נישט ווײַט פון דאַנעט.

פראַו שמידט האָט אים דערלויבט איבערנעכטיקן אין איר הויז איין נאַכט, איין נאַכט קאָן איר זון שלאָפן אין זײַן פאָטערס בעט. זי האָט

אַרײַנגעפירט פריצן אין ווילים צימער, די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט האָקנקרײַצן, נאַצי־פענדלעך, און איבערן בעט — אַ בילד פון פירער. האָט די פרוי שמידט אויך זיך איבערגעקערט אָדער עס איז נאָר אַ קאַמופלאַזש כּדי זיך אויסצוהיטן פון שיקאַנעס?

ווען פריץ איז אָנגעקומען איז ווילי שוין געווען אין בעט. ער האָט אַ פאַרשלאָפענער זיך אַריבערגעטראָגן אין זײַן מוטערס שלאָפצימער און אָפילו זיך רעכט נישט באַגריסט. ערשט צו מאָרגנס האָט ער זיך באַגריסט מיטן גאַסט ווען ער פלעגט אַ מאָל רופן „אָנקל פריץ". ער האָט זיך געפרעגט אויף אַטאָ'ז. „אַ סאָלדאַט", האָט פריץ געענטפערט און געהאָפט אַז דאָס וועט העלפן ער זאָל דאָ קאָנען איבערנעכטיקן אויך די צווייטע נאַכט וואָס ער וועט מוזן בלײַבן אין מינכן. ער האָט זיך געכאַפּט אַז ער זאָגט אויס זײַן זונס סודות, האָט ער זיך שנעל געזעגנט און אַרויס אין גאַס.

די פרוי שמידט האָט אים דערלויבט איבערנעכטיקן אויך זונטיק בײַ נאַכט. ווילי, דער פאָטער, האָט אים געהאָלפן באַקומען אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אין מינכענער סימפאָנישן אָרקעסטער. ד"ר ווילי שמידט איז געווען איינער פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנד. און איצט פילט ער זיך ענג אין דעם שמידט־הויז, זאָל שוין טאָג ווערן, זאָל מען שוין עפענען די ביוראָען, ער זאָל שוין קאָנען אַרויס פון דאַנען.

ער איז געלאָפן אַהין און צוריק צווישן דער קאָנסערוואַטאָריע און פּאָליצײַ־אַמט ביז אַלע געפאָדערטע פּאַפּירן זענען געווען פאַרטיק און אונטערגעשריבן. ער האָט נאָך באַוויזן צו קומען אין צײַט פאַר דעם מאָרגנצוג קיין האַמבורג.

אין דער צײַט וואָס פריץ איז געווען אין אויסלאַנד האָט מען אין די פּאַספּאָרטן פון ייִדן אַרײַנגעשטעמפּלט אַ רויטן „J" פאַר יודע. אין זײַן פּאַס איז נישט געווען אַזאַ שטעמפּל אָבער די נעמען פון זײַנע עלטערן האָבן געמסרט. ווי אַזוי טאַקע האָט וואָלפגאַנג באַוויזן צו פאַר־לענגערן די גילטיקייט פון זײַן פּאַס אָן אַזאַ שטעמפּל?

ער האָט ריזיקירט און זיך געשטעלט אין דער ריי צו דער קאַסע פון נישט־ייִדן און טאַקע שנעל באַקומען אַ בילעט קיין האַמבורג. ווען ער איז אַרויס צום צוג האָט ער צוויי מאָל פאַרבײַגעהינקט דעם וואַגאָן וואָס האָט געהאַט אין פענצטער אַ רויטן „J". אין דער ריי

צו דער קאַסע איז ער געשטאַנען נאָר עטלעכע מינוט, אָבער פֿאָרן דעם װײַטן װעג ביז האַמבורג נישט געװעצלעך? אויב מע װעט אים כאַפּן װעט ער אַנשטאָט קיין האַמבורג אָנקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אַ פֿאָרטער האָט אים געהאָלפֿן אַרויפֿדראַפּען זיך אויף די װאַגאָן־טרעפּלעך און געהאַלטן זײַן שאַכטל מיט דער פֿידל ביז ער איז געװען אויבן. דער פֿאָרטער האָט אַ בורטשע געטאָן: „פֿאַרפֿלוכט" װען ער האָט געזען אַז דער אינװאַליד גייט לינקס צום אָפּטייל פֿאַר ייִדן.

אינעװייניק האָט פּריץ זיך אויסגעקליבן אַ װינקל נעבן פֿענצטער, ער איז געװען דער ערשטער אין דעם קופּע. ער האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט און אַרײַנגעטוליעט זיך אין דעם װינקל מע זאָל װייניק פֿון אים אַרויסזען. ער האָט שוין געהערט דעם אָפּפֿאָר־סיגנאַל און איז נאָך אַלץ געװען אַליין, עס װײַזט אויס אַז ייִדן האָבן מורא צו פֿאָרן אין די באַנען. דער צייכן „J" זאָגט אָן אַלע כוליגאַנעס װוּ זיי קאָנען געפֿינען קרבנות. ער האָט באַדאַרפֿט ריזיקירן און גיין אין די אַנדערע קופּעען, איצט איז צו שפּעט, דער קאָנדוקטאָר האָט אים געזען גיין אַהער.

ער האָט געבעטן פֿראַו שמידט שיקן אַ טעלעגראַמע צו הילדען זי זאָל קומען אים זען אין האַמבורג. אין בערלין האָט הילדע מורא געהאַט פֿאַר באַקאַנטע, אין האַמבורג קען זי קיינעם נישט און קיינער קען זי נישט. עס איז דער 2טער מײַ, די שיף שװימט אָפּ ערשט דעם 13טן, ער האָט נאָך צײַט אַליין אַרײַנצופֿאָרן קיין בערלין. בערלין איז אַ גרויסע שטאָט, מע קאָן געפֿינען אַ פּלאַץ װוּ זיך צו טרעפֿן און נישט ציִען קיינעמס אויפֿמערק, אָבער עס קאָן געשען ער זאָל פֿאָרן קיין בערלין און הילדע זאָל אין דער זעלביקער צײַט אַרויספֿאָרן קיין האַמבורג, װי ער האָט געבעטן אין דער טעלעגראַמע.

ער קאָן נאָך אַלץ פֿאַרריכטן. װירצבורג איז אַ װיכטיקער באַנקנופּ, דער צוג װעט זיך דאָרט פֿאַרהאַלטן אויף אַ גאַנצער שעה, ער װעט דאָרט בײַטן זײַן בילעט צו פֿאָרן קיין בערלין און שיקן אַ נײַע טעלעגראַמע צו הילדען.

במשך די שעהען װאָס דער צוג איז געלאָפֿן פֿון מינכן קיין װירצבורג האָט פּריץ עטלעכע מאָל געביטן זײַנע באַשלוסן װוּהין צו פֿאָרן. װען דער צוג האָט אַרײַנגעסאָפּעט אין דעם װירצבורגער װאָקזאַל איז ער שוין געװען זיכער אַז ער מוז דורכויס פֿאָרן קיין בערלין. די צרות װאָס

האָבן אים באַגעגנט זינט ער האָט זיך געשיידט מיט הילדען האָבן אונ־טערגעגראָבן זײַן גלײַכגעוויכט. ער טאָר נישט צווייפלען אין הילדען. אויב וואָלפגאַנג פירט זיך ווי אַ געטרײַער שוואָגער, איז עס אַ סימן אַז הילדע איז אַ געטרײַ ווײַב, און עס זענען פאַראַן סיבות פאַר איר שווײַגן. ער מוז פאָרן קיין בערלין און דערגיין די סיבות, אַנישט וועט ער ווידער אַרײַנפאַלן אין די ספקות וואָס מאַטערן אים זינט ער האָט אויפגעהערט קריגן בריוו פון בערלין. זײַן ראַטעווען זיך קיין קובאַ וועט ווערן אַ קאַשמאַר אויב ער וועט נישט געפינען אַ מיטל צו צעשטערן די ספקות.

דורכן טומל וואָס האָט געהערשט אויפן פעראָן האָבן זיך אַדורכגעריסן זידלערײַען און קללות. פריץ איז שוין געשטאַנען אַראָפּצונעמען זײַן וואַליזע ווען ער האָט דורכן פענצטער געזען ווי אַ נאַצי־יונג קאָפּעט מיט די פיס און האַמערט מיט די פויסטן עמעצן וואָס רײַסט זיך צו די טרעפּלעך, טאַקע פון דעם וואַגאָן. די וואַליזע איז געבליבן אויף דער באַגאַזש־פּאָליצע, פריץ האָט זיך צוריקגעזעצט און ווידער זיך אַרײַנגעטוליעט אין זײַן ווינקל. דרויסן האָבן נאָך געהילכט די גראָבע קללות ווען אַ מאַן מיט אַן אָפּגעכוימלטער וואַליזע אין האַנט איז אַרײַן אין דעם קופּע. ער איז געזונקען צו דער באַנק און די וואַליזע איז אַרויסגעפאַלן פון זײַן האַנט. דעם מאַנס אָפּגעגאָלטער קאָפּ איז געווען פול מיט בײַלן, אַ בלאָ געשווילעכץ אונטער זײַן רעכטן אויג.

פריץ האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין, און מורא געהאַט צו בלײַבן. אויב דער נאַצי וועט נאָכיאָגן זײַן קרבן וועט ער אויך אים, פריצן, נישט שאַנעווען, און דער צוג דאַרף נאָך דאָ שטיין אַ קנאַפּע שעה.

דער געשלאָגענער איז נאָך עטלעכע מינוט געקומען צו זיך. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ נאָזטיכל און אַ ביסל אַרומגעווישט זײַן פּנים, ער האָט נאָך דעם זיך צוגערוקט צום פענצטער אַרויסצוקוקן. ער האָט, ווײַזט אויס, נישט געזען וואָס ער האָט געזוכט, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגעבויגן זיך דורך דעם אָפענעם פענצטער.

„אַנטשולדיקען זי, פאַרצײַען זי", האָט פריץ אים געצויגן בײַ אַן אַרבל, „איר האָט זיך ערשט אַרויסגעריסן פון דעם שלעגערס הענט און — — —"

„מײַן ווײַב און קינדער זענען אויף דעם פעראָן, איך מוז זיי געבן אַ צייכן אַז איך בין אין אָרדענונג".

דער אַרײַנגעקומענער האָט נישט געפֿונען זײַן ווײַב און קינדער און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿונעם פֿענצטער. פֿריץ האָט אויפֿגעהערט אײַנטענהן מיט אים, דער מאַן מוז זײַן נישט־נאָרמאַל.

דער צוג האָט שוין געריִרט פֿון אָרט ווען דער מאַן האָט סוף־כּל־סוף געזען זײַן ווײַב און קינדער. ער האָט געפּאַכעט צו זיי, געוואָרפֿן קושן מיט ביידע הענט. נישט קיין וווּנדער אַז דאָס צעשלאָגענע פּנים איז איצט געווען פֿול שמייכל, האָט פֿריץ געטראַכט, דעם מאַן איז בעסער ווי אים.

אַ לאַנגע צײַט האָבן ביידע געשוויגן, יעדער פֿאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען. פֿריץ האָט זיך צוגערוקט נענטער און זיך פֿאָרגעשטעלט: „מײַן נאָמען איז ווײַנער, פֿריץ ווײַנער, איך בין אויך אַ ייִד".

„מײַן נאָמען איז אַהרן פּאָזנער. מײַן אָפּגעגאָלטער קאָפּ מסרט אַז איך קום פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָס איז פֿאַר זיי ווי אַ רויטער טוך פֿאַר אַן אָקס, אַ קעגנער פֿון רעזשים".

„איר האָט אפֿשר געדאַרפֿט וואַרטן ביז די האָר וועלן אײַך אַ ביסל אָנוואַקסן ?"

„ווּ וואַרטן, אין דאַכאַו ? מע האָט מיך אַרויסגעלאָזט מיטן באַדינג איך זאָל גלײַך פֿאַרלאָזן ס׳לאַנד און נישט צוריקקומען, מע האָט מיך אַרעסטירט מיט זיבן חדשים צוריק, ערשט נעכטן אין נירנבערג זיך געטראָפֿן מיט מײַן ווײַב און איך מוז שוין פֿאָרן ווײַטער".

דאָס וואָרט דאַכאַו האָט אין פֿריצן פֿאַרפֿרוירן דאָס בלוט. ער האָט זיך צוריק אַרײַנגעצויגן אין זײַן ווינקל. אַ ווייטיק איז אויפֿגעגאַנגען אין דעם שטיקל ביין וואָס איז נאָך געבליבן פֿון זײַן אַמפּוטירטן פֿוס און די שנאָלן פֿון דער פּראָטעזע האָבן אים געקוועלט מער ווי שטענדיק.

וואָס איז ער אַזוי זיכער אַז פֿרוי שמידט האָט געשיקט זײַן טעלע־גראַמע קיין בערלין ?

ער האָט נאָך צען טעג אין דײַטשלאַנד און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיי. זאָל ער שיקן נאָך אַ טעלעגראַמע ? ער מוז איצט שפּאָרן יעדן פֿעניג און הילדען וועט פֿאַרדריסן וואָס ער שיקט אַזוי פֿיל טעלעגראַ־מעס. ער וועט שרײַבן אַ פּאָסטקאַרטל.

די באַן איז געלאָפֿן אין אַ שנעלן ריטעם און פֿריץ האָט געהאַלטן אין איין בײַטן זײַן באַשלוס. אַ קאַרטל איז צו פּאַמעלעך. אַ טעלעגראַמע

קאָן זײַן פּאַראַכטיק. אַ קאַרטל איז צו מילד, דאַרף מען אַ טעלעגראַמע דירעקט אויס צודרינגלעכקייט.

דער צוג האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין האַנאָווער, די לעצטע סטאַציע ווו דער צוג וועט שטיין מער ווי עטלעכע מינוט, דער לעצטער שאַנס צו בײַטן זײַן בילעט אָדער שיקן אַ טעלעגראַמע. פּריץ איז נישט אַרויס פֿון זײַן וואַגאָן, ער וועט קודם פֿאָרן קיין האַמבורג, אפשר וואַרט דאָרט אויף אים אַ בריוו, און אפשר טאַקע הילדע.

במשך דער גאַנצער נסיעה איז פּריץ געזעסן ווי צוגעשמידט צום פֿענצטער און געשלונגען די לאַנדשאַפֿטן וואָס ער זעט אפשר צום לעצטן מאָל. פֿון די הויכן אין בײַערן ביז דעם פֿלאַכלאַנד פֿון דער „לונעבורגער הײַדע". די באַן האָט איצט זיך אַרײַנגעשניטן אין טענענבוים־וועלדער און אַרויסגעקומען צו ברייטע לאָנקעס ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט ריזיקע סטאַדעס הײַדשנוקען־שאָף. אין דער געגנט האָט ער דאָך פֿאַרבראַכט זײַן האָניק־חודש מיט הילדען. געכאַפּט פֿיש בײַם טײַך „וועסער" און געגעסן „הײַדשנוקנבראַטן", אַ שטיק געבראָטנס מיט אַזאַ מחיהדיקן טעם וואָס נאָר די הײַדשנוקן־שעפּסן האָבן.

די סלינע איז אים אָנגעלאָפֿן אין מויל ווי ער וואָלט געגלוסט צו אַזאַ שטיק געבראָטנס. ניין, נישט די פּרעס ליגט אים אין זינען! וועט ער נאָך אַ מאָל האָבן יענע שלווה, יענעם גלויבן אין אייביקער ליבע און אייביקע געטרײַשאַפֿט? ווי האָט עס געקאָנט געשען אַז אַ ווילגעפֿיל און אַ גלויבן, און טאַקע אַ ליבע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צוואַנציק יאָר זאָל זיך פּלוצלינג אַרויסווײַזן ווי אַ נאַיווע אילוזיע?

האָט הילדע אַ — — ? ניין, ס'איז נישט מעגלעך, נישט זײַן הילדע! דורך אַלע יאָרן וואָס ער קען זי האָט ער נישט געהאַט קיין סיבה צו צווייפֿלען אין איר געטרײַשאַפֿט. וואָס איז איצטער געשען ווען זי האָט שוין דערגרייכט די מיטעלע יאָרן און איז מער נישט אַזוי שלאַנק ווי איר ברודער וואָלפֿגאַנג, און אירע אויגן האָבן שוין נישט די פֿאַרחלומטקייט פֿון איר יוגנט?

ווען ער איז אין 1917 געלעגן אין שפּיטאָל נאָכן אַמפּוטירן דעם פֿוס, האָט אַ צווייטער אַמפּוטירטער געקלאָגט אַז ער וועט נישט צוריקפֿאָרן צו זײַן כלה מחמת אַ קאַליקע איז נאָר אַ האַלבער מענטש, און אַ פֿרוי זעט מענלעכקייט נאָר אין אַ גאַנצן שטאַרקן גוף. ער איז אַהיימגעקומען צו

זײַן הילדע און נישט געפּילט זיך ווי אַ קאַליקע. ער האָט אַרומגענומען הילדען מיט זײַן ליבשאַפֿט און געפּילט די קעגנזײַטיקייט.

דער שכן אין וואַגאָן האָט געמוזט האָבן אַ גרויסן דעפּיציט אין שלאָף. ער איז געזעסן אין זײַן ווינקל, דער קאָפּ האָט אַראָפּגעהאָנגען אין שלאָף. ער האָט זיך אויפגעריסן ווען נאָר די באַן האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן אָדער די ברעמזעס האָבן אַ קריץ געטאָן, ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק, באַרויִקט זיך, און באַלד ווידער אײַנגעשלאָפֿן. דער צוג איז שוין געווען נאָענט פֿון האַמבורג ווען דער הער פֿאָזנער האָט זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט. „איך האָב אײַך געשטערט מיט מײַן שנאָרכן?" האָט ער געפֿרעגט זײַן שכן, „ענטשולדיקן זיי".

„זאָרגט זיך נישט וועגן מיר", האָט פֿריץ אים באַרויִקט, „אַז מע קומט פֿון דאַכאַו... פֿאַר וואָס האָבן זיי אײַך פֿאַרשיקט?"

פֿריץ האָט געזען אַז פֿאָזנער קוקט אויף אים ווי ער וואָלט אַראָפּגע־פֿאַלן פֿון אַן אַנדערן פּלאַנעט. פֿאַר וואָס זענען זיי אים באַפֿאַלן און צעבראָכן אַ ריפּ? פֿאַר וואָס האָט הילדע אויפֿגעהערט שרײַבן?

פֿאַר וואָס זי האָט אויפֿגעהערט שרײַבן וועט ער וויסן אין האַמבורג. זי וואַרט שוין דאָרט אויף אים. אין בערלין האָט זי מורא געהאַט אים זען, עס זאָל נישט פֿאַלן קיין חשד אויף אָטאָן, אָבער אין האַמבורג קען זיי קיינער נישט, זי וועט זיכער קומען.

„מעג איך וויסן ווו איר וועט אײַנשטיין אין האַמבורג?" האָט הער פֿאָזנער געפֿרעגט.

פֿריץ האָט געדענקט אַז דער האָטעל וואָס וואָלפֿגאַנג האָט פֿאַר אים באַשטעלט געפֿינט זיך אין דער אַלטשטאָט, ער האָט אַפֿילו געדענקט דעם אַדרעס, ס'איז ערגעץ צווישן ראַטהויז און דעם פּאָרט, אָבער דעם נאָמען פֿון האָטעל האָט ער נישט געדענקט. „איך האָב עס פֿאַרשריבן, כ'וועל עס באַלד געפֿינען".

„קאָן איך אײַנשטיין מיט אײַך? איך האָב נישט קיין באַשטעלטן פּלאַץ".

„איך פֿאָר אַליין, אָבער אין האָטעל וועל איך ווינען מיט מײַן פֿרוי, זי קומט פֿון בערלין", האָט פֿריץ געענטפֿערט. „ס'איז אַ קלענער ביליקער האָטעל, אפֿשר האָבן זיי נאָך אַ פֿרײַען צימער. ,אַלדאָן'", האָט פֿריץ זיך

דערמאָנט דעם נאָמען פון האָטעל, ווי דער גרויסער האָטעל אַלדאָן אין בערלין".

זיי זענען צוזאַמען אַראָפּ פון די וואַגאָנטרעפּלעך. ווען זיי זענען אַרויס פון וואָקזאַל זענען זיי אַרײַן אין אַ געדראַנג פון אַ המון וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אַ נאַצי־פּאַראַד. אַ וואַלד מיט רויט־שוואַרצע האַקנקרײַץ־פּענער, דאָס געפּויק פון די סאָלדאַטישע שטיוול אויפן ברוק איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם שאַלן פון אַן אָרקעסטער וואָס האָט זיך צעטרומייטערט אין אַ נאַצי־מאַרש. דער הינקענדיקער פריץ האָט געוואָלט זאָגן פּאַזנערן צו גיין אַ ביסל שנעלער, און דערזען אַז יענער איז מער נישט נעבן אים. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען ווי פּויסטן פאַלן אויף פּאָזנערן, דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ איז געזונקען אַראָפּ און די פויסטן האָבן נאָך אַלץ געהאַמערט אין אים. פריצן האָט אויסגעוויזן אַז זיי פּויקן מיט די פויסטן צום טאַקט פון דעם נאַצי־ליד.

ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעריסן פון דעם געדראַנג, איז פריצן אײַנגעפאַלן אַז ער האָט באַדאַרפט בלײַבן און זען וואָס עס געשעט מיט דעם פּאָזנער. ער האָט שטאַרקער געקלאַמערט די פידלשייד אין זײַן האַנט, ער מוז ראַטעווען זײַן פידל.

אין האָטעל, איבער דעם רעגיסטריר־טיש, איז געהאַנגען דאָס באַ־קאַנטע שילדל „פיר יודען פערבאָטען". פריץ האָט זיך צוריקגעצויגן נאָר פאַר אַ רגע, ער האָט געמאַכט אַ שנעלן באַשלוס צוצוגיין בעטן זײַן צימער.

יאָ, עס איז געווען אַ רעזערוואַציע אויף זײַן נאָמען. ווען זיי האָבן גענומען זײַן פּאַס אים אײַנצומעלדן איז פריצן באַפאַלן אַ פּחד, זיי וועלן באַלד פרעגן ווו ער וווינט און ער האָט נישט קיין אַדרעס אין דײַטשלאַנד. וואָלפגאַנג האָט געמוזט אָנגעבן אַן אַדרעס ווען ער האָט געמאַכט די רעזערוואַציע, וואָס פאַר אַן אַדרעס האָט וואָלפגאַנג אָנגעגעבן? הילדעס? ער טאָר נישט ריזיקירן אָנצוגעבן הילדעס אַדרעס, אויב מע וועט אויפדעקן זײַן ייִדישקייט וועט הילדע האָבן גרויסע צרות. וואָס פאַר אַן אַדרעס איז אָנגעגעבן אין זײַן פּאַס?

ער געדענקט נישט וואָסער אַדרעס ס'איז פאַרשריבן אין זײַן פּאַס, אפשר זײַן אַמאָליקער אַדרעס אין בערלין? וואָס איז געשען צו אים אַז ער האָט אַפילו נישט איבערגעלייענט דעם אַדרעס אין זײַן פּאַספּאָרט?

דרויסן, בײַם אַרײַנגאַנג צום האָטעל האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַן אויטאָ. בײַ פּריצן האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן די קני ווען ער האָט געזען אַז דער אויטאָ האָט אַן עס־עס־פֿענדל. ער האָט געשטעלט אַ טריט אויף צוריק, ניין, ער קאָן נישט אַנטלויפֿן אָן זײַן פּאַס. אַ האָטעל־דינער איז צוגעלאָפֿן עפֿענען די טיר. צוויי יונגע מיידעלעך זענען אַרײַנגעלאָפֿן, נאָך זיי אַ פּאָרל, אַוודאי זייערע עלטערן, ערשט נאָך זיי איז אַרײַן דער עס־עס־מאַן מיט גרויסע וואַליזעס אין בײדע הענט. דער נײַער גאַסט מוז זײַן אַ גרויסע נאַצישע שישקע אויב אַ מונדירטער עס־עס־מאַן טראָגט זײַנע וואַליזעס. דער רעגיסטרירער האָט אַוועקגערוקט פּריצעס פּאַספּאָרט און זיך גענומען באַדינען די נײַע געסט. דער עס־עס־מאַן האָט געבעטן צוויי צימערן פֿאַר דעם דאָקטאָר מײַזנער און זײַנע קינדער.

מײַזנער? דער נאָמען האָט פּריצן געקלונגען באַקאַנט, אויך דאָס פּנים פֿון ד״ר מײַזנער האָט אים אויסגעזען באַקאַנט, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען פֿון וואַנען.

דער רעגיסטרירער איז צוריקגעקומען צו פּריצן. „קריגעס אינוואַליד״, האָט פּריץ געוויזן אויף זײַן רעכטן פֿוס און געבעטן אַ צימער אויף אַ נידעריקן שטאָק. ער האָט איבערגעחזרט דעם „קריגעס אינוואַליד״ מיט אַ העכער קול, דער עס־עס־מאַן זאָל עס הערן, אָבער יענער איז געווען פֿאַרנומען מיט די מײַזנערס און געהאָלפֿן טראָגן זייערע פּעקלעך. נאָך גוט אַז פֿאַזנער איז נישט געקומען מיט אים מיט זײַן אָפּגעגאָלטן דאַכאַו־קאָפּ. אָט דער קליינער האָטעל מוז זײַן אַ נעסט פֿון נאַציס. ער וועט מאָרגן דאַרפֿן אַרויסגיין זוכן אַ מער זיכערן פּלאַץ.

ווען פּריץ איז שוין געווען אין זײַן צימער און אויסגעפּאַקט זײַן ביסל זאַכן האָט ער זיך דערמאָנט פֿון וואַנען דער נאָמען מײַזנער איז אים באַקאַנט. אין בערלין וווינט אַ באַרימטער כירורג מיטן נאָמען מײַזנער אָבער עס קאָן נישט זײַן דער זעלביקער, דער כירורג איז אַ ייִד. יאָ, ער געדענקט שוין אַז דער דאָקטאָר מײַזנער, דער כירורג, איז געווען צווישן די ייִדן וואָס זענען אַרויס פֿון זייער סינאַגאָגע. איראָניע פֿון גורל: איין ד״ר מײַזנער איז אַ ייִד און ווערט צעשלאָגן פֿון נאַציס, דער צווייטער איז אַ נאַצי, פֿאַרבונדן מיט די עס־עס.

דער ייִדישער ד״ר מײַזנער, האָט פּריץ איצט זיך דערמאָנט, איז פֿון די באַרימטסטע דאָקטוירים אין בערלין, און איז גאָר יונג געוואָרן פּראָ־

פעסאָר פון מעדיצין אויפן בערלינער אוניווערסיטעט. פון דעסט וועגן איז ער געגאַנגען אין אַ סינאַגאָגע, גראַף העלדאָרף איז דעמאָלט אָנגע־פאַלן אויף די ייִדן ווען זיי זענען אַרויס פון זייער געבעטהויז. ער, פריץ־פריץ, האָט אָנגעהויבן זײַן ליבע מיט מוזיק ווען ער איז געוואָרן אַ משורר ביי זײַן טאַטן אין דער האַמליער שיל, אָבער זײַן זון, דאָס אייניקל פון בעריש חזן, איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין קיין סינאַגאָגע און קען נישט די צורה פון אַ ייִדישן אַלף. אַטאַ האָט דאָך אַפילו נישט דעם ייִד־צייכן אויף זײַן גוף. ער, פריץ, האָט געוואָלט ווערן אַ פאַלנער גוי, אָבער מע לאָזט אים נישט. ייִדן זאָגן אַז עס איז שווער צו זײַן אַ ייִד, שווער איז גאָר צו זײַן אַ גוי, זיי שפּײַען דיך אויס.

הילדע האָט נישט געוואַרט אויף אים אין האַמבורג און איז אויך נישט געקומען צו מאָרגנס. עס איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט פון מיטוואָך דעם 3טן מיי; אויב זי האָט נישט געענטפערט אויף זײַן טעלע־גראַמע וואָס פרוי שמידט האָט אָוועקגעשיקט נעכטן פרי, איז אַ סימן אַז זי איז אין וועג אָדער גרייט זיך אין וועג אַרײַן. עס האָט נישט קיין זין אַרויסצוגיין זוכן אַן אַנדערן האָטעל ווען ער ווייס סײַ ווי מוזן איבער־לאָזן זײַן אַדרעס פאַר הילדען.

דאָנערשטיק פרי, גראָד ווען פריץ איז אַרויס פון זײַן צימער צו גיין צום אַלגעמיינעם באָדצימער, האָבן צוויי שוץ־פּאָליציסטן אַרויסגעשלעפּט אַ מאַן פון זײַן צימער. פריץ האָט מורא געהאַט אַרויסגיין פון באָדצימער. דער מאַן וועמען די פּאָליציסטן האָבן געפירט האָט אויסגעזען ווי אַ ייִד. באַלד וועלן זיי געפינען נאָך אַ ייִד וואָס וווינט דאָ קעגן געזעץ. דער ביוראָליסט פון האָטעל האָט אים נאָך אַלץ נישט צוריקגעגעבן זײַן פּאַס־פּאָרט ווו עס איז פאַרשריבן אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד און אַז זײַן טאַטע האָט געהייסן בעריש. אויב מע וועט אים אַרעסטירן, ווער וועט וויסן און ווער וועט זיך פאַר אים אָננעמען?

ער האָט מורא געהאַט פאַר די מײַזנערס אָבער דאָס לויפן פון קינדע־רישע פיסלעך אויף די טרעפּ, די לאַכנדיקע קינדערישע קולעכלעך זענען גוט געווען פאַר זײַן געמיט. די קינדער פון נאַציס — זיי קאָנען לאַכן, זיי איז גוט. אַטאַ איז אויך אַ מאָל געווען אַ פריילעך קינד, הײַנט לעבט ער אין שטענדיקער שרעק מע זאָל נישט אויסגעפינען אַז ער האָט אַ טאַטע אַ ייִד, און ער בענקט אַוודאי נאָך זײַן טאַטן...

ער איז זעלטן אַרויס פֿון האָטעל, טאָמער קומט הילדע, טאָמער קלינגט הילדע. דער חידוש איז געווען וואָס אויך די מײַזנערס זענען זעלטן אַרויס פֿון האָטעל. זײ האָבן דאָך נישט מורא פֿאַר דער גאַס און די שטאָט איז פֿול מיט פּאַראַדן, עס ווערט זיבן הונדערט און פֿופֿציק יאָר זינט האַמבורג איז געבויט געוואָרן. דרויסן הערט די מוזיק נישט אויף שאַלן, אָבער די האַקנקרײַץ־פֿענער אויף אַלע הײַזער פֿלאַטערן אים אַקעגן מיט דראָונג. יעדער פֿאַרבײַגייער טראָגט אויף זײַן אָרעם אָדער אויף זײַן ברוסט אַ נאַצי־צייכן, ער האָט אַ נאַקעטע ברוסט, זײַן אַמאָליקע אויסצייכענונג פֿאַר העלדישקייט האָט פֿאַרלוירן יעדע ווערט.

פֿרײַטיק דעם 12טן, באַלד אין דער פֿרי, האָבן די מײַזנערס פֿאַרלאָזט דעם האָטעל. עס איז אים לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרץ, עס איז אים אויך אומעטיק געוואָרן. ער האָט נישט געוווּסט פֿאַר וואָס, אָבער ער האָט געפֿילט ווי די איינציקע באַקאַנטע האָבן אים פֿאַרלאָזט און ער איז געבליבן אַליין אין אַ פֿרעמדער, פֿײַנטלעכער וועלט. אייגנטלעך האָט ער אַליין אויך שוין געקאָנט זיך אַרויסציִען. די שיף ווו ער איז אַ לעגאַלער און באַצאָלטער קליענט האָט שוין אָנגעהויבן באָרטירן אירע פֿאַרשוינען, אָבער די שיף פֿאַרלאָזט דעם האַוון ערשט מאָרגן אַכט אָוונט, ביז מאָרגן קאָן נאָך עפּעס אָנקומען פֿון בערלין. אַז אַלץ איז אַדורך בשלום ביז הײַנט מעג ער ריזיקירן נאָך אַ טאָג.

ב.

שבת נאָך מיטאָג, זײַן וואַליזע איז שוין געווען פֿאַרפּאַקט, ער האָט שוין באַצאָלט פֿאַר דעם האָטעל און מע האָט אים שוין צוריקגעגעבן זײַן פּאַספּאָרט. ער איז נאָך אַלץ געזעסן אין זײַן צימער און געוואַרט אויף אַ טעלעפֿאָן. ער האָט געכאַפּט אַ בליק דורכן פֿענצטער און געזען אַז די גאַסן ווערן אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, די טראַמווײַען זענען געבליבן שטיין, און — — אוי, הײַנט איז דאָך דער הויפּטפּאַראַד, אַז ער וועט דאָ בלײַבן שטעקן וועט ער פֿאַרשפּעטיקן די שיף! ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין דער צײַטונג וואָס ער האָט פֿריִער געהאַט געקויפֿט. דער פּאַראַד האָט זיך שוין אָנגעהויבן בײַם ראַטהויז און וועט באַלד קומען אַהער, ער מוז אַנטלויפֿן כּל־זמן מע קאָן נאָך.

קיין טראַנספּאָרטאַציע. ער האָט געהונקען מיט זײַן וואַליזע אין איין האַנט און זײַן פידל אין דער אַנדערער. די פּענער האָבן געפּלאַטערט, מוז דאָך זײַן אַ שטיקל ווינט אָבער ער איז אָפּגעגאַנגען אין שוויס. אַ וואָרעמער טאָג פון מיטן מײַ און ער האָט געמוזט אָנטאָן זײַן מאַנטל ווײַל ער האָט מער נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין דער וואַליזע. אַ מידער, אַן אויסגעלאָשענער האָט ער זיך געשלעפּט און זיך אַדורכגעשטופּט אַ וועג צווישן אַ פריילעכן יובלענדיקן המון. ער איז געגאַנגען אָן חשק. ער וועט פאַרשפּעטיקן די שיף? וועט אויך נישט ווערן קיין לאָך אין הימל. שוין באַלד אַכט יאָר ווי ער האָט אָנגעהויבן לויפן אָבער דער גורל יאָגט אים אָן.

ער שלעפּט שוין קוים זײַן פוס, ער וועט דאָ באַלד אַוועקפאַלן, אָדער מע וועט אים פאַרהאַלטן, אַן איינציקער טרויעריקער מענטש אין אַן אָפּגעשאָסענעם מאַנטל מיט אַן אויסגעריבענער וואַליזע אין מיטן פון אַ טאַנצנדיקן זינגענדיקן פּעבל...

ער וועט ווײַזן די פידל, ער וועט זאָגן, ער איז געקומען צו אַ קאָנצערט...

ער וועט זאָגן? ווען זיי נעמען עמעצן אין האַנט, העלפט נישט קיין זאָגן אַפילו ווען מע זאָגט דעם אמת. ער ווייסט דען דעם אמת? אפשר איז דאָס אַלץ אַראַנזשירט געוואָרן כדי פון אים פּטור צו ווערן, אפשר — —

דער געדאַנק איז נישט געקומען ביז צום פינצטערן אויספיר, ער האָט פּלוצלינג דערזען אַז ער איז שוין אַרויס פון געדראַנג, אַז עטלעכע טריט ווײַטער שטייַען מענטשן אײַן אין אַ טראַמווײַ. ער האָט גענומען אײַלן צום טראַמווײַ. דער קאָנדוקטאָר האָט געזען אַן אינוואַליד, האָט ער געוואַרט.

אַ געראַיע אַרום דער שיף. הייבערס האָבן נאָך אַלץ אַראָפּגעלאָזט זייערע זשיראַפּהעלדזער, אײַנגעביסן זיך אין ריזיקע קאַסטנס און זיי אַרויפגעהויבן אויף דער שיף. סטעוואַדאָרס זענען געלאָפן אַהין און צוריק, פאַרשוויצטע האָבן נאָך אַלץ געקלעטערט אויף דעם בריקל אַרויף צום דעק. איין סטואַרד האָט פריצן געהאָלפן אַרויף דעם בריקל, אַן אַנדערער אַראָפּ צו זײַן קאַיוטע דריטע קלאַס. דער סטואַרד האָט גענומען בײַ אים די וואַליזע; דעם פידל האָט ער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, כאָטש עס וואָלט אים לײַכטער געווען צו הינקען טרעפּ־

אַראָפּ, אויב ער װאָלט זיך געקאָנט אָנהאַלטן מיט בײדע הענט אין די גלעלענדערס.

ער האָט געװוּסט אַז ער דאַרף טײלן זײַן קאַיוטע מיט נאָך אַ מאַן. אויף דעם צװײטן בעטל איז שוין געשטאַנען אַ רוקזאַק נישט־צעפּאַקט, אָבער דער שכן איז אין דער קאַיוטע נישט געװוען. ער האָט אויסגעטאָן די פּראַטעזע, אַרומגעװאַשן זיך פֿון שװײס און זיך אויסגעצויגן אויף זײַן בעטל. אַ דרימל װאָלט אים גוט געטאָן, האָט ער געטראַכט, אָבער װי קאָן מען אײַנשלאָפֿן װען אַזוי פֿיל געדאַנקען לויפֿן אָן אין קאָפּ און אַזוי פֿיל בילדער הינטער די געשלאָסענע אויגנלעפֿלעך. אוי, די שיף גליטשט זיך אויפֿן װאַסער, איז עס מעגלעך? איז ער דאָך יאָ געשלאָפֿן און אָפּילו נישט געהערט און נישט געפֿילט װען די שיף האָט זיך אָפּגע־ריסן פֿון ברעג. ער האָט הײַנט װײניק געגעסן אָבער איז נישט הונגעריק, ער איז צו מיד צו זײַן הונגעריק, און עס איז שוין סײַ װי צו שפּעט אַרויפֿצוגײן צום עסצימער. ער איז נאָך אַלץ געװוען מיד און שלעפֿעריק, אָבער עס האָט אים מער נישט גענומען קײן שלאָף. אַ פֿײַער האָט געברענט אין דעם שטיקל װאָס איז אים געבליבן פֿון רעכטן פֿוס און דער לינקער פֿוס האָט װי אויפֿגעטײַעט פֿון אַ פֿאַרפֿרוירנקײט. נאָדלען האָבן געטאַנצט אונטער דער הויט און זיך גאָר נישט געקאָנט אויסטאַנצן, דער גוף איז געלעגן אויפֿן בעטל שװער װי אַ טויט שטיק בלײַ.

ער האָט זיך װידער איבערגעװועקט װען די טיר צו זײַן קאַיוטע האָט זיך שטיל געעפֿנט און אַ מאַן האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט, אוודאי זײַן שכן. אַז ער האָט זיך איבערגעװועקט מײנט עס דאָך אַז ער איז װידער געשלאָפֿן?

אַלץ טוט אים װײ, ער איז מיד און קאָן איצט שוין באמת נישט אײַנשלאָפֿן אָבער ער איז צופֿרידן װאָס ער האָט נישט פֿאַרשפּעטיקט די שיף. שוין אָפּגעריסן זיך פֿון דעם פֿאַרשאָלטענעם אײראָפּעיִשן קאָנ־טינענט, דאָס איז דאָך מער װי אין זײַן װילדסטן חלום! ער האָט אָפּילו נישט געטרוימט װעגן דעם און אוודאי עס נישט אויסגעפּלאַנט. הילדע האָט עס אויסגעפּלאַנט! אַלץ װעט נאָך אַ מאָל זײַן גוט און װויל, ער דאַרף נאָר אַ ביסל קומען צו זיך און אויסרוען זײַנע צעשרויפֿטע נערװן.

װען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי איז זײַן שכן שוין נישט געװוען אין דער קאַיוטע. כאָטש ער האָט געפֿילט אַ נאָגנדיקן

הונגער האָט ער זיך ווידער געוואָשן און פריש אָפּראַזירט איידער ער איז אָוועק עסן, מע דאַרף אויסזען ווי אַ מענטש.

ער איז שוין געזעסן בײַם טיש אין עסזאַל פון טוריסט־קלאַס ווען ער האָט דערפילט אויף זיך עמעצנס בליק; ס'איז געווען פּאָזנער וואָס איז געזעסן בײַ אַן אַנדערן טיש. „כ'קאָן זיך צוזעצן צו אײַך?" האָט ער געפרעגט.

„איך וועל זיך צוזעצן צו אײַך", האָט פּאָזנער געענטפערט און געקומען צו זײַן טיש. כאָטש ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן פּאָזנערן, האָט אים אַרומגענומען אַ גוט געפיל ווי ער וואָלט דאָ געפונען אַן אַלטן באַקאַנטן.

„וואָס מאַכט אײַער פרוי?" האָט פּאָזנער געפרעגט מיט אַ ביסל קינאה. זײַן אייגענע פרוי וואָלט אויך געקומען קיין האַמבורג מיט די קינדער, אויב זיי וואָלטן געקאָנט צוזאַמענקראַצן אויף הוצאות.

„מײַן פרוי? אָ, יאָ, גאַנץ גוט. איר האָט געפונען אַ גוטן האָטעל?"

„אָ, אין האַמבורג בין איך געווען ווי בײַ זיך אין דער היים. מע האָט מיך אָפּגעוואַרט מיט אַ געהעריקן קבלת־פּנים".

„כ'האָב געזען", האָט פריץ זיך מודה געווען. „איך האָב געמוזט גיין ווײַטער ווײַל מײַן פרוי — —" פריץ האָט זיך אַליין איבערגעריסן און צוגעגעבן מיט אַ שטילער קול: „כ'ווייס איך וואָלט געדאַרפט וואַרטן כאָטש פון ווײַטנס, אָבער אַ מענטש וואָס איז אַדורכגעגאַנגען דאָס וואָס איך..." ער האָט ווידער איבערגעריסן און זיך פאַרשעמט. דער הער פּאָזנער איז אַדורכגעגאַנגען דאַכאַו! ער האָט מיט ביידע הענט אונטערגעהויבן און איבערגערוקט זײַן פוס מיט דער פּראָטעזע, אַליין נישט ווויסנדיק פאַר וואָס ער טוט עס.

פּאָזנער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט: וואָס וואָלט איך אײַך שוין געקאָנט העלפן, כ'בין נעבעך אַן אינוואַליד. ער האָט אָנגענומען דעם תּירוץ און וואַרעם אַ זאָג געטאָן צו פריצן: „איך בין אײַער שכן אין דער קאַיוטע, איר ווייסט?"

צוויי כיכיקענדיקע מיידעלעך זענען פאַרבײַגעלאָפן ווען ער האָט שפּעטער זיך געדראַפּעט די טרעפּ־אַרויף צו דער אייבערשטער דעק.

„גאָט מײַנער, דאָס זענען דאָך די צווילינג־שוועסטערלעך פון האָטעל, די קינדער פון דאָקטאָר מײַזנער. ווי קומען זיי — — פאַרט ד"ר מײַז־

נער אין אַ נאַצישער שליחות? אין אַ נאַצישער שליחות מיטן װײַב און די קינדער? אָדער — —? איז דער עס־עס־מאַן װאָס האָט געבראַכט די מײַזנערס אין האָטעל, אַ קרוב, אַ שװאָגער פֿון דעם ייִד מײַזנער, װי דער אָפֿיציר פֿון דער װערמאַכט װאָס האָט געמאַכט די רעזערװאַציע פֿאַר דעם ייִד װײַנער? נו, די גאַנצע נאַצי־משוגעת קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן.

דער קאַפּיטאַן האָט צוזאַמען מיט עטלעכע אָפֿיצירן געמאַכט אַן אינספּעקציע איבער אַלע טײלן פֿון דער שיף. זײ זענען געגאַנגען מיט אַ שװערן זעלנערישן טראָט, אָבער פֿרײַנדלעך געשמײכלט און אַלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט פֿרעגן צי אַלץ איז צופֿרידנשטעליק. קײנער האָט נישט געהאַט אױף װאָס זיך צו באַקלאָגן. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין ים, אַ װינטל האָט געפּעכערט מילד און געגלעט, די שיף האָט געשײַנט און געשמעקט פֿון רײנקײט. אין דײַטשלאַנד איז שפּײַז שױן געװען ראַציאָנירט; דאָ האָט פֿון גאָרנישט געפֿעלט — דאָס עסן — געשמאַק, די באַדינונג — פֿרײַנדלעך. נאָר די האָקנקרײַץ־פֿאָן האָט דערמאָנט װעמענס די שיף איז.

אַזאַ גוטע באַהאַנדלונג, כאָטש כּמעט אַלע פּאַרשױנען זענען ייִדן? װאָס באַװײַזט דאָס?

דאָס באַװײַזט אַז מע האָט שױן דאָס גיהנום הינטער זיך. אַלע דאָ פֿאָרן נאָך מיט זײערע דײַטשע פּאַספּאָרטן, אָבער מע פֿאָרט צו דער גרױסער פֿרײַער װעלט. עס מוז זײַן אַז די נאַציס האָבן מורא פֿאַר דער גרױסער פֿרײַער װעלט, עס מוז זײַן אַז די גרױסע פֿרײַע װעלט ציטערט איבער דעם גורל פֿון די גערודפֿטע, אױב די װאָס רודפֿן האָבן זיך פּלוצלינג אַזױ דראַסטיש געביטן צום גוטן. מע האָט אױסגעגלײַכט די פּלײצעס, אַ מילדקײט איז אױפֿגעגאַנגען אין די אױגן װוּ עס איז פֿריִער געלעגן דער אַלאַרם פֿון אַ געיאָגטער חיה װאָס הערט שױן דאָס בילן פֿון די נאָכיאָגנדיקע געיעגהינט.

„פֿאַרגין זיך אָפּצואָטעמען פֿרײַ״, האָט פֿריץ געמוסרט זיך אַלײן. אפֿשר איז עס געװען די שולד פֿון זײַן שכן אין דער קאַיוטע. פֿאָזנער האָט זעלטן אױסגערעדט אַ װאָרט, ער איז נאָך אַלץ געװען אין אַ טיפֿער געשפּאַנטקײט, װי ער װאָלט נאָך אַלץ געפֿילט אױף זיך דאָס אױג פֿון שׂונא װאָס לױערט אױף אים.

פריץ איז שוין שעהען געלעגן וואָך אויף זײַן געלעגער ווען פּאָזנער איז נאָך מיטנאַכט געקומען שלאָפֿן. פריץ האָט איצט ממשיך געווען זײַנע געדאַנקען אויפֿן קול און געפֿרעגט פּאָזנערן: „ווי מיינט איר, זיי האָבן פֿון דאַכאַו אַרויסגעשיקט אַנווײַזונגען מע זאָל אײַך אָפּוואַרטן מיט קלעפּ אין ווירצבורג און אין האַמבורג?”

„עס לייגט זיך נישט אויפֿן שׂכל”, האָט פּאָזנער געענטפֿערט, „דער קעגנער פֿון רעזשים איז הפקר, דער ייִד איז אַוודאי הפקר”.

„אָבער דאָ, אויף דער שיף — —”

„אויך דאָ אויף דער שיף. ערשט נעכטן איז איינער פֿון אונדזערע, אַן אינזשעניר, אַראָפּ אין דער מאַשינען־האַלע און געהערט די מאַנשאַפֿט זינגען ׳ווען דאָס יודען בלוט פֿאָם מעסער שפּריצט׳ ”.

„אָבער זיי באַציִען זיך צו אונדז מענטשלעך”.

„אין דאַכאַו איז דאָ אַ וועכטער קאָנראַד, מיר האָט זיך געדאַכט אַז ער באַציט זיך צו מיר מענטשלעך און פֿאַר אים האָב איך זיך ווייניקער געהיטן. ער איז אַ מאָל אַרײַן אין מײַן באַראַק ווען איך האָב געהאַלטן אין האַנט די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון מײַן פֿרוי. די פֿאָטאָגראַפֿיע איז געווען מער ווי מײַן ליבע, ס׳איז געווען מײַן פֿאַרבינדונג מיט דעם דרויסן, מײַן האָפֿן אַז לעבן איז נישט לויטער קאָשמאַר. ווען נאָר דעפּרעסיע האָט מיך גענומען וואָרגן האָב איך זיך געראַטעוועט מיט אַ בליק אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. קאָנראַד האָט עס אַרויסגעריסן פֿון מײַן האַנט, אַראָפּ־געוואָרפֿן אויף דער ערד און געטרעטן דערויף. דאָס איז אים נישט גענוג געווען. ער האָט צעקנעפּלט זײַנע הויזן און אויסגעליידיקט זײַן בלאָז אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע. עס האָט מיך געטראָגן צו וואַרפֿן זיך אויף אים און אומקומען צוזאַמען מיט אים, אָבער די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט אַרויסגעקוקט צו מיר פֿון דער קאַלוזשע השתּנה און מיר געגעבן כּוח זיך צו באַהערשן. ניין, עס זענען נישטאָ קיין מענטשלעכע נאַציס!”

אויב די נאַציס, דאָ, האָבן מורא אַרויסצוווײַזן זייער אמתן פּרצוף איז דאָך אַ סימן אַז זיי האָבן פֿאַר װעמען מורא צו האָבן, איז דאָך אַ סימן אַז אויסער די גרענעצן פֿון דעם משוגע־געוואָרענעם נאַצי־לאַנד איז יאָ פֿאַראַן אַ ברודערשאַפֿט פֿון מענטשן און פֿעלקער, איז דאָך אַ סימן אַז — — —

ער װאָלט דאָס באַדאַרפֿט שרײַבן צו זײַן אַטאַן. שרײַבן צו אַטאַן טאָר ער טאָקע נישט, אָבער מאָרגן װעט די שיף זיך פֿאַרהאַלטן אין דעם פֿראַנצײזישן פּאָרט שערבורג. אַטאַ און הילדע האָבן נאָר געװאַרט ביז ער װעט אַרױס פֿון די רײַכסגרענעצן. עס איז דאָך געװען אַזאַ גאָענטקײט צװישן אים און אַטאַן. אין שערבורג װאַרט אױף אים אַ בריװ.

פֿריִער האָט ער נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן װײַל זײַן קאָפּ איז געלעגן אין אַ שפּינװעב פֿון טרױעריקע רעיונות. דאָס האָפֿן אױף אַ בריװ האָט אים אױפֿגעמונטערט און אַזױ פֿיל הײַטערע געדאַנקען האָבן אַרײַנגעטאַנצט אין זײַן מוח אַז ער האָט װידער נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. אױב ער װאָלט געהאַט צװײ פּיס װאָלט ער מאָרגן געגאַנגען צום טאַנצ־אָונט װאָס מע גרײט אין דעם פֿאַרברענגזאַל. איבער מאָרגן װעט מען װײַזן אַ פֿילם, ער װעט גײן זען דעם פֿילם, ער מוז זיך אַרױסרײַסן פֿון דער דעפּרעסיע אײדער ער קומט אָן קײן האַװאַנע, ער מוז זײַן גרײט דאָרט אָנצוהײבן אַלץ פֿון ס'נײַ.

אין קינאָ האָט מען פֿאַר דעם הױפּטפֿילם געװיזן אַ קורצן נײַעספֿילם מיט היטלערס אַ העצערישער רעדע. פֿריץ איז געזעסן דערשלאָגן, אָבי ער האָט שױן געשפּונען ראָזע חלומות...

עס האָט אױסגעבראָכן אַ טומל, אַ סך האָבן זיך אױפֿגעשטעלט און גענומען אַרױסגײן. פֿריץ האָט אױך געװאָלט אַרױסגײן, ער האָט פּראָבירט זיך אױפֿשטעלן און איז צוריקגעפֿאַלן אױף זײַן בענקל. נאָך עטלעכע און צװאַנציק יאָר מיט דער פּראָטעזע האָט ער פֿאַרגעסן אַז ער דאַרף זיך שטעלן צו ערשט מיט דעם לינקן פֿוס. ער בױט זיך פּראָטעזעס אין דער לופֿט און פּראָבירט זיך שטעלן אױף זײ...

װען ער איז אַרױסגעקומען פֿון קינאָ האָט ער געהערט אַז דער ד״ר מײַזנער איז געלאָפֿן מיט אַ פּראָטעסט צום קאַפּיטאַן און אַז דער קאַפּיטאַן האָט אים פֿאַרזיכערט אַז ער האָט נישט געװוּסט פֿון דעם און צוגעזאָגט אַז אַזאַ זאַך װעט זיך מער נישט איבערחזרן.

פֿריץ איז געװען צופֿרידן װי דאָס װאָלט געװען זײַנס אַן אײגענער דערגרײך. די מסקנות צו װעלכע ער איז געקומען נעכטן בײַ נאַכט זענען יאָ ריכטיק. די װעלט איז נישט הפֿקר, און מאָרגן װעט מען שױן זײַן אין שערבורג װוּ עס װאַרט אױף אים אַ בריװ.

װען פֿריץ איז צו מאָרגנס אַרױס פֿון דעם דריטן קלאַס עסזאַל

האָט ער אָנגעטראָפֿן דעם ד״ר מײַזנער וואָס איז גראָד אַרויס פֿון דעם ערשטן קלאַס עסזאַל. פֿריץ איז צוגעגאַנגען קאָנגראַטולירן דעם דאָקטאָר פֿאַר זײַן מוטיקער אינטערווענץ בײַ דעם קאַפּיטאַן. עס האָט זיך פֿאַרבונדן צווישן זיי אַ שמועס.

„כ'האָב מורא געהאַט פֿאַר אײַך״, האָט דער דאָקטאָר איצט דערציילט מיט אַ געלעכטער, „אויב איר האָט געקאָנט אַרײַן אין אַ האָטעל ווו ייִדן טאָרן נישט וווינען״.

„און איך האָב מורא געהאַט פֿאַר אײַך, אַן עס־עס־מאַן האָט אײַך געבראַכט״.

„אַ, הײַנריך? ס'איז געווען אין גאַנצן זײַן איניציאַטיוו. ווען מע האָט מיך אַרויסגעטריבן פֿון אונדזער וווינונג אויף קורפֿירסטענדאַם —״

„איר האָט טאַקע געוווינט אויף קורפֿירסטענדאַם?״

„זינט מײַן חתונה, זינט 1930. ווען מע האָט אונדז אַרויסגעטריבן האָב איך קוים געפֿונען צוויי מעבלירטע צימערן, אַ סובלאָקאַטאָר בײַ אַן אַלמנה, אַ דײַטשקע. מיר האָבן שוין געהאַט אונדזער צווילינג און עס איז אונדז געווען שרעקלעך ענג, שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען אונדזער גליק. די אַלמנה האָט אַ זון הײַנריך, ער שטודירט מעדיצין; איך האָב נישט געוווּסט אַז ער איז אַ נאַצי, האָב איך אים געהאָלפֿן. קיין גאון איז ער נישט, אָבער ער איז אָרנטלעך. איך האָב אים צוגעגרייט צו די עקזאַמענס און ער האָט מיר אָפּגעצאָלט מיט דעם וואָס איר האָט געזען. ער האָט אָפּילו ריזיקירט דאָס צו טאָן אין זײַן עס־עס־מונדיר און זיך באַנוצט מיט אַן עס־עס־אויטאָ״.

„איר מוזט זײַן גרויס אין אײַער פּראָפֿעסיע אַז זיי האָבן אײַך געלאָזט אָנהאַלטן אײַער פּראָפֿעסאָר־אַמט ביז איצט״.

„מענטש, איר קומט פֿון דער לבֿנה? מײַן קאַטעדרע אין בערלינער אוניווערסיטעט האָט מען מיר שוין לאַנג צוגענומען, האָב איך זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט פּראַקטיצירן מעדיצין. ווען איך האָב מער נישט געטאָרט אָפּערירן אַריער, האָב איך געהיילט נאָר ייִדן. מיט הײַנריכן האָב איך געקנעלט אין דער היים, פּריוואַט״.

„מיט מיר איז געשען דאָס זעלביקע. איך בין געווען דער ערשטער פֿידלער אין בערלינער פֿילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, איך בין געלאָפֿן פֿון בערלין קיין אַאַכן, מינכן, ווין און פּראָג. איר האָב מער נישט געשפּילט

די ערשטע פידל, אָבער איך האָב געשפּילט. די רעזערוואַציע אין אַלדראָן האָט אויך פֿאַר מיר געמאַכט אַ נישט־ייִד. אויב איך וואָלט געוווּסט אַז עס איז פֿאַרבאָטן, וואָלט איך אַהין נישט געגאַנגען. אָבער ביַי דער באַן איז מען באַפֿאַלן אַ ייִד, איך האָב מורא געהאַט בלײַבן אין גאַס אָבער איך בין שיִער נישט אַנטלאָפֿן אויס מורא פֿאַר אײַער באַגלייטער״.

„ווי איר זעט דאַרף מען זיך נאָך נישט אָפּזאָגן פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער ראַסע, אָפּילו נישט פֿון אַלע דײַטשן. אָט למשל אַזאַ ווי הײַנריך אָדער ווי דער וואָס האָט אײַך געהאָלפֿן. דער קאַפּיטאַן פֿון אונדזער שיף — — איך בין געלאָפֿן זיך קריגן מיט אים איבער דעם נאַצי־פֿילם, אָבער ער איז געווען נישט ווייניקער אויפֿגעטרייסלט ווי איך״.

פֿריץ איז צוריקגעקומען אין זײַן קאַבינע אין אַ בעסערער שטימונג. ניין, מע דאַרף זיך נאָך נישט אָפּזאָגן פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער ראַסע און אָפּילו נישט פֿון אַלע דײַטשן. דורכן רונדיקן פֿענצטערל האָט ער געזען אַז די שיף פּאָזיציאָנירט זיך שוין אין שערבורגער האַוון, מע דאַרף אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך.

מע האָט אַנאָנסירט אַז די שיף וועט נישט בלײַבן אין האַוון אַזוי לאַנג ווי מע האָט פֿריִער געפּלאַנט. וואָס באַטײַט די פּלוצלינגדיקע אײַלעניש? די שיף האָט דאָ געזאָלט בלײַבן אַ גאַנצן טאָג, אַ סך האָבן געפּלאַנט אַראָפּגיין כאַפּן אַ בליק אויף דער שטאָט. אַרויס פֿון דײַטשן גיהנום איז שוין נישט דאָ צוליב וואָס זיך צו אײַלן. אָבער מע האָט געוואָרנט נישט אַראָפּצוגיין, די שיף וועט פֿאַרלאָזן דעם האַוון אַזוי שנעל ווי מעגלעך. ווען מע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס לאַנדבריקל איז פֿריץ שוין דאָרט געווען, כאָטש געריכט האָט ער זיך נאָר אויף אַ בריוו.

פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמע און פֿריץ האָט פֿאַרבירט פֿאַרגלײַכן זײַנע אייגענע דורכפֿאַלן מיט דעם וואָס עס איז געשען צו דער משפּחה פּילכנער. ער איז געלאָפֿן פֿון אָרט צון אָרט, פֿון לאַנד צו לאַנד און די נאַציס האָבן אים אומעטום אַנגעיאָגט. די פּילכנערס האָבן, ווײַזט אויס, געהאַט מער איניציאַטיוו, און אפֿשר אויך מער געלט. זיי האָבן צו ערשט אַוועקגעשיקט זייערע קינדער קיין בעלגיע, דער הער פּילכנער איז ערשט מיט דרײַ חדשים צוריק אַנגעקומען קיין קובאַ און אַראַנזשירט צו ברענגען זײַן ווײַב פֿון דײַטשלאַנד, די קינדער

האָט מען געזאָלט ברענגען פון בעלגיע צו דער שיף, דאָ אין שערבורג. ווען די פרוי פּילכנער האָט פאַרלאָזט בערלין האָט זי נאָך נישט געהאַט די וויזעס פאַר די קינדער, אָבער איר מאַן האָט איר טעלעגראַפיש פאַר־זיכערט אַז די וויזעס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. די פרוי פּילכנער האָט געוואַרט אויף אירע קינדער בײַ דער לאַנדבריק. זי האָט געוואַרט און געוואַרט, עס איז מער קיינער נישט געקומען. די פראַנצייזישע באַאַמטע און סטוואַרדען האָבן שוין אָנגע־הויבן פאַרלאָזן דעם דעק, די שיף־סירענע האָט אָנגעזאָגט אַז מע גייט אַרויפציִען די בריק. דער פּײַף איז געקומען צוזאַמען מיט אַ היסטערישן קוויטש פון פרוי פּילכנער. זאָל מען נישט אויפהייבן די בריק, זי וויל אַראָפּגיין. זאָל עמעץ ברענגען עפּעס פון אירע זאַכן פון איר קאַבינע, זי מוז אַראָפּ צו זײַן מיט אירע קינדער.

„מע קאָן נאָכשיקן די קינדער מיט אַ צווייטער שיף", האָט עמעץ זי פּראָבירט טרייסטן.

זי האָט זיך געקלאַמערט אין אַ שטריק פון דער בריק, ניין, זי וועט נישט איבערלאָזן אירע קינדער.

אין דער סומאַטאָכע האָט מען נישט געהערט דאָס געלויף פון קינדע־רישע פיסלעך. פרוי פּילכנער האָט זיך נאָך געריסן צו דער בריק ווען זי האָט דערהערט אַ געשריי „מאַמאַ!". איז עס אַ בשׂורה אָדער אַ חלום? זי האָט דערקענט דאָס קולעכל פון איר ליזע און נישט געגלייבט אירע אויערן. די בריק איז געוועזן ליידיק, דער רוף איז געקומען פון הינטער איר, די קינדער זענען שוין געוועזן אויפן דעק און זי האָט נישט געוווּסט, זי האָט זיי נישט געזען אין געדראַנג פון די וואָס זענען אַרויף אויף דער שיף.

טרערן פון פרייד זענען געפלאָסן אויך פון פריצס אויגן. ער מוז אײַלן צוריק צו זײַן קאַבינע, אפשר וואַרט דאָרט אַ גוטע בשׂורה אויך פאַר אים, אפשר ליגט שוין דאָרט אַ בריוו.

פרוי פּילכנער האָט שוין געהאַט אירע קינדער נעבן זיך, פאַזנער האָט אומגעריכט באַקומען אַ בריוו פון זײַן ווײַב, אָבער ער, וואָס האָט ער חוץ האַרצווייטיק? דעם פאַטערלאַנד האָט ער געגעבן נאָר איין פוס, הילדען האָט ער געגעבן זײַן גאַנץ לײַב און לעבן. דער אמת איז אַז אַפילו דעם פוס האָט ער געגעבן צוליב הילדען, כּדי ער זאָל זי ווערט

זײַן. עס קאָן זײַן אַז ער האָט איר אויך געגעבן אַ שטיק פֿון זײַן קאַריערע. ער האָט געטײלט מיט הילדען די סטיפּענדיעס וואָס דער פּראָפֿעסאָר פּריש האָט באַקומען פֿאַר אים און כּמעט אַרויסגעצוווּנגען אויפֿן פּראָפֿעסאָר צו לערנען אויך מיט הילדען. „איר האָט גרויסע פּאָטענצן", האָט פּראָפֿעסאָר פּריש אים געוואָרנט, „אָבער דאָס אַלײן איז נישט גענוג צו ווערן אַ ווירטואָז, מע דאַרף אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן! מע דאַרף ברענגען קרבּנות, אַלע קרבּנות נאָר צו אײן אָפּגאָט — די פֿידל!"

אַנשטאָט אַרבעטן צו ראַפֿינירן זײַן אײגענע טעכניק האָט ער געאַרבעט מיט הילדען, ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל בלײַבן הינטער־שטעליק. הילדע האָט דערגרײכט דעם שפּיץ פֿון איר חלום, זי איז געוואָרן אַ פֿידלערין אין דעם בערלינער פֿילהאַרמאָנישן אָרקעסטער ווו ער איז געוואָרן דער ערשטער פֿידלער. אַלע האָבן געזאָגט אַז ער האָט געקאָנט דערגרײכן אַ סך מער.

האָט ער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר הילדען? גאָט באַהיט! הילדע איז צו אים אַפֿילו איצטער מער ווי אַ קאַריערע פֿון אַ ווירטואָז. אָבער וואָס איז ער צו איר?

הײַנט אין דער פֿרי בײַ דער לאַנדבריק האָט אַ מאַן געוואָרנט די פֿרוי פֿילכנער: „דאָס קאָן זײַן אײנס לעצטע מעגלעכקײט זיך צו פֿאַראײ־ניקן מיט ד"ר פֿילכנער, דאָס קאָן ווערן אַ צעשײדונג אויף אײביק!" איז זײַן צעשײדונג מיט אָטאָן אויף אײביק?

ער האָט איבערגעלאָזט זײַן אײנציקן זון אין צוויי שרעקלעכע סכּנות. אויב מע וועט אויפֿדעקן אַז ער האָט אַ ייִדישן טאַטן וועט מען אים פֿאַרפֿײַניקן אין דאַכאַו. די צווײטע סכּנה איז נאָך שרעקלעכער — — ער וועט פֿאַרגעסן אַז ער האָט אַ ייִדישן טאַטן, ער וועט פֿאַרכלינעט ווערן מיטן פּירערס נצחונות און ווערן אַן אמתער נאַצי, און ווערן אַ פּײַניקער אין דאַכאַו. אפֿשר האָט ער יאָ געדאַרפֿט מלען זײַן זון, געמלעט וואָלט ער נישט געקאָנט טאָן וואָס יענער נאַצי אין דאַכאַו האָט געטאָן צום הער פּאָזנער און צו דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זײַן ווײַב...

אין די ערשטע טעג אויף דער שיף פֿלעגט פּאָזנער זיך אַרומשלײַכן מיט שטילע קעצישע טריט. דאָס היטל אַראָפּגעצויגן ביז איבער די אויערן צוצודעקן זײַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, די אויגן האָבן געקוקט מיט חשד פֿון הינטער דעם דאַשיק: ווער פֿון די פּאַרשוינען איז נאָר פֿאַר־

שטעלט פאַר אַ ייִדישן פּליט אָבער דינט די האַקנקרייִץ־פאָן וואָס פּלאַטערט נאָך אַלץ איבער דער שיף. אין שערבורג, ווען פּריץ איז נאָך געשטאַנען נעבן דער לאַנדבריק און געוואַרט אויף אַ בריוו איז פּאַזנער פאַרבייַגעגאַנגען, דאָס איז שוין געווען אַן אַנדערער פּאַזנער. ער האָט שפּאַצירט מיט גלאַסענע טריט, געלאָזט די זון שייַנען אויף זייַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און אַרייַנגעאָטעמט טיף די לופט אין אַ פרייַ לאַנד. אַ פּאַרט אַן האַקנ־קרייַצן, מענטשן אַן ברוינע העמדלעך און אַן דער געשפּאַנטקייט וואָס עס שאַפט דער שטענדיקער געפּויק פון סאָלדאַטסקע שטיוול. פּאַזנער האָט אים דערציילט וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען אין דאַכאַו. מע האָט אים אַ סך געשלאָגן, אָבער ער זעט מער נישט אויס דערשלאָגן. ער ברודערט זיך שוין מיט אַנדערע פאַרשוינען.

פּאַזנער האָט אים ערשט לעצטן אָוונט דערציילט ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן די וואָך זינט ער איז אַראָפּ פון דער באַן ביז ער איז אַרויף אויף דער שיף. ער האָט געוואָלט ווייניגן לעבן האַוון, עס זאָל זייַן נאָענט צו דער שיף. אין איין האָטעל האָט ער געזען דאָס באַקאַנטע שילדל „פיר יודען פערבאָטען“. ער האָט קוים געפונען אַ ביליקן האָטעל אָן אַזאַ שילדל, אָבער ווען זיי האָבן געזען זייַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ האָבן זיי אים אַרויסגעטריבן. ער האָט געפונען אַ גאַרבערייַ מיט הילצערנע שאַפעס ווו פעלן זענען געווען אויסגעהאַנגען צו טרוקענען. קיינער האָט דאָרט נישט אַרייַנגעשמעקט, פון דעם געשטאַנק האָט געשלאָגן צום ברעכן. ער האָט געפונען אַ טרוקן ווינקל זיך אַוועקצולייגן, אָבער ווו וועט ער נעמען אַ ביסל וואַסער זיך אַרומצווואַשן? צו מאָרגנס האָט ער שוין געדאַרפט זוכן ריין וואַסער צו באַנעצן זייַן גומען, דער טוכלער אַוויר האָט זיך באַזעצט אין זייַן קעל, און דער מאָגן האָט אויך געמאָנט זייַנס. ער איז יעדע נאַכט אַרויס זוכן שפּייַז. אַרויסגעקראָגן אַ פּרי דורך אַ שפּאַלט אין אַ פּרוכטקעסטל, איין מאָל געפונען אַן אוצר — איבערבלייַבעכץ פון אַ „פּוטערשניט“ און אַ פלאַש אין וועלכער עס איז נאָך געבליבן אַ שפּאַר ביסל מילעך. „איבערבלייַבעכץ פון אַ מיטאָג? איך האָב נישט געוווּסט אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע גליקלעכע מענטשן וואָס האָבן גענוג איבערצולאָזן. איך קאָן נאָך אַלץ נישט איבערלאָזן, איך האָב פאַרלוירן דאָס געפיל פון זאַטקייט, אפשר אויף אייביק, איך עס ווי מייַן קישקע וואָלט נישט געהאַט קיין באָדעם“.

װען פריץ איז צום ערשטן מאָל אַרײַן אין זײַן קאַבינע האָט אַ שלעכטער ריח אים אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז. ער האָט דעמאָלט געמײנט אַז דאָס איז דער געװײנלעכער ריח פון אַ שיף, דאָס איז זײַן ערשטע ים־נסיעה. ערשט איצט האָט ער דערקענט דעם ריח, דאָס איז דער געשטאַנק פון רױען לעדער װאָס פֿאָזנער האָט געבראַכט מיט זיך.

דער שלעכטער ריח האָט נאָך אַלץ נישט אױסגעװעפּט פון פֿאָזנערס מלבושים און ער האָט זיך שױן אָפּגעשפּאַנט. לעצטע נאַכט האָט פריץ אים געמוזט אױפװעקן װען ער האָט געשריגן אין אַ בײזן חלום, אָבער הײַנט אין דער פרי װען זײ האָבן אױפֿן װעג צום עסזאַל זיך אָנגעשטױסן אין די מײַזנער־מײדעלעך האָבן פֿאָזנערס פאַרפרעסטע ליפּן זיך צעעפנט און אַפילו זיך צעלײגט אין אַ שמײכל.

אַרױס פון דער קלעם איז דער פֿאָזנער געקומען צו זיך, װי זײַן געמיט װאָלט געזעסן אױף שפּרינגפעדערס. זײַן, פריצס, צרה איז װאָס אָן זײַן פידל איז ער אַ האַלבער מענטש, און אָן זײַן הילדען איז ער אױס מענטש. ער טאָר נישט נאָכגעבן זײַן מרה־שחורה. נעכטן אָװנט אין פאַרברענג־זאַל האָט דער ד״ר מײַזנער אים געבעטן עפּעס שפּילן, אַפילו די מוזיקאַנטן פון שיף־אָרקעסטער, עכטע דײַטשן, האָבן אים דער־מוטיקט, אָבער ער האָט עקשנותדיק זיך אָפּגעזאָגט. דאָס שפּילן װאָלט אים אװדאי גוט געטאָן.

עס האָט גענומען צײַט ביז די פאַרשױנענע האָבן זיך גענומען ברודערן אײנער מיט דעם אַנדערן. די קינדער אױף דער שיף האָבן באַלד געשלאָסן חברשאַפט. קינדערישע פּיסלעך האָבן פרײלעך געפּױקט איבער די טרעפּ אַרױף און אַראָפּ, די צעטײלונג אױף פאַרשידענע קלאַסן האָט זײ נישט צעשײדט. שײנע טעג פון שפּעטן פרילינג. זונשטראַלן האָבן געטאַנצט איבער די כװאַליעס פון שװימבאַסײן און באַגאָסן דעם גאַנצן דעק מיט גאָלד. טאָקע נעבן שװימבאַסײן האָט פֿאָזנער, אַ העברעיִשער לערער, געלערנט די קינדער זינגען אַ העברעיִש לידל. ס׳איז געװען אַ קינדערלידל װעגן אַ ציג מיט אַ װײַסער באָרד און אַ שװאַרצן עק. פֿאָזנער איז איצט געװען װי אײנער פון די קינדער. װען ער האָט געזונגען װעגן דער באָרד האָט ער זיך געצױגן בײַ דער גאָמבע „...ולו ארבע רגליים״, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און אונטערגעשפּרונגען אױף אַלע פיר װי אַ ציג,

און די קינדער האָבן אים נאָכגעטאָן. נאָך אַ לידל וועגן אַן אויטאָ וואָס לויפט אויפֿן לאַנגן וועג און פֿײַפֿט: „אָפּן, פּאָפּן, פּאָפּן...״ אַלע קינדערלעך האָבן אָנגעבלאָזן די בעקלעך און מיטגעהאַלטן דעם „אָפּן, פּאָפּן״ און געלאַכט און געלאַכט.

פֿריץ האָט זיך צוגעקוקט און געטראַכט: אויב פּאָזנער וואָלט געקאָנט צוזאַמענקראַצן נאָך אַ פּאָר מאַרק וואָלטן זײַנע קינדער געוועזן אויף דער שיף און אויך זײַן ווײַב. די צעשיידונג טוט אים זיכער וויי און עס פּײַניקט אים זיכער די שרעק ווי לאַנג די צעשיידונג וועט אָנהאַלטן, ווער ווייסט צי עס איז נישט אַ צעשיידונג אויף אייביק — אַ מלחמה הויערט איבער אייראָפּע. איז פּאָזנער מקנא די אויסגעפּוצטע פּאַרשוינען פֿון דער ערשטער קלאַס וואָס האָבן זייערע משפּחות מיט זיך? פּאָזנער לאַכט צוזאַמען מיט זייערע קינדער, ער קאָן נאָך לאַכן!

פֿריץ איז צוריקגעגאַנגען צו זײַן קאַבינע, די קינדער האָבן אים איבערגעיאָגט. אויף די טרעפּ אַראָפּ איז אַ מיידעלע געפֿאַלן און אָפּגע־ריבן די הויט פֿון אַ פֿוס, די אַנדערע קינדער האָבן געלאַכט פֿון איר: „רענעטאַ פֿאַלט מער ווי זי גייט״.

פֿריץ האָט שוין געקענט דאָס טרויעריקע מיידעלע רענעטאַ און געקענט איר געשיכטע. איר טאַטע, דאָקטאָר אַבערמאַן, האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון דײַטשלאַנד און איז שוין אין קובאַ, איר מוטער, אַ דײַטשקע האָט שוין אַן אַנדערן, אַ ראַסן־ריינעם דײַטש, דאָס מיידעלע פֿאָרט אַליין צו איר טאַטן. אַנדערע קינדער זענען מיט טאַטע־מאַמע און זי איז אַליין, איז איר טרויעריק; זי קען נישט לאַכן, לאַכן די קינדער פֿון איר. ער האָט זײַן קינד אַנדערש געלערנט.

איז דאָס די אמתע טבֿע פֿון מענטש? דאָס שטעלן זיך העכער כּדי צו קאָנען אויף יענעם אַראָפּקוקן, די הנאה זיך צו לאָזן ווילגיין איבער דעם שוואַכן כּדי זיך צו פֿילן שטאַרקער, דאָס אויסברעכן אין אַ געלעכטער בעת יענער פֿאַלט — איז דאָס דער הינטערגרונט פֿון מענטשלעכער רשעות?

ער האָט תּרעומות וואָס פֿראַו מײַזנער קומט יעדן אָוונט אַרויס אויסגעפּוצט אין אַנדערע עלעגאַנטע מלבושים, וואָס זי האַלט זיך רעזער־ווירט, אָבער יעדער אויף דער שיף ווייסט שוין אַז זי שטאַמט פֿון די ויידערמאַנס, די אָריגינעלע, אמתע ווײַדערמאַנס וואָס האָבן אָזעלכע

גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער דײַטשער אינדוסטריע אין רור. אָבער ווי האָט ער אַליין זיך אויפֿגעפֿירט? בעת יענעם, דעם ערשטן, נאַצישן איבערפֿאַל אויף ייִדן אין בערלין האָט ער געזאָגט דעם קליינעם אָטאָ אַז דאָס זענען „יודען אין זייער פֿײַערטאָג"; ער איז אַוועק מיט זײַן פֿידל אויף אַ רעפּעטיציע, ווי קיין מאָל גאָר נישט. פֿאַר וואָס האָט ער זיך נישט געמאָלדן ווי אַן עדות?

די קינדער זענען אַוועקגעלאָפֿן ווײַטער. די קליינע רענעטאָ איז געבליבן זיצן אויף אַ טרעפּל און האָט שטיל געוויינט. פֿריץ איז צוגע־גאַנגען, אַ גלעט געטאָן אירע טונקעלע האָר, אַ ייִדישער קענצייכן, און איר געזאָגט: „מע דאַרף די ווונד אָפּוואַשן. קום, איך וועל דיך נעמען צום קליניק".

„כ'קאָן נישט גיין", האָט זי געוויינט.

„דו וועסט אַ ביסל צוהינקען, זעסט? איך הינק אויך, אָבער בײַ מיר פֿעלט מער ווי אַ שטיקל הויט. דו ווייסט וואָס ייִדישע קינדער זאָגן אין אַזאַ פֿאַל? 'איידער דו וועסט אַ כּלה ווערן וועט עס זיך אויסהיילן'".

דאָס קינד האָט אויפֿגעהערט וויינען און געלאָזט זיך פֿירן. מע האָט געדאַרפֿט וואַרטן אויף דער קראַנקן־שוועסטער, פֿריץ האָט זיך דערמאָנט אַ ייִדיש לידל און געוואָלט רענעטאָ זאָל עס זיך אויסלערנען. „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל..." פֿריץ האָט איר געזונגען סטראָפֿע נאָך סטראָפֿע, „וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן און ווי פֿיל געוויין".

רענעטאָ, אַ טרויעריק קינד, איז נישט גרייט געווען צו נעמען אויף זיך דאָס טרויעריקע ייִדישע געמיט. פֿריץ האָט נאָך געזונגען און זי האָט אָנגעבלאָזן אירע בעקלעך און אַריין אין זײַן ניגון מיט אַ קונדסישן „אָפּן, פּאָפּן, פּאָפּן".

ג.

דאָס שנעלע פֿאַרלאָזן שערבורג איז נישט געווען סתּם אַ קאַפּריז פֿון קאַפּיטאַן. ער האָט באַקומען אַ ידיעה אַז נאָך אַ שיף פֿירט פּליטים קיין קובאַ און עס קאָנען זײַן שוועריקייטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז עס איז בעסער אָנצוקומען דער ערשטער. ווען די שיף איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן די אַזאָרן־אינדזלען, האַלב־וועג צו האַוואַנע, האָט דער קאַפּיטאַן באַקומען

אַ טעלעגראַמע וועגן בײַטן אין די קובאַנער אימיגריר־געזעצן, אַ סך פון די פּאַרשוינען וועלן נישט אַרײַנגעלאָזט ווערן.

דער קאַפּיטאַן האָט געוווסט וואָס די מענטשן זענען אַדורכגעגאַנגען ביז זיי זענען געקומען אויף דער שיף, וואָס וועט געשען ווען זיי וועלן זיך דערוויסן אַז מע שיקט זיי צוריק? אַ סך פון זיי וועלן זיך בעסער וואַרפן אין ים איידער לאָזן זיך צוריקפירן קיין דײַטשלאַנד. נײַן הונדערט מענטשן באַרויבט פון זייער האָב, אויסגעמוטשעטע און באַליידיקטע, האָבן אויף זײַן שיף געפונען זייער לעצטע האָפענונג; וואָס טוט מען אַז — — אַז — — דער שאָק וועט זיי אין גאַנצן דערשלאָגן, אָדער גאָר דערפירן צו טאָן עפּעס דעספּעראַטס.

ער איז קאַפּיטאַן פון אַ שיף וואָס ווערט דיריגירט פון נאַצי־לאַנד און שווימט מיט אַ נאַצישער פאָן, ווי קאָנען די גערודפטע מענטשן האָבן צוטרוי צו אים? מע דאַרף אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט, זייערס אַן אייגענעם קאָמיטעט. צו זייערע אייגענע מענטשן וועלן זיי זיך גיכער צוהערן.

ער מוז קלויבן די מענטשן פאַר דעם קאָמיטעט מיט גרויס אָפּגע־היטנקייט. ד״ר מײַזנער איז געווען דער באַרימטסטער צווישן די פּאַרשוי־נען, האָט דער קאַפּיטאַן אים גערופן צו זיך. „איך דאַרף מענטשן מיט פּרעסטיזש, מע זאָל זיך באַציִען צו זייער וואָרט מיט צוטרוי. מענטשן מיט אידייען און איניציאַטיוו, און דער עיקר, וואָס קאָנען האַלטן אַ סוד — מיר מוזן פאַרהיטן דעם עולם פון פּאַניק".

ד״ר מײַזנער האָט נישט געוואָלט ווערן דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט. ער קען האַלטן אַ סוד אָבער ער טויג זיך נישט אויס צו אַרבעטן מיט קאָמיטעטן. ער האָט פאָרגעלייגט דעם דאָקטאָר יאָזעף.

דאָקטאָר יאָזעף איז געווען פון די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן אין דײַטשלאַנד. ווען ער האָט מער נישט געטאָרט אויפטרעטן אין געריכט האָט ער זיך מפרנס געווען פון טאָן פאַרשאַרבעט פאַר אַ יונגן אַרישן אַדוואָקאַט. ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ כאַריזמאַטישער פּאַרשוינלעכקייט און מיט באַהערשטער גלײַכגעוויכט. דער קאַפּיטאַן האָט געבעטן ד״ר יאָזעף ער זאָל אַליין אויסקלויבן די פּאַסיקסטע מענטשן פאַר דעם קאָמיטעט.

די אויסגעקליבענע זענען געקומען צום קאַפּיטאַן. איידער זיי זענען מסכּים צו דינען אין אַ קאָמיטעט מוזן זיי שטעלן עטלעכע פראַגעס. דער

קאַפּיטאַן האָט זײ קודם געװיזן די טעלעגראַמעס װאָס ער האָט באַקומען פֿון האַמבורג און פֿון האַװאַנע.

„װאָס װעט דער קאַפּיטאַן טאָן, װי װעט ער האַנדלען װען מע װעט אָנקומען קײן האַװאַנע, אויב מע װעט די פֿאַרשװינען נישט אַראָפּ־לאָזן?"

„מיר װעלן װאַרטן".

„װאַרטן אויף װאָס?"

„אויף אינסטרוקציעס פֿון האַמבורג".

„װאָס װעט זײַן, קאַפּיטאַן, אויב האַמבורג װעט זאָגן איר זאָלט נישט װאַרטן?"

דער קאַפּיטאַן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָך אַ לאַנג שװײַגן האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַ באַהאַרצט קול: „איך װײס װאָס עס דערװאַרט אײַך אויב איר װעט צוריקקומען. איך װעל טאָן אַלץ מעגלעכס אַז דאָס זאָל נישט געשען".

זײ האָבן אים געגלײבט.

דער קאַפּיטאַן האָט פֿאַר דעם קאָמיטעט נישט אויפֿגעדעקט װי טרויעריק עס איז די סיטואַציע. דאָס װאָס ער האָט זײ יאָ געזאָגט האָט ער געבעטן צו האַלטן בסוד. עס האָט געהײסן אַז דער קאַפּיטאַן האָט געבעטן אַ קאָמיטעט פֿון די פֿאַרשװינען זאָל העלפֿן אָרגאַניזירן דעם אָפּשײדבאַל, אַ פֿרײלעכער באַל אײדער די שיף װעט לאַנדן און די פֿאַרשװינען װעלן זיך צעפֿאָרן, יעדער אין אַן אַנדער אָרט. פֿריץ האָט אַלײן זיך געמאָלדן צום דאָקטאָר יאָזעף און צוגעזאָגט צו שפּילן אויפֿן באַל עפּעס פֿון זײַן רעפּערטואַר.

פֿריץ האָט יעדן טאָג נאָך אָנבײַסן גענומען די אָבערמאַן־קינדער אויף אַ שפּאַציר. אין דער צײַט איז דער פֿאַרברענג־זאַל געװען לײדיק, האָט ער זײ געלערנט מוזיק אויף דער פּיאַנע פֿון פֿאַרברענג־זאַל. רענעטאַ איז געװען אַן אָנהײבערין; איר צען־יאָריקער ברודער, פֿראַנץ, האָט שוין אַ ביסל געשפּילט. די קינדער האָבן זיך געטוליעט צו אים און דאָס האָט אים גוט געטאָן. פֿאַר װאָס האָט ער נישט געהאַט מער קינדער?

הילדע האָט נישט געװאָלט מער, זי האָט זיך אײַנגערעדט אַז אין די חדשים פֿאַר און נאָך אָטאָס געבוירן װען זי האָט זיך נישט געקאָנט

אָפּגעבן מיט איר מוזיק, האָט זי פאַרלוירן אַ סך פון איר מוזיקאַלישער געניטונג. ער, פּריץ, איז אָבער אַ גוטער לערער, און הילדע האָט צוריק געוווּנען אַלץ וואָס זי האָט פאַרלוירן. ווען אָטאָ איז געווען אַכט יאָר אַלט — אין רענעטאָס עלטער — האָט ער שוין געלייענט מוזיק ווי אַ וואַסער און שוין נישקשהדיק געשפּילט פידל. אויב ער וואָלט געהאַט נאָך עטלעכע קינדער, וואָלט ער — — —

וואָלט ער געגעבן נאָך עטלעכע זין פאַר דער ווערמאַכט? נאָך דאָס האָט אים געפעלט!

רענעטאָס פינגער האָבן אָן חשק אויסגעפּויקט מוזיק־גאַמעס אויף דער פּיאַנע, און פראַנץ האָט זיך געגנודעט און געפּיעשטשעט אַז ער וויל אַרויס דרויסן. פּריץ איז געווען אַ שטרענגער לערער, ער האָט זיי נישט געלאָזט גיין ביז די לעקציע איז געווען פאַרענדיקט. ער איז געהאַט געווען אַ שטרענגער לערער אויך מיט הילדען.

קאָן עס זיין אַז הילדעס ברוגז איז אַן אָפּגעלייגטע נקמה פאַר זיין האַרטקייט ביים לערנען מיט איר? ער איז טייל מאָל געווען אומגעדולדיק און אַ מאָל אַפילו געשריגן איבער איר.

ווען רענעטאָ איז סוף־כל־סוף פאַרטיק געוואָרן האָט פּריץ דערזען אַז צוויי מיידעלעך שטייען אויף יענער זייט טיר און קוקן אַריין. ער האָט זיי דערקענט, דאָס זענען די לאָוב־קינדער. זייער טאַטע איז אויך געווען אין דאַכאַו, אַ דאָקטאָר וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר אָפּנעמען אַ קינד ביי אַן אַרישער שכנה. עס איז טאַקע געווען אַ נויטפאַל ווו ער האָט געראַטעוועט צוויי לעבנס, אָבער אַ יידישער דאָקטאָר טאָר זיך נישט צורירן צו אַזאַ אינטימען אָרט ביי אַ פרוי פון דער דייטשער ראַסע.

פּריץ האָט אָפט נאָכגעקוקט דעם ד״ר לאָוב און געזען אַזוי בולט דעם אונטערשייד צווישן אים און פאַזנערן. פאַזנער איז געווען אין דאַכאַו לענגער ווי ד״ר לאָוב. פאַזנער איז אַרויס מיט אַ כעס, ד״ר לאָוב מיט אַ פּחד; פאַזנער מיט אַ נערוועזער רירעוודיקייט, ד״ר לאָוב מיט אַ שרעק וואָס האָט אויסגעלאָשן זיינע אויגן און געהאַמעוועט זיין טריט. פאַזנער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ געיאָגטע חיה, דאָקעגן לאָוב האָט קוים געשלעפּט זיין גוף וואָס איז געווען שלאַבעריק, ווי זיין הויט וואָלט געווען אַ זאַק אין וועלכן עס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ בינטל

קרוכלע בײנער. ער האָט עטלעכע מאָל פּראָבירט פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם דאָקטאָר, יענער האָט זעלטן געענטפערט. זײַנע אויגן זענען געבליבן אויסגעלאָשן אָדער געקוקט ערגעץ ווײַט אַריבער דעם האָריזאָנט. דעם טאַטנס מרה־שחורה האָט זיך אויסגעגאָסן אויך אויף די לאָוב־קינדער. פריץ האָט געזוכט זיך פאַרחברן מיט זײ און אין גיכן געהאַט נאָך צװײ מוזיק־תּלמידות.

מוזיק איז אַ רפואה צו אַלע מחלות. דעמאָלט, אין פּראָג, ווען ער אַליין איז אַרײַנגעפאַלן אין דעפּרעסיע האָט דאָס איבערבעטן זיך מיט דער פידל אים געראַטעוועט. ד״ר לאָוב איז טאַקע געווען אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אָבער איצט האָט ער דאָך מיט זיך זײַן ווײַב און קינדער. לויטן פּשוטן שׂכל קומט אויס אַז זײַן, פריצס, אַלײנקייט און פאַרלאָזנקייט איז ערגער ווי אַ לאַגער. דאָרט איז עס דער שונא וואָס פאַרראַט דיך; דער ווייטיק איז גרעסער ווען דאָס טוען דײַנע אײגענע, דײַנע באַעקאַנטסטע.

די שיף איז שוין פאַרבײַגעפאָרן די באַהאַמע־אינדזלען. אין דעם פאַרברענג־זאַל האָט מען איבערגעריסן די אינטענסיווע צוגרייטונגען צום געזען־באַל און געמאַכט צוגרייטונגען צו דאַווענען מיט מנין. עס איז געווען שבועות.

מע האָט געלייענט נאָר איין קאַפּיטל פון מגילת־רות אָבער פריץ האָט זיך דערמאָנט וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט: אַ ייִדישע משפּחה איז אַוועק אין אַ פרעמד לאַנד, די צװײ זין זענען אויפגעוואַקסן און חתונה געהאַט מיט טעכטער פון לאַנד וווּ זײ האָבן געוווינט. די צװײ זין און זייער פאָטער זענען געשטאָרבן, און ווען די מוטער האָט זיך געגרייט צוריקפאָרן אין איר אײגן לאַנד האָבן די שנורן געזאָגט צו איר: „וווּ דו וועסט גײן וועלן מיר גײן, וווּ דו וועסט נעכטיקן וועלן מיר נעכטיקן״. הלוואַי וואָלט עס הילדע געזאָגט צו איר לעבעדיקן מאַן.

פרוי מײַזנער האָט שפּאַצירט מיט איר מאַן אויפן דעק און נישט געקאָנט באַשליסן וואָסער קלייד זי זאָל אָנטאָן מאָרגן אָוונט צום באַל. אַ פליוך אין וואַסער, אַ טומל אויפן דעק. אַלע רעפלעקטאָרן האָבן זיך אָנגעצונדן און באַלויכן די כוואַליעס, עמעץ איז אַרײַנגעפאַלן אין ים.

די שיף האָט פאַמעלעכט איר שווימען און גענומען זיך אויסדרייען אויף צוריק.

עס איז געווען שפּעטער אָוונט. פריץ איז געווען אין זײַן קאַיוטע און פּראָבירט זיך אויסלערנען זאָגן עטלעכע נייטיקע פראַזעס אין שפּאַניש. ער האָט עס געלערנט פון אַ ביכל וואָס פרוי פאַזנער האָט מיטגעגעבן איר מאַן. די פרוי פאַזנער האָט נישט אַוועקגעשיקט איר מאַן כּדי פּטור צו ווערן פון אים...

פריץ האָט געהערט אַ גערודער, עפּעס טוט זיך אויפן דעק. ער האָט שוין געהאַט אויסגעטאָן די פּראַטעזע און געווען צו פויל זי צוריק אָנצוטאָן. ער האָט זיך דערוווּסט ערשט צו מאָרגנס אַז איינער פון די פאַרשווינען איז געשפּרונגען אין ים. מע האָט אים אַרויסגעצויגן אַ לעבעדיקן אָבער אין אַ שווערן מצב.

די שיף איז פול מיט טראַגעדיעס און ער גרייט זיך שפּילן סאָלאָ סענטימענטאַלע שטראַוס־וואַלצן. אַפּרופן עס? ניין, ער וועט דעדיקירן זײַן אויפטריט צו די לאָוב־שוועסטערלעך, דאָס וועט זײַן אַ גוטער אויסרייד זיי מיטצונעמען אויפן באַל.

מע האָט זיך געסודעט אַז עס קאָנען זײַן שוועריקייטן בײַם לאַנדן אָבער ווען מען איז אַרויסגעקומען פון דאַוועגען האָט מען אַנאָנסירט דורך די הילכערס אַז מע זאָל קומען אָפּנעמען די לאַנד־דאָקומענטן, אַבי מ׳עט טראַכט אויס נישט געשטויגענע צרות. אין פאַרברענג־זאַל האָט איצט געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק, מע האָט אַוועקגערוקט די בענקלעך און זיי אויסגעשטעלט נעבן די ווענט צו מאַכן פּלאַץ פאַרן טאַנצן. מענטשן האָבן געבראַכט אויף דער שיף שרעקן פון נעכטיקע טעג און פאַר־שפּרייט קאָשמאַרע געשיכטעס. „מע דאַרף גיין פאַרפּאַקן די וואַליזעס. בײַ נאַכט וועט מען זײַן פאַרנומען מיט דעם באַל, און מאָרגן אין דער צײַט וועט מען שוין שפּאַצירן איבער די גאַסן פון האַוואַנע", איז פריץ געקומען צו דער מסקנא.

דער אָרקעסטער האָט רעפּעטירט אַ פּאָרפּורי פון טאַנצמוזיק, און עולם איז שוין געגאַנגען מיט אַ ריטמישן טריט. נאָך פאַראַן אַזוי פיל צו טאָן. פאַרן לאָזן אַרויספאָרן האָט מען געמוזט זיך אָפּזאָגן פון יעדן פאַרמעגן און דאָס געלט אויסבײַטן אויף קופּאָנען וואָס האָבן אויף דער שיף געהאַט דעם ווערט פון געלט אָבער וועלן זײַן אין גאַנצן אָן ווערט

נאָכן לאָנדן. מע האָט זיך געאײַלט אויסצוגעבן די לעצטע קופּאָנען. מע האָט געשיקט טעלעגראַמעס וווּ מע האָט געדאַרפט, און אויך וווּ מע האָט נישט געדאַרפט; מע האָט פּראָבירט האַנדלען מיט די מאַטראָסן און אָפּקויפן בײַ זײ זײגערלעך, מעסערלעך און וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט. מאָרגן וועט מען מער נישט האָבן די האַנקרײַץ־פּאָן איבערן קאָפּ און מע וועט מער נישט דאַרפן קוקן אויף דעם פּאָרטרעט מיט די וואָנצעלעך וואָס הענגט שוין ווידער אין פאַרבערענג־זאַל. להכעיס דער פּאָן און דעם פירער וועט מען הײַנט טאַנצן און הוליען.

פיר פאַר טאָג האָט מען אויפגעוועקט עסן דעם לעצטן אָנבײַסן אויף דער שיף. פריִץ איז נאָך קיין מאָל נישט אַזוי שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אפילו ווען ער האָט נאָך געהאַט בײדע פיס. מען איז געלאָפן אַרויף. פון דעם בלויען פאַרטאָג האָבן זיך שוין אַרויסגעשײלט די סילועטן פון די ווײַסע הײַזער אין האַוואַנע. וואָס האָט עפּעס די שיף זיך פאַר־האַלטן אַ ביסל ווײַטלעך פון ברעג? צו געבן צײַט צו עסן אָנבײַסן? די שיף האָט אַראָפּגעלאָזט אַנקער — — צוליב אַן אָנבײַסן?

די מענטשן פון קאָמיטעט זענען געוואָרן אומרויִק אָבער געקומען צו זיך ווען מע האָט אַרויפגעצויגן די געלע קוואַראַנטין־פּאָן. אַ שיפל איז צוגעשווומען און געבראַכט אַ גרופּע קובאַנער פּאָליציאַנטן און אַ באַאַמטן אין אַ ווײַסן מונדיר מיט אַ רויטן קרײַץ אויפן רעכטן אַרבל, אוודאי דער פּאָרטדאָקטאָר.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט געגעבן דעם פּאָרטדאָקטאָר די ליסטעס מיט די נעמען פון אַלע פּאַרשוינען, און אויך אַ געשווירענע גאַראַנטיע אַז עס איז נישטאָ צווישן זײ קײן פאַרברעכערס און קײנער מיט אַן אַנשטעקנדיקער קרענק. געוויינלעך איז דאָס גענוג. אָבער דער קובאַנער האָט געפאָדערט אַלע זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ רײ, ער וועט אַלײן קאָנטראָלירן. דאָס האָט פאַרדראָסן דעם קאַפּיטאַן אָבער די מענטשן פון דעם קאָמיטעט האָבן געזען אין דעם אַ גוטן סימן, דאָס מײנט דאָך אַז אויב דער דאָקטאָר וועט נישט געפינען קײן פּגם וועט מען קאָנען לאַנדן. מע האָט אָפּגעכאַפּט דאָס אָנבײַסן אין געאײַל און געלאָפן זיך שטעלן אין דער רײ.

נאָך אַ שיפל איז געקומען פון האַוון און געבראַכט דעם הער קלאַסינג, דער שיף־פאַרשטײער אין האַוואַנע. דער הער קלאַסינג האָט נישט

געבראַכט קיין בשׂורות. „מע וועט נאָך האָבן אַ סך שוועריקייטן איבער־צוקומען", האָט ער געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, „דאָס וואָס מע לאָזט די שיף נישט אַרײַן אין האַוון איז נישט קיין גוטער סימן, אָבער דאָס איז נישט אונדזער זאָרג, מיר האָבן זיך אונטערגענומען זיי צו ברענגען אַהער, דאָס האָבן מיר אויסגעפירט. עס איז געווען קלוג פון האַמבורג וואָס מע האָט זיי געצוווּנגען צו באַצאָלן פאָרויס אויך פאַר אַ בילעט צוריק־צופאָרן".

דער קליינוווּקסיקער קאַפּיטאַן איז אויפגעשפּרונגען און ווי אויס־געוואַקסן העכער: „איך טראָג דאָס אַחריות פאַר די מענטשן זינט זיי זענען אַרויף אויף מײַן שיף ביז זיי וועלן באַטרעטן לאַנד, זאָל דער הער דאָס נישט פאַרגעסן!"

דער אַגענט האָט געקוקט מיט חוזק אויף דעם קאַפּיטאַן וואָס מיינט אַז ער איז דאָ דער באַלעבאָס. דער קאַפּיטאַן ווייסט נישט אַז בעת זײַן שיף־געזעלשאַפט האָט פאַרקויפט די בילעטן פאַר טײַערע פּרײַזן האָבן אַגענטן פון דײַטשן שפּיאָנאַזש אין האַוואַנע געהעצט אַז מע זאָל די פּאַרשוינען נישט אַרײַנלאָזן קיין קובאַ.

דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעמאָסטן דעם אַגענט פון אויבן אַראָפּ און מיט אַ שטרענג קול אים באַפוילן: „גייען זי אַראָפּ פון מײַן שיף, די מינוט, און זען זי צו דעם מײַנע פּאַרשוינען זאָלן קאָנען לאַנדן אָן אָפּשלעפּונגען. פאַרשטאַנען?"

דער אַגענט איז אַוועק אָן אַ וואָרט, ער האָט געלאַכט אין זיך: „זײַן שיף, זײַנע פּאַרשוינען". די גאַנצע נסיעה איז אַראַנזשירט געוואָרן ווײַל דער דײַטשער שפּיאָנאַזש האָט געדאַרפט עפּעס שיקן מיט דער שיף. אַז דאָס וועט אָנקומען קיין האַוואַנע, וועמען וועט אַרן אויב מע וועט די פּאַרשוינען צוריקשיקן?

קובאַנער אימיגריר־ און צאָל־באַאַמטע זענען אַרויף אויף דער שיף. מע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם עסזאַל פון דער ערשטער קלאַס פאַר דעם אימיגריר־קאָנטראָל אָבער די קובאַנער האָבן פריִער באַשטעלט אַ גוטן אָנבײַסן מיט דײַטשן ביר. דרויסן האָט זיך שוין געשלענגלט אַ לאַנגע ריי, די פּאַרשוינען האָבן אַרײַנגעקוקט און געזען ווי די באַאַמטע גיסן אַרײַן אין זיך דעם ביר, קופליע נאָך קופליע. זיי האָבן געוואַרט מיט געדולד, נאָך אַ גוטן טרונק וועלן די באַאַמטע זײַן גוט אויפגעלייגט.

די קובאַנער האָבן סוף־כּל־סוף זיך זאַט געגעסן, מע האָט געעפנט די גלעזערנע טירן און גענומען אַרײַנלאָזן די פּאַרשוינען. אין קעגנזאַץ צו דער לאַטײַן־אַמעריקאַנישער מאַניאַנאַ איז עס איצט געגאַנגען שנעל. זיי האָבן געעפנט יעדן פּאַס און געבן דעם רויטן גאָטישן „J" אַרײַנ־געשטעמפּלט אַ שוואַרצע לאַטײַנישע „R". זאָל זײַן אַן „R", אַבי מע גייט פּאָרויס. די קאַריבישע זון בראָט דאָס לײַב, אין שטאָט איז פּאַראַן מער שאָטן.

די אינספּעקציע האָט זיך שנעל פֿאַרענדיקט און די אימיגריר־באַאַמטע זענען אַראָפּ פֿון דער שיף; עס זענען געבליבן נאָר די קובאַנער פּאָ־ליציסטן.

דער קאַפּיטאַן האָט צוזאַמענגערופֿן זײַנע אָפֿיצירן און זיך פֿאַרטרויט פֿאַר זיי אַז ער זעט פֿאַר פּראָבלעמען. די פּאַרשוינען דאַרפֿן ווײַטער באַהאַנדלט ווערן ווי די האַמבורג־אַמעריקע־ליניע האָט אַלע מאָל באַ־האַנדלט אירע קליענטן.

„וויל דער הער קאַפּיטאַן זיי געבן מער רעכט אויף דער דײַטשער שיף ווי זיי האָבן אין דײַטשלאַנד?" האָט אײנער געפֿרעגט.

„מיר זענען איצט נישט אין דײַטשלאַנד. אויף דער שיף בין איך דער באַלעבאָס און איך וועל נישט טאָלערירן קיין שום דיסקרימינאַציע".

אויף די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן פֿון דײַטשלאַנד האָט דער קאַפּיטאַן געהערט אַז דער פּאָליטישער קלימאַט פֿאַר ייִדן איז אין האַוואַנע נישט בעסער ווי אין דײַטשלאַנד, און אַז אויך אין אַמעריקע איז נישט בעסער. ער הייבט עס אָן גלייבן וועגן האַוואַנע, אָבער אַמעריקע? נישט מעגלעך!

דאָס פֿאַרקערטע איז מעגלעך און לייגט זיך אויפֿן שׂכל. אַלע די פּאַרשוינען אויף דער שיף האָבן קוואָטע־נומערן קיין אַמעריקע. אויב קובאַ וועט זיי נישט אַרײַנלאָזן, וועט אַמעריקע זיי אַרײַננעמען אויפֿן חשבון פֿון דער הײַיאָריקער קוואָטע. אַלע ווייסן אַז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז אַ גרויסער ליבעראַל און הומאַניטאַריער.

מע האָט דערווײַל קײנעם פֿון די אימיגראַנטן נישט אַראָפּגעלאָזט, כאָטש זיי האָבן אַלע אַרײַנפֿאַר־דערלויבענישן אונטערגעשריבן דורכן אימיגראַציע־מיניסטער, דערלויבענישן פֿאַר וועלכע מע האָט גוט באַ־צאָלט. שפּעט נאָך מיטאָג איז צוריקגעקומען אַ שיפֿל מיט צוויי קובאַ־

נישע אימיגריר־באַאַמטע, זיי האָבן זיך געפּרעגט אויף פרוי באַנעי, זיי האָבן אַראָפּגענומען די פרוי באַנעי מיט אירע פיר קינדער און צוריק־געשוווּמען צום ברעג. די פרוי באַנעי האָט געהאַט אַ קובאַנישע וויזע אַריינגעשטעמפּלט אין איר פּאַס און דער קאַפּיטאַן האָט ערשט איצט איינגעזען אַז אַן אַריינפאַר־דערלויבעניש, כאָטש פון סאַמען אימיגראַציע־מיניסטער, איז נאָך נישט קיין וויזע. די נאַכט איז צוגעפאַלן. מע האָט מער קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזט.

ד.

אויף דער שיף האָט מען נאָך אַלץ געגלייבט אַז די מיל פון דער קובאַנער באַאַמטנשאַפט מאָלט פּאַמעלעך, עס וועט געדויערן אַ ביסל לענגער אָבער אַלץ וועט זיך אויסמאָלן. דער דאָקטאָר אַבערמאַן איז שוין געוועזן אין האַוואַנע. זיין דײַטש ווײַב וואָס האָט שוין געוווינט מיט אַ ריינעם אַריער האָט מיט דער שיף אים געשיקט זייערע צוויי מיידעלעך. ד״ר אַבערמאַן האָט געלייענט די האַוואַנער צײַטונגען; זיי זענען אַלע געווען קעגן אַרײַנלאָזן די פּליטים וואָס וועלן פאַרכאַפּן די ווייניקע אַרבעט־פּלעצער. ער האָט אײַנגעזען אַז די סיטואַציע איז נישט גוט. דער דאָקטאָר האָט פּראָבירט אָנקומען צום אימיגראַציע־מיניסטער בעני־טעז, אָבער מע האָט אים נישט צוגעלאָזט. ער האָט געפּטרט אַ גאַנצן טאָג אין פּאָרט און אין אימיגראַציע־אָפיס. מאָרגן איז זונטיק ווען אַלע אַמטן זענען געשלאָסן.

ד״ר אַבערמאַן האָט די נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן, זײַן קאָפּ האָט געאַרבעט פיבערדיק. דער כאָזע עסטעדעס וואָס האָט אים געהאָלפן קויפן די אַרײַנפאַר־דערלויבענישן פאַר זײַנע קינדער ווײַזט אויס צו זײַן אַן אָרנטלעכער מענטש. אפשר וועט ער קאָנען העלפן.

סעניאָר עסטעדעס האָט שוין געוווּסט אַז פּרעזידענט ברו האָט גענור־מען דעם ענין אין זײַנע הענט און דער אימיגראַציע־מיניסטער קאָן נישט העלפן אַפילו אויב ער זאָל וועלן. דער אַרמיישעף באַטיסטאַ איז דער איינציקער וואָס איז בכוח צו גיין קעגן פּרעזידענט. ער האָט נישט קיין צוטריט צום אַרמיישעף אָבער ער קען דעם אַרמיי־סעקרעטאַר. עס איז אָבער זונטיק.

„איז עס זיכער אַז אום זונטיק װעט די שיף זיך נישט אויסדרײען און זיך אַרויסלאָזן אין װעג אַרײַן?" האָט אַבערמאַן געפרעגט.

סעניאָר עסטעדעס איז נישט געװען זיכער. אַבערמאַן האָט זיך צעװײנט: „װער װײסט װוהין מײַנע קינדער װעלן פאַרשלעפּט װערן!"

גענעראַל מאָנטאַװולאַ, דער אַרמײ־סעקרעטאַר, איז געװען אין כּעס װאָס מע שטערט אים זײַן רוטאָג. אַבערמאַן האָט געװיזן דעם גענעראַל דעם אײַזערנעם קרײַץ פאַר העלדישקײט װאָס ער האָט באַקומען אין דער ערשטער װעלט־מלחמה. „איך האָב פאַרלוירן אַלץ, אַפילו מײַן פרוי. װי אַ מיליטער־מאַן צו אַ מיליטער־מאַן אַפּעליר איך צו אײַך, סעניאָר גענעראַל, העלפט מיר איך זאָל נישט פאַרלירן אויך מײַנע קינדער".

דער גענעראַל װאָס האָט זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט זײַ אַװעקצו־שיקן, האָט זיך צוריק אַװעקגעזעצט און אויפגעהויבן דאָס טרײַבל. ד"ר אַבערמאַן האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט עטלעכע פּאָפּולערע פראַזעס אין שפּאַניש אָבער װאָס דער גענעראַל האָט געזאָגט אויפן טעלעפאָן האָט ער נישט פאַרשטאַנען. עסטעדעס האָט געשמײכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ פון אויבן אַראָפּ. װען דער גענעראַל האָט געענדיקט רעדן אויפן טעלעפאָן האָט ער זײ געהײסן קומען אין זײַן ביוראָ מאָרגן אַכט פרי.

דער אימיגראַציע־מיניסטער איז אויפגעשפּרונגען פון זײַן בענקל װען ד"ר אַבערמאַן איז אַרײַן אין זײַן ביוראָ אַן דערלױבעניש צוזאַמען מיט אַ קאַפּיטאַן פון דער אַרמײ און אַ קאַפּיטאַן פון דער פּאָליצײ. „װאָס גײט איר טאָן מע זאָל אַרײַנלאָזן מײַנע צװײ קינדער?" האָט אַבערמאַן געפרעגט.

„מײַן ערשטע אַחריות איז צו קובאַ און צו קובאַנער", האָט בעניטעז געענטפערט און אָנגעבלאָזן זײַן ברוסט מיט פּאַטריאָטיזם.

דער פּאָליצײ־קאַפּיטאַן האָט אַרויסגעכאַפּט זײַן רעװאָלװער און אים אָנגעשטעלט אויפן מיניסטער: „איר זענט אַרעסטירט!"

בעניטעז האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן בענקל און געבליבן זיצן װי פאַרשטאַרט.

דער אַרמײ־קאַפּיטאַן האָט איבערגענומען די שמירה איבער דעם מיניסטער און דער פּאָליצײ־קאַפּיטאַן איז אַרויס מיט אַבערמאַנען. אַ שיפל מיט אַ קובאַנער פאָן האָט געװאַרט אויף זײ און זײ צוגעפירט צו דער

פליטים־שיף. די וואַך־פּאָליציי האָט סאַלוטירט דעם קאַפּיטאַן און אַדורכ־געלאָזט דאָס מיליטערישע שיפּל.

עס איז געוואָרן אַ טומל אויף דער שיף ווען זיי זענען אַרויף און געפרעגט אויף די אַבערמאַן־קינדער. דער שיף־קאַפּיטאַן איז געקומען צו לויפן.

די קינדער זענען נישט געווען אין זייער קאַיוטע, מע האָט זיי אויך נישט געזען אויפן דעק. ד"ר אַבערמאַן איז אַרומגעלאָפן און זיי גערופן. אַזאַ אַוואַנטורע קאָן געלינגען נאָר אויב אַלץ גייט שנעל און פּינקטלעך ווי אַ זייגער. גורל, פּינצטערער גורל!

דער קאַפּיטאַן האָט געהערט אַ גרימפּלען פון דער פּיאַנע. ער איז אַוועקגעלאָפן אין פּאַרברענג־זאַל, יאָ, די קינדער זענען דאָרט געווען. פריץ האָט געהאַלטן אַז מע טאָר נישט סתם פּטרן צײַט און זיי דערווײַל געגעבן אַ מוזיק־לעקציע.

אַ סטואַרד איז געלאָפן ברענגען די קינדערס זאַכן פון זייער קאַיוטע און באַלד האָט דאָס מיליטערישע שיפּל זיי געפירט אַדורך דעם פּאָליציי־קאָרדאָן צום האַוון.

דער אַרמיי־קאַפּיטאַן האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זײַן רעוואָלווער אָנ־געצילט קעגן דעם אימיגראַציע־מיניסטער ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. ווי פריער האָט דער אָפיציר געענטפערט און געזאָגט אַז דער מיניסטער איז פאַרנומען. ער האָט אָבער באַלד דערקענט דאָס קול פון זײַן שעף, גענעראַל מאַנטאַוולאַ, און איבערגעגעבן דאָס טרײַבל צום מיניסטער. דער גענעראַל האָט געדאַנקט דעם מיניסטער פאַר זײַן הילף. אָן אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג האָט בעניטעז העפלעך געענטפערט:

„ס'איז געווען מײַן פאַרגעניגן צו העלפן, סעניאָר גענעראַל".

ה.

מע האָט מער נישט געקאָנט האַלטן בסוד אַז קובאַ מאַכט שוועריקייטן. דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן די געמיטער: אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער דזשאָינט איז שוין אָנגעקומען קיין האַוואַנע. די קובאַנער זענען נאָר אויסן אַרויסצורײַסן מער געלט, זיי ווייסן אַז די אַמעריקאַנער ייִדן וועלן נישט לאָזן זייערע ברידער אויף הפקר.

מע האָט זיך געכאַפּט אַז די שוואַרצע „R" וואָס די קובאַנער האָבן אַרײַנגעשטעמפּלט אין די פּעסער מיינט רעגרעסאָ, צוריקקערן. מע האָט מער נישט געלאַכט און געזונגען אויף דער שיף, אַפילו פּשוטע רייד זענען נישט אַרויסגעקומען מיטן פולן קול. די דעפּערעסיע האָט געשריגן מיט שטילקייט, מע האָט דעם טרויער כּמעט געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. מע האָט געהיטן די באַריערעס, מענטשן זאָלן נישט שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן.

ד"ר יאָזעף האָט זיך געוואָנדן צו פּאָזנערן: „איר האָט באַוויזן אויפצוהײַטערן די קינדער אויף דער שיף, אפשר קאָנט איר עפּעס טאָן אויך פאַר די דערוואַקסענע?"

„און ווער וועט מיך אויפהײַטערן?" האָט פּאָזנער זיך אָפּגעבייזערט.

דער קאָמיטעט האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג און דערציילט וועגן אַלע באַמיִונגען אַז דער ענין מיט די וויזעס זאָל שנעל דערליידיקט ווערן. די שטימונג איז געבליבן אַ געדריקטע. פּאָזנער האָט געבעטן אַ וואָרט.

„פאַר וואָס זענען פאַראַן אַזוי פיל דאָקטוירים אויף דער שיף?" האָט פּאָזנער געפרעגט מיט אַ שמייכל און אַליין געענטפערט: „ווײַל מע האָט געהערט אַז קובאַ לײַדט אויף צוקער".

קיינער האָט נישט געלאַכט, האָט פּאָזנער פאַרטײַטשט: „קובאַ קאָן נישט פאַרקויפן איר גאַנצע צוקער־פּראָדוקציע, פאָדערן די קובאַנער אַז די דאָקטוירים זאָלן פאַרשרײַבן זיסע מעדיצינען".

פּאָזנער האָט געוואָרט מע זאָל לאַכן אָבער עס איז געוועזן שטיל און טרויעריק. פּאָזנער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן: „נעכטן האָבן די שיפלעך געבראַכט פּאָסט און צײַטונגען. ד"ר יאָזעף איז אַוועק צום לייענזאַל זוכן די יידישע רונדשאַו און זי נישט געפונען, איך האָב יאָ געפונען מײַן באַליבטע צײַטונג און האָב זיך דערקוויקט מיט גוטע נײַעס".

„וואָסערע צײַטונג?" האָט עמעץ געפרעגט.

„דער שטירמער".

מע האָט געקוקט אויף פּאָזנערן מיט חידוש און ער האָט עס דער־קלערט: די יידישע רונדשאַו האָט מיך אַלע מאָל אַרײַנגעטריבן אין דעפּרעסיע מיט אירע נײַעסן. אַ הריגה אין פּאַלעסטינע; אַ פּאָגראָם אין רומעניע; אַ באָיקאָט אין פּוילן. צרות, צרות, נאָר צרות. כאַפּ איך זיך

צו צום שטירמער און לייען דאָרט אַז דער גאַנצער קאַפּיטאַל אין אַמעריקע ליגט אין ייִדישע הענט, די גאַנצע פּרעסע ליגט אין ייִדישע הענט. די מאַכט איז נישט אין די הענט פון פּרעזידענט, נאָר פון דעם פינאַנס־סעקרעטאַר מאָרגענטוי, און רוזוועלט אַליין איז אויך אַ ייִד. די ייִדן הערשן נישט נאָר איבער אַמעריקע, די גאַנצע וועלט ליגט אין ייִדישע הענט".

עס איז נישט אויסגעבראָכן קיין געלעכטער אָבער די שפּאַנונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן.

„ווי לאַנג וועט מען אונדז דאָ האַלטן אויף דער שיף?" האָט עמעץ אויסגעשריגן.

פּאַזנער האָט זיך נישט פאַרלוירן. „קובאַ האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ הויכן גראַד וואַרעמקייט — — הונדערט און צוויי גראַד. לאָמיר זיך נישט נאַרן. מיר זענען נישט געקומען דאָ קויפן באַנאַנע־פּלאַנטאַציעס, אונדזער געלט איז געבליבן אין דײַטשלאַנד. מיר זענען נישט געקומען דאָ אַרבעטן אין באַנאַנע־פּלאַנטאַציעס, אונדזערע כּוחות זענען אויך געבליבן אין דײַטשלאַנד. מיר זענען געקומען אַהער וואַרטן ביז אונדזערע קוואָטע־נומערן וועלן פעליק ווערן. וואָס איז דער חילוק וווּ מע וואַרט? גלייבט מיר, ס'איז בעסער צו וואַרטן דאָ ווי אין דאַכאַו — — איך האָב אויספּראָבירט ביידע... אויב די קובאַנער וועלן צו פיל מאַניאַנע־ווען וועלן די קוואָטעס דערווײַל פעליק ווערן און זיי וועלן פאַרלירן די מעגלעכקייט אונדז מכבד צו זײַן מיט דער באַרימטער לאַטײַן־אַמעריקאַנער גאַסטפרײַנדלעכקייט. געלעכטער אין אַ זײַט: אונדזער גורל ליגט אין אַמעריקע און איך האָב צוטרוי צו אַמעריקע".

ו.

די קליינע ליסעל יאָזעף האָט דערציילט דעם לערער פּאַזנער אַז איר טאַטע האָט נישט אין זײַן פּאַס אַזאַ שטעמפּל ווי אַלע אַנדערע האָבן. דער דאָקטאָר האָט עס באַשטעטיקט: ער האָט באַקומען זײַן קובאַנער וויזע נאָך איידער דער קובאַנער קאָנסול האָט געמאַכט פון דעם אַ מיסחר.

„קאָנט איר דאָך באַקומען אַ לאַנדקאַרטע ווי די פרוי באַנעי מיט אירע קינדער".

„ס'קאָן זײַן".

„אויף וואָס וואַרט איר ?"

„איך בין דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, איך האַלט אין איין פאַר־זיכערן אַז אַלץ וועט זײַן גוט און פּלוצלינג וועל איך אַראָפּ פון דער שיף און זיי איבערלאָזן ? דערווײַל איז געווען נאָר איין פאַרצווייפלטער פּרווו צו שפּרינגען אין ים, איך טאָר נישט ריזיקירן".

פּאָזנער האָט דאָס דערציילט צו זײַן שכן אין דער קאַיוטע, פּריץ האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן פּאַס — — ניין, נישטאָ קיין „R" אין זײַן פּאַס.

„זיי האָבן נישט אַרײַנגעשטעמפּלט די „R" ווײַל אײַער פּאַס האָט נישט די „J" גייט אַרויף און ווײַזט עס דעם קובאַנער פּאָליציי־אָפיציר און פאָדערט ער זאָל אײַך געבן אַ לאַנדקאַרטע".

פּריץ האָט אַרויפגעהאָפּסלט צו דעם אייבערשטן דעק. דער אָפיציר האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס פּריץ האָט געזאָגט. פּריץ האָט געעפנט זײַן פּאַס און פּראָבירט מיט זשעסטיקולאַציע דערקלערן וואָס ער וויל זאָגן. מענטשן זענען צוגעקומען און אַרויסגעהאָלפן. איינער האָט געוווּסט אַז אין שפּאַניש רעדט אַ „י" זיך אַרויס ווי אַ „כ", אַן אַנדערער האָט געהאַט זײַן פּאַס מיט זיך, האָט ער געוויזן די שטעמפּלען אין זײַן אייגענעם פּאַס, און געוויזן אַז בײַ דעם הער ווײַנער זענען זיי נישטאָ. דער אָפיציר האָט אַ פרעג געטאָן: „אוסטעד נאָ עס כודעאָ ?" דער אַרויס־העלפער האָט געענטפערט „נאָ", פּריץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און באַלד זיך פאַרשעמט. ער האָט געוווּסט אַז „נאָ עס כודעאָ" מיינט: „נישט קיין ייִד".

אַלע האָבן גערעדט מיט אַ מאָל, עס איז צוגעקומען עמעץ פון דער שיפמאַנשאַפט. געהערט אין וואָס עס גייט האָט ער געפרעגט דעם קובאַ־נער וואָס פּריץ זאָל טאָן ?

„זאָגן עס דעם אימיגראַציע־אינספּעקטאָר".

„וווּ איז דער אינספּעקטאָר ?"

„דאָרט", האָט ער געטײַטלט צו אַ בנין אויפן ברעג.

„שיקט אים אַהין מיט אײַערס אַ פּאָליציי־שיפל".

„דאָס קאָן איך נישט".

„וואָס זאָל ער טאָן ?"

דער אָפיציר האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

פּאָזנער האָט געטרייסט זײַן שכן: „עס וועט נאָר אויסגיין צו אַ

פאַר דאָלער וואָס דער דזשאַינט וועט מוזן באַצאָלן פאַר אַ ייִד וואָס האָט געקאָנט אַראָפּגיין אָן דעם".

„און אויב די קובאַנער וועלן זיך נישט פאַרגלייַכן מיט דעם דזשאַינט?"

„וועט אַמעריקע אונדז מוזן אַרייַנלאָזן. מע וועט אונדז נישט צוריק־שיקן צו דעם עשאַפאָט".

„פאַר מיר איז אפשר בעסער אַזוי", האָט פריץ זיך פּראָבירט טרייסטן.

„ווו אין קובאַ וואָלט איך געקאָנט געפינען אַרבעט? אין אַמעריקע — — אויב נישט אין אַ סימפאָנישן אָרקעסטער וועל איך ווערן אַ מוזיק־לערער, כ׳בין נישט קיין שלעכטער לערער".

ז.

דינסטיק פרי האָט דער קאַפּיטאַן גערופן צו זיך דעם קאָמיטעט. ווען ער האָט זיי געזאָגט אַז עס קאָנען זייַן שוועריקייטן בייַם לאַנדן האָט ער זיי באַרויִקט און צוגעזאָגט אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. הייַנט, דרייַ טעג נאָכן אַראָפּלאָזן אַנקער האָט ער געפילט אַז ער מוז זיי צוגרייטן צו יעדער עווענטואַליטעט. ער האָט זיי פאַרזיכערט אַז די פאָרשטייערס פון דזשאָינט פאַרהאַנדלען נאָך, אָבער ער איז מער נישט אַזוי אָפּטימיסטיש ווי ער איז געווען.

דער קאָמיטעט האָט מורא געהאַט פאַר אַן אויסבראָך פון פּאַניק. מע האָט אַראָפּגעלייענט פון זייערע פּנימער זאָרג און אומבאַהאָלפנקייט. די היץ אויפן דעק איז געווען שווער צו דערטראָגן אָבער מע האָט נישט געקאָנט אייַנזיצן אויף אַן אָרט, מע האָט געזוכט אַ סימן, אַ שטיקל צייכן אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט ווי עס ווייַזט אויס.

דער דזשאָינט האָט געשיקט זייַנס אַ פאָרשטייער צו דער שיף. ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן די שוועריקייטן. דאָס גאַנצע געלט וואָס מע האָט באַצאָלט פאַר די וויזעס האָט דער אימיגראַציע־מיניסטער אַראָפּגע־לאָזט צו זיך אין קעשענע. דער פּרעזידענט וויל געלט, אַ סך געלט, מער וויפל דער דזשאָינט קאָן געבן. ס׳איז אַן אינערלעכע רייַסערייַ צווישן כאַבאַרניקעס, מע וועט זיך דינגען און מע וועט אַדורכקומען.

„און אויב מע וועט נישט אַדורכקומען?" האָט פּאָזנער געשטעלט

אַ דירעקטע פראַגע, „װעט אַמעריקע דערלאָזן מע זאָל נײַן הונדערט נפשות צוריקשיקן צום מלאך־המות?"

„ס'איז אַ היפּאָטעטישע פראַגע", האָט דער דזשאָינט־פאָרשטײער געענטפערט. „די קובאַנער װילן געלט. אויב די שיף װעט צוריקפאָרן מיט די פאַרשװינען װעלן זײ גאָרנישט האָבן".

„און אַמעריקע?"

„אַמעריקע איז נאָך אַלץ אין אַ קריזיס, מיט אַ סך מענטשן אָן אַרבעט. דער קלימאַט איז איצט נישט גינציק פאַר אַ קאַמפּאַניע מע זאָל די פּליטים אַרײַנלאָזן".

„אַכציק פּראָצענט האָבן אַמעריקאַנער קוואָטע־נומערן".

„מיר װעלן אָנהאַלטן די פאַרהאַנדלונגען מיט פּרעזידענט ברו, מע װעט מוזן אַדורכקומען".

פאָזנער האָט זיך װידער אויפגעשטעלט און געפרעגט: „דער קלימאַט אין אַמעריקע איז נישט גינציק, איז דער קלימאַט אין קובאַ מער גינציק? און װאָס מײנט ,מע װעט מוזן אַדורכקומען?' כ'װײס אַז מיר מוזן. מוזן די קובאַנער? װער װעט זײ צװינגען אויב אין אַמעריקע איז דער קלימאַט נישט גינציק?" ער האָט נישט געװאַרט אויף קײן ענטפער און זיך אַרויסגערוקט פון זאַל.

פאָזנער האָט נישט געקאָנט אײַנרוען אין זײַן קאַיוטע, ער איז אַרויף צום דעק. די קינדער האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט, ער האָט אַ גלעט געטאָן אַ מײדעלע איבערן קאָפּ און אַװעק װײַטער. ער האָט איצט געזוכט די חברשאַפט נאָר פון יונגע שטאַרקע מענער.

ח.

די שיף איז געשטאַנען קעגן איבער דעם צענטער פון האַװאַנער פּאָרט און איז געװאָרן אַן אַטראַקציע פאַר די קובאַנער. שפּאַציר־שיפלעך האָבן געפירט נײַגיריקע צו דער שיף, אַ דאָלער פאַר אַזאַ שפּאַציר, אַרײַנגערעכנט דעם באַנוץ פון בינאָקלען. אַנדערע שיפלעך האָבן געפירט קרעמלעך מיט פרישע פרוכט, ניס, מושלעס. אויף די שיפלעך האָט גע־הערשט אַ קאַרניװאַל־שטימונג. צװישן די װאָס האָבן געזוכט נאָר פאַר־

ווײַלונג זענען אויך געווען די קרובים וואָס האָבן אין האַוואַנע געוואַרט אויף זייערע אייגענע און געוואָלט כאָפּן אַ בליק אויף זיי פון ווײַטן.

דאָס נישט־וויסן וואָס עס וועט מיט זיי געשען, די נישט זיכערקייט, האָט אַלעמען אַרויסגעוואָרפן פון גלײַכגעוויכט. נאָך מינוטן פון אָפּטי־מיזם איז מען אַרײַנגעפאַלן אין שעהען פון דעפּרעסיע. דער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט פּאַטראָלן פון אייגענע מענטשן צו וואַכן איבער די באַריערעס, פּאַטראָלן צו פאַרהיטן פון נעמען זיך דאָס לעבן. מע האָט געשיקט טעלעגראַמעס צום פּרעזידענט פון אַמעריקע און צו פאַרשווינ־לעכקייטן מיט השפעה איבער דער וועלט: „אַריבער נײַן הונדערט מענטשן, פיר הונדערט פון זיי פרויען און קינדער, בעטן אײַך צו נוצן אײַער השפעה און אינטערווענירן אונדז צו העלפן. די הומאַניטאַרע געפילן אײַערע און די פון אײַערע מיטבירגערס גיבן אונדז די האָפענונג אַז איר וועט טאָן אַלץ וואָס איר וועט קאָנען, אונדז צו העלפן".

אויפן קאַפּיטאַנס פאַרלאַנג איז אַ פאַרשטייער פון פּרעזידענט ברו געקומען אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט אים געוויזן בריוו פון פאַרשווינען, וואָרענונגען וועגן אַ קאָלעקטיוון פּאַקט זיך צו נעמען דאָס לעבן. „אויף דער שיף הערשט אַ שטימונג פון רעזיגנאַציע און אויך פון דעספּעראַטן רעוואָלט", האָט דער קאַפּיטאַן געוואָרנט.

דער דאָקטאָר מאַקס לאָוב האָט זיך איבערגעשניטן די אָדערן אויף ביידע האַנט־געלענקען און געלאָפן צו אַ באַריערע אויפן דעק. ער האָט באַוויזן אַריבערשפּרינגען איידער אַ פּאַטראָל האָט אים אָנגעיאָגט. אַ מאַטראָס איז געשפּרונגען נאָך אים און באַלד אויפגעטויכט מיט אים. „לאָזן זי מיך שטאַרבן", האָט לאָוב זיך געבעטן בײַם מאַטראָס. דער מאַטראָס האָט נישט אויפגעהערט זיך ראַנגלען מיט דעם צעבלוטיקטן לאָוב. די שיף־סירענע האָט זיך צערעוועט, אַ קובאַנער פּאָליציי־שיפל איז געקומען, אַרײַנגעשלעפּט לאָובן און דעם מאַטראָס, און ביידע אַוועק־געפירט צום ברעג.

דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט צוויי בקשות וואָס די פּאָליציי האָט מסכים געווען איבערצושיקן צום ברעג. מע זאָל אַראָפּלאָזן די פרוי לאָוב, זי זאָל קאָנען זײַן בײַ דער זײַט פון איר מאַן וואָס ליגט אין אַ שפּיטאָל, און איז אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט; דער קאַפּיטאַן

האָט אויך געבעטן מע זאָל אַראָפּלאָזן דעם הונט אָשי וואָס איז פון האַמבורג געשיקט געוואָרן פאַר עמעצן וואָס איז שוין אין האַוואַנע.
נאָר די צווייטע בקשה איז באַווויליקט געוואָרן.

דער פּרווו פון נעמען זיך דאָס לעבן האָט אויפגערודערט די פּרעסע. קאָרעספּאָנדענטן האָבן געשיקט טעלעגראַמעס צו זייערע צײַטונגען וועגן דער שיף וואָס איז „אַ חרפה צו דער וועלט".

אַ באַריכט וועגן דער לאָוב־טראַגעדיע אין דער ניו־יאָרק־טײַמס האָט אויפגערודערט אַ סך געמיטער. אין אַטלאַנטיק־סיטי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּראָטעסט־מיטינג און אַ מאַרש. אויך אין ניו־יאָרק, שיקאַגע און וואַשינגטאָן זענען פאָרגעקומען פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען. מע האָט אָנגענומען שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און זיי געשיקט צום פּרעזידענט רוזוועלט, צו קאַרדינאַל ספּעלמאַן און צו פירערס פון רעגירונג, רעליגיע, און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די רעזאָלוציעס האָבן געפאָדערט דער פּרעזידענט זאָל ווירקן אויפן קובאַנער פּרעזידענט ברו, ער זאָל אַרײַנלאָזן די פּליטים. מיטן אויסנעם פון פּרעזידענט רוזוועלט האָבן אַלע די וואָס האָבן באַקומען די רעזאָלוציעס געשיקט אינטערווענץ־טעלעגראַמעס צו פּרעזידענט ברו.

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין האַוואַנע האָט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיטן קובאַנישן אויסערן־מיניסטער. כּדי זײַן אינטערווענץ זאָל האָבן אַ ווירקונג, האָט ער געדאַרפט אָן אָנווײַז פון וואַשינגטאָן. צו זײַן דערשטוינונג האָט ער זיך דערוווּסט אַז דער אונטערסעקרעטאַר פון אויסערן־ענינים, סאַמנער וועלס, איז קעגן יעדער אינטערווענץ. פון ווײַסן הויז האָט ער בכלל נישט באַקומען קיין תשובה. ער האָט אָפּגעזוכט עטלעכע הומאַניטאַרע פראַזעס וואָס רוזוועלט האָט אַ מאָל געזאָגט וועגן פּליטים און מיט דעם געזוכט צו באַווירקן דעם קובאַנער.

די וועלטפּרעסע האָט געשטראָפט דײַטשלאַנד, אָבער די דײַטשע פּרעסע האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם גאַנצן ענין. זיי האָבן אָנגעוויזן אַז די וועלט וואָס מוסרט דײַטשלאַנד ווײַזט איצט איר אמתן פּנים. די וועלט האָט איצט אַ מעגלעכקייט צו באַווײַזן אַז זייער באַציִונג צו די ייִדן איז אַ בעסערע — זאָל טאַקע די וועלט עס באַווײַזן.

דער שטירמער האָט געפאָדערט אַז ווען די פּליטים וועלן צוריק־

קומען זאָל מען זיי גלײַך שיקן קיין דאַכאַו און בוכנוואַלד. די וועלט ווײַזט אַז זי וויל נישט די ייִדן; פאַר וואָס זאָל דײַטשלאַנד זיי צוריק־נעמען?

ט.

די קינדער אויף דער שיף האָבן געזען די עלטערנס צעטראָגנקייט. דער לערער פאָזנער האָט זיי מער נישט געלערנט קיין העברעיִשע לידלעך, דער הער ווײַנער האָט מער נישט געגעבן קיין פּיאַנע־לעקציעס, האָבן זיי זיך געשפּילט מיט די קובאַנער פּאָליציסטן. אָנגעמאָסטן אַ פּאָליציייִש היטל, אויסגעלערנט זיך אַ שפּאַניש וואָרט און געלאַכט. די קינדער האָבן געשטעלט אַ סך פראַגעס, די עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין געדולד אָדער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. די פּאָליציאַנטן האָבן געענטפערט אויף שפּאַניש וואָס האָט געקלונגען זייער קאָמיש, און אַז די קינדער האָבן זיך צעלאַכט האָבן די פּאָליציאַנטן געלאַכט צוזאַמען מיט זיי.

ס'איז געווען דאָנערשטיק פרי. פאָזנער איז שוין אַוועק צום עסזאַל ווו מע האָט סערווירט אָנבײַסן, ווײַנערן האָט גענומען אַ ביסל לענגער דאָס אָנטאָן זיך, עס איז אים אָנגעקומען שווער דאָס פאַרשנאַלן זײַן פּראָטעזע. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער זיך געאײַלט, ער האָט געוווּסט אַז פאָזנער וואַרט אויף אים מיטן עסן. ווען ער האָט געעפנט די טיר פון זײַן קאַיוטע אַרויסצוגיין, האָבן צוויי יונגען פון די שיף־פּײַערלײַט אים צוריק אַרײַנגעשטופּט אינעווייניק, זיי זענען געקומען מאַכן אַ רעוויזיע.

די וואַליזעס זענען נאָך געווען פאַרפּאַקט זינט מע האָט זונטיק זיך געגרייט צום לאַנדן. פריץ האָט געעפנט זײַן וואַליזע, פאָזנערס וואַליזע האָבן זיי אויפגעריסן און צעוואָרפן די זאַכן איבער דער קאַיוטע. פריץ האָט אַ שפּרונג געטאָן פון דעם ווינקל ווו ער איז געשטאַנען אַ פרײַ־טשמיעלעטער, ווען איינער פון די יונגען האָט אַ כאַפּ געטאָן די פידלשייד. עס איז געווען אַ צו האַסטיקער שפּרונג פאַר אַן אינוואַליד, און ער איז געפאַלן. די דײַטשן האָבן זיך צעלאַכט.

„כוליגאַנעס!" האָט פריץ געשריגן ווען ער איז נאָך געלעגן אויסגע־צויגן אויף דער פּאָדלאָגע, „איך בין אַ העלד פון מײַן לאַנד, איך האָב

מײַן פוס געגעבן פאַרן ׳פאַטערלאַנד׳. איר זענט נאָר אַ באַנדע כוליגאַנעס און מערדערס!״

נאָך אײדער פריץ האָט באַװיזן אין גאַנצן זיך אױפצושטעלן, האָט אַ קנאַק איבערן קאָפּ אים צוריק אומגעװאָרפן. „שמוציקער יודע, דו קומסט צוריק און מיר װעלן האַלטן אַן אױג אױף דיר, דו ייִדישעס שײַס״, האָט דער שלעגער געשריגן מיט שױם פאַר זײַן פּיסק. „דײַן נאַרישער קאָפּ װעט אָפּגעגאָלט װערן װי דײַן שכנס״, האָט דער אַנדערער צוגעגעבן, „אָפּגאָלן דײַן קאָפּ אײדער מע װעט אים צעשמעטערן״.

פּאַזנער האָט איבערגעקלערט װאָס װײַנער זוימט זיך, איז ער צוריקגעגאַנגען צו דער קאַיוטע. ער האָט נאָך פון דרױסן געהערט די געשרײען, איז ער צוריק אַרױפגעלאָפן און צוריקגעקומען מיט אַ שיף־אָפיציר. אײנער פון די יונגען האָט גראָד זיך גערײצט מיט װײַנערן, ער האָט אַרױסגענומען די פּידל פון דער שײד צו צעברעכן זי אױף דעם ייִדנס קאָפּ. דער שיף־אָפיציר האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און צוגענומען בײַ אים די פּידל.

„דער יודע איז אַ פאַררעטער און העצט צו סאַבאָטאַזש״, האָט אײנער פון די פּײַערלעשערס געװיזן אױף פּאַזנערן.

„זאָגן זי דאָס דעם הער קאַפּיטאַן, קײן טעראָר װעט דאָ נישט טאָלערירט װערן!״

פריץ האָט שױן געװוסט אַז דער שיפס פּײַערלעשערס זענען געסטאַפּאָאַגענטן, ער האָט איצט מורא געהאַט איבערצולאָזן די פּידל אין זײַן קאַיוטע און זי געשלעפּט מיט זיך װוּ נאָר ער איז געגאַנגען. ער האָט שױן געקאָנט איצט זײַן אַ פרײַער מענטש און שפּאַצירן אױף די בולװאַרן פון האַװאַנע. איז עס געװען נאָר שלימזלדיקײט װאָס ער האָט נישט באַקומען זײַן לאַנד־קאַרטע? טיף אין זיך האָט ער אפשר געװאָלט בלײַבן אױף דער שיף, געװאָלט צוריקגעשיקט װערן צו האָבן נאָך אַ מעגלעכקײט זיך אַדורכצורעדן מיט הילדען? ס׳איז אַ פאַקט אַז מער װי אײן דײַטשע פרוי איז אַװעק מיט איר ייִדישן מאַן, און ער מיט הילדען האָבן דאָך געהאַט אַזאַ אידיליש צוזאַמענלעבן. נײן, די ברוטאַלקײט פון די פּײַערלעשערס האָט נישט קײן שײַכות צו זײַן הילדען, אָבער — — קאָן עס זײַן, איז עס מעגלעך אַז די גראָבע־יונגען װאָס האָבן אים געזידלט, געשלאָגן און געסטראַשעט, קאָן עס זײַן אַז זײ זענען אױך אַ

מאָל געווען שטילע פרידלעכע מענטשן ? נאַציזם איז אַ מגיפה וואָס שטעקט אָן מער און מער דײַטשן. דער איבערפאַל אין דער קאַיוטע האָט קלאָר געמאַכט פאַר אים וואָס ער האָט אייגנטלעך שוין פריִער געוווּסט — — ער האָט ניט צו וואָס און צו וועמען צוריקצופאָרן.

י.

מע האָט פאַרהאַנדלט און פאַרהאַנדלט ביז פּרעזידענט ברו האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם דזשאָינט־פאָרשטייער און אים געגעבן אַ באַפעל די שיף זאָל פאַרלאָזן די קובאַנער וואַסערן פאַר 10 פרי, דאָנער־שטיק דעם 1טן יוני. ערשט נאָך דעם וועט מען ווײַטער פאַרהאַנדלען.

דער קאַפּיטאַן האָט קוים געפּועלט דער פּרעזידענט זאָל אים דערלויבן צו בלײַבן נאָך איין טאָג, מע זאָל קאָנען אָננעמען גענוג שפּײַז און ברענשטאָף.

ד״ר יאָזעף איז געקומען צום קאַפּיטאַן: „ערשט נעכטן האָט מען אַראָפּגעלאָזט נאָך זעקס מענטשן, אפשר וועלן זײַן נאָך אַזעלכע מעגלעכ־קייטן. מע טאָר זיך נישט רירן פון דאַנען״.

דער קאַפּיטאַן האָט געטאָן אַ ביטערן שמייכל: „אויב איך וועל נישט אַרויס פון פּאָרט מיט גוטן וועט דער ים־פלאָט אונדז אַרויס־טרײַבן״.

„אַרויסטרײַבן ? ווי אַזוי, זיי וועלן אָנשטעלן אויף אונדז זייערע האַרמאַטן ?״

„יאָ״.

„און באַשעדיקן די שיף ? דאָס וועט זײַן אַ ישועה, זיי וועלן מוזן אַראָפּנעמען די פאַרשוינען״.

„איך בין נישט גרייט צו אַזאַ ריזיקע, און עס איז נישט כדאַי, די ברעגעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן זענען נאָר עטלעכע שעה פון דאַנען״.

ד״ר יאָזעף איז נישט געווען זיכער צי דער קאַפּיטאַן איז אויסן נאָר צו באַרויִקן די געמיטער אָדער ער גלייבט טאַקע אַז אַמעריקע וועט אַרײַנלאָזן.

אַ פאָרשטייער פון ניו־יאָרקער דזשאָינט איז געקומען אויף דער

שיף. מע האָט צוזאַמענגערופן די פּאַרשוינען און ער האָט גערעדט צו זיי.

„שוועסטער און ברידער, ציטערט נישט פאַר אַ צוריקקער קיין האַמ־בורג, דער דזשאָינט וועט פאַר אייך געפינען אַן אַזיל אויסער די גרע־נעצן פון דייטשלאַנד. אויך פון קובאַ דאַרף מען נאָך נישט רעזיגנירן. די גאַנצע וועלט קוקט אויף אייך, איר וועט הערן פון אונדז גאָר גיך".

דער שליח האָט געוואָרט אויף אַן אַפּלאָז. עטלעכע פּאַרשוינען האָבן גאָר אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

דער דזשאָינט־שליח איז אַוועק צום באַקוועמלעכקייט־לייטער, די קובאַנער פּאָליציאַנטן זענען אַראָפּ נאָך אים. דער ערשטער אָפיציר האָט ראַפּאָרטירט צום קאַפּיטאַן אַז די שיף איז גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

די שיפמאַטאָרן האָבן אָנגעהויבן פּולסירן, די וויבראַציעס זענען געוואָרן שטאַרקער און מער רעשיק. די קאָנטורן פון די ווייסע האַוואַנער הייזער זענען צעשוואומען געוואָרן אין טרערן וואָס זענען אָנגעלאָפן אין די אויגן.

אַהרן פּאָזנער האָט זיך צוגעזאָגט אַז ער וועט האַלטן וואָרט: קיין מאָל נישט צוריקצוקומען קיין דייטשלאַנד. ער ווייסט, אַ בונט אויף אַ שיף ווערט באַטראַכט פאַר אַ פּיראַטן־אַקט, טאָ וואָס וועט מען אים טאָן, איינזעצן אין תּפיסה? זאָל זיין אין אַ תּפיסה, אַבי נישט אין דייטשלאַנד.

די שיף איז געשוווּמען אין דער ריכטונג קיין פלאָרידע אָבער נישט אין אַ גלייכער ליניע; דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט בלייבן נאָענט צו האַוואַנע. פּרעסע־עראָפּלאַנען זענען געפלויגן איבער דער שיף. „דער אינטערעס פון דער וועלט איז אַ גוטער סימן", האָט געזאָגט ד"ר מייזנער.

פּרעזידענט ברו האָט טאַקע ווייטער פאַרהאַנדלט, אָבער פאַרלאַנגט אַ האַלבן מיליאָן אין פאַרלויף פון 48 שעה, כּדי אַראָפּצולאָזן די פּליטים אויף אַן אינדזל לעבן האַוואַנע. דער דזשאָינט האָט זיך געדונגען, די 48 שעה זענען אַריבער און דער קובאַנער פּרעזידענט האָט מער נישט געוואָלט פאַרהאַנדלען. די שיף איז איצט געשוווּמען דירעקט אין דער ריכטונג קיין פלאָרידע.

זונטיק פרי איז די שיף געקומען נאָענט צו מיאַמי, מע האָט אָנגעטראָפן מער און מער אַמעריקאַנער פישער־שיפלעך. באַלד איז אָנגעקומען אַ מיליטערישע שיף פון אַמעריקאַנער ברעגנשוץ און מער נישט אָפּגעטרעטן פון דער פּליטים־שיף.

אָן עדיטאָריאַל אין דעם פילאַדעלפיער רעקאָרד האָט געשריבן: „אמת, דער פּליטים־פּראָבלעם איז שווער און קאָמפּליצירט, אָבער פּאַר ציוויליזירטע מענטשן דאַרף זײַן אַ מער מענטשלעכער אופן ווי אַרויסשיקן פּאָליציי־שיפן צו כאַפּן די וואָס ווילן שפּרינגען אין ים".

דער שיף־קאָמיטעט האָט נישט אויפגעהערט שיקן טעלעגראַמעס און אַפּעלירט צום געוויסן פון דער וועלט. דער קאַפּיטאַן האָט באַקומען ראַדיאָ־סיגנאַלן נישט צוצוקומען נאָענט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס. די שיף האָט גענומען פּאָרן אין דער ריכטונג פון האַמבורג. אויף אַ סטאַטוע נעבן האַוון פון ניו־יאָרק זענען געווען אויסגעקריצט נאַיווע שורות פון אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער פּאָעטין עמאַ לאַזאַרוס:

„גיב מיר דײַנע אָרעמע, מידע, שיק מיר זיי — —
וואָס צוזאַמענגעטוליעט אין לעכץ צו אָטעמען פרײַ.
שיק מיר די אָנהיימיקע, קינד, זקן און זקנה,
דעם אָפּפאַל בידנעם פון ברעגעס דײַנע,
וואָס שטורעמס בייזע געשלײַדערט צו מיר.
איך הייב אויף מײַן לאָמפּ בײַ דער גאָלדענער טיר".

קאַפּיטל צען

איבער ליידיקע רעלסן

א.

זאָשקע האָט באַקומען אַ בריוו פון דער „הנהגה הראשית". דעם בריוו האָט אונטערגעשריבן טאָלעק. ער האָט געשאַפן אַ נײַעם הכשרה־קיבוץ אין טשענסטעכאָוו. די „הנהגה" וויל זאָשקע זאָל קומען קיין טשענסטעכאָוו אויף עטלעכע חדשים ביז דער קיבוץ וועט דערציִען זײַנע אייגענע מדריכים.

„טאָלעק איז אַ מאָל געווען דײַן בחור?" האָט משה געפרעגט.

„אַלע ,צופים־בוגרים', אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך זענען אַ ביסל פאַרליבט אין זייער מדריך, זייער לערער. בײַ יִינגלעך איז עס נישט אַזוי?"

„דו ביסט געווען אַ ביסל מער פאַרליבט ווי די אַנדערע מיידלעך אין דײַן ,חוג'?"

„אפשר יאָ".

„און טאָלעק איז געווען אַ ביסל מער פאַרליבט אין דיר ווי אין די אַנדערע מיידלעך?"

„אפשר יאָ".

„אפשר?"

„מיר פלעגן אַ סך שפּאַצירן צוזאַמען".

„דו ביסט געווען זײַן בחורה?"

„יאָ".

„פאַר וואָס האָסטו נישט באַלד געזאָגט? דאָס האָב איך געפרעגט און דו האָסט געדרייט מיט דער צונג".

זיי האָבן לאַנג נאָך דעם נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. משה איז געלעגן לעבן איר מיט אָפענע אויגן און מער נישט אויסגערעדט אַ

ווארט. זאָשקע האָט אויך נישט גערעדט. זי האָט פאַרשטאַנען: משה שטעלט אַזוי פיל פּראַגעס ווײַל טאָלעק איז אַ שיינער. משה וואָלט געדאַרפט האָבן מער צוטרוי צו איר. נאָר אין דער אַלטער דעקאַדענטי־שער בורזשואַזער געזעלשאַפט מאַכט מען אַ צימעס פון קערפּערלעכער שיינקייט. זי האָט שוין געטראַכט וועגן דעם ווען יאַקאָוו האָט באַקומען אַ שוואַכקייט צו דער רײַכער פאַננע פרידע. די בורזשויִען זענען ליידיק־גייערס. זיי האָבן צײַט זיך צו פוצן, האָבן געלט צו פּטרן אויף שיינע קליידער. אין דער נײַער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָט אַ מענטש ביל־כערע זאַכן צו טאָן ווי פּודערן די נאָז אָדער לאַקירן די נעגל. שיינקייט ליגט נישט אויפן פּנים, נאָר אין דער נשמה. עמעצער וואָס זאָרגט פאַר דער געזעלשאַפט, איז געטרײַ צו זײַן פאָלק, קאָן זיך מקריב זײַן פאַר אַן אידיי, אַזאַ איז אַ שיינער מענטש. זי האָט דאָס אַלץ געטראַכט וועגן איר משה. די פאַננע פרידע וואָלט זיכער געזאָגט אַז משה איז מיאוס. ווער עס האָט געזען משהן אויף דער „אַרטעמיזאַ", דער ווייסט אַז ער איז שיין.

משה האָט פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט זאָשקען, ווי ער וואָלט געהערט אירע רעיונות. ער האָט זי געקלאַמערט אין די אָרעמס. ווען זײַנע אָרעמס האָבן זיך געעפנט האָט ער זיך געטוליעט צו איר ווי אַ קינד צו דער מאַמען. זײַנע ליפּן זענען געבליבן פאַרשלאָסן.

צו מאָרגנס האָט זאָשקע געשריבן צו טאָלעקן: משה איז אַ גוטער מדריך אײַנצופלאַנצן אידעאָלאָגיע און דיסציפּלין, זאָל משה פאָרן, אויב ער וועט דאַרפן איר הילף וועט זי אויך פאָרן.

טאָלעק האָט צוריקגעשריבן: משה'ס דיסציפּלין איז צו שטײַף פאַר די ווייכע ביינער פון אַ נײַ־געבוירענעם קיבוץ.

זאָשקע איז געבליבן אין כעלמיש.

✶

„זאָשקע?"

זי האָט שוין געהאַט אײַנגעדרימלט. זי האָט געהערט משה'ס רוף און זיך אויסגעטשוכעט. „דו האָסט עפּעס געזאָגט, משה?"

„דו שלאָפסט?"

„וואָס איז דען?"

„פינטשע איז אַ שיינער?"

„וואָס עפּעס פּלוצלינג פון דער העלער הויט? כ'ווייס אַליין נישט".

„שענער פון טאָלעקן ?"

„פּינטשע איז אַנדערש און טאָלעק איז אַנדערש, מע קאָן נישט פאַרגלײַכן".

„טאָלעק האָט דיך געקושט ?"

„ווען ?"

„ווען ביסט געווען זײַן בחורה".

„יאָ".

„דו אים ?"

„אַ מאָל".

„און ביסט אַוועק צו פּינטשען ?"

„כ'בין נישט אַוועק. אַז כ'בין דאָ אין קיבוץ, בין איך נישט אַוועק צו פּינטשען".

„פּינטשע האָט דיך געקושט ?"

„יאָ".

„דו אים ?"

„אַ מאָל. וואָס ווילסטו, משה ? וואָס פרעגסטו מיך אויס ווי אַ —"

„דו ביסט מײַן בחורה. כ'וויל וויסן אַלץ וועגן דיר. דו קאָנסט מיך אויך פרעגן. פרעג !"

„איך האָב נישט וואָס צו פרעגן".

„דאָס טויג נישט. דו דאַרפסט אויך פרעגן. דו ביסט געווען טאָלעקס בחורה, פּלוצלינג אים איבערגעלאָזט און אָנגעהויבן מיט פּינטשען".

„כ'האָב נישט איבערגעלאָזט טאָלעקן. ער איז אַוועק אויף הכשרה".

„וואָס אויס די אויגן איז אויסן הארץ ?"

„כ'בין נישט געווען טאָלעקס בחורה אין דעם זין ווי דו מײנסט עס".

„האָסט אַלײן געזאָגט. האָסט זיך געקושט מיט אים. פּינטשע, דאָס בורזשויסקע יונגער־מאַנטשיקל, האָט דיך אָנגעגריפן ?"

„וואָס מײנסטו ,אָנגעגריפן' ?"

„כ'מײן ; האָסט זיך געקושט מיט אים, ער האָט אוודאי געוואָלט מער".

„דו ווײסט צום בעסטן אַז נישט מער".

„פון קושן זיך ביז דעם לעצטן איז אַ ווײַטער מהלך, כ'קען די ײַדענע יונגער־מאַנטשיקלעך".

„אויב דו ווילסט וויסן איז ער טאַקע אַ זײַדענער יונגער־מאַנטשיק. איך האָב די ערשטע אים געקושט".

„אַזוי גאָר ?"

„און ער האָט מיך נישט געפּאָרשט. וועגן טאָלעקן גאָרנישט געפרעגט וואָס איך אַליין האָב נישט געזאָגט".

„דו האָסט אַליין געזאָגט ? אַז האָסט אַליין געזאָגט האָט ער נישט געדאַרפט פרעגן. מיר זאָגסטו גאָרנישט אַליין. וואָס האָסטו אים געזאָגט ? דערציילט אים וועגן דעם ,שומר' וואָס ליגט דאָרט ערגעץ אין אַ הכשרה־קיבוץ און וואַרט אויף דיר ? דערציילט, געלאַכט און געקושט זיך ? געקושט זיך, דערציילט, און ווידער געלאַכט ?"

זאָשקע האָט מער נישט געוואָלט ענטפערן. צו מאָרגנס אין דער פרי איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן משהן און דעם מזכיר העבודה. די ערשטע מחלוקה זינט משהס צוריקקומען פון העפּלה. זי מוז זיך אָנגורטן מיט געדולד און זײַן גוט צו אים, האָט זאָשקע בײַ זיך אָפּגעמאַכט. ווען ער איז זיכער מיט איר איז זיי ביידן גוט, און משה איז מילד און גוט צו די חברים. יעדער מענטש האָט זײַנע חסרונות. זי מוז זיך אויסלערנען האָבן געדולד צו משהס חסרונות.

„פאַר וואָס ביסטו ווידער פול מיט חשדים ?" האָט זאָשקע געפרעגט משהן ווען זיי זענען ווידער געווען אַליין. „קיינער צווינגט מיך נישט צו זײַן מיט דיר. קיינער קאָן מיך נישט צווינגען. כ'בין מיט דיר ווײַל כ'וויל זײַן מיט דיר, ווײַל ביסט מיר נאָענט. זינט ,אַרטעמיזאַ' האָב איך דיך בעסער דערקענט. גלייב מיר, משה, דו ביסט מיר זייער נאָענט".

עמעצער איז אַרײַנגעקומען. משה האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. זאָשקען האָט זיך געדוכט אַז זי האָט געזען טרערן אין משהס אויגן. די נאַכט, ווען נאָר זאָשקע האָט זיך איבערגעוועקט, זענען משהס אויגן געווען אָפן.

„ווען שלאָפסטו, משה ?"

„שלאָף, זאָשקע, דאגה נישט וועגן מיר".

מע האָט זיך געגרייט גיין אויף אַ „טיול", אַ שפּאַציר אויסער שטאָט. זאָשקע האָט געוואָלט בלײַבן מיט משהן. ער איז געווען פאַרקילט. ער איז נישט אויפגעשטאַנען פון זײַן פּריטש, אַ בעט צונויפגעקלאַפּט פון

רויע ברעטער. „גײ, גײ", האָט משה זי דערמוטיקט, „ס'אַ חמימה דאָ אין שטוב".

ווען זאָשקע איז צוריקגעקומען האָט זי געפונען זײער וואַליזע אָפן, די זאַכן צעוואָרפן איבער דער פּריטש. משה האָט שגעל אַרונטערגע־שטופּט עפּעס אונטער זײַן קישן.

„וואָס טוסטו ?"

„גאָרניַשט. כ'קוק איבער. אַזוי פיל זאַכן פאַרלוירן אין וועג".

זאָשקע האָט גענומען אַרײַנסדרן די חפצים אין דער וואַליזע. משה איז געלעגן אויף דער פּריטש מיט אָפענע אויגן און געשוויגן.

זאָשקע האָט אַלץ פאַרפּאַקט, אַרונטערגערוקט די וואַליזע אונטער דער פּריטש און זיך געלאָזט צו דער טיר.

„וווהין גײסטו ?" האָט משה געפרעגט.

„אַרויס".

„דאָס זע איך".

„כ'וויל דיר געבן אַ געלעגנהײט צו באַהאַלטן וואָס האָסט אַרונטער־געשטופּט אונטערן קישן".

„דו ווילסט וויסן וואָס עס איז ?"

„ניין. דו מעגסט זיך האָבן דײַנע סודות".

„מײַנע ? דאָס זענען דײַנע סודות".

„מײַנע ?"

„בריוו פון דײַן פּינטשע".

„ווי קומען צו דיר בריוו פון פּינטשען ?"

„דו ווייסט נישט ?"

„ניין, כ'ווייס נישט".

„וועל איך דיך דערמאָנען. ביסט שוין געווען מײַן בחורה און ביסט פּלוצלינג אַנטלאָפן צו פּינטשען".

„צו פּינטשען ?"

„אָט זענען זײַנע בריוו". משה האָט אַרויסגעשלעפּט די בריוו פון אונטערן קישן.

„איך האָב זיי דיר געגעבן נישט־געעפנט".

„איך האָב זיי יאָ געעפנט".

„כ'האָב זיי דיר געגעבן צוריקצושיקן".

„אַז מײַן בחורה — אין פּינטשעס קרײַזן זאָגט מען ,מײַן װײַב׳ — מײַן װײַב איז אַנטלאָפֿן צו עמעצן אַנדערש, זי קומט צוריק און ער שיקט נאָך בריװעלעך, מעג איך..."

„משה, װאָס איז װידער געשען מיט דיר?"

„אין די בריװעלעך זענען פֿאַראַן אַ סך פּינטעלעך. דו האָסט געטער־ליעט דײַן קאָפּ צו אים, דו האָסט געװײנט. ער האָט געװײנט און פּינטעלעך. װאָס טוט זיך אונטער די פּינטעלעך?"

„משה, אויב דו קאָנסט נישט שלום מאַכן מיט דעם װאָס איז געװען ביז דיר..."

„ביז מיר? ביז מיר װײס איך כאָטש װי װײַט עס איז נישט דער־גאַנגען. דו ביסט דאָך אַנטלאָפֿן צו אים נאָך דעם — — ביסט געװאָרן מײַנע און צו מאָרגנס אין דער פֿרי אַנטלאָפֿן צו אים".

„כ׳בין נישט אַנטלאָפֿן צו אים, צו קײנעם!"

משה האָט געפּאַטשט מיט די בריװ. „שװאַרץ אויף װײַס!"

„ער׳ט מיר צוגעשיקט אַ צעטעלע — —"

„און?"

„משה!"

„װאָס איז געשען נאָכן צעטעלע?"

„גיב מיר פּינטשעס בריװ!"

„װאָס עפּעס פּלוצלינג?"

„גיב מיר תּיכּף די בריװ, אָדער — —"

משה האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער האַרטקײט אין איר קול, ער האָט איר דערלאַנגט די בריװ. זאָשקע האָט געזען אַז זײַן פּנים איז גרוי װי אַש. זי האָט צעפּליקט די בריװ אויף פּיץ־פּיצלעך: „אויס בריװ, אויס פּינטשע! כ׳װיל מער נישט הערן װעגן דעם!"

זי איז אַרויסגעלאָפֿן און צוריקגעקומען ערשט אין אָװנט. מע האָט זיך געזעצט צום נאַכטעסן אין שטילשװײַגן. משה האָט זיך געלײגט נעבן זאָשקען און געטוליעט זיך צו איר פֿול מיט הכנעה.

„הכשרה" דאַרף אויסלערנען לעבן צוזאַמען. דער קיבוץ — אײן גוף; די חברים — אײן משפּחה. ס׳איז אָבער נישט געװען אַזוי אינעם כעלמישער הכשרה־קיבוץ. מע האָט געטײלט זיך מיטן ביסן, מיט די

װעש, די קלײדער. זאָשקע האָט אָבער געפילט אַז זי און משה זענען נישט אײנס מיט דעם גאַנצן קיבוץ. אַן אָפּגעריסענער אבר װאָס הענגט ערגעץ צװישן כעלמיש און „ארץ". נישט דאָ און נישט דאָרטן װעט מען קאָנען אױפנעמען זײערע פּראָבלעמען אױף אַ ‚שיחה'. אין דער הײם פון אירע עלטערן האָט זי זיך גיכער געקאָנט אָראָפּרעדן פון האַרץ פאַר איר קלײן שװעסטערל יפה, װי דאָ פאַר אירע קיבוץ־שװעסטער. די צרה אין איר קיבוץ איז װאָס אַלע זענען אױף איר צד. זײ זאָגן זײ האָבן פײַנט משהן װײַל ער איז שלעכט צו איר. זי האָט מען נישט פײַנט װײַל זײ האָבן נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט מיט איר שידוך. אַז משה װעט זײַן גוט צו איר און מע װעט זי שױן זען װי משהס װײַב, װעט מען זי פײַנט האָבן צוזאַמען מיט אים.

אַלע קוקן אױס דעם טאָג װען זי װעט זיך צעגײן מיט משהן. אפשר איז דאָס די סיבה װאָס משה איז אַזױ אומרויִק? אפשר גיט זי אים נישט גענוג זיכערקײט? משה לײַדט און נאָר זי קאָן אים העלפן. משה איז קראַנק און נאָר זי קאָן אים הײלן. אָבער זי בלאָזט פון זיך, באַלײדיקט זיך װי אַ פּריצטע, און ער לײַדט נאָך מער.

אפשר איז אמת װאָס חוה זאָגט, אַז זי האָט משהן נישט ליב און װעט אים קײן מאָל נישט ליב האָבן, אָבער ער איז איר נאָענט. נענטער װי יעדער אַנדערער דאָ אין איר אײגענעם קיבוץ. װי אַזױ מאַכט מען ער זאָל עס פילן? װעט ער איר גלײבן אויב זי װעט עס אים זאָגן?

זאָשקע האָט געזוכט אַ װאַרעם װאָרט צו זאָגן משהן. משה איז איר אַקעגנגעקומען מיט אַ פראַגע: „דו האָסט באַקומען אַ בריװ פון יאַקאָװן?"

„אַ בריװ פון יאַקאָװן? יאַקאָװ לעבט?" האָט זאָשקע אַזש אַ שפּרונג געטאָן.

„נישט הײַנט. כ'מײן דעמאָלט פון װין?"

זאָשקע איז אַ פאַל געטאָן אױף דער פּריטש װי יאַקאָװ װאָלט איצט נאָך אַ מאָל געשטאָרבן.

„דו האָסט צו אים אױך געשריבן", האָט משה נישט אָפּגעלאָזט. „דו האָסט מיר קײן מאָל נישט געזאָגט".

„פון װאַנען דען װײסטו?"

„כ'האָב געפונען זײַן בריוו צו דיר". משה האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו.

זאָשקע האָט אויסגעשטרעקט אַ ציטערדיקע האַנט צו נעמען דעם בריוו. טרערן האָבן פאַרגאָסן אירע אויגן. זי האָט נישט געקאָנט לייענען אָבער זי האָט געדענקט פון אויסנווייניק וואָס ער האָט געשריבן. „דײַן בריוו איז געקומען פונקט אין צײַט. כ'האָב מורא צו טראַכטן וואָס ס'וואָלט געשען ווען נישט דײַן בריוו. דו האָסט מיך ממש מחיה־מתים געווען. איך בין אויפן וועג צו אונדזער ציל. להתראות בלב המפרץ. חזק! יעקב".

זי האָט אַזוי פיל מאָל געלייענט דאָס בריוול און יעדעס מאָל עס באַגאָסן מיט טרערן. יאַקאָוו איז איר געווען נענטער ווי אַ ברודער. זײַן פאַרלאָזן דעם קיבוץ האָט איר ווי געטאָן, אפשר נישט ווייניקער ווי שפּעטער זײַן פאַרשווונדן ווערן. זי האָט אָוועקגעשריבן אַ פאַרצווייפלטן בריוו ער זאָל תשובה טאָן און נישט געגלייבט אַז עס וועט העלפן. קומט גאָר אָן אַ ידיעה אַז ער האָט איבערגעלאָזט די פאַננע פרידע, זײַן שוועסטער און דאָס גאַנצע בורזשואַזע געזינדל. און באַלד נאָך דעם אַ בריוול פון יאַקאָוון מיט אַ בשׂורה. ער איז אויפן וועג צו העפלה.

ווען איר שוועסטערל יפה איז אַ מאָל איבערגעקומען אַ קריזיס פון אַ לונגען־אָנצינדונג, האָט זי זיך פונקט אַזוי געפרייט. טאַקע תּחית־המתים. פאַר דעם האָט זי קיין מאָל אין איר לעבן נישט געהאַט אַ בשׂורה וואָס זאָל אַזוי אָנפילן איר האַרץ מיט ליכטיקער פרייד. זי האָט קיין מאָל פריִער נישט געוויינט מיט אַזעלכע גוט־טוענדיקע טרערן. יאַקאָוו, יאַקאָוו! אויב ער וואָלט דאָ געווען וואָלט זי כאָטש געהאַט מיט וועמען זיך אָן עצה צו האַלטן. ער האָט געקאָנט זײַן ערלעך און גערעכט אפילו צו משהן.

„פון וואַנען האָסטו געוווסט אַז ער איז אין ווין?" האָט משה ווײַטער געפרעגט.

„זײַן בריוו איז געקומען פון ווין".

„זײַן בריוו איז אַן ענטפער אויף דײַן בריוו".

„יאָ, אַן ענטפער אויף מײַן בריוו ער זאָל זיך צוריקקערן צו חלוציות".

„פון וואַנען האָסטו געוווסט צו שרײַבן צו אים קיין ווין?"

„קײַן װין ? זײַן ענטפער איז געקומען פון װין. איך האָב געשריבן צו אים קיין װאַרשע".

„קיין װאַרשע ?"

„אוודאי קיין װאַרשע. פון װאַנען װאָלט איך געװוסט צו שרײַבן צו אים קיין װין ?"

„דאָס פרעג איך דאָך טאַקע ?"

„ס'איז אַ נאַרישע פראַגע".

„דו פרעגסט עס דאָך אַליין ?"

„װאָס פרעג איך אַליין ?"

„פון װאַנען האָסטו געװוסט צו שרײַבן קיין װין ?"

„צעטומל מיך נישט. כ'האָב געזען זײַן פאָטאָגראַפיע אין די פאַצעטישע מלבושים, האָט זיך מיר ס'האַרץ אָפּגעריסן. יאַקאָװ איז מיר נאָענט".

„דאָס האָב איך שוין לאַנג חושד געװען".

„װאָס נאָך ביסטו חושד ?"

„כ'בין חושד װאָס דו האָסט אים געשריבן".

„װאָס ?"

„קער זיך צוריק צו חלוציות —"

„אמת".

„פאָר קיין אֶרץ. איך װעל אויך קומען".

„דאָס האָב איך נישט געשריבן, אָבער ס'איז קלאָר".

„װאָס איז קלאָר ?"

„אַז איך װעל אויך עולה זײַן".

„נאָך עפּעס איז קלאָר".

„װאָס ?"

„דו האָסט אים צוגעזאָגט עולה צו זײַן צו אים, צו יאַקאָװן".

„װאָס מיינסטו ?"

„פאַר װאָס דען איז דײַן שרײַבן געװען אַזאַ סוד ? כ'האָב ביז הײַנט נישט געזען זײַן בריװ".

„דו האָסט קיין מאָל נישט געהאַט קיין גוט װאָרט פאַר יאַקאָװן. כ'האָב נישט געװאָלט זאָלסט אויסברעכן מיט בייזע רייד, כ'האָב נישט געװאָלט זאָלסט קאַליע מאַכן מײַן פרייד".

„וויפל נאָך בריוו האָסטו וואָס איך ווייס נישט פון זיי?"

„דו מוזסט עס וויסן שוין איצט? וואָרט ביז וועסט געפינען", איז זאָשקע געוואָרן ביטער.

„איך מוז וויסן צי מע שפּילט דאָ אַ קאָמעדיע. ווער איז דער קרבן: יאַקאָוו צי איך? איז ער טאַקע פאַרשוווּנדן, אָדער ער וואַרט ערגעץ אויף דיר ביז וועסט האָבן אַ געלעגנהייט מיך איבערצולאָזן און אַוועק צו אים? יאַקאָווס צידקות בײַם באַשטימען די מועמדים-לעליה זענען מיר באַלד געווען חשוד. וואָס מיינט עס אַז דײַן בריוו האָט אים מחיה-מתים געווען?"

„משה, וואָס טוט זיך מיט דיר?"

„וואָס זיצסטו אַזוי פאַרשולדיקט? ענטפער מיר!"

„משה, דו ביסט קראַנק".

„כ'בין חרוב קראַנק. האָב רחמנות, ענטפער. כ'ווער צעזעצט און צעפרעסן פון ספקות. דער ערגסטער אמת איז בעסער ווי ספקות. ענטפער מיר, זאָשקע, יאַקאָוו האָט דיך ליב?"

„יאַקאָוו איז מער נישטאָ, לאָז אים צו רו —"

„ווען ער איז דאָ געווען האָט ער דיך ליב געהאַט?"

„יאָ".

„פאַר וואָס האָסטו קיין מאָל נישט געזאָגט? פאַר וואָס ביסטו געקומען צו מיר?"

„איך האָב עס נישט געוווּסט, ער'ט מיך ליב געהאַט און נישט געזאָגט".

„נישט געזאָגט? פאַר וואָס?"

„ער האָט געמיינט כ'האָב נאָך אַלץ ליב פּינטשען. פּינטשע איז געווען זײַן בעסטער חבר".

„האָסט נאָך אַלץ ליב פּינטשען?"

„איצט נישט".

„דעמאָלט?"

„כ'ווייס נישט. אפשר".

„ביסט שוין געווען מײַנע און אפשר נאָך אַלץ ליב געהאַט פּינטשען? ווי קאָן איך דאָס פאַרשטיין? האָסט נאָך ליב געהאַט טאָלעקן און אַוועק צו פּינטשען. האָסט נאָך ליב געהאַט פּינטשען און אַוועק צו מיר. איצט

ווילסטו אַוועק צו יאַקאָוון, אַכיבע ס'איז אמת מיט דעם מעפּיל און ביסט נעבעך געבליבן שטעקן מיט מיר. ווי אַזוי — — באַלד, באַלד, ס'הייבט אָן קלאָר צו ווערן. כ'הייב אָן צו פאַרשטיין פּינטשעס ברייוולעך. דאָס גבירישע זונדל איז אין אָנהייב נישט אַוועק צו ווײַט, אפשר, כּדי ער זאָל נישט מוזן מיט דיר חתונה האָבן. פון מײַן בעט ביסטו אַנטלאָפן צו אים. נאָר כּדי צו וויינען צוזאַמען ?"

„אפשר וועסטו מיר זאָגן, משה, צו וועמען איך גיי איצט אַנטלויפן, צו דעם חתונה־געהאַטן פּינטשען, אָדער צו דעם דערטרונקענעם יאַקאָוון ?"

„דו ביסט זיכער יאַקאָוו איז דערטרונקען ?"

„כ'בין נישט זיכער".

„און איך בין אפילו נישט זיכער צי פּינטשע האָט שוין חתונה געהאַט. אין איין בריוו האָט ער געשריבן אַז ער איז גרייט אַלץ צו פאַרגעסן און פאָרן מיט דיר קיין ארץ־ישׂראל".

„גיב מיר דעם בריוו !"

„דו האָסט אים צעריסן, געדענקסט ?"

„דו ביסט קראַנק, משה. איך קאָן דיר מער נישט העלפן. פּינטשע האָט אַ ווײַב, יאַקאָוו איז פאַרשוווּנדן. איך אַליין בין אויך קראַנק, ווער וועט מיר העלפן ?"

„יאַקאָוו, מײַן שונא ! אַ לעבעדיקער אָדער אַ טויטער וואַרגט ער מיך, צאַפּט מיר דאָס בלוט".

„יאַקאָוו האָט נישט געצאַפּט קיינעמס בלוט. יאַקאָוו האָט געטראַכט וועגן מיר, וועגן פּינטשען. אַפילו צו דיר האָט ער געוואָלט זײַן גערעכט. דו טראַכסט נאָר וועגן זיך. פאַר דײַנע בידנע חשדים ביסטו גרייט זיך און מיר צו צאַפּן ס'בלוט".

משה האָט נישט געענטפערט. זאָשקע איז אַרויס אין גאַס. זי איז צוריק־געקומען ערשט צום נאַכטעסן. ווען זי האָט זיך געזעצט צום טיש האָט משה זיך געזעצט נעבן איר. זי האָט נישט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט.

משה האָט געקוקט צו זאָשקען מיט געבעט ווען מע האָט גענומען גיין שלאָפן. „קום, משה. כ'וויל נאָך אַ ביסל שפּאַצירן", האָט זי געזאָגט.

זאָשקע איז געגאַנגען מיט אַ שנעלן טריט. משה איז איר נאָכגע־גאַנגען אין שטילשווײַגן. ערשט אויפן לובלינער שאָסיי האָט זאָשקע

געגומען גיין פאַמעלעכער. „משה, איך בין שוין געווען בײַ דער באַן אַוועקצופֿאָרן. כ׳בין צוריקגעקומען״.

„דו ביסט אַ מלאך, זאָשקע״.

„איך בין נישט צוריקגעקומען צו בלײַבן. כ׳וויל אָבער נישט אַנטלויפֿן ווי אַ גנב״.

„פֿאָר נישט אַוועק. לאָז מיך נישט איבער״.

„ס׳איז איבער מײַנע כּוחות. כ׳קאָן דאָס מער נישט פֿאַרטראָגן״.

„אַז דו וועסט אַוועק וועט עס זײַן מײַן סוף״.

„אַז איך וועל בלײַבן, וועט עס זײַן אונדזער ביידנס סוף״.

„כ׳זאָג דיר צו, זאָשקע. אַז כ׳גיב אַ קוק אויף דיר — דו ביסט אַזוי שיין, אַזוי פֿריש, אַזוי ליכטיק, און כ׳גיב דערנאָך אַ קוק אין שפּיגל... דו מיינסט כ׳בין בלינד? כ׳האָב פֿיינט מײַן פּנים, פּונקט ווי איך האָב ליב דײַנס. איך דאַרף דען קוקן אין שפּיגל? אַז עמעץ גיט אַ קוק אויף מיר, לייען איך עס פֿון יענעמס אויגן״.

„דער אויסערלעכער אויסזען איז נישט אַלץ״.

„פֿראַזעס, זאָשקע, פּוסטע, ליגנערישע פֿראַזעס. דעם כאַראַקטער קאָן מען באַהאַלטן. מײַן פּרצוף איז אָפֿן, קריכט אַלעמען אין די אויגן, סטראַשעט אָפּ״.

„מיך האָט דײַן פּנים נישט אָפּגעסטראַשעט״.

„בלײַב מיט מיר, זאָשקע. דו ביסט פֿאַר מיר אַ נס״.

„און דאָס אַלץ וואָס — — ?״

„דו ביסט פֿאַר מיר אַ נס, נישט־געקוקט אויף אַלע ספֿקות״.

„איך מוז סײַ ווי אַוועקפֿאָרן״.

„טו דאָס נישט צו מיר״.

„דו טו עס נישט צו מיר, און בעט מיך נישט. כ׳וועל סײַ ווי פֿאָרן. אפֿשר וועל איך צוריקקומען, אפֿשר נישט, פֿאָרן מוז איך״.

משה און זאָשקע זענען צוריקגעגאַנגען אין שווײַגן. „נישט קיין טשענסטעכאָוו״, האָט משה זיך געבעטן ווען זיי זענען שוין געווען בײַ דער טיר פֿון קיבוץ.

„טאָלעק איז צוריק אין וואַרשע״, האָט זאָשקע געענטפֿערט און געעפֿנט די טיר.

זאָשקע האָט גענומען פּאַקן אירע זאַכן. משה האָט זיך געלייגט אויף דער פּריטשע אין אַנטועכץ. עס האָט ביי זאָשקען געדויערט שעהען צו פאַרפּאַקן די פּאָר זאַכן. ווען זי האָט פאַרבונדן די שטריקלעך פון רוקזאַק איז שוין צייט געווען צו גיין צו דער באַן. משה איז געבליבן ליגן אויף דער פּריטשע און נאָר מיט די אויגן באַגלייט זאָשקעס רוקן צו דער טיר. אַלץ אין אים האָט זיך געריסן אַ שפּרונג צו טאָן, אַ פּאַל צו טאָן פאַר אירע פיס, פאַרשטעלן פאַר איר דעם וועג. ער איז געבליבן ליגן אויף דער פּריטשע. ער האָט געקוקט אויף איר פּלייצע און געוווסט אַז ער וועט איר פּנים מער נישט זען. זי האָט געזאָגט „חזק". זיין מויל האָט געענטפערט „חזק". ער האָט געוווסט ער וועט מער נישט הערן איר קול. אַלץ איז געענדיקט.

ב.

שפּרינצע איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט פרי. ס'איז געווען אַ הייסער שטיקנדיקער יולי־טאָג. די קליידער האָבן זיך געקלעפּט צום לייב. זי האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אַ ביינוול שטובקליידל און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ בוך.

„פאַננאַ סאַלטשו, נעמען זי זיך עפּעס צו עסן?" האָט די באַלע־באָסטע אַריינגעשריגן. שפּרינצע האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרען זיך ביי דער קיך. און די שפּייז, דער טאַטע וואָלט געזאָגט „מע טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד": די פּוטער צעשמאָלצן, דאָס ברויט פאַר־טריקנט און אַלץ צעפּאַרעט פון דער היץ. זי וואָלט געדאַרפט צוגיין אין קראַשינסקיס גאָרטן אָדער צופאָרן אין זאַקסישן גאָרטן „כאַפּן" אַ ביסל פרישע לופט, אָבער זי איז געווען צו פויל זיך אויפצוהייבן.

דער טירגלאָק האָט אַ קלונג געטאָן. ווער קלינגט עס אין אַזאַ היץ ווען די טיר איז סיי ווי אָפן? זי ריכט זיך נישט אויף קיינעם.

זי האָט דערהערט דאָס וואָרט שפּרינצע. שפּרינצע? דאָ קענען זי אַלע ווי סאַלאַ. „יאַנקל!" האָט זי אויסגעשריגן און אַ לויף געטאָן צו דער טיר.

„כ'האָב אייך איבערגעשראָקן?" האָט געפרעגט דער יונגער־מאַן אין דער טיר, און אָנגעכאַפּט איר אָרעם זי אונטערצוהאַלטן. ער האָט געזען

אַז זי שטייט קוים אויף די פיס. „כ׳האָב געהערט וועגן יאַנקלען. מע דאַרף האָפן״.

„יואל דעם רבס״, האָט שפּרינצע ערשט איצט אים דערקענט. ווען זי האָט אים געזען פאַר איר אַנטלויפן קיין דאַנציק איז ער נאָך געווען אַ חסידיש בחורל אין אַ לאַנגער יופּעצע מיט אַ רונדיק ייִדיש היטעלע, און דאָ — — טאָקע אַ פאַריזער פּאַצעט.

פון שפּרינצעס פּנים איז פאַרשוואונדן די בלאַסקייט, זי האָט איצט זיך געריוטלט שעמעוודיק און אומבאַהאָלפן: „וואָס שטייט איר אין דער טיר? קומט אַרײַן״.

„וואָס מאַכט איר, שפּרינצע? אַזאַ לאַנגע צײַט... איר האָט זיך גאָר נישט געביטן״.

„אוי, זע׳ן נאָר ווי איך בין אָנגעטאָן. ס׳איז אַזאַ חמימה, גייט מען אַרום — — זעצט זיך. אוי, ס׳איז דאָ אַזאַ באַלאַגאַן. אין דער היץ איז מען צו פויל צוצורוימען״.

„אַזאַ לאַנגע צײַט, שפּרינצע״.

אויף דער באַן קיין וואַרשע האָט ער אַ גאַנצן וועג געטראַכט וואָס ער וועט איר זאָגן און דאָ שטאַמלט ער קוים אַרויס אַ וואָרט, איז יואל נישט געווען צופרידן מיט זיך. די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען אין דער אַנדערער שטוב און אַרײַנגעקוקט, ווי זי וואָלט געדונגען געוואָרן דאָס צו טאָן. „אפשר וועלן מיר אַרויסגיין שפּאַצירן?״ האָט יואל פירגעלייגט, „זי זענען פאַרנומען?״

„ניין, כ׳מיין יאָ, מע קאָן אַרויסגיין. וואַרט צו דרינען וועל איך זיך אָנטאָן״.

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. ער האָט נישט געקאָנט אויפהערן קוקן אויף איר. ווו האָט דאָס מיידל פון אַן אָרעמער גורוויטשער היים געלערנט זיך אָנטאָן מיט פאַריזער עלעגאַנץ? מע דאַרף האָבן עפּעס פון אַ מאָלערס חוש צו קענען אויסקלויבן מלבושים וואָס קאָנען אַזוי אַרויסברענגען און משלים זײַן די נאַטירלעכע שיינקייט.

שפּרינצע האָט זעלטן אויפגעהויבן די אויגן צו אים. איר אָפּגעברוינט פּנים האָט געהאַט אַזאַ מחיהדיקע פרישקייט, אַזאַ צאַרטע סאַמעטענע הויט, אַזעלכע גרויסע אויגן פול מיט אויסדרוק, אַ מינוט פאַרחלומט, אַ מינוט שקציש־צעשמייכלט. זײַן שפּרינצע־חלום האָט נישט געהאַט קיין

האַר גוזמא, עס קאָן זײַן אַז די לעבעדיקע שפּרינצע שטײַגט נאָך איבער דעם חלום.

עס איז געווען דער סוף פון אַן אַרבעטטאָג, די גאַסן זענען געווען פול מיט פאַרהאַוועטע אײַלנדיקע מענטשן, זיי האָבן זיך אַלע מאָל פאַר־לוירן אין געדראַנג.

„ס'איז ענג אויף די וואַרשעווער גאַסן".

„און אין פּאַריז?"

אַ ליידיקע דראָשקע איז פאַרבײַגעפאָרן, יואל האָט זי פאַרהאַלטן: „לאָמיר צופאָרן צו די לאַזשענקעס, אין פּאַרק איז נישט אַזוי דושנע". ער האָט איר געהאָלפן אַרויפשטײַגן דאָס טרעפל און גאַלאַנט געוואַרט זי זאָל די ערשטע זיך אַוועקזעצן.

זי איז געזעסן נעבן אים פאַרטראַכט. איז עס די וואָר? יואל האָט זיך באַוויזן ווי ער וואָלט אַרויסגעשפּאַנט פון אַ חלום. „איר זענט ערשט געקומען פון פּאַריז?" האָט זי געפרעגט.

„כ'בין געקומען מיט צוויי חדשים צוריק, מײַן שוועסטער האָט חתונה געהאַט ל"ג־בעומר. כ'האָב געדאַרפט קומען קיין וואַרשע פריִער, נישט ערב מײַן אַוועקפאָרן".

„איר פאָרט שוין אַוועק?"

„כ'ווייס נישט וואָס כ'בין געזעסן אַזוי לאַנג אין גורוויטש. כ'וועל צוריקקומען".

„איר זענט געווען אין גורוויטש די גאַנצע צײַט?"

„כ'בין געווען אויך בײַ ענק אין דער היים זיך פרעגן וועגן יאַנקלען און טאַקע וועגן אײַך. אינס מאַמע האָט מיר געגעבן אינס אַדרעס אין וואַרשע. אינס מאַמע איז קלוג, זי האָט געוווּסט וואָס איך וויל. וועגן יאַנקלען האָט די מאַמע געמיינט אַז ווײַל כ'בין געווען אין אויסלאַנד ווייס איך וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט. ווייסן ווייס איך נישט, אָבער איך קאָן נישט צולאָזן דעם געדאַנק אַז יאַנקל — — חלילה!"

„טאָ פאַר וואָס שרײַבט ער נישט? יאַנקל וואָלט נישט געלאָזט דעם טאַטעשי אַזוי לאַנג אָן אַ בריוו".

„אפשר האָט מען אים געכאַפּט בײַם שוואַרצן אַ גרענעץ און ער זיצט ערגעץ אין אַ תּפיסה. מע טאָר נישט אויפהערן האָפן".

יואל האָט פלוצלינג געהייסן דעם דראָשקאַזש זיך פאַרהאַלטן.

כ'האָב עטלעכע בילדער דאָ אין דער זאַכענטאַ, איר ווילט זען?" ער האָט נישט געוואַרט אויף איר ענטפער, באַצאָלט און איר געהאָלפן אַראָפּגיין.

„איך פאָרשטיי ווייניק אין מאָלעריַי, כ'בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אויף אַן אויסשטעלונג", האָט זי זיך מודה געווען, „איר וועט מיר דערקלערן?"

„נישטאָ וואָס צו דערקלערן. קען מען דערקלערן דעם ריח פון אַ בלום? קען מען דערקלערן קאָלירן צו אַ בלינדן? מע דאַרף עס דערפילן".

שפרינצען האָט זיך געדאַכט אַז ער ענטפערט מיט אומגעדולד. זי איז געבליבן קליינשטעטלדיק אין דאַנציק און אין וואַרשע. ער — אַ פּאַריזער מאָלער, נאָך וואָס האָט ער גענומען איר אַדרעס און געקומען צו איר?

„אַ שאָד וואָס אַ בילד איז סטאַטיש און וועט נישט קענען איבער־געבן דעם געזאַנג פון אײַער גאַנג".

אָט בייזערט ער זיך, און אָט לויבט ער זי. שפרינצע איז צעמישט געוואָרן פון דעם שנעלן איבערבײַט. זי איז געגאַנגען נעבן אים און געשוויגן. יואל איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן ווי נאָר זיי זענען צוגע־קומען צו דער זאַכענטאַ שטוק פּיענקניך. שפרינצע האָט געקוקט אויף די בילדער. טייל זענען איר געפעלן געוואָרן. זי האָט נישט געוווּסט צו זאָגן פאַר וואָס. זי וואָלט נישט געזאָגט אַפילו ווען זי וואָלט יאָ געוווּסט. יואל איז געגאַנגען נעבן איר אַן אַנגעבלאָזענער און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. איז ער אַנטוישט אין איר?

אַרויסגעקומען פון דער אויסשטעלונג איז שוין געווען טונקל. צו שפּעט צו גיין אין די לאַזשענקעס. אין די אָוונטן איז מען אָנגעפּאַלן אויף יידן אין די טונקעלע אַלייען פון פּאַרק. זיי זענען אַרײַן אין אַ קאַוויאַרניע.

אַן עלעגאַנטער קאַפע אויף קראַקעווער פּאָרשטאָט. שפרינצע האָט גענומען רעדן פּויליש. יואל האָט ווײַטער גערעדט יידיש. „אויסלאַנד האָט אַראָפּגענומען פון אים די גאַנצע שיפלות און די מורא פאַר אַנטיסע־מיטן", האָט שפרינצע געטראַכט.

דאָ האָט מען זעלטן געהערט יידיש. מע האָט געקוקט אויף זיי מיט

שטעכיקע בליקן. שפּרינצע האָט זיך קוים דערוואָרט מע זאָל שוין אַרויסגײן.

„דו ווײסט, שפּרינצע", האָט ער גענומען רעדן צו איר מיט אַ הײמישקײט. „כ'האָב דיך געמאָלן און אַלײן נישט געוווּסט דערפון. כ'זע ערשט איצט ווען כ'קוק אויף דיר. דו ביסט מיר צו חלום געקומען אין מײַנע בילדער. זאָל איך דיר אויסזאָגן אַ סוד? כ'פלעג שטײן בײַם פענצטער אין גערער שטיבל מיט אַ גמרא אין דער האַנט, און דיר נאָכקוקן. כ'בין צוליב דעם געגאַנגען אין שטיבל אַרײַן. דו פלעגסט דאָרט אָפט פאַרבײַגײן".

„איר האָט אויך געהאַט קינדערישע משוגעתן? איבער אײַך — — איבער דיר בין איך אַנטלאָפן קײן דאַנציק".

„איבער מיר?"

„כ'האָב נישט געהאַט וואָס זיך אָנצוטאָן, כ'האָב זיך געשעמט פאַר דיר".

„נאָך דעם ווי יאַנקל איז אַוועק אין ישיבה אַרײַן, טאַקע פאַר דײַן אַנטלויפן, האָסטו מיר אַפילו קײן גלאָז וואַסער נישט געוואָלט דער־לאַנגען. כ'האָב געהערט ווי די מאַמע האָט זיך געבעטן בײַ דיר, דו האָסט נישט געוואָלט אַרויסקומען".

„כ'האָב זיך געשעמט מיט מײַנע שמאַטעס".

„דו האָסט אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין, שפּרינצע, שטענדיק, אין דעם גרינעם קלײד מיט די גרויסע קנעפּ, אָדער אין דעם ווײַסן בלוזקעלע מיט דעם געהאָפטענעם קעלנערל. דאָס קעלנערל האָט אַזוי אײדל אַרומ־גענומען דײַן האַלדז".

„דו געדענקסט מײַנע קלײדער פון דעמאָלט? איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן. איך האָב יענע שמאַטעס איבערגענומען פון גיטעלען, מײַן עלטערע שוועסטער".

„איך געדענק דײַנע קלײדער און דײַנע שפּאַצירן. דו ביסט אַ מאָל געגאַנגען מיט לאהטשען, דײַן חברטע. דו האָסט שפּאַצירט אַרום דעם פרײַהײט־פּלאַץ. ס'איז געווען שבת נאָך מיטאָג. איך בין געווען בײַ פּינטשע מילקעס. כ'בין געשטאַנען בײַם פענצטער. ער האָט גערעדט צו מיר. כ'ווײס אַפילו נישט צי כ'האָב געענטפערט. כ'האָב דיר נאָכגעקוקט. ווען ביסט פאַרשוווּנדן פון אויג, האָב איך געוואָרט ביז ווען ווּעסט אפשר

קרײַזנדיק דעם פּלאַץ, ווידער אַרויסקומען, איך זאָל דיך קאָנען זען. שפּעטער האָט לאַהטשע זיך עפּעס געאַמפּערט מיט דיר, ביסט אַוועק ווי פּריִער צו דער ערשטער־מײַ־גאַס און מער נישט צוריקגעקומען. כ'בין אַזוי אין כּעס געווען אויף לאַהטשען. וואָס האָט זי זיך געדאַרפט קריגן מיט דיר? געדענקסט וואָס האָסט דעמאָלט געטראָגן?

„כ'געדענק נישט".

„אַ שווער ברוין קלייד מיט פּאַסן, נישט קיין שיין קלייד. אָבער דו האָסט אַרויסגעשײַנט פון יעדן קלייד".

„דו געדענקסט טאַקע, יואל".

„צום ליבסטן אויף דיר האָב איך געהאַט די ווײַסע בלוזקע מיטן געהאַפּטענעם קעלנערל. כ'האָב יעדן טאָג געהאַפּט אַז וועסט עס אָנטאָן און כ'על דיך זען ווען כ'וועל קומען צו יאַנקלען. כ'בין דען געקומען צו יאַנקלען, מיינסטו?"

ס'איז עפּעס געווען ווי זיי וואָלטן דעמאָלט זיך געשיידט אין מיטן אַ שמועס און איצט אָנגעהויבן דאָרט וווּ זיי האָבן איבערגעריסן. ווען ער האָט זי געקושט איז עס געווען אַזוי באַטירלעך, ווי ער וואָלט זי געקושט אַלע יאָרן פאַר דעם זאָגן „אַ גוטע נאַכט", און הײַנט אויך. זי האָט אים צוריקגעקושט מיט דער זעלביקער פּשטות. ס'איז געווען אַזוי גוט אים צו קושן און געקושט צו ווערן, און ס'איז געקומען, ווי זי וואָלט געוווסט נעכטן, אייערנעכטן, און אַלע טעג פון איר גאַנץ לעבן אַז אַזוי וועט עס זײַן און אַזוי דאַרף עס זײַן. אַז זי האָט עפּעס געזאָגט האָט זי גערעדט שטיל. זי האָט אַ מאָל געחלומט אַ זיסן חלום. דורך אַ טעות איז זי אַוועק פון חלום־לאַנד. זי האָט איצט צוריק געפונען דעם חלום און מורא געהאַט צו רעדן הויך, זי זאָל זיך נישט איבערוועקן.

די צײַטונגען האָבן געשריבן וועגן מלחמה. היטלערס סטראַשונקעס האָבן געדונערט פון אַלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אָבער יואל און שפּרינצע זענען געווען ווי אויף אַן אַנדערער וועלט. וואָס האָבן זיי מורא צו האָבן אַז דאָס „ערגסטע" איז שוין פאַרבײַ — זיי האָבן זיך געפונען, זיי האָבן זיך ליב. איז נישט דאָס דער עיקר? איין זאָרג נאָר האָבן זיי געהאַט; זיי װעלן זיך מוזן שיידן אויף אַ צוויי־דרײַ חדשים. אין ניו־יאָרק קומט פאָר אַ וועלט־אויסשטעלונג און יואל האָט אין דער זעלביקער צײַט אַן אויסשטעלונג פון זײַנע בילדער אין אַ חשובן ניו־יאָרקער אַטעליע. יואל

מוז דאָרט זײַן. ער קאָן נישט אָפּלייגן דאָס פאָרן, און קאָן שפּרינצען נישט מיטנעמען. פאַר אַ מיידל פון פּוילן קאָן מען נישט אַזוי שנעל קריגן קיין וויזע, און ער האָט סײַ ווי נישט גענוג געלט אויף הוצאות פאַר ביידע. מילא, פאַרפאַלן. העכסטנס אַ דרײַ חדשים און ער וועט זײַן צוריק.

יואל האָט געוואָלט אַרײַנגיין צו אַ רב שטעלן אַ חופּה, אָבער שפּרינצע האָט נישט געוואָלט. זי קאָן דאָס נישט טאָן צוליב איר טאַטע. און פאַר וואָס זאָל ער, יואל, דאָס טאָן צו זײַן טאַטן? די חתונה דאַרף זײַן אין גורוויטש, האָט שפּרינצע געוואָלט, אויפן שילהויף. גאַנץ גורוויטש זאָל קומען און קוקן, און דער טאַטע — — דער טאַטעשי וועט זי פירן צו דער חופּה מיט יואל דעם רבס און רופן דעם רב „מחותּן". אַ כּלה דאַרף האַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָבער נישט זי. זי וועט כּסדר קוקן אויפן טאַטעשי, קוקן אים אין די אויגן אַרײַן. ווי וועלן אויסזען דעם טאַטעשיס טרויעריקע אויגן ווען זי וועט שטיין אונטער דער חופּה מיט יואל דעם רבס?

איצט איז נישטאָ גענוג צײַט, וועט מען וואַרטן. ס'איז כּדאַי צו וואַרטן.

„יואל, זאָל איך שרײַבן דעם טאַטעשי וועגן אונדז?"

„פאַר וואָס נישט, שפּרינצע, פאַר וואָס רעדסטו נאָר וועגן דעם טאַטן?"

„כ'מיין די מאַמע אויך".

„דו האָסט ליב דײַן טאַטן?"

„יאָ, אַוודאי. וואָס איז דען? דו האָסט נישט ליב דײַנעם?"

„יאָ, אָבער דו האָסט דײַן טאַטן זייער שטאַרק ליב, כ'האָב מורא, מער ווי מיך".

„ס'איז אין גאַנצן אַנדערש, יואל. ער איז אַזאַ גוטער. זײַנע אויגן — געדענקסט מײַן טאַטעשיס אויגן?"

„דײַנע אויגן".

„ניין, יואל. מײַנע זענען שיין, כ'ווייס. אָבער די גוטסקייט, די ליבשאַפט אין זײַנע אויגן, דו וואָלטסט עס געקאָנט אויפמאָלן? כ'מיין, אַרויס־ברענגען אויף דעם לײַוונט? דו ווייסט וואָס, יואל? לאָמיר אים שרײַבן אַ בריוו. איך וועל שרײַבן, גאָרנישט דערציילן, נאָר דו וועסט צושרײַבן אַ פּאָר ווערטער, אַזוי זיך, אַ גרוס. זאָל ער נאָכטראַכטן. דו ווילסט?"

„יאָ, פאַר וואָס נישט? איך וואָלט אים גערן געשריבן וואָס פאַר אַ טאָכטער ער האָט, און ווי איך — —"

„ניין, נאָר אַ גרוס, אפשר אין לשון־קודש, וועט עס אים פאַרשאַפן מער פאַרגעניגן. יאָ?"

זיי האָבן אַלץ גערעדט אַז יואל פאָרט נאָר אויף אַ ווײַל, אָבער ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון פאָרן איז שפּרינצע געוואָרן אומרויִק. זי בענקט הײַנט אַזוי שטאַרק אין די פּאָר שעה וואָס זי איז בײַ דער אַרבעט, וואָס וועט זײַן ווען זי וועט אים נישט זען נײַנציק טעג און נײַנציק נעכט? ס'איז אַזוי ווײַט, אין אַנדערן עק וועלט, און דאָ רעדט מען וועגן מלחמה.

„וועגן מלחמה איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן", האָט יואל איר פאַרזיכערט. אַלע וויסן אַז היטלער סטראַשעט מיט שראַגע. און היטלער אַליין ווייסט אַז ענגלאַנד און פראַנקרײַך קאָנען אים צעמורשטשען אין עטלעכע טעג. ער וועט זיך באַמיִען צוריקצוקומען וואָס שנעלער. ער וועט איר שרײַבן יעדן טאָג, און דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי שיידן זיך. נאָכן צוריקקומען פון אַמעריקע וועט ער זי אומעטום מיטנעמען. זיי וועלן קאָנען לעבן אָן זאָרגן. צי ווייסט זי ווער ס'האָט געהאָלפן אָרגאַנזשירן די אויסשטעלונג? ד'אוויל, דער גרעסטער קונסט־קריטיקער. טויזנט דאָלער וועט ער זיך הייסן באַצאָלן פאַר אַ בילד. ער וועט ברענגען די טויזנטער און וועט זי פירן איבער די שענסטע פאַריזער מאָדע־סאַלאָנען קויפן קליידער. זי האָט ליב שיינע קליידער, ער ווייסט עס.

„און אַ באַלקלייד פון עכטן זײַד, מיט אַ לאַנגן שלעפּ?"

„ניין, זי איז שענער אין אַ פּשוט קליידל, זי איז צום שענסטן אין ווײַס. זײַד? אַוודאי זײַד. ווײַסע זײַדענע בלוזקעלעך וואָס זאָלן ליגן ציטערדיק איבער אירע געטאָקטע גלידער, מיט ווײַסע קעלנערלעך וואָס זאָלן אַרומראַמען איר ברוינעם האַלדז. צי ווייסט זי וואָס פאַר אַ האַלדז זי האָט? צי איז זי אַ מבין אויף איר האַלדז־ליניע? יאָ, און זיי וועלן פאָרן אין דער שווײַץ. זי ווייסט דען ווי שיין עס זענען די שווײַצאַרישע אַלפּן?"

„שענער פון מיר?" האָט זי זיך געפּיעשטשעט פאַר אים.

זי ווייסט, עס וועט נישט זײַן קיין מלחמה. אין אַלע צײַטונג־אַרטיקלען איז געשריבן אַז עס וועט נישט זײַן קיין מלחמה. אָבער עס איז סײַ ווי שלעכט וואָס ער פאָרט אַוועק. זי וויל אים נישט אָפּהאַלטן, אָבער עס

װאָלט גוט געװען װען ער װאָלט איר פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן: „אױסשטע־לונג, שמױסשטעלונג, איך פאָר נישט אָן דיר".

דעם טאָג פאַר זײַן אַװעקפאָרן איז זי נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי איז געגאַנגען צו אים אין האָטעל אַרײַן, אים העלפן פּאַקן. באַלד בײַ דער טיר איז זי אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע אָרעמס און זײ האָבן זיך מער נישט געקאָנט אָפּרײַסן אײנער פון אַנדערן. זײַנע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אַרום איר און זי האָט זיך געדריקט צו אים, װי זי װאָלט זיך געװאָלט אַרײַנקװעטשן אין זײַן גוף, באַהאַלטן זיך אונטער זײַן הױט, אַזױ זיך שמוגלען איבער גרענעצן אומבאַמערקט און זײַן מיט אים אומעטום.

לגבי געניען איז ער געװען אַנגרײַפעריש. אין פּאַריז האָט ער זיך נאָך מער אָפּגעװױנט פון ישיבה־בחורישער שעמעװדיקײט, און דאָ מיט שפּרינצען, זײַן שפּרינצע, ער גלוסט קושן איר האַלדז טיפער, טרינקען מיט די ליפּן די מאַטע טױיִקע פרישקײט פון איר הױט. ער חלשט אײַנ־שפּיגלען אין זיך אירע ליניעס, אײַנמעסטן, אײַנזױגן אין דער הױט פון זײַנע פינגער די קערנדיקײט פון איר לײַב, די רונדיקײט פון אירע גלידער. אָבער די פינגער װערן בײַ אים אָפּגענומען װען זײ גענענען צו איר. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן װען ער עפנט אײן קנעפּל פון איר בלוזע, און זײַנע ליפּן פרעסן זיך צו דער פאַרלענגערונג פון איר האַלדז.

אױף יענער זײַט פירהאַנג האָט נאַכט פאַרשװאַרצט די שױבן. דער טאָג איז מיר־נישט דיר־נישט פאַרלױרן געגאַנגען, פאַרשװוּנדן. דער לעצטער טאָג מיט אים איז אַװעק. װען עס װעט װידער טאָג װערן, װעט יואל אַװעקפאָרן. אַ שנעלצוג װעט אים טראָגן אַלץ װײַטער און װײַטער פון איר.

„יואל, דו װעסט צוריקקומען, שנעל? באַלד?"

„יאָ, שפּרינצע".

„יואל, כ'על דיך נאָך זען?"

„װאָס רעדסטו?"

„כ'האָב אַזױ מורא".

„אױב דו װילסט נישט, פאָר איך נישט".

„כ'וויל נישט, אָבער פאַר, נאָר קום באַלד צוריק".

ער האָט פאַרשלאָסן אירע ליפּן מיט אַ קוש. זי האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אים. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צוריק. „כ'וויל זײַן דײַן, איצט!" האָט זי אַ העשע געטאָן.

שטיקער אָנטועכץ האָבן גענומען פאַלן פון איר ווי שטיקער פרעמדע שאָלעכץ. אַ ווינט פון דער ווײַסל האָט געריסן זיך דורך דעם אָפענעם פענצטער. די שווערע פירהאַנג האָט זיך געראַנגלט, פאַרשטעלט דאָס פענצטער פאַר דעם ווינט, פאַר דעם דרויסן, און באַשיצט אַ בראשיתדיקן און אייביקן סוד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

„הײַנט האָט נישט געטאָרט רעגענען", האָט שפּרינצע געטראַכט ווען זי איז מיט יואלן אַרויס צו דער דאָראָשקע. בײַ נאַכט ווען עס האָט געבליצט און געדונערט איז עס געווען ווי באַגלייט־מוזיק צו דעם וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ איר אין האַרץ. אָבער איצט וואָלט געדאַרפט שײַנען די זון, יואל זאָל זיך געזעגענען מיט אַ זוניקער, ליכטיקער וואַרשע און אײַלן צו קומען צוריק. ס'איז שניטצײַט און זי ציטערט פון קעלט. אַ דריבנער זלידנער רעגן האָט געפּויקט אין דער דאָראָשקע־בויד. דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאַדקאָווע אין דעם ברוק האָט אָפּגעהילכט ווי דער קלימפּער פון אַ צדקה־פּושקע בעת אַ לוויה. שפּרינצע האָט זיך געטוליעט צו יואלס אָרעם, זי האָט מורא. פאַר וואָס מוז ער שוין אַוועקפאָרן? זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אים. איצט ווייסט זי אַז זי האָט איר גאַנץ לעבן געוואַרט אויף אים. ער איז נאָר וואָס געקומען און פאָרט שוין אַוועק. זי האָט אים נאָך אַזוי פיל צו זאָגן, אַזוי פיל צו פרעגן. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך אויסצושמועסן.

יואל און שפּרינצע זענען אַרײַן אין דעם האַרמידער פון וואָקזאַל און נישט געוווסט ווו זיך צו קערן. ווהין גייט מען צום צוג קיין גדיניע?" יעדער האָט געוויזן אין אַן אַנדער ריכטונג. קיין טרעגער האָט מען נישט געזען, צום אינפאָרמיר־פענצטערל איז געווען אַ לאַנגע ריי. שפּרינצע האָט דערזען אַ טרעגער. זי האָט אַ לויף געטאָן, אָנגעהאַלטן דעם טרעגער בײַם אַרבל ביז יואל איז צוגעקומען מיט זײַן וואַליזיע. „ס'איז שפּעט", האָט דער טרעגער געוואָרנט און געשפּרײַזט מיט שנעלע טריט. יואל און שפּרינצע זענען אים נאָכגעלאָפן און באַלד אים פאַרלוירן אין געדראַנג.

איבערשטע פּלאַטפאָרמעס, אונטערשטע פּלאַטפאָרמעס, אַ געלאַף פון מענטשן, אַ געפּײַף פון לאָקאָמאָטיוון. וואוהין גײען? פון װעלכער פּלאַט־פאָרמע גײט אָפּ דער צוג קײן גדיניע? יואל האָט געפרעגט, שפּרינצע האָט געפרעגט. יואל איז שוין געװען אויף די טרעפּ צו דער ריכטיקער פּלאַטפאָרמע אָבער פאַרלוירן שפּרינצען אין געדראַנג. װי קאָן ער אַוועק־פאָרן אָן זײַן װאַליזע, אָן צו געזעגענען זיך מיט שפּרינצען?

אַ שיפאַגענט האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין אַ װאַגאָן. „שפּרינצע! שפּרינצע”, האָט יואל געדופן. און נישט געװאָלט אָפּטרעטן פון דער טיר. „שפּרינצע! שפּרינצע!”

שפּרינצע האָט דערקענט יואלס װאַליזע אין דער האַנט פון אַ טרע־גער. זי איז צוזאַמען מיט דעם טרעגער געלאָפן פון װאַגאָן צו װאַגאָן. דער טרעגער האָט נאָך באַװיזן אַרײַנצװואַרפן די װאַליזע, יואל האָט נאָך באַװיזן אָנצורירן די שפּיץ פינגער פון שפּרינצעס האַנט. דער צוג האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט. אַ כמאַרע פּאַרע פון לאָקאָמאָטיװ איז אָנגעלאָפן און האָט אַרומגעהילט שפּרינצען. װען די פּאַרע איז זיך צעגאַנגען איז די פּלאַטפאָרמע שוין געװען ליידיק. דער צוג האָט פון װײַטנס צוריקגעשיקט אַ פּײַף. אַ לעצטן פּײַף און עס איז שטיל געװאָרן. זענען שוין אַלע צוגן אָפּגעגאַנגען און אַלע באַגלייטערס אַװעק? דער פריִערדי־קער טומל האָט נאָך געררושט אין אירע אויערן אָבער עס איז איצט געװען שטיל אַרום איר װי אויף אַ בית־עולם נאָך אַ לװיה, נאָך דעם װי די לעצטע מלװים זענען אַװעק.

אַ פּחד איז איר װידער באַפאַלן. װען װעט ער צוריקקומען? װער װייסט װאָס עס װעט דערװײַל געשען מיט איר? באַנען, שיפן, ימים, און אויב עס װעט יאָ זײַן אַ מלחמה?

איר חלום פון די לעצטע טעג האָט זיך גענומען פונאַנדערװיקלען פאַר איר: דער שילהויף אין גורװיטש, אַ חופּה אין מיטן הויף; קינד־און־קייט — גאַנץ גורװיטש מיט ליכט און הבדלות אין די הענט. בײַ דער חופּה װאַרטן דער טאַטעשי, די מאַמעשי, דער רבֿ, די רביצין. די קלעז־מער שפּילן דעם חופּה־מאַרש. מע װאַרט אויף איר, און זי שטייט נאָך אין שפּיגל מיטן חופּה־קלייד אין דער האַנט. ס'איז אַ הערלעך קלייד געקויפט אין פּאַריז, געמאַכט פון װײַסע זײַדענע שװייצאַרישע שפּיצן.

זי מאַטערט זיך און קאָן נישט אַרויפציִען אויף זיך דאָס קלייד. וואָס איז געשען מיטן קלייד?

מיטן קלייד איז גאָרנישט געשען. מיט איר איז עפּעס געשען. זי דערזעט זיך אין שפּיגל מיט אַ גרויסן פאַררייסענעם בויך.

„יואל, קום צוריק! קום שוין צוריק!" האָט אַ געשריי זיך צעטראָגן און אַוועקגעלאָפן איבער ליידיקע רעלסן נאָכצויאָגן אַ צוג.

נאָכוואָרט

איך האָב דערלויבט דעם הויפּטהעלד, פּינטשע, אַרײַנצושטעלן צווישן די קאַפּיטלען פון דעם ראָמאַן זײַנע נאָטיצן פון דער צײַט מחמת אַלץ אין דעם בוך איז געבונדן מיט דער צײַט ווען עס איז געשען און עס וואָלט גענומען צו פיל פּלאַץ דאָס אַרויסצוברענגען דערציילעריש. דאָ און דאָרט איז אין די נאָטיצן אַרײַן עפּעס וואָס פּינטשע האָט נישט געקאָנט וויסן בעת די מלחמה־יאָרן, און עס איז אויפגעדעקט געוואָרן שפּעטער ווען מע האָט גענומען עפּענען פאַרחתמעטע סודותדיקע דאָקומענטן. לאָמיר אָננעמען אַז פּינטשע האָט דעמאָלט רעווידירט און קאָרעגירט זײַנע נאָטיצן.

די געשעענישן אין די צוויי בענדער פון דעם ראָמאַן רײַסן זיך איבער ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. די מלחמה און נאָך מלחמה־יאָרן ווערן געשילדערט אין ווײַטערדיקע ביכער, איינס פון זיי שוין אין דרוק.

איך בין דאָ דער קרבן, עדות, כראָניקער און בעלעטריסט. מײַן ציל איז צו געבן אַן אמתדיק בילד פון אומגלייבלעכע געשעענישן. מאַנכע פון די געשטאַלטן זענען געשיכטלעכע פיגורן און דער לייענער וועט זיי דערקענען. איך האָב פון דעסט וועגן נישט אָנגעגעבן זייערע ריכטיקע אָדער פולע נעמען, מחמת דאָס וואָלט געבונדן מײַנע הענט און באַגרענעצט מײַנע דערציילערישע מעגלעכקייטן. איך בין אָבער געווען אָפּגעהיט אַזאַ העלד נישט צוצושרײַבן אַ וואָרט אָדער טאָט וואָס פּאַסט נישט צו זײַן אמתער פּאַרשוינלעכקייט.

דאָ, ווי אין די ווײַטערדיקע ביכער פון מײַן מגילת פּוילן, האָב איך זיך נישט פאַרלאָזט נאָר אויף מײַן זכרון. איך האָב מעיין געווען אין דעם רוב ביכער, צײַטונגען און אַפילו דאָקומענטן פון און וועגן יענער צײַט. פאַר דעם קאַפּיטל „גיב מיר דײַנע מידע" האָב איך געשעפּט פון די ביכער WHILE SIX MILLION DIED by Artur D. Morse, YOYOGE OF THE DAMNED by Gordon Thomas ווי אויך פון די אַרטיקלען פון ש. ל. שנײַדערמאַן.

ווי אין מײַנע פריערדיקע ביכער איז שיינדל אַלע מאָל געווען בײַ מײַן זײַט, געלייענט, קאָרעגירט און מיך דערמוטיקט. אָן איר הילף וואָלט נישט מעגלעך געווען די שפע אין מײַן שרײַבן במשך די לעצטע יאָרן.

פון זעלביקן מחבר:

אונטער קופערנע הימלען, דערציילונגען. צענטראל פארבאנד פון פוילישע ייִדן אין ארגענטינע. בוענאס איירעס, 1951

אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט, ראָמאַן. די ברידער שולזינגער, ניו־יאָרק, 1974

צעוואָרפענע זאַנגען, דערציילונגען. שולאָ פּובליקאַציעס, מאָנטרעאַל, 1976

מעשיות, חסידישע מעשיות. וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב, 1980

אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, ראָמאַן. וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, תל־אביב, 1983

קלמן קאַליקעס אימפּעריע, ראָמאַן. ישראל־בוך, תל־אביב, 1983

בלב ים. מיידיש: יעקב אורלנד. עקד, תל־אביב, 1979

אין דרוק:

אין ליימענע הײַזער, צוויי בענדער, ראָמאַן. ישראל־בוך, 1985

צווישן מאָרגן און אָוונט, צוויי בענדער, ראָמאַן. ישראל־בוך

דראַמעס:

אַגענט 837, אויפגעפירט אין סאַלייל טעאַטער אין בוענאָס אײַרעס.

משפּט מיך, אויפגעפירט אין שפּאַניש אין אַרסעאַ טעאַטער אין ב. אײַרעס

צוויי משפּטים, אין כתב־יד

פּרעמיעס:

פּעפּער־פּרעמיע בײַם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין בראַזיל, סאַאָ פּאַולאָ, 1931

י. י. סיגאַל־פּרעמיע, מאָנטרעאַל, 1975

ווייסליץ־צימערמאַן פּרעמיע, סידני, אויסטראַליע, 1975

גאָנאָפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז, 1977

מאַנגער־פּרעמיע, תל־אביב, 1977

פּערנאַנדאָ כענאַ־פּרעמיע, מעקסיקע, 1984

פּרס ראש הממשלה, תל־אביב, 1985

י. מ. ווייסענבערג־פּרעמיע בײַם קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1985

אינהאַלט פון צווייטן בוך:

קאַפּיטל
נומער:

1	אַ שווערע הכשרה	5
	כראָניק פון דער צײַט	22
2	די כלה האָט געחלשט	37
3	אָן אַ ברעג	55
4	ווייען	88
5	יונה	97
6	אין מיטן ים	105
7	פרילינג־פּייסאַזש	123
	כראָניק פון דער צײַט	155
8	סגל	166
9	גיב מיר דײַנע מידע...	186
10	איבער לידיקע רעלסן	237
	נאָכוואָרט פון מחבר	261